STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01565

FUN HAYNT UN NEKHTN

Lili Berger

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי בערגער

פון היינט און נעכטן

פארלאג: יידיש בוך ווארשע

1965

LILI BERGER

Z DNIA DZISIEJSZEGO I WCZORAJSZEGO

Red. D. SFARD
רעד. ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował ERCHOW
הילע פּראָיעקטירט: ערכאָוו

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch” Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2500 egz. Druk ukończono w kwietniu 1965. Ark. druk. 19.
Ark. wyd. 16. Papier druk. sat. kl. IV, 61 × 80 g.
Druk. RSW „Prasa”, Warszawa, Tarczyńska 8. Zam. 1869. E-46.

אין טאָג פון דער הייליקער קאַטערינע

— פון 42 ביז 57 איז 15... און איינס איז 16... ניין, ס'שטימט נישט, אפשר איז עס געווען שפּעטער, זי האָט געזאָגט פון 42, וואָלט איך איצט... זי האָט אויך געזאָגט אפשר קאַרגע צוויי, וואָלט איך איצט.. די יאָרן מסתמא אויך פאַלשע, אַלץ, אַלץ פאַלש...

וואָס מער קאַטערינע האָט געחשבונט, אַלץ מער זיך געפּלאָנטערט און אַלץ מער ספקות זענען ביי איר אויפגעקומען. זי האָט אָנגע־שטרענגט דעם זכרון, געפּרוווט זיך דערמאָנען זאַכן, געשעענישן, אי־בערלעבונגען, אין קאָפּ האָט זיך אַלץ אויסגעמישט, אַלץ האָט איצט אויסגעזען משוגעדיק. זאַכן, וואָס האָבן איר אַמאָל זיך אויסגעוויזן פּשוט, נאַטירלעך, זענען איר איצט פאָרגעקומען פאַרדעכטיק. „פאַרוואָס האָב איך זיך דעמלט נישט געכאַפּט? פאַרוואָס בין איך געווען אַזאַ נאַרישע אידיאָטקע? פאַרוואָס געלאָזט זיך כסדר פאַרשמירן די אויגן?“

זי האָט דערזען איר פאַראומערט געזיכט אין קעגנאיבערדיקן וואַנט־שפּיגל. ס'איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז זי איז איצט אינגאַנצן אַן אַנדערע. זי איז אויפגעשטאַנען פון שטול, צוגעגאַנגען צום אַלטן, אָפּגעריבענעם שפּיגל, געזוכט אין דעם איר אייגענע ענלעכקייט, באַטראַכט דאָס געזיכט, די האָר, די אויגן, די נאָז, ווי דאָס אַלץ וואָלט גישט אירס געווען, ווי מע וואָלט עס ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק אַרויפגעצויגן אויף איר. זי האָט מיטביידע הענט צוזאַמענגענומען אירע געדיכטע האָר אויף היינטן, געקוקט מיט חידוש אויף איר געזיכט, ווי אויף אַ פרעמדס, דערנאָך אַראָפּגעלאָזט אין אָנמאַכט די הענט. דאָס פּנים האָט זיך ווידער איינגעראַמט אין שוואַרצע, געלאָקטע בויגנס. וויפל מאָל האָט זי געהערט: „וואָס פאַראַ שיינע האָר“. מ'האָט שטענדיק גע־

שמייכלט, ווען מ׳האָט געריטט אירע שיינע האָר, געריטט און עפּעס אַזוי מאָדנע געשמייכלט. „פאַרוואָס האָב איך זיך נישט געכאַפּט? פאַרוואָס בין איך געווען אַזאַ נאַרישע קו?“

— דו פאַרשפּאָרסט צו אָנהוליען דיינע האָר, האָסט גענוג אייגענע לאָקן — האָט איר מאַרילע געהאַט געזאָגט.

— וואָלסט געוואָלט האָבן אַזעלכע האָר? — האָט זי געפרעגט איר בעסטע שול־חברטע.

— ניין — האָט יענע זשענירט געענטפערט — דיינע זענען שיין פאַר... פאַר דיין פּנים, שיין פאַר דיר, מיר איז בעסער אין אונדזערע...

אַזוי האָט דעמלט מאַרילע געזאָגט, נאָר זי האָט דערויף נישט געלייגט קיין אַכט, ס׳איז איר באַלד הערנאָך אַרויס פון קאָפּ. קאַטערינע האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז אירע האָר, איר פּנים, איז אַנדערש. איצט קוקט זי אין שפּיגל און זי קומט זיך פאָר אַן אַנדערע; זי האָט דערפילט ווי טרערן לויפן איר אָן אין די אויגן, אין האַלדז האָט עפּעס געשטיקט, זי האַלט זיך איין נישט צו וויינען, אין קאָפּ הרייען זיך פראַגן, אַ גאַנצער קנויל פראַגן: „ווער בין איך? ווער? פאַרוואָס זאָגן זיי, אַז כ׳בין...? זיי וואָלטן דען אויסגעטראַכט? און מיין מאַמע, ווי אַזוי האָבן זיי מיר...?

— קאַטערינע! קאַטערינע! שפּילסט זיך גאָר פאַרן שפּיגל, געמיינט ביסט נישט אין שטוב. וואָס איז מיט דיר? איז עפּעס געשען?

קאַטערינע האָט נישט געהערט ווי די מאַמע איז אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, זי האָט נישט אַרויסגעשטעלט אויפן פייער דאָס מיטאָג, וואָס די מוטער האָט צוגעגרייט אינדערפרי פאַרן גיין אין ביוראָ. זי איז איר נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין קיך, דערזען אויפן טיש אַ שעכטל מיט קיכלעך און עטלעכע כריזאַנטעמען, זי האָט אָפּגעווענדט דערפון די אויגן, נישט ליב געווען, איצט האָט זיך דאָס אַלץ נישט אָנגעהערט מיט איר...

— גאָט מיינער, דיין נאָמען־טאָג און דו זעסט אויס, ווי ס׳וואָלט עפּעס אַ גרויס אומגליק געשען. האָסט זיך צעקריגט מיט עמעצן? ביסט נישט געווען ביי דער שוועסטער קאַטערינע?

— געווען...

— שטעל אַריין די בלומען אין וואַסער, ס׳איז דאָך פאַר דיר, פרייסט זיך גאָרנישט?

— ניין... יאָ, כ׳פריי זיך...

— כ'זע, אַז נישט, מסתמא עפּעס געשען אין קלאַס, מסתמא עפּעס פאַרגעסן צוצוגרייטן — האָט די מוטער געפּרוווט טרעפן.

— גיין, גיין — האָט קאַטערינע געזאָגט מיט אַ ברוגזע גרימאַסע.

— וואָס דען? וואָס איז געשען? פאַרוואָס אַזוי אַנגעכמורעט?

— כ'וויל... כ'מוז מיט דיר רעדן, כ'מוז... — האָט קאַטערינע אַרויס־געשטאַמלט, ווי נישט מיט איר שטימע.

די 50־יעריקע מאַגדאַלענאַ וורובלעווסקאַ, אַ געוועזענע לערערין און איצטיקע אַנגעשטעלטע, האָט זיך אָפּגעדרייט פון קיך, אַנגעקוקט מיט איבעראַשונג די טאָכטער און נאָך אַ ווײַלע שווײַגן געפרעגט:

— רעדן מיט מיר?! צוליב דעם אַזאַ פּנים? און פּונקט הײַנט? אין דײַן נאָמען־טאָג?

— כ'מוז, הײַנט, איצט... כ'מוז...

— שוין אויף דער הייסער מינוט? ס'וועט אַנטלויפן? דאָס מיטאָג איז פאַרטיק, זעץ זיך עסן, האָסט אפילו נישט אַרײַנגעשטעלט די בלו־מען אין וואַסער, ביסט עפּעס נישט די זעלבע... גיב אַ שמייכל, נו, קום, לאָמיר עסן.

— כ'וועל נישט עסן, כ'בין נישט הונגעריק.

די מוטער האָט זיך געזעצט צום טיש, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי נעמט זיך נישט איבער מיט דער טאָכטערס קאַפּריז, ס'וועט איבער־גיין, וועט זי אַליין זיך אַוועקזעצן עסן, אין דעם עלטער קאָן מען לאַנג נישט זײַן הונגעריק. נאָר קאַטערינע האָט זיך נישט געזעצט צום טיש. זי איז אַוועק צו זיך אין צימער, ווידער זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל און אײַנגעקוקט זיך אין איר פּנים. אַלץ אין צימער האָט איר אויסגעזען, ווי געענדערט, הונדערטער פראַגן זענען איר ווידער אויפגעקומען אין קאָפּ. גיין, זי וועט זיך ווײַטער נישט לאָזן נאַרן, דאָס מאָל מוז זי זיך אַלץ דערוויסן, אַלץ, אַלץ, נאָך הײַנט, נאָך הײַנט...

*   *

*

קאַטערינע וורובלעווסקאַ האָט געדיכטע, שוואַרצע געלאָקטע האָר, גרויסע שוואַרץ־סאַמעטענע אויגן, אַ מאַט פאַרחלומט לענגלעך פּנים און 15 יאָר. „קאַווע מיט מילך" — האָבן אירע שול־חברטעס געזאָגט וועגן קאָליר פון איר הויט. זי האָט געוווסט, אַז זי איז אַ שיינע. ווי האָט זי געזאָלט נישט וויסן, אַז מ'האָט איר דאָס שטענדיק געזאָגט.

צווישן אירע שול־חברטעס זעט זי אויס, ווי א פאנאנדערגעבליטע גארטן־רויז, וואס איז צוליב עפעס א צופאל אויסגעוואקסן צווישן פעלד־בלומען. פון זינט זי געדענקט האט מען זי גערופן די שווארציניקע, און דער פעטער קאראל, אן אפטייקער פון ווארשע, אז ער קומט אין גאסט צו זיי, ברענגט ער מיט מתנות פאר דער „שיינער ציגאנקע". דער פעטער קאראל האט זי זייער ליב, די מומע אויך, נאר איצט זעט קאטערינען אויס זייער ליבשאפט אזא מאדנע, אזא ווייטע, אפילו די ליבשאפט פון איר מוטער. פארוואס האט זי אויסבאהאלטן פאר איר? אלע ווייסן, נאר נישט זי. דערפאר קאן די גראבע טערעסע זיך חוזק מאכן איבער איר. אלע, אלע לאכן מסתמא אפ פון איר, זי האט גארנישט פארשטאנען, ערשט איצט פארשטייט זי אזוי פיל זאכן, איצט דערמאנט זי זיך אלץ. זונטיק אין קלויסטער האט זי שטענדיק געפילט, ווי מע קוקט אויף איר אזוי מאדנע. „ווייל דו ביסט א שיינע", האט איר די מוטער געזאגט. נישט אמת, ס'איז געווען צוליב עפעס אנדערש. אלע, אלע קוקן אזוי אויף איר, זי האט זיך קיינמאל נישט אנגעשטויסן, נישט חושד געווען, איצט ווייסט זי, היינט אינדערפרי ערשט אלץ פארשטאנען, איצט דערמאנט זי זיך, ווי מע פלעגט איר טיילמאל זאגן: „דו ביסט עפעס אנדערש". פארוואס האט זי זיך נישט געכאפט? זי וואלט זיך מסתמא ווייטער אויך נישט געכאפט, ווען נישט די גראבע טערעסע, זי פלאפלט שטענדיק אויס, וואס אנדערע ווילן נישט זאגן, די רויטע מויד האט איר שוין א סך מאל געגעבן אנצוהערן...

וואס האט זי צו איר? זי האט איר קיינמאל קיין שלעכטס נישט געטאן. פארקערט, די אנדערע לאכן אפ פון איר, האבן טערעסן נישט ליב, מאכן איר נאך, ווי זי גייט ווי א קאטשקע, זי נישט. יענע איז אזא נארישע און גראב ווי א פעסל, דאס פנים אנגעדראלן און רויט ווי א בוראק, און דאס לערנען קומט איר אן שווער, ס'קריכט איר נישט אין קאפ. נאר וואס איז זי שולדיק? וואלט זי דען נישט געוואלט זיין שיין און פעיק? קאטערינע האט שטענדיק געהאט מיטלייד מיט איר, ביין, זי האט איר קיינמאל קיין שלעכטס נישט געטאן און יענע זאגט איר נישט קיין גוט ווארט, שטענדיק שטעכווערטער, אנצוהערענישן, שטענדיק האט זי טענות צו איר, ביז זי האט אויסגעשאסן:

— דו דארפסט נישט גיין טראגן בלומען דער שוועסטער קאטערינע! נישט דיין זאך! ס'געהערט זיך מיט דיר נישט אן!

— פארוואס עפעס נישט מיט מיר?

— ווײַל... ווײַל... ביסט אַ ייִדישקע!

— ביסט אַליין! — האָט קאַטערינע אומבאַטראַכטערהייט געענטפֿערט און באַלד חרטה געהאַט.

אַלע האָבן געלאַכט און די גראָבע טערעסע מיטן רויטן פּנים העכער פֿון אַלע, געקייכט פֿון געלעכטער, געלאַכט מיט חוזק.

— ווער איז אַ ייִדישקע? איך צי זי? — האָט די גראָבע מויד מיט טריומף געפֿרעגט און ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ חוזק־געלעכטער.

קאַטערינען האָט דאָס געלעכטער געשניטן, געשמיסן, ווי אַ בייטש, זי איז אַוועק, אַנטלאָפֿן פֿון געלעכטער, האָט זיך פֿאַרנומען מיטן וועג צום מאָנאַסטיר, וואָס נישט ווייט פֿון וועלדל. זי האָט נישט געפֿילט דעם קאַלטן ווינט, וואָס איז איר געווען אין פּנים, איז געגאַנגען גיך, כמעט געלאָפֿן, ווי דאָס געלעכטער וואָלט זי נאָכגעיאָגט. דאָס פּאַפּיר אַרום די בלומען האָט זיך פֿאַנאַנדערגענומען, זי האָט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף. יעדעס יאָר טראָגט זי דער שוועסטער בלומען אין טאָג פֿון דער הייליקער קאַטערינע, ס׳איז פֿאַר איר שטענדיק אַ פֿרייד. איצט איז זי אָנגעקומען צום מאָנאַסטיר אַ פֿאַרסאַפּעטע, אַ צעקלעמטע, האָט נערוועז אָנגעקלונגען און אַז די שוועסטער קאַטערינע האָט זיך באַוויזן אין דער אָפֿענער טיר, איז זי אויף איר אַרויפֿגעפֿאַלן מיט אַ געוויין.

— מיין קינד, וואָס איז דיר געשען? אין אַזאַ טאָג וויינסטו? אין טאָג פֿון אונדזער הייליקער פּאַטראָנע? זאָג, וואָס איז דיר געשען?

— מ׳האָט מיר... מ׳האָט... געזאָגט מיר, אַז ס׳איז נישט מיינער דער טאָג פֿון דער הייליקער קאַטערינע, אַז... ס׳געהער זיך נישט אָן מיט מיר, אַז... אַז כ׳בין אַ ייִדישקע.

— הער נישט, מיין קינד, קיין נאַרישע רייד, מענטשן האָבן ליב צו פּאַטשקען מיט די צינגער, האָבן נישט גאָט אין האַרץ, פֿאַרנעמען זיך מיט לשון הרע...

— פֿאַרוואָס האַלטן זיי מיך פֿאַר אַ...? פֿאַרוואָס? כ׳בעט מיר זאָגן, כ׳וויל וויסן פֿאַרוואָס, כ׳וויל וויסן, וואָס כ׳בין — האָט קאַטערינע געבעטן מיט טרערן.

— וואָס דו ביסט? ביסט אַ גוטע קריסטין, פֿון לאַנג שוין אַ קריסטין, פֿון 42 נאָך, אַלט געווען מסתמא אַ יאָר, קיין צוויי יאָר זיכער נישט, נאַרישקייטן... נישט ווערט צו רעדן, מענטשן האָבן ליב צו פּלאַפּ=

לען — האָט די שוועסטער זיך צוריקגעכאַפּט, ווי זי וואָלט באַדויערט, וואָס זי האָט צופיל געזאָגט.

— אַמאָל... אַמאָל... געווען אַמאָל אַ יידישקע? — איז קאַטעריגע צוגעשטאַנען מיט אַ נייער פראַגע און אירע אויגן פול מיט טרערן האָבן געבעטן אַן ענטפער.

— ביסט אַ גוטע קריסטין, ווי דיין מוטער, גיי, מיין קינד, גיי אַהיים, כ׳בין איצט פאַרנומען, ס׳איז אונדזער נאָמען־טאָג. געדענק, היינט טאָר מען נישט וויינען, אין טאָג פון דער הייליקער קאַטערינע וויינט מען נישט, אַ גרויסער טאָג, אַ גרויסע הייליקע געווען, אַ דאַנק פאַר די בלומען, דו געדענקסט שטענדיק, ביסט אַ גוטע קריסטין... גיי אַהיים, מיין קינד...

דעם וועג פון מאָנאַסטיר אַהיים האָט מען געקאָנט פאַרקירצן, דורכשניידנדיק אַ זייטיק פעלד, דערנאָך דורכגיין דאָס בריקל, וואָס איבערן קליינעם וואַסער־שטראָם. קאַטעריגע האָט נישט ליב געהאַט יענע געגנט, דאָס מאָל האָט זי זיך פאַרנומען מיטן היינטערשטן וועג, געגאַנגען גיך און פאַרשטיקט געשליאָכעט, ערשט אין שטוב זיך באַרואיקט אַ ביסל, אָנגעהויבן פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דער שוועסטערס נישט קלאָרע ווערטער, אויסרעכענען די יאָרן, דערמאָנען זיך פאַרשידענע אָנצוהערענישן, אונטערגעהערטע שמועסן וועגן געראַטעוועטע יידישע קינדער אין קלויסטערס. זי האָט עפּעס יאָ געוווסט וועגן די זאַכן, נאָר זיך נישט אַריינגעטראַכט, האָט געליינט עטלעכע ביכלעך, ווי אַזוי מ׳האָט יענע מענטשן אומגעבראַכט. די מאַמע האָט איר אַזעלכע ביכלעך נישט געלאָזט לייענען, „ס׳מאַכט קראַנק, מע דאַרף דאָס נישט לייענען". איצט פאַרשטייט זי, פאַרוואָס די מאַמע האָט אַמאָל איר פון האַנט אַרויסגענומען „די געזעגענונג מיט מאַריען", פאַרוואָס די מאַמע האָט שטענדיק אויסגעמיטן פראַגן, נישט געענטפערט, אַרויסגעדרייט זיך, פונקט ווי איצט די שוועסטער קאַטערינע. זי וועט זיך אָבער מער נישט לאָזן, זי מוז אַליין דערגיין, אַליין אַלץ אויסרעכענען, און די מאַמע וועט זי צווינגען, זי מוז איר זאָגן דעם אמת, זי וועט זי בעטן מיט טרערן, זי מוז וויסן, היינט, היינט מוז זי איר...

— געמיינט האָסטו זיך צוגעלייגט און דו זיצסט און גאַפּיעסט זיך, האָסט געזאָגט דער קאָפּ טוט דיר וויי, איז וואָס זיצסטו און טראַכסט אַריין?

דער מוטערס שטימע האָט איבערגעריסן קאַטערינעס טראַכטענישן, זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געלאָזט איר אויסרעדן און געקוקט אויף איר מיט פאַרדאַכט, ווי אויף אַ פרעמדער, פון וועמענס פאַרשלאָסן געזיכט מע וויל עפּעס אַרויסלייענען, זי האָט זיך אָבער באַלד פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס איז דיר, טעכטערל? כ'זע דאָך, אַז ס'איז עפּעס געשען, זאָג דער מאַמען, האָסט מיר שטענדיק אַלץ דערציילט, האָסט דאָך צוטרוי צו דער מאַמען, זאָג דעם אמת, האָסט קיינמאָל נישט אויסבאַהאַלטן פאַר מיר.

— און דו, מאַמע, האָסט אויך קיינמאָל גאָרנישט אויסבאַהאַלטן פאַר מיר? געזאָגט דעם אמת?

— כ'מיין... פאַרוואָס זאָל איך אויסבאַהאַלטן, אַז דו פרעגסט, אַז מ'דאַרף, זאָג איך דיר... אָבער וואָס זענען דאָס פאַרא רייד, מיין טעכטערל? נישט שיין רעדסטו צו דיין מאַמען — האָט מאַגדאַלענאַ ווייך און מיט קינסטלעכער שפּאַסיקייט געזאָגט.

— כ'וויל וויסן... כ'וויל וויסן... ווער איך בין, מ'האָט מיר געזאָגט, אַז... אַז איך בין אַ ייִדישקע, אַלע, אַלע ווייסן וועגן דעם, קוקן אויף מיר...

מאַגדאַלענאַ וורובלעווסקאַ איז בלאַס געוואָרן, אָנגענומען זיך מיט ביידע הענט ביים פאָרענטעש פון בעטל, ווי ס'וואָלט איר שווער געוואָרן צו האַלטן זיך אויף די פיס, זי האָט פּאַמעלעך צוגעזעצט זיך צו דער טאָכטער, געזעסן פאַרשטומט, ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען, דערנאָך רואיק געזאָגט:

— הערסט אויס אַלע פּליאָטקעס און מאַכסט דערפון אַ וועזן, נעמסט זיך איבער מיט יעדער נאַרישקייט...

— כ'וויל וויסן ווער איך בין, האָט קאַטערינע איר איבערגעריסן, כ'וויל וויסן דעם אמת! — האָט זי איצט שוין געשריגן.

— ווער האָט עס דיר אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ? — האָט די מוטער געפּרוווט אויפהייבן די שטימע.

— אַלע, אַלע ווייסן, די שוועסטער קאַטערינע אויך, האָט מיר איצט נישט לאַנג געזאָגט, אַז כ'בין... ניין, די שוועסטער האָט אויך נישט געוואָלט זאָגן אַלץ, נישט געוואָלט מיר ענטפערן... אָפּגעפּטרט מיך מיט...

קאַטערינע האָט זיך צעוויינט, אַריינגענומען דאָס פּנים אין ביידע הענט און געוויינט הויך אויפן קול. מאַגדאַלענאַ האָט זיך צוגערוקט צו

איר, אַרומגענומען, צוגעטוליעט זי צו זיך און שטיל, מיט אַ ציטערנדיקער שטימע אַריינגערעדט אין איר:

— ווער דו ביסט? ביסט מיין טאָכטער, מיין גאַנץ לעבן, כ'האָב דיך ליב, דו האָסט אויך ליב דיין מאַמע, מיר זענען דאָך... צו וואָס טראַכסטו וועגן... צו וואָס? צו וואָס זיך צוהערן צו נאַרישע פּלאַפּלערייען?

— כ'וויל וויסן... כ'מוז וויסן, זאָג מיר דעם אמת, זאָג.

— גוט, כ'וועל... מאָרגן, פריער בארואיק זיך, נו, נאַרעלע, גיי עסן, ביסט אַ נאַרעלע.

— פאַר דיר בין איך נאָך אַלץ אַ קינדעלע, אַ נאַרעלע, כ'וויל זאָלסט מיר זאָגן, איצט, איצט... — און קאַטערינע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

— נו גוט, זאָל זיין, נאָר הער אויף צו וויינען, צוליב דעם נישט געוואָלט דיר זאָגן, פון אַ ליאַדע קלייניקייט מאַכסטו אַ גאַנץ וועזן, נישטאָ וואָס צו וויינען, כ'בעט דיר, טעכטערל, זאָג מיר צו, מיין קינד, אַז וועסט זיך דערפון גאָרנישט מאַכן, ביסט דאָך שוין אַ דערוואַקסענע, אַ גרויסע מויד, ווי פּאַסט עס צו וויינען, איז אונדז דען שלעכט ביידע...?

מאַגדאַלענאַ האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געשוויגן אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט געטראַכט, ווי אַזוי וויטער פאָרצוזעצן דעם פיינלעכן שמועס מיט דער טאָכטער, זי האָט געזאָגט:

— כ'וועל דיר זאָגן, אַז דו ווילסט דורכאויס, וועל איך... נאָר צווישן אונדז קאָן עס גאָרנישט ענדערן, וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט עס פאַר אונדז, נישט אמת? זאָגסט מיר צו טעכטערל?

קאַטערינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַרויסגעשטאַמלט דורך טרערן:

— כ'זאָג צו, נאָר דערצייל אַלץ, אַלץ, זאָג מיר... זאָג דעם גאַנצן אמת.

מאַמע און טאָכטער זענען געזעסן צוגעטוליעט צו זיך, קאַטערינע האָט אויסגעווישט די אויגן און שטיל אונטערגעכליפּעט, מאַגדאַלענאַ ווראָבלעווסקאַ האָט לאַנג געשוויגן. דאָס, פאַרוואָס זי האָט זיך די לעצטע צייטן אַזוי שטאַרק געשראָקן, איז געשען. קאַטערינע איז אַן אינטעליגענט מיידל, נאָר אַזוי עמפּפינדלעך, לעבט אַזוי שטאַרק אַלץ איבער. מ'קאָן איר אָבער איצט נישט פאַרשטימען די אויגן, זי מוז איר זאָגן דעם אמת, אָבער ווי אַזוי? זי האָט פיל מאָל געטראַכט דערוועגן, אין

איר דמיון איז אויפגעקומען יענער פאַרטאָג, ווי האָט פאַרשטעלט מיט דער רעכטער האַנט די אויגן, דערנאָך זיך אויסגעגלייכט און געזאָגט:

— כ'האָב דיך אַדאָפּטירט, די שוועסטער קאַטערינע האָט דיר שוין מסתמא געזאָגט, ביסט געווען אַ קליינטשיקע, אַ גאָר קליינטשיקע, ביי דער שוועסטער קאַטערינע געווען, כ'האָב דיך אַדאָפּטירט און פון דעמלט ביסטו מיין טאָכטער, און איך דיין מאַמע...

— פון אָנהייב, פון אָנהייב דערצייל, פון וואַנען האָט די שוועסטער קאַטערינע מיך גענומען? דערצייל, דערצייל פון אָנהייב, אַלץ, אַלץ, כ'בעט דיך...

מאַגדאַלענאַ איז געבליבן שטיל, איר געזיכט האָט זיך באַצויגן מיט עפּעס אַ וואָלקן, ווי האָט צוגעטוליעט די טאָכטער שטאַרקער צו זיך, געגלעט זי איבערן קאָפּ, דערנאָך אָנגעהויבן:

— ס'איז געווען אין 1942, אין אַ פאַרטאָג, נאָך פינצטער געווען, מ'האָט זיי געטריבן מיט דעם=אָ וועג, מיטן היינטערשטן וועג, וואָס פירט צום וואַלד, זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען נעבן אונדזער הויז, כ'בין געלעגן אין בעט און זיך געטרייסלט ווי אין פיבער, געווען שווער איבערצוטראָגן, דאָס יאָמערן, די געשרייען, דערנאָך אַ ווידערקול פון זאַלבן=שאָסן, דערנאָך איז שטיל געוואָרן. פון שלאָפן האָט שוין קיין רייד ניִשט געקאָנט זיין, אויפן האַרצן אַזוי שווער געווען, אין די אויערן האָט געקלונגען דער געיאָמער, איבערדרויסן שטיל, ווי אויף אַ בית עולם. פּלוצלונג דערהער איך אַ סקאָמליען, ווי פון אַ קראַנק קעצל, דערנאָך עפּעס אַ פאַרשטיקט געוויין פון אַ קינד, כ'בין אַראָפּ פון בעט, שטיל צוגעגאַנגען צום טיר, ס'איז שטיל געווען, געשטאַנען עטלעכע מינוט און צוריקגעגאַנגען אין בעט.

ס'איז שוין געווען טאָג און די שטאָט איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, מענטשן האָבן אַלץ מורא געהאַט אַרויסצוגיין, צו דער אַרבעט האָט מע ניִשט געמוזט גיין, אַ זונטיק געווען, איז מע געלעגן אין שטוב. ס'איז געווען זייער דושנע און איך האָב געוואָלט אַריינלאָזן אַ ביסל לופט, האָב איך פאָרזיכטיק אויפגעמאַכט דעם פאָדערשטן לאָדן, אַרויסגעשטעקט אַ ביסל דעם קאָפּ און... אַ פּעקל פאַר דער טיר, עפּעס אַ מאָדנע פּעקל, אַזאַ קלומעק. כ'האָב זיך דערשראָקן, פאַר אַלץ האָט מע זיך געשראָקן. צוריק פאַרמאַכט דאָס פענצטער, נאָר כ'האָב זיך דערמאָנט אין פריערדיקן סקאָמליען און פאָרזיכטיק האַלב געעפנט די טיר. דער קלומעק האָט אַ ציטער געטאָן. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט ניִשט,

אַרייַנגענומען דאָס פּעקל און פֿאַנאַנדערגעבונדן... אַ קינד... ווי ס'וואָלט דערשטיקט געווען, דער סמאָטשעק איז געווען אַרויסגעפֿאַלן פֿון מיילכל, כ'האָב צוגעלייגט דאָס אויער — ס'האָט געאָטעמט. כ'האָב עס אַרויסגענומען פֿון דער צוזאַמענגעבונדענער קאָלדערקע, ס'האָט אויסגעזען פֿאַרחלשט. מיר איז איינגעפֿאַלן אַרייַנצוגיסן אין מיילכל וואַרעם, זיס וואַסער, ס'האָט נישט לאַנג גענומען און ס'האָט זיך צעוויינט, פֿון אָנהייב גאַנץ שפּיל, דערנאָך העכער און העכער. יאַ, גאָט מייַנער, אַן אומגליק, ערשט דעמלט זיך דערשראָקן, אַזאַ געפֿאַר, אַלע ווייסן, אַז כ'בין אַן אלמנה, אַליין, מייַן קינד איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק, און דאָ אַ קינד, און אַזאַ שוואַרציניקס, גאָט מייַנער. כ'האָב גיך דיר פֿאַרשטאָפּט דאָס מיילעכל מיטן סמאָטשעק, אָנגעשטאָפּט עס מיט נאַסן צוקער, כ'האָב אַזוי מורא געהאַט עס זאָל נישט וויינען; כ'בין שיעור פֿון זינען נישט אַראָפּ פֿון שרעק, וואָס טאָן מיטן קינד? איינדעם זיך דערמאָנט אין דער שוועסטער קאַטערינע, זי איז אַזאַ באַרמהאַרציקע און אַ קלוגע, קאָן אַן עצה געבן, זי וועט נישט אָפּזאָגן. שנעל זיך אָנגעטאָן, אַרייַנגעלייגט דאָס קינד אין אויבסט-קוישל, און יענעם לאַנגן קוישל, ווידער אָנגעפּילט דעם סמאָטשעק מיט נאַסן צוקער, איבערגעדעקט דאָס קוישל מיט אַן אַלטן האַנטוך, אַרויפֿגעלייגט די בלומען פֿון דער וואַזע, דאָס ביסל גריגוואַרג, וואָס כ'האָב צוגעגרייט אויף זונטיק און צום מאָנאַסטיר. צום גליק האָסטו נישט געוויינט, הונגעריק געווען און געזויגן דעם צוקער. אַז די שוועסטער קאַטערינע האָט דיך אויסגעטאָן אַרומצוואַשן, איז פֿון זעקעלע פֿון רעכטן פּיסל אַרויסגעפֿאַלן אַ צעטעלע: „באַרמהערציקע מענטשן ראַטעוועט דאָס קינד, גאָט וועט אייך באַצאָלן“. דערנאָך דער נאָמען. די עלטער נישט געווען אָנגעגעבן, מסתמא פֿאַרגעסן. די שוועסטער קאַטערינע האָט דיך געהאָדעוועט, דערנאָך געמאַכט דיר אַ טויף-מעטריקע, ס'איז געווען אין טאָג פֿון דער הייליקער קאַטערינע, ווי היינט, האָסט באַקומען איר נאָמען, מיר איז פֿאַרבאָטן געווען קומען דיך זען, גלייבער געווען. דערנאָך האָבן שווערע צייטן זיך אָנגערוקט אויף מיר.

מאַגדאַלענאַ ווראָבלעווסקאַ האָט איבערגעריסן, ווי דאָס דערציילן וואָלט זי פֿאַרמאַטערט, האָט אַ קוק געטאָן אויף קאַטערינען און דערזען איר פֿאַרענדערט פּנים; דאָס מיידל האָט מיט אַן אָפֿן מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן געקוקט פֿאַר זיך, קיין איין מוסקול אין איר געזיכט האָט זיך נישט באַוועגט, ווי אַלץ וואָלט פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון דער-

שיטערונג. מאַגדאַלענאַ האָט געוואַרט זי זאָל זיך אָפּרופן און נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן.

— טעכטערל, זאָל איך ווייטער? ביזן סוף?

קאַטערינע האָט בלויז אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און צוויי קוילעכדיקע גראָבע טרערן זענען אַרויסגערונען פון אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, געקייקלט זיך איבער די באַקן. מאַגדאַלענאַ האָט זיך איצט געאיילט צו פאַרענדיקן, דערציילט כאַאָטיש מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן:

— געזאָגט זיך, אַז כ'וועל לעבן, וועסטו מיין קינד זיין, מיין מיידעלע איז געשטאָרבן, גאָט האָט צוגעשיקט אַן אומגליקלעך קינד, געמוזט וואַרטן. נאָך דער מלחמה איז מיר שווער געווען, געמוזט קומען צו זיך, אַדאַנק דעם פעטער קאַראָל, ער האָט אַ סך מיר געהאָלפן, שטענדיק דיך ליב געהאַט, לויט דער טויט־מעטריקע האָסטו געהאַט פיר יאָר. די שוועסטער קאַטערינע האָט מיר צוגעפירט צו אַ שוואַרצינק מיידעלע און אַנווייזנדיק אויף מיר איר געזאָגט: „דאָס איז דיין מאַמע, אַ גוטע מאַמע, זאָלסט זי ליב האָבן"... זינט דעמלט בין איך געווען אַזוי גליקלעך, ליב געקריגן דיך ווי מיין אייגן קינד, וואָס פאַראַ אונטערשייד? ביסט האָך מיין אייגן קינד, מיין איינציקע טאָכטער, כ'בין געווען אַזוי...

די ווערטער זענען איר געבליבן שטעקן אין האַלדז מיט עפּעס אַ שטיקעניש. ביידע האָבן איצט געשוויגן, און דער שטילקייט האָט זיך געהערט ביידנס קלאַפּן פון האַרץ. מאַגדאַלענאַ האָט זיך דערשראָקן פאַר קאַטערינעס שווייגן און געזאָגט:

— זעסט טעכטערל, אַלץ דערציילט, גאָרנישט אויסבאַהאַלטן, ווייסט איצט אַלץ.

— נאָך נישט אַלץ.

— וואָס ווילסטו נאָך וויסן?

— ווי אַזוי האָב איך געהייסן?

— מרים, מרים זאַק.

— און מיינע עלטערן?...

— די שוועסטער קאַטערינע ווייסט אפשר.

— דאָס צעטעלע, מיין צעטעלע? כ'וויל זען...

— כ'וועל פרעגן די שוועסטער, אפשר האָט זי עס, אפשר... נאָר האָב געדולד, בעסער איך אַליין, כ'וועל אַליין גיין צו איר, ס'איז גלייכער...

— און משפּחה? קרובים? צי האָב איך ערגעץ...?

— ווי זאָל מע דאָס וויסן? האָסט... איך, דער פעטער קאַראָל, די

מומע, זענען מיר דען נישט דיין משפחה? בין איך דיר נישט אַ מאַמע און דו מיר אַ טאָכטער?

— יאָ, יאָ, ביסט, אוודאי ביסטו, נאָר... און קאַטערינע האָט זיך ווידער צעוויינט.

* *

*

קורץ נאָך דעם טאָג פון דער הייליקער קאַטערינע האָבן מוטער און טאָכטער צוזאַמען רעדאַגירט און דערנאָך איבערגעשיקט אין רויט־קרייץ, אין אָפּטייל פאַר זוכן קרובים, פאָלגנדיקן אַנאָנס: „מרים זאַק, טאָכטער פון לייזער און רבקה זאַק פון דער שטאָט ט. זוכט קרובים, וווּ זיי זאָלן נישט זיין, אין לאַנד אָדער אויסלאַנד, זאָלן זיי זיך אָפּרופן".

Benn

דער שטומער בעטלער

ס'איז דעמלט געווען אַ שיינער, זוניקער זומער. אויף די פּאָדליאַסער דערפער האָט זיך באַוויזן אַן אומבאַקאַנטער בעטלער, אַ בעטלער אַ שלעפּער, פון דער נידעריקסטער קאַטעגאָריע — צווישן בעטלער זענען אויך פאַראַן פאַרשידענע קאַטעגאָריעס.

אַ דאָרפישער בעטלער האָט געוויינלעך אָנגעהאָנגען פוןביידע זייטן צוויי טאָרבעס, פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ אין אַ קרייץ. אין האַנט מוז ער האַלטן אַ שטעקן זיך אָפּצוטרייבן פון די דאָרפישע כלבים. אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן איז אַזאַ איינער מער ווי אַ שטאָטישער בעטלער.

דער אויך אַזוי. קרוע־בלוא, באָרוועס, די פיס צעדראַפּעט, באַדעקט מיט בלאָטע, מיט שטויב פון די דאָרפישע וועגן, ווינטער אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס און שטרוי. פון געזיכט אָבער ענלעך צו אַ נזיר, צומאָל צום געקרייציקטן גאָט: אַ פאַרוואַקסענער קאָפּ מיט אַראָפּגעהאָנגענע פאַטלעס האָר פון אַ קאָליר, וואָס האָט געקאָנט זיין אי העל־בלאָנד, אי ווייס־גרוי. אַ שיטער, ווילד בערדל, וואָס האָט זיך געשאַרט אַרויף אויף די באַקן־זייטן, אַ פּנים אַן אויסגעצויגנס, איינגעפאַלנס, אויסגעהאַרטס, ווי ביי אַ זקן, אויגן טיף־איינגעגראָבענע, טרויעריקע.

אין וואָסער עלטער האָט ער געקאָנט זיין?

ווער זאָל דאָס וויסן? אַ בעטלערס פּנים זאָגט נישט אויס דעם עלטער, און קיינער האָט נישט געפרעגט — ער וואָלט סיי ווי נישט געקאָנט ענטפערן — קיינעם האָט עס נישט אינטערעסירט, אַ בעטלער איז אַ בעטלער און פאַרטיק! ס'גייען אַרום אויף דער וועלט אַזוי פיל בעטלער, איז נאָך איינער.

דער בעטלער איז אָבער אַ שטומער געווען, שטום ווי אַ פיש און טויב ווי די וואַנט, די אויערן פאַרשטאָפּט, און דאָס מויל פאַרשלאָסן, נישט אַרויסגעלאָזט דעם מינדעסטן קלאַנג, די ליפּן האָבן זיך נאָר ציטערנווייז באַוועגט, ווי זיי וואָלטן שטומערהייט תפילה געטאָן.

אויך דאָס האָט קיינעמען נישט געוואונדערט און קיינעמען נישט אינטערעסירט. פאַראַן אַזוי פיל טויב=שטומע אויף דער וועלט, איז וואָס פאַרא נאָוויינע אַ טויב=שטומער בעטלער? און אַ טויב=שטומער וויל דען נישט לעבן? דאַרף דען נישט עסן? דאַרף דען נישט קיין געלעגער אויף בייננאַכט? און די דאָרפישע מענטשן האָבן דאָס שטום=לשון פון שטומען בעטלער פאַרשטאַנען. ער האָט געבעטלט מיט די אויגן, מיט די ליפּן, מיטן פאַרחושכטן פנים, האָט אויסגעצויגן אַ ציטערנדיקע האַנט און באַרמהערציקע פויערטעס האָבן אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל, צומאָל אַן עפּל צוגעטראָגן; ער האָט געוויזן מיט די פינגער אויפן מויל, און מ'האָט אים אַ טרונק וואַסער דערלאַנגט, צומאָל אַ ביסל געקעכץ געגעבן. האָט ער די האַנט אונטערגעלענקט אונטערן אָנגעבויגענעם, מידן קאָפּ און מיט די אויגן רחמים געבעטן, האָט זיך שטענדיק אַ בעל=רחמים געפונען און אַ נאַכטלעגער אין שייער געגעבן, וואָרעם אין די ערגסטע צייטן געפינען זיך באַרמהאַרציקע, גוטע מענטשן.

און דער שטומער בעטלער איז אַרומגעגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פון טיר צו טיר. זומער נישט געאיילט זיך, געבלאָנקעט איבער וואַלד און פעלד, געשלעפּט זיך פאַמעלעך איבער די דאָרפישע וועגן, געזוכט מיט די אויגן איינזאַמע ערטער אויסצוציען די איינגעדאַרטע, מידע גלידער, צוגעזעצט זיך אויף אַ שטיין אין וועג, אַן איינזאַמער און שטומער ווי ער אַליין. און אפשר האָט ער פאַרן שטיין יאָ געקלאָגט עפּעס דאָס האַרץ זיינס?

ס'איז געקומען ווינטער. אויף וועגן און שטעגן האָבן אויפן שטומען בע=והגיק געלאָקערט רעגן און קעלט, דער ווינט האָט מיט רציחה געשמיסן מיט שאַרפע ריטער דאָס געל=גרינע, אויסגעמאָגערטע פנים, אַריינגעריסן זיך הינטער די צעפליקטע בגדים, געביסן דאָס לייב; דער פראָסט האָט זיך אַריינגעביסן אין די ביינער, די שניי=זאַווערוכעס האָבן דעם טויב=שטומען אויך בלינד געמאַכט, די ווייסע וועלט איז פינצטער געוואָרן, ער פלעגט פאַרלירן דעם וועג, בלאָנדזשען ביז ער איז אין אַ דאָרף אָנגעקומען. דער דאַרער גוף איינגעבויגן, איינגעשרומפּן, ווי ער וואָלט אַריינגעקראָכן און זיך פאַרשטעקט אין זיך גופא.

די דאָרפס־מענטשן האָבן אים עצות געגעבן, מיט שווערע פויערישע באַוועגונגען און זשעסטן אים צו פאַרשטיין געגעבן, אַז נישט קיין צייט צו וואַנדערן. אַ בעטלער האָט דאָך אויך ערגעץ אַ מקום־מקלט, אפילו אַ פעלד־חיה האָט דאָך אַ נאָרע און קריכט דאָרט אַריין אין פראָסטיקע טעג. דער בעטלער איז אָבער טויב ווי די וואַנט און הערט נישט וואָס מ'רעדט צו אים, איז שטום ווי אַ פיש און קאָן קיין ענטפער נישט געבן. ער קאָן נאָר בעטלען מיט די אויגן, בעטן רחמים מיט די ליפן. די פאַרשטאַרטע האַנט, וואָס האָט אונטערגעלענקט דעם אָנגעבויגענעם קאָפ, דאָס געגרינצלטע פנים, די פאַרפרוירענע גלידער, דער גאַנצער איינגעקאָרטשעטער גוף האָט געבעטן מ'זאָל אים איבערווינטערן לאָזן.

און ווידער האָט זיך אַ באַרמהאַרציקער מענטש געפונען. אַ בוידעם פון אַ קו־שטאַל איז פאַרן בעטלער אַ מקום־מקלט געוואָרן. אויפן בוידעם איז היי, און אין היי קאָן מען אַריינקריכן ווי אין פעדערן, און קי האָבן אַ טבע פון זיך וואַרעמקייט אַרויסצוגעבן. און אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט און אין טעג פראָסטיקע איז דער בעטלער אין היי פאַרזונקען, ווי אַ בער אין ווינטערדיקן שלאָף.

ווינטער דויערט נישט אייביק. צי האָט דער טויב־שטומער בעטלער געוווסט דערוועגן? געגלויבט דערין? אפנים יאָ, וואָרעם ווי אַנדערש וואָלט ער אויסגעהאַלטן?

ס'איז געקומען פרילינג. דער שטומער בעטלער האָט ווידער געוואַנדערט איבער דאָרפישע וועגן, דורך וואַלד און פעלד. זיין דאַרער גוף איז דורכן ווינטער נאָך דאַרער געוואָרן, די צעפליקטע בגדים האָבן פון אים מיט צוויטן אַראָפגעהאָנגען, די אונטערגעוואַקסענע, צעפאַטלטע האָר האָבן באַקומען דעם קאָליר פון פאַרפוילט שטרוי, דאָס אונטערגעוואַקסענע בערדל צעפאַטלט, די באַקן־זייטן באַהאָרט, באַוואַקסן, ווי אַ פאַרוויסט אָרט מיט ווילדגראָז.

ס'איז געקומען זומער. דער שטומער בעטלער האָט אַלין געשפאַנט פון דאָרף צו דאָרף, פון טיר צו טיר. פאַסטוכער־יינגלעך האָבן אין פעלד און וואַלד אים נאָכגעשריען, געחוזקט, ער האָט אָבער גאָרנישט געהערט; ווילע־יונגען פלעגן אים אַריינשרייען אין די אויערן, קאַטאָוועס טרייבן, נאָר זיין חוש־השמיעה איז געבליבן פאַרגליווערט, פויערים פלעגן זיך טיילמאָל פריילעך מאַכן איבער אים, שטעלן דעם טויבן בעטלער פרעגן פראַגן, נאָר ס'איז נישט דערגאַנגען צו זיינע אויערן, וואָרעם טויב ווי די וואַנט, די אויערן פאַרשטאָפט, און שטום ווי אַ פיש, דאָס מויל פאַר־

שלאָסן אויף זיבן שלעסער, די ליפּן נאָר באַוועגן זיך אין אַ ציטער, ווי זיי וואָלטן עפּעס זאָגן געוואָלט און נישט געקאָנט, ווי זיי וואָלטן וויינען געוואָלט, נאָר דער כליפּ קאָן נישט דורכגיין דורכן האַלדז, אַרויסרייסן זיך פון שטומען מויל.

צום טויב-שטומען בעטלער האָט מען זיך צוגעוווינט, ער איז אַ טייל פון דאָרפישן פּייזאַזש געוואָרן.

* *
*

ויהי היום... און ס'איז געווען אין אַ סוף זומערדיקן זונטיק פאַרנאַכט. אַן אומרואיקער זונטיק געווען. סאָלדאַטן אין פעלד-גרויע מונדירן האָבן מיט געפּילדער און געטראַסק ווי משחיתים דורכגעשניטן די דאָרפישע וועגן אויף שטאָלענע רייטוואָגנס.

דער טויב-שטומער בעטלער האָט זיך אומגעקערט פון אַ לאַנגער וואַנדערונג. די זומערדיקע זונטיקן פון מענטשן געווייכט, ווייט אין פעלד און וואַלד געקראָכן, אַ נאַכטלעגער געפונען אויפן גרינעם גראָז, צווישן קוסטעס און ביימער. דאָס מאָל האָט דער בעטלער געלעכצט נאָך אַ דאַך איבערן קאָפּ, ס'האָט אים געצויגן צום בוידעם, צום היי.

דער סוף-זומערדיקער פאַרנאַכט, אַ מילדער, אַ בלוי-ראָזער. די זון אַ פייערדיקע האָט אַראָפּגענידערט גאַנץ נידעריק אויפן האָריזאָנט אין פון צווישן הימל און ערד באַלויכטן דעם בלויען בין-השמשות. פעלד און וואַלד, בלויער הימל און גרינע ערד, אַלץ אַרום אַזוי שיין ביז ווייטיק. צי האָט דער שטומער בעטלער געפילט, געזען די שיינקייט פון אַרום? ווער זאָל דאָס וויסן וואָס אַזאַ שטומען בעטלערס האַרץ פילט דעמלט? זיינע טיף-איינגעגראָבענע אויגן זעען נישט וואָס ס'טוט זיך אַרום, קוקן נאָר אין דער ווייט; דאָס גאַנצע וועזן אַ נישט האָאיקס, פאַרטראָגן אין אַן עולם הדמיון...

* *
*

די באָרוועסע, צעקאַליעטשעטע פיס האָבן אים געטראָגן איבערן שטיינערנעם וועג. ער האָט זיך געאיילט, דער שטומער בעטלער, צו דער

קו־שטאָל, צום בוידעם מיט היי, צו דער פויערשער נחלה, צום באָרמ־האַרציקן פויער.

און ביים פויער איז אַ שאָכטער געווען, אַ יונג מיידל מיט רויטע, פרישע באַקן. און צום מיידל פלעגט זונטיק אַ בחור קומען, הינטער אַ וואַרבע אויף אַ באַנק זענען זיי געזעסן און לידער געזונגען, לידער פון ליבע און בענקשאַפט, פון טרייִשאַפט און פאַראַט. מיטאַמאָל האָט זיך זייער געזאַנג אָפּגעהאַקט, צווייִ אומגעבעטענע געסט האָבן דאָרט אַריינגעטראָפן, געסט אין פעלד־גרויע מונדירן.

די אומגעוווּנטשענע געסט האָבן מיט איין שלונג די טעפּלעך מילך אויסגעזויפט, פאַנאַנדערגעלייגט זיך אויף אַ זייטיקער באַנק, פאַנאַנדער־געשפּרייט מיט גאווה און חוצפּה די באַשטיוולטע פיס און באַפעלעריש געהייסן ווייטער זינגען. דאָס יונגע פּאָרל האָט איצט אונטער אַ באַ־פעל געזונגען, געזונגען פאַלש, די טענער האָבן זיך געפּלאָנטערט, געגרילצט.

דער טויב־שטומער בעטלער איז אין דער פויערישער נחלה אַריין, אַנגעקומען אומגעריכט, אַריינגעשאַרט זיך שטיל, זייטיק ווי אַ שאָטן, געקוקט נישט אַרום זיך, נאָר אין דער ווייט. און אפשר אייגאַנצן נישט געקוקט? אפשר פאַרטראָגן געווען ערגעץ ווייט אין אַמאָל? פּלוצלונג האָט דער שטום־טויבער אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. פון זיין פאַרשלאָסן שטום מויל האָט זיך אַרויסגעריסן: „אַני ווײַ! פאַלש!"

די פאַרזאַמלטע פויערים־משפּחה איז נבהל ונשתומם געוואָרן. אַלע זענען פאַרשטומט געבליבן, דעם אָטעם איינגעהאַלטן. אין דער טויטער שטילקייט האָבן זיך שווערע טריט דערהערט: צוויי באַשטיוולטע פיס האָבן זיך צום בעטלער געלאָזט:

Jude?

דער בעטלער איז ווידער שטום און טויב.

Jude?!

דעם בעטלערס אויגן האָבן זיך געשלאָסן, דאָס מויל שטום, די ליפּן פאַרדריקט, געענטפערט פאַר אים האָט יענער, דער צעלייגטער אויף דער באַנק, געענטפערט מיט אַ חיהשן ברום:

Jawohl!! Jude!!

ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס. די הערצער פון די פויערים זענען אָפּגעשטאָרבן, ווי דער שאָס וואָלט דאָרט אין זיי געטראָפן. ס'איז שטיל

געוואָרן. דערנאָך האָט זיך אַ געריוויש פון צוויי מאַטאַציקלען אויפגעהויבן.

אויפצומאָרגנס נאָך זון־אויפגאַנג האָבן צוויי פויערים אַ גרוב אין פעלד געגראָבן. איידער זיי האָבן אַוועקגענומען דעם בר־מינן האָט זיך דער שכן, דער האָרפּס־לערער געיאַוועט, ער האָט געכטן דעם שאָס געהערט און נישט געוווסט וועמען ער האָט געטראָפן. ער האָט זיך איצט אין בעטלערס פּנים איינגעקוקט. ס׳איז געוואָרן עפּלעכער צו זיך דאָס מוטע געזיכט, די אויגן ברייט־אָפענע האָבן מער נישט אויסבאַהאַלטן זייערע בליקן, געקוקט אָן שרעק יעדערן אין פּנים, אין פּנים פון דער וועלט. דער אַלטער האָרפּס־לערער האָט זיך איבערגעבויגן, געקוקט און געקוקט, איבערגעצלמט זיך און שטיל אויסגערופן:

— אָלאַ באָגאַ, טאָ... טאָ כיבאַ סין קאַנטאָראַ מינצאַ, כיבאַ טען לייזאָרעק, פּאָדאָבני... דאָ טעגאָ...

און ער האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעצלמט.

* *
*

דער אַלטער האָרפּס־לערער איז זיך נישט טועה געווען.

די מינצעס זענען פון קדמונים חזנים געווען. נחמן מינץ האָט אפּנים געירשנט דאָס קול נגינה פון זיין פאָטער אברהם דעם חזן, און אברהם מינץ פון זיין פאָטער דעם באַרימטן חזן און בעל־קורא, וואָס האָט אין דער גאַנצער גובערניע געשמט.

נחמן מינץ האָט מיט זיין בת־קול געקאָנט אַ שטיין ווייך מאַכן, זיין שטימע האָט געקאָנט מחיה נפש זיין. מ׳האָט געזאָגט, אַז ביי כל־נדרי רייסט ער אויף די טויערן פון די הימלען.

זיין בן־יחיד לייזערקע איז פון טאַטן נישט אָפּגעשטאַנען. פון קינד־וויז אָן געהאַט אַ קול נגינה. מ׳האָט זיך דערציילט, אַז אין וויגל האָט ער שוין ווי אַ זינג־פויגעלע געטרילעט.

לייזערקע איז דעם טאַטנס אַ משורר געווען און הינטער ר׳ נחמנס אויגן האָבן מבינים געפּסקנט, אַז ער שטייגט דעם טאַטן אַריבער.

דער בן־יחיד האָט נישט נאָר אַ געבענטשטן האַלדז געהאַט, נאָר אויך געבענטשטע פינגער. פון יעדן אינסטרומענט, צומאָל פון אַ כלי,

האָט ער מיט זײַנע לאַנגע פֿינגער אַ קול נגינה אַרויסגעצויגן. די גאַנצע וועלט איז פֿון קלאַנגען און טענער באַשטאַנען, וואָרעם אַן אויער האָט לייזערקע געהאַט, וואָס האָט דעם שטילסטן רויש פֿון די בלעטער, די קלענסטע באַוועגונג פֿון ווינט אויפֿגעכאַפּט.

אַז לייזערקע איז 17 יאָר געוואָרן, האָבן טאַטע־מאַמע נאָך אַ גרויסן ישוב־הדעת, נאָך גרויסע אַמפּערנישן איינגעגאַנגען דער בן־יחיד זייַ־ער זאָל פֿאָרן לערנען מוזיק אין וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע.

דעם וועג צו דער קאָנסערוואַטאָריע איז אים די מלחמה פֿאַרלאָפֿן. לייזערקע איז אין שטעטל געבליבן. דערנאָך אײנער פֿון אַן עדה ייִדן געבליבן. די קוילן האָבן אים נישט געטראָפֿן, ביינאַכט פֿון אונטער אַ קופּע הרוגים אַרויסגעקראָכן. אַ סימן, אַז ער דאַרף לעבן, ער מוז... ער וועט... פֿאַרוואָס זאָל מען אים דערקענען? ער האָט דאָך אַ גוטן אויסזען, נאָר דאָס לשון, דער ייִדישער אַקצענט...

דאַרף מען שטום ווערן.

אַ זומער און אַ ווינטער און נאָך אַ זומער, שטום און טויב, האָט מויל פֿאַרשלאָסן, דאָס לשון שוין כמעט פֿאַרגעסן. בלויז ביינאַכט, ווייט ערגעץ טיף אין האַרץ, און בויך, אין די געדערים אַ גאַנצער אָרקעס־טער, עס קלאַפּט אויף אַלע טענער און נאָטעס. דאָס מויל איז דערמיט צעקרומט, די ליפּן ציטערן.

בייטאָג ווידער אַ „נאָרמאַלער שטומער, אַ נאָרמאַלער טויבער“. ער הערט צומאָל נישט דאָס בילן פֿון די הינט, דאָס רעווען פֿון די פּאָס־טוכער.

נאָר לייזערקעס מוזיקאַליש אויער... זײַן אויער איז אַמאָל אַן אמתע ברכה געווען. איצט איז די ברכה אַ קללה געוואָרן.

זײַן אויער האָט אים פֿאַראַטן.

דרײַ פֿרײַנד

בײַ נחומען אין שטוב האָט מע שוין געהאַט פֿאַרגעסן אין די אַמאָליקע מחלוקות. פֿון אָנהייב האָט מען אָפּגעלאָזט אויף דערווײַל, דערנאָך ביסלעכווײַז זיך צוגעוווינט צו מיקי און טיטוסן און די גאַנצע זאַך צורו געלאָזט, צומאָל אַוועקגעקוקט פֿון דעם, וואָס אבֿרהמעלע חבֿרט זיך מיט זיי. און די חבֿרשאַפֿט צווישן די דרײַ האָט זיך אַלץ מער פֿאַרשטאַרקט. שווער צו זאָגן אויף וויפֿל מיקי און טיטוס האָבן זיך ליב געהאַט און געטרײַ געווען. זייער קעגנזײַטיקע געטרײַשאַפֿט האָט אפֿילו אָנגעהאַלטן ביזן סוף, נאָר אַ סבֿרה, אַז זיי ביידע האָט פֿאַראייניקט די פֿרײַנדשאַפֿט מיט אבֿרהמעלען, וואָס איז געווען אַ פֿרײַנדשאַפֿט אויף לעבן און טויט.

דער ייִנגסטער פֿון די דרײַ פֿרײַנד איז געווען טיטוס. ווער ס׳איז געווען דער עלטסטער האָט מען קיינמאָל נישט געוווּסט; כאָטש אבֿרהמעלע האָט זיך געהאָדעוועט צוזאַמען, קאָן מע זאָגן, מיט מיקי, האָט מע נישט געוווּסט ווער פֿון זיי ס׳איז פֿריער געקומען אויף דער וועלט, וואָרעם מיקי האָט קיין מעטריקע נישט געהאַט און וועגן איר פֿריער יוגנט האָט מע גאָרנישט געוווּסט.

אבֿרהמעלע איז געווען נחום דעם סטאָליאַרס ייִנגל, טיטוס אַ יונגער ראַסאָווער הונט און מיקי אַ גרויע שיינע קאַץ.

*   *

*

נחום סטאָליאַר האָט געוווינט הינטערן שטאָט, פֿאַרמאָגט זײַן אייגנס אַ הילצערנע, אַלטע הײַזקע, וואָס איז צו אים איבערגעגאַנגען

בירושה פון זיין פאָטער ברוך דעם סטאָליאַר און וואָס איז צו ברוכן איבערגעגאַנגען בירושה פון דער מומע שיינע-מרים. געווען איז די מומע אַ יידענע אַ צדיקות, נאָר אויסגעוואָקסן האָט זיך אויף איר טאָפּלט גאָטס שטראָף — אי אַן עקרה געווען גאַנצע צען יאָר, אי דער מאַן איז פרי פון דער וועלט געגאַנגען. הכלל, די הייזקע האָט געהאַט תרחם יאָרן, געווען שוין איינגעבויגן, איינגעהויקערט, ווי להבדיל אַ מענטש אין טיפער עלטער. פונדעסטוועגן נאָך אויסגעזען גאָר לייטיש און נישט גע-האַט זיך צו פאַרשעמען פאַר די אַרומיקע, גוייִשע כאַטעס. נחום האָט געהאַט אַ פּאָר גאָלדענע הענט און געקוקט מיט זיי וועלטן צו פאַרייִנגערן זיין נחלה, דאָס אַלטע געלאַטעטע מיט נייע ברעטלעך, דאָ און דאָרט עפּעס איבערגעבויט, ווי מע ניצעוועט איבער אַן אַלטן מלבוש, אָפּגעקאַלכט אויף ווייס די ווענט, אַז ס'האָט געפינקלט פון דער ווייטנס. און אַרום דער קליינער, אַלטער הייזקע איז געווען אַ גרויסער גאָרטן מיט אַ נייעם פּלויט און אין גאָרטן זענען געוואַקסן קאַרשן-ביימער, אַלטע, באַיאָרטע און גאָר יונגינקע. נחום סטאָליאַר האָט מיט גרויס מייסטערשאַפט אויסגעמייסטערט אַ פלומפּ, דערנאָך געלאָזט פאַרשיטן דעם ניידעריקן אַלטן ברונעם, אַז אַ קינד זאָל חס וחלילה נישט אַרייַנפאַלן. און דעם פּלומפּ פלעגט ער אויף ווינטער אַרומוויקלען מיט שטרוי און אַרומשטעלן מיט ברעטלעך, אַז דאָס וואַסער זאָל בעת די פרעסט נישט פאַרפרירן ווערן. און אַז אַלטער צעוואַקסענער דאָמב, אַ פאַר-בלאָנקעטער ווער ווייסט ווען און ווי אַזוי, האָט דאָ צעשפּרייט זיינע גע-דיכטע צווייגן און אין זיין שאָטן האָט דאָס בני-בית אָפּגערוט אין די זומערדיקע שבת-נאָכמיטאָגן.

פונדעסטוועגן פלעגט זיך חנהלע באַקלאָגן. נחומס באַשערטע, אַ הראָבנע שוואַרץ-חנעוודיק ווייבל מיט אַ בלאַס פּנים און גרויסע פאַר-חלומטע אויגן, איז פון אָנהייב נישט איינגעגאַנגען זיך צו „פאַרגראָבן" הינטערן שטאָט. שוין איינמאָל געהאַט אַנטלאָפן פון דאָרף און דאָ ווי-דער. זינט זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי נישט אויפגעהערט צו באַ-דויערן, וואָס זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, שטילערהייט אונטערגע-זיפצט, וואָס מ'איז פאַרוואָרפן ווייט פון אייגענע; נישט פאַר יידן דער הינטערן שטאָט...

דעם פיר-יעריקן אברהמעלען איז דער „הינטערן שטאָט" דווקא יאָ געפעלן, און ער איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. די באָבע נעכע האָט זיך מיטן אייניקל נישט געקאָנט קיין עצה געבן, מורא געהאַט ער זאָל זיך

חס וחלילה קיין שלעכטס נישט טאָן. „ערגער ווי קוועקזילבער, ווו מע זייט אים נישט, דאָרט וואַקסט ער, ווו אַן ענגע לאָך, דאָרט קריכט ער אַריין“. ווי גיך דאָס אייניקל איז איר פאַרשוווּנדן פון די אויגן, האָט זי זיך אָנגעהויבן שרעקן, ווו דאָס קוועקזילבער האָט געקאָנט אַהינקומען.

אברהמעלע איז טאַקע געווען אַ יינגעלע, וואָס האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, כאָטש נעם בינד אים צו מיט אַ שטריקל. דעם מזיק. פון פריען פרילינג ביז האַרבסט האָט דער מזיק אַרומגעראָיעט אין גאָרטן, אַראָפּגעצויגן די שיכלעך און אַרומגעדריפּטשעט מיט באָרוועסע פיסלעך, געדראַפּעט זיך אויפן הילצערנעם פּלויט, געפּאָרעט זיך ביים טאַטנס וואַרשטאַט, געמייסטערט ביים פּלומפּ, אומעטום אָנגעמאַכט שאָדנס, אומעטום געוואָלט דערגיין פון וואַנען די פיש וואַקסן, און צעטרענט, צעטרייבערט אַלץ, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין די קליינע הענטלעך, די באָבע האָט דעם „שקאָדניק“ נישט געקאָנט אַראָפּלאָזן פון אויג.

צומייניסטן האָט דער „שקאָדניק“ זיך געלאָזט פילן די הינער. קיין שלעכטס איז אברהמעלע נישט אויסן געווען, פאַרקערט, געוואָלט זיך מיט זיי חברן, געיאָגט זיך נאָך זיי שטיפעריש, צעפּלאָשעט זיי, ווען זיי זענען זיך צונויפגעקומען אַרום דער גרויסער שיסל מיט געקאָכטע קאַרטאָפל, געוואָלט אָנכאַפּן פאַר אַן עק די אָ איינע, די אָ אַן אַנדערע, גערעדט צו זיי, מסתמא זיך שטאַרק גענויטיקט אין חברותא. און אָט האָט ער אומגעריכט באַקומען אַ חבר.

אין אַ האַרבסטיקן, רעגנדיקן טאָג האָט זיך צו נחום סטאָליאַר אין וואַרשטאַט, וואָס אין גאָרטן, אַריינגעגנבעט דורך דער אָפענער טיר אַ קאַץ, דורכגענעצט געווען טאַקע ווי אַ קאַץ. די נאַסע קאַץ האָט שטיל מיט קעציישע טריט זיך אַריינגעשלייכט, מיט פאַרדאַכט זיך אַרומגעקוקט, אָפּגעזוכט אַ ווינקל און זיך אַוועקגעלייגט. נחום סטאָליאַר וואָלט אויף אַזאַ וועטער אפילו קיין הונט נישט אַרויסגעטריבן, הייַנט אַן אויסגענעצטע קאַץ. בפרט, אַז דאָס באַשעפעניש האָט אויסגעזען, ווי דאָס לעבן וואָלט עס נישט צעבאַלעוועט. האָט נחום אַ שמייכל געטאָן צו זיך און ווייטער געהעבליעוועט די ברעטלעך, אונטערזינגענדיק אַ יידישן ניגון. אפנים נחומס האַנדלונג האָט די קאַץ דערמוטיקט. זי האָט פון וואַרשטאַט זיך איבערגעטראָגן אין שטוב, צומערשט נישט דרייסט, פאָרזיכטיק, אַרומקוקנדיק זיך מיט פאָרשערישע, קעצישע אויגן, דערנאָך אַלע מאָל אַ ביסל דרייסטער, היימישער.

פון אָנהייב האָבן שוויגער און שנור זי געטריבן, אַרויסגעיאָגט און פאַרמאַכט די טיר. די קאַץ האָט אָבער נישט געוואָלט זיך אָפּטשעפּען. נעבעך האָט געטופּעט מיט די פיס אויף איר, געטריבן מיטן בעזים, געשלאָגן, ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, דאָס קעצישע באַשעפעניש איז צוריקגעקומען, אויסבאַהאַלטן זיך אונטערן בעט, אונטער דער קאָמאָדע, ווי עס וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אין לעצטן פאָדעם פון לעבן.

— אַ קאַץ אַן עקשן, אַן אָנשיקעניש, אַ צוטשעפּעניש, עפּעס אַ נישט גוטער — איז די אַלטע נעבעך געווען אויסער זיך.

— שלאָגט זי נישט, ס׳איז דאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש, זעט ווי דאָס זעט אויס, אַ רחמנות צו קוקן אויף דעם, צו וואָס זאָלט איר זי נאָך שלאָגן? — האָט זיך חנהלע געבעטן ביי דער שוויגער און אַרויסגעטראָגן דער אַרויסגעטריבענער קאַץ דאָס איבערבלייבעכץ פון אָנבייסן.

— אַזוי וועסטו זי נישט פאַרטרייבן!

— אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַ רחמנות.

— גיי האָב רחמנות אויף אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וועסט זיין אויסזען, מ׳וועט האַרפן אויף דיר רחמנות האָבן, מיט אַזאַ ווייך האַרץ וועסטו ווייט נישט פאַרגיין.

ס׳האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערוקט דער ווינטער. צי דער אויסבאַהאַלטענער רחמנות, צי די עקשנות פון דער קאַץ, גענוג, אַז די באָבע נעבעך האָט זי אויפגעהערט צו טרייבן און דאָס עקשנותדיק באַשעפעניש האָט זיך ביסלעכווייז איינגעבירגערט ביי נחומען. חנהלען האָט זיך געדאַכט, אַז אין שטוב איז היימלעכער געוואָרן, ס׳האָט איר דערמאָנט איר פריערדיקע היים, די דאָרפישע באַלעבאַטישקייט, געווען דאָרט אַ קאַץ מיטן נאָמען מיקי און מיטן זעלבן נאָמען אָנגעהויבן רופן דאָס פאַרבלאָנקעטע באַשעפעניש.

דער פיר־יעריקער אברהמעלע איז פון אָנהייב געווען נייטראַל צום גאַנצן עסק מיט דער קאַץ, די באָבע האָט אים געסטראַשעט, אַז דאָס אָנשיקעניש וועט אים גאָט ווייס וואָס טאָן, ס׳וועט גריזשען, בייסן, דראַפּען, נו, האָט זיך אברהמעלע געהאַלטן אַ ביסל פון ווייטנס, אָבער געקוקט אויף דער קאַץ מיט סימפּאַטיע און נייגער. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און דער אומצוטרוי איז פאַרשוואונדן, דער נייגער האָט איבערגעוויגן. פון אָנהייב האָט „דאָס קוועקזילבער“ אונטערגעטראָגן מיקי אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל און דערביי מיט איין האַנט פאָרזיכטיק אַ פיר געטאָן איבערן פעלכל, דערנאָך אַ צי געטאָן פאַרן עק. ווען

אַבֿרהמעלע האָט זיך איבערצײַגט, אַז מיקי האָפּעט נישט, בײַסט נישט, האָט ער זי אַרויסגעטראָגן אויפֿן מיטן שטוב, וווּ ס'זענען געווען אויסגעשפּרייט זײַנע הילצערנע קלעצלעך און געמאַכט זײַן ערשטע, גרויסע אַנטדעקונג: מיקי שפּילט זיך מיט קלעצלעך! אַבֿרהמעלע האָט אַ וואָרף געגעבן אַ קלעצל און מיקי האָט מיט די פֿאָדערשטע לאַפּקעס געשטויסן עס גיך=גיך, געדרייט זיך אין אַ קרײַז. די סימפּאַטיע צום קעצל איז איבערגעגאַנגען אין אַ גרויסער ליבשאַפֿט.

מיקי איז געווען אַ קלוגע, יונגע קאַץ. אין נחום סטאָליאַרס הויז האָט זי זיך געענדערט נישט צו דערקענען: די אײַנגעפֿאַלענע זײַטן האָבן זיך פֿאַררונדיקט. דאָס גרוי=שוואַרץ=געשטרייפֿטע פֿעלכל איז געוואָרן גלאַנציק, ווייך ווי זייד. אויפֿגעפֿירט האָט זיך מיקי נאָר לײַטיש, זויבער און אָרנטלעך: אַליין גאָרנישט גערירט. אפֿילו די באָבע גענענע האָט געריימט איר אָרנטלעכקייט: „מ'וואָלט זי געקאָנט שיקן נאָך סמעטענע“, פֿלעגט זי זאָגן. זי האָט אפֿילו צוגעווינט מיקי צו ייִדישקייט, געמאַכט פֿון איר אַן עכט ייִדישע קאַץ. אין ווינקל בײַ דער הרובע זענען געשטאַנען צוויי אַלטע שיסעלעך, אַ מילכיקס און אַ פֿליישיקס, מיקי האָט שטענדיק פֿריער געגעסן פֿון מילכיקן שיסעלע, אַזוי האָט די אַלטע גענענע זי אינסטרואירט. פֿון אָנהייב איז שווערלעך אָנגעקומען, דערנאָך איז עס געגאַנגען כּשורה.

איין צרה נאָר געווען: אַבֿרהמעלע האָט אַנדערש נישט געוואָלט, נאָר מיקי זאָל שלאָפֿן מיט אים אין בעטל, מיקי איז אויך באַשטאַנען, געלעגן אַ צופֿרידענע אײַנגעדרייט אין אַ בײַגל צופֿוסנס און געוואַרעמט אים די פֿיסלעך. ווי לאָזט מען אָבער אַ פֿיר=פֿיסיק באַשעפֿעניש מיט אַ קינד אין בעט? מיקי איז טאַקע אַן אָרנטלעכע, ייִדישע קאַץ, אָבער פֿאָרט אַ קאַץ, בפֿרט מיט אַ ייִנגל, כּמעט אַ הדר=ייִנגל. אַפֿילו אַבֿרהמעלעס מאַמע האָט גענומען צאָרענען קעגן מיקי. ס'האָט געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס, ווי גערעדט צו דער וואַנט. מיקי וואָלט זיכער אָפּגעטראָטן, אַבֿרהמעלע בשום אופֿן נישט, געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן, אַז מ'האָט געמוזט צוריקלייגן מיקי בײַ זײַנע פֿיס. און אַזוי איז פֿאַרבליבן.

— האָסט געוואָלט, ט'אָסטו דיר, האָסט אַליין אַרויפֿגעשלעפּט אויף זיך אַ צרה, ט'אָסטו דיר פֿאַר דײַן רחמנות, אַ מענטש טאָר נישט האָבן קיין צו ווייך האַרץ — האָט גענע זיך אָפּגערעכנט מיט דער שנור.

צוואָס געווינט זיך אָבער אַ מענטש נישט צו? בײַ נחומען אין שטוב האָט מען זיך צוגעווינט צו אַבֿרהמעלעס נײַע קאַפּריזן, צו זײַן גרוי=

סער פריינדשאַפט מיט מיקי. און מ'האָט אַזוי לאַנג צורו געלאָזט ביז... ביז חנהלע האָט געזאָלט אַוועקפאָרן קויפן פאַר אברהמעלען אַ שוועסטערל.

— און אַז זי וועט אַריינקריכן אין וויגל, כ'האָב מורא, פאַרט אַ קאַץ, מ'דאַרף פריער גאָר פטור ווערן.

— און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ייִנגל זאָל זיך חברן מיט אַ קאַץ? געזען אַזעלכעס! אַ 6=יעריקער יונגאַטש מיט אַ קאַץ! שפּו זאָל עס ווערן! נישט געשטראָפט זאָל איך ווערן פאַר די רייד, ער וועט נאָך חס וחלילה האָבן אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, מיט אַ קאַץ! הלוואי זאָל איך אַ ליגן זאָגן; ביי מיין טאַטן עליו השלום האָט אַ ייִנגל נישט געטאָרט אָנרירן קיין קאַץ און קיין הונט, האָבן מיינע ברידער געהאַט אָפענע קעפּ, געזען אַזעלכעס, אַ ייִדיש קינד, אַ חדר=ייִנגל און שלאָפט מיט אַ קאַץ, און איך דאַרף דאָס צוזען, אויף מיינע אַלטע יאָרן, שוין מער ווי צוויי יאָר האָט אָנשיקעניש און ס'נעמט נישט קיין סוף — אין די באָבע נעכע אויפסניי אַרויס מיט לשון קעגן מיקי.

קיין שווערן קאָפּ האָט אברהמעלע חס וחלילה נישט געהאַט צוליב מיקי. דער רבי, וואָס איז געקומען פון שטאָט לערנען מיט אים, האָט געהאַלטן, אַז ער האָט „אַ שאַרף קעפּל“ און די „פּאַני“ פון דער „שקאָלע“ האָט אים נישט געקאָנט אָפּלויבן. דעצידירט האָט אָבער חנהלעס מורא, נישט מיט קיין לייכט האַרץ נחומען אָנגערעדט פטור צו ווערן פון מיקי. ס'איז בסוד סודות צוגעטראַכט געוואָרן אַ פאַרשווערונג קעגן דער קאַץ, ממש אַן אַטענטאַט: מ'האָט מיקי פאַרנאַרט אין אַן אַלטן טשעמאָדאַן און נחום האָט זיך געלאָזט מיט איר צום אויטאָבוס, מיטן וועג צום שטעטל, וואָס אַן אַכט קילאָמעטער פון דאַנען. סיי ווי געזאָלט דאָרט זיין, פאַר איין וועגס דערליידיקן ביידע זאַכן, דאָס פטור ווערן פון מיקי וועט גאָרנישט קאָסטן, ער וועט זיך אויסשלאָגן הוצאות.

לויט דער פאָרויסגעזעענער סטראַטעגיע איז נחום אַ סטאַציע פאַרן שטעטל אויסגעשטיגן, פאַרנומען זיך אויף אַ זייטיקן וועג, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אַרויסגעלאָזט די קאַץ און גיך אַוועק, געלאָזן מיקי אויף הפקר, אויף גאָטס באַראָט.

— פטור געוואָרן, איצט איז אַ סוף, אַן עק, נישט זיין מער קיין געריייד, זי וועט זיך ווידער ערגעץ אַריינגנבענען די שעלמע — האָט נחום געמאָלדן די ווייבער וועגן דער אויסגעפירטער שליחות, באַרואיקנדיק זיי גלייכצייטיק וועגן וויטערדיקן גורל פון מיקי.

אברהמלע האָט געוויינט און געקלאָגט. מ'האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ קאַץ איז אַ קאַץ, געווען און אַוועק, אַ קעציש וועזן, וואָס ווייסט עס פון צוגעבונדנקייט, פון דאַנקבאַרקייט...?

— אַז זי איז אַוועק, וועט זי שוין נישט צוריקקומען, אַ קעצישער קאָפּ, וועט נישט געדענקען דעם וועג — האָט די באָבע, וועלנדיק, אַז דאָס אייניקל זאָל זיך אַרויסשלאָגן מיקי פון קאָפּ, געשאָטן אים זאַלץ אויף די וונדן.

* *
*

— מיקי! מיקי! מיקי!

אברהמלע איז געשפּרונגען פאַר פרייד. אויפן דריטן טאָג נאָך מיטאָג האָט זיך מיקי פּלוצלונג באַוויזן אין גאָרטן, דרייענדיק מיטן עק איז זי צו מיט אַ מיאַוקעריי צו אברהמעלען, ווי זי וואָלט פאַר אים אויסדערציילט אירע איבערלעבענישן.

— אַ מייוול נישט קיין קאַץ, נישט אַנדערש נאָר אַ נישט-גוטער זיצט אין איר, עפּעס אַ דיבוק — האָט די אַלטע באָבע געפּסקנט — זי איז מיר באַלד פון אָנהייב נישט געפעלן געווען, די אויגאַלעס, עפּעס שטעקט אין איר, פון אַזאַ וועג קומען צוריק, אַ שרעק! ס'געפעלט מיר נישט.

— אוי, ווייבער, ווייבער! וואָס אייך קאָן אַלץ איינפאַלן! וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן? אַ קאַץ, ווי אַלע קעץ, וואָס ווילט איר פון איר? וואָס האָט איר צו איר?

— וואָס האָט מע טאָקע צו איר? וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן? — האָט חנהלע אַ פאַרשולדיקטע זיך גענומען אין פאַרטיידיקונג.

ס'איז פאַרבליבן, אַז מ'האָט מיקי גאָרנישט וואָס פאַרצוואַרפן און ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן

אַז די מאַמע האָט אברהמעלען געקויפט אַ שוועסטערל, איז געקומען פון אַ ווייטן דאָרף די צווייטע באָבע. פעסעלע איז געווען גאָר אַן אַנדערע באָבע, ווי חנהלעס שוויגער. אַ געלאַסענע, גוטמוטיקע, מיט אַ שטאַרק אָפּגעברענט פּנים און מיט אַ געבליומט טיכל אויפן קאָפּ, אונטערגעבונדן ביידע עקן אונטער דער גאָמבע, האָט זי אויסגעזען, ווי אַן אמתע פּויערטע. זי האָט נישט געהאַלטן פון קיין שטאָטישע, האָט

זיך קענענגעזעגנט, אַז חנהלע זאָל בלייבן אין שטאָט ביי איר ברודער אין קראָם.

— די שטאָט האָט ביי דיר אַרויסגעצויגן די כוחות, אויסגעזויגן דאָס בלוט פון די באַקן, האָט זי פאַרגעוואָרפן דער טאָכטער.

מיט די דאָרפישע מתנות פאַר דער קימפעטאָרין האָט זי מיטגעבראַכט אַ מתנה פאַרן עלטערן אייניקל. פון אַ געפלאָכטן, פאַרמאַכט קוישל האָט זי צערטלעך אַרויסגענומען אַ קליין ברוין־שוואַרץ הינטעלע מיט אַ ווייסער לאַטקע אויפן שטערן. אַבֿרהמעלע האָט אונטערגעטאַנצט פון שמחה. טאַטע־מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. די באָבע נעכע האָט פאַרבויגן די גאַסטפרייַנדלעכקייט און אַרויס מיט לשון:

— צו אַלע ווייסטע פעלדער! אַן אייגנפּאַל! געזען אַזעלכעס? קיין בעסערע מתנה האָט איר נישט געהאַט פאַרן אייניקל? ער האָט אַ קאַץ, גיט מען אים צו אַ הונט, איצט אַ גאַנצע מענאַזשעריע, טפו זאָל עס ווערן! אין אַ יידישער שטוב אַזעלכעס. ווייניק צרות געהאַט מיט דער קאַץ, טאָ האָסטו דיר אַ הונט אויכעט, האָט־זשע קיין פאַריבל נישט, מחותנתטע, אין אייערע יאָרן ליגן אייך אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן, געזען אַזעלכעס, אַ מענאַזשעריע אין שטוב, טפו זאָל עס ווערן!

— בייזערט אייך נישט, מחותנתטע, אַ הונט קומט צוניץ, אַ געטריי באַשעפעניש.

— געטריי, געשמיי, צוואָס טויג אונדז אַ הונט? צו וועלכע שוואַרצע יאָרן? וואָס זענען מיר, גויים, להבדיל?

— אַז מע ווינט הינטערן שטאָט, קומט צוניץ, איך קאָן איבערלאָזן דאָס גאַנצע הויז מיט טיטוסן, אויף מיין שאָדן געזאָגט, וואָס דאָס הינטל וועט אייך שלעכטס טאָן, אָן טיטוסן האָב איך געבונדיגע הענט.

טיטוס איז איר געטרייער הונט, היט דאָס גאַנצע דאָרפישע באַלעבאַטישקייט. איין גאָט אין הימל ווייסט, פאַרוואָס פעסלע האָט אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן. מיטן זעלבן נאָמען האָט אַבֿרהמעלע באַלד געקרויגט זיין מתנה־הינטעלע. און ער איז גלייך צוגעטראָטן מאַכן באַקאַנטשאַפט צווישן טיטוסן און מיקי. די קאַץ, דערזעענדיק דעם הינטישן גאַסט, האָט זיך אָנגעבלאָזן, געדרייט מיטן עק, געקוקט שאַרף מיט די גלאַנציקע, גרינע אויגן און אַרויסגעלאָזט אַ משונהדיקע מרוקעריי. דאָס הינטל האָט מיט אַ שפּיציק, קלאָגעדיק קולכל אָנגעהויבן בילן, ווי עס וואָלט גערופן עמעצן צו הילף.

— מיקי, זאָלסט נישט טשעפּען טיטוסן, דו הערסט?

אברהמעלע האָט מיט מייקין גערעדט יידיש, מיקי האָט פאַרשטאַנען, אַראָפּגעלאָזט דעם עק און אַוועק.

די באָבע נעבע האָט באַלד פון אָנהייב געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך און מודיע געווען דעם בני־בית, אַז זי וועט נישט האַלטן קיין הונט אין שטוב, זי וועט שוין געפינען אַ פאָרטל פון אים פּטור צו ווערן. ס׳טוט זיך אָבער נישט אַזוי לייכט, ווי ס׳רעדט זיך. גיי ווער פּטור פון אַ לע־בעדיק באַשעפעניש. אַ גוי להבדיל, אַז ער נײטיקט זיך נישט אין דעם הינטישן אָדער קעצישן קליינוואַרג, דערטרינקט ער. מ׳איז דאָך חס וחלילה נישט קיין גויים, מ׳מוז וואַרטן ביז ס׳וועט אונטערקומען עפּעס אַ געלעגנהייט, ביז מען וועט קאָנען עס ערגעץ אָפּשטעקן.

קיין געלעגנהייט האָט זיך נישט געמאַכט. דערווייל איז טיטוס גע־וואַקסן אויף די אויגן און זיך אַזוי איינגעלעבט מיט מיקי, אַז זיי האָבן געגעסן פון איין שיסעלע.

— זע נאָר דאָס אומגליק, אַ פאָהיבל אויף זיי, אַ קאַץ און אַ הונט צוזאַמען, און דיין קדיש אין דער מיטן, קושט זיך מיט זיי אין די פּיס־קעלעך — האָט נעבע שוין מיט רעזיגנאַציע ראַפּאָרטירט פאַר דער שנור, קוקנדיק ווי מיקי און טיטוס עסן צוזאַמען אונטער דער השגחה פון אברהמעלען.

פונעם מאָן האָט חנהלע אַרויסגעפילט, אַז פאַר דער שוויגער איז דאָס אומגליק שוין נישט אַזוי גרויס, זי געוווינט זיך צו צו דער נייער צרה. און אַזוי איז געשען. די אַלטע נעבע האָט זיך ביסלעכווייז צוגע־וווינט צום הונט, ווי זי האָט זיך צוגעוווינט צו דער קאַץ, שלום געמאַכט מיט דער „מענאַזשעריע“, כאָטש זי האָט ביי יעדער געלעגנהייט געזידלט און געשאָלטן מיקי און טיטוסן און געמוסרט דאָס איינגיקל.

* *
*

ס׳איז געקומען דער סוף־זומער 1939. אברהמלע איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ דערוואַקסענער, אַ דערוואַקסענער אָן יאָרן. פון לויטערן, סוף־זומערדיקן הימל איז דערגאַנגען אַן אומהדייק רויש, אָנגעוואָרפן אַ פּחד. אברהמעלע האָט אָפּגעזוכט אַ בלוי שטיקל גלאָז, צוגעלייגט צום רעכטן אויג, דעם לינקן פאַרמאַכט, פאַרריסן דעם קאָפּ און געקוקט אין הימל, געוואָלט זען, ווי דאָס זעט אויס, וואָס מ׳האָט דערפאַר אַזוי מורא. דער

קינדערשער נײַגיר איז גיך איבערגעגאַנגען. אברהמעלע האָט אויפֿגעהערט זיך שפּילן, געהאַלטן זיך איצט מער מיטן טאַטן, געוואָלט אים אין אַלעמען העלפֿן. די באָבע נעכע האָט געהויבן די אויגן צום הימל און דערמאָנט דעם רבונו של עולם, אַז ער איז אַן אל מלא רחמים, דאַרף נישט פֿאַרלאָזן זײַנע קינדער. הינדעלע האָט געקוקט מיט פֿײַכטע אויגן אויף אברהמעלען, געטוליעט צו זיך זײַן שוועסטערל, נחום האָט שטיל געטרייסט, פֿאַרזיכערט, אַז די מלחמה קאָן לאַנג נישט דויערן. אין מיקי און טיטוסן האָט מען אײַנגאַנצן פֿאַרגעסן. אפֿילו אברהמלע. אַזוי פֿיל זאַכן באַשעפֿטיקן איצט זײַן מוח, ער וויל וויסן, וויל פֿרעגן פֿאַרוואָס און פֿאַרוואָס? ביז ער האָט זיך איין מאָל אָנגענומען מיט כּוח און אַ פֿרעג געטאָן די באָבע:

— טאָ פֿאַרוואָס לאָזט זיי דער רבונו של עולם מאַכן אַ מלחמה?

די אַלטע נעכע האָט אויסגעגלאָצט אויפֿן אייניקל אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, געעפֿנט דאָס מויל, ווי אַ פֿיש אויף דער יבשה און אויסגעשאָסן:

— זינדיק נישט! מ'האָט שוין גענוג אָנגעזינדיקט, גאָטס שטראָף...

די באָבע נעכע האָט צוגעדריקט צו זיך דאָס אייניקל און זיך צעכליפּעט.

אברהמעלע האָט מער נישט געשטעלט קיין פֿראַגן, קיינעמען נישט. דאָס קינדערישע מויל האָט זיך פֿאַרשלאָסן, ווי בײַ אַ דערוואַקסענעם, נאָר די אויגן האָבן געפֿרעגט, זענען גרעסער געוואָרן.

* *

*

אַז מ'האָט געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן דעם „הינטערן שטאָט" און זיך איבערפֿירן אין געטאָ, האָט אברהמעלע געהאָלפֿן דעם טאַטער אויספּאַרטיקן אַ וועגעלע. אויפֿלאָדן האָט מען באַטגעוואַנט, אַ פּאָר שטיקלעך מעבל, עטלעכע טשעמאָדאַנען, קוישלעך, אַנדערע פּעקלעך; טאַטע און זון האָבן דעם „באַגאַזש" צוגעבונדן מיט שטריקלעך און מ'איז געווען פֿאַרטיק אין וועג. וואָס וועט אָבער ווערן מיט מיקי און טיטוסן? אברהמעלען האָט אַזוי ווי געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר זיי, זאָל ער גאָרנישט בעטן מ'זאָל זיי מיטנעמען? נאָר סײַ ווי טאָר מע נישט ברענגען אין געטאָ קיין הונט און קיין קאַץ, אפֿילו נישט קיין עופֿות.

ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז מיקין און טיטוסן פאַרשליסט מע דערווייל אין גאָרטן, זיי זאָלן נישט קאָנען נאָכלויפן, ווען זיי וועלן זיך אויסהונגערן, וועלן זיי זיך אַליין אַרויסקריגן. נישקשה, זיי וועלן זיך אַן עצה געבן, וועלן נישט פאַרפאַלן גיין, ווער וועט ידען וויסן, אַז ס'איז אַ יידישע קאַץ און אַ יידישער הונט...?

נחום סטאָליאַר איז איינגעשפּאַנט אין וועגעלע, די אַלטע נעכע און אברהמעלע שטופּן אונטער, חנהלע טראָגט אויף די הענט דאָס איינגע־שלאָפענע מיידעלע. דאָס וועגעלע איז שווער, פול געפּאַקט, נחום שפּאַנט פּאַמעלעך איבער די אויסגעשטאַרטע שטיינער פון הינטערשטאָטישן וועג, די קליינע קאַראַוואַנע ציט זיך, ווי אַן איינזאַמע לוויה, שוין געווען אָפּגע־גאַנגען אַ שפּאָר שטיק וועג, ווי ס'האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ באַ־קאַנט בילן און מיאַוקען.

— אוי, אַן אומגליק, די מענאַזשעריע — האָט אויסגעשריען די אַלטע נעכע.

דער קאַראַוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. הינטער אים האָט מיט גיכע טריט געשפּרייזט טיטוס, מיקי איז געלאָפן נאָך אים. נעכע האָט זיך צעשריען אויף אַלע כלים, אָנגעהויבן טופּען אויף זיי מיט די פיס, גע־כאַפּט אַ שטיינדל און געוואָרפן דאָ אין איינעם, דאָ אין צווייטן פון די אומגעבעטענע באַגלייטער. טיטוס האָט פאַר יעדעס מאָל אַ וואָרטישע געטאָן און אָפּגעטראָטן, מיקי האָט אויפן קעצישן אופן זיך צעוויינט און אָפּגעשפּרונגען. ווי גיך דער קאַראַוואַן האָט גערירט פון אָרט, האָבן דער הונט און די קאַץ זיך געלאָזט נאָך אים, צוממערשט אָנגעיאָגט, דערנאָך זיך געהאַלטן אין דיסטאַנס, נאָכגעגאַנגען מיט פּאַמעלעכע גע־מאָסטענע טריט.

— ס'וועט גאָרנישט העלפן, מ'וועט זיי דאָ נישט בייקומען — האָט נחום אַ פאַרסאַפּעטער זיך געבעטן — זאָלן זיי, מ'וועט שפּעטער זען.

אברהמעלע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געבעטן מיט טרערן אין די אויגן:

— זאָל מע זיי שוין מיטנעמען.

איבערן שטאָט האָט אַ פאַרשוויצטער מאַן געשלעפּט אַ וועגעלע, געצויגן מיט די לעצטע כוחות, אַן אַלטע פאַרי־אָמערטע פרוי און אַ 7—8־יעריק יינגל האָבן אונטערגעשטופּט, אַ שוואַרץ־הנעווידיקע, יונגע פרוי מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַן איינגעשלאָפן קינד אויף די

הענט האָט געטראָטן ביי זייער זייט, נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ שיינער יונגער הונט און אַ גרויסע גרויע קאַץ.

*   *
*

אין צוויי קליינטשיקע צימערלעך זענען צוויי משפחות מיט קינדער-לעך אַריינגעשטופּט ווי הערינג אין אַ פעסל. נחום סטאָליאַר האָט אויסגענוצט אַלע זיינע קענטענישן, זיין גאַנצע בריהשאַפט און אויפגעשטעלט אַז אַלט בעט, אַן אייזערן אייוועלע אָפּצוקאָכן אַ ביסל געקעכץ, צוגעשפּאַרט צום וואַנט דאָס קליינע טישל, צוויי בענקלעך, מע זאָל ווי מענטשן קאָנען אָפּעסן, אַריינגערוקט אין די ווינקלעך איינס אויפן אַנדערן די קוישן, קוישלעך, טשעמאָדאַנען מיטן ביסל באַלעבאַ-טישקייט, האָט פיל מאָל איבערגעשטעלט, „איבערמעבלירט", געמאָסטן די שמאָלע ווענט מיטן סטאָליאַרישן צענטימעטער, געפּלאַנעוועט פּאַכ-מעטעריש ביז ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו געווינען אָרט אויפצושטעלן אויף ביינאַכט אַן אייזערן בעטל פאַר דער באָבען מיטן עלטערן אייניקל.

די אַלטע נעכע איז אַרומגעגאַנגען, ווי אָן אַ קאָפּ, שטילערהייט גע-זיפצט, געווישט מיטן פאַרטוך די אויגן, דער „הקדיש" האָט זיך איר איינגעגעסן אין די ביינער, און דעם גאַנצן כעס אויסגעלאָזט צו מיקי און טיטום:

— אַ פּאָהיבל אויף אייך — האָט זי געשאָלטן — ווען נאָך ברענגען ווער ווייסט וואָסער אומגליק, קנאַפּ די ענגשאַפט, פּלאָנטערן זיי זיך נאָך צווישן די פיס, גיי שפּאָר אָפּ פאַר זיי פון די קינדערס מויל — האָט זי זיך געבייזערט אויף דער שנור.

אין דעם פאַל איז נעכע נישט גערעכט געווען. צווישן די פיס האָבן מיקי און טיטום זיך נישט געפּלאָנטערט, אפגים פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, די קאַץ און דער הונט האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אונטערן הילצערנעם אַלטן בעט, מיקי איז מער נישט געקראָכן צו אברהמעלען אין בעטל, איר אָרט האָט פאַרנומען די אַלטע נעכע. זינט אברהמעלע האָט אויסגעשפּרייט אונטער די עלטערנס בעט אַ זאַק און אָנגעוויזן מיקי אויף איר געלעגער, האָט די קאַץ געגעכטיקט צוזאַמען מיטן הונט. מיקי האָט נישט געהאַט קיין קעצישן קאָפּ, האָט געדענקט.

וואָס שייך דאָס אָפּשפּאָרן פון מויל, איז דאָס אויך נישט ריכטיק געווען. מיקי און טיטוס האָבן אַליין געזאָרגט וועגן זייער אויסקומעניש. פון אָנהייב האָט די באָבע נעכבע אינדערהפרי זיי אַרויסגעיאָגט מיטן בעזעם, באַוואָרנט זיך אַברהמעלע זאָל חס וחלילה נישט אָפּשפּאָרן עפּעס פון זיין קאַרגן אָנבייסן און געהיים צוואַרפן זיינע פירפיסיקע פריינד. דערנאָך פלעגן די קאַץ און דער הונט אַליין אינדערפרי פאַרלאָזן די שטוב, געבלאָנקעט זיך פאָרזיכטיק איבערן געטאָ, פאַרגנבעט זיך ווער ווייסט ווו, געזוכט צו דערהאַלטן דאָס חיות. ערשט אויף אָוונט האָט זיך דערהערט אַ שטיל דראַפּען אין טיר. אַברהמעלע פלעגט זיך אויפרייסן און לויפן עפענען. געוויינלעך פלעגט פריער צוריקקומען טיטוס. ס'פלעגט אָבער טרעפן, אַז דער הונט און די קאַץ האָבן זיך באַגעגנט הינטער דער טיר. דער באָבע נעכעס כעס איז דעמלט געווען אין לשער, געכאַפּט דעם בעזעם, אַברהמעלע האָט מיט צעשפּרייטע הענט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן ביידע צדדים. טיטוס און מיקי האָבן משמעות גוט געקענט נעכבעס ביטער געמיט און שנעל אַרונטער אונטערן בעט.

— באָבע, וואָס אַרט דיר? ווו זאָלן זיי געכטיקן? אַ רחמנות אויף זיי — האָט אַברהמעלע איינגענומען די דערצאָרנטע באָבע.

— אַ רחמנות — האָט די באָבע איבערגעחזרט — אויף אונדז האָט קיינער קיין רחמנות נישט, גאָטס גזר האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז, ס'איז אַ בראָך צו אונדז, און דו... דו מיט קעץ און הינט, זיי וועלן אונדז נאָך פאַרשלעפּן... טפו, כ'וויל פאַרן מויל נישט ברענגען, די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין... אַ נייער גזר דין אויף אונדז און דאָ קעץ און הינט.

נעכבע האָט אין זינען געהאַט דעם טיפוס. אין גאַנצן הויז זענען מענטשן געלעגן אין פיבער, אויסגעווייקט אין שווייס, די מיילער פאַרברענט. אין צווייטן קאַמער איז לעבן וואַנט אויף אַ זאַק שטרוי געלעגן אַן אַלטער טאַטע און געפּלאַפּלט פון היץ. דאָס בעט האָט מע געמוזט לאָזן פאַר די צוויי אייניקלעך, מיט וועלכע ער איז פריער געשלאָפן.

אויף צו מאָרגנס איז אַברהמעלע פריער ווי אַלע מאָל אַראָפּ פון בעט און אויפגעמאַכט די טיר. מיקי און טיטוס האָבן ווי אויף אַ ווונק אַרויסגעשלייכט זיך פון אונטערן בעט און גיך פאַרלאָזן די שטוב. די אַלטע נעכבע האָט דאָס מאָל נישט געהאַט קיין חשק אויפצושטיין, די פיס זענען איר געליימט געווען, פאַרענטפערט זיך פאַר דער שנור, וואָס זי גיט זיך נאָך דעם ווילטאָג. די פיס זענען טאַקע ביי איר אַזוי ווי פון וואַטע

און אינגאַנצן איז זי עפּעס אויך נישט מיט אַלעמען, נאָר אַ מענטש מאָר זיך נישט נאָכגעבן, אָט באַלד וועט זי זיך אָננעמען מיט כּוח און אויפשטיין. הנהלע איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן בעט און ווי צו זיך אַליין שטיל גערעדט, אַז דאָס קינד „ברענט ווי פייער". די באָבע האָט מאָמענטאַל באַקומען פרישע כּוחות און אויפגעריסן זיך פון בעט.

— דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס אומגליק וועט זיך אַריינכאַפּן, ווייל איז צו מיינע יאָרן, אויב ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל... נישט געשטראָפט זאָל איך ווערן פאַר מיינע רייד, אַ מענטש זינדיקט שטענדיק... גיב אַהער דאָס קינד!

דאָס יינגערע אייניקל האָט דעם גאַנצן טאָג „געברענט ווי פייער", די באָבע האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיטן קינד אויף ביינאַכט. אברהמעלע איז געגאַנגען שלאָפן צו טאַטע-מאַמע. אויף צו מאָרגנס האָט די באָבע אויך „געברענט ווי פייער", געוואָלט נאָך אויפשטיין, נאָר שוין נישט געקאָנט.

— פּטר נישט קיין צייט אויף מיר, כ'על סיי ווי לאַנג נישט אָנהאַלטן, מיינס שוין אָפּגעלעבט, ראַטעוועט ס'קינד, אומשולדיק נפשל... מ'דאַרף לויפן... מ'דאַרף...

וואָס מ'דאַרף האָט שוין נעבע אַליין נישט געוווסט, דער פיבער האָט זי געהאַלטן אין קלעם, אָנגעהויבן צעמישן די געדאַנקען, זי האָט עטלעכע טעג נישט נאָכגעגעבן, איצט האָבן איר אַלע כּוחות פאַרלאָזן. און זי האָט זיך נישט טועה געווען — האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דאָס קינד האָט מען אויך נישט אָפּגעראַטעוועט, ס'האָט זיך בלויז לענגער געמאַטערט ווי די באָבע. נעבע האָט זיך שנעל, כמעט ראַפּטעם אויסגעלאָשן, דאָס אומשולדיקע נפשל האָט פאַמעלעך געצאַנקט, אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכטל.

אין דער קליינער קאַמער איז געוואָרן געראַם, לויז. דער אומעט און טרויער האָבן פריי אַרומגעהוליעט. אברהמעלען און זיין טאַטע-מאַמע האָט זיך געדאַכט, אַז דער צימער איז נישט דער זעלבער, האָט באַקומען הונדערטער ווינקלען, ס'האָבן זיך דאָרט פאַרשטעקט שוואַרצע רוחות. מיקי און טיטוס האָבן איצט אַ ביסל היימלעכער געמאַכט די פאַריתומטע, פאַראומערטע שטוב.

* *

*

לאַנג האָט מע נאָך די געשטאָרבענע נישט געוויינט. אַ נייער אומגליק רוקט אָפּ אין אַ זייט, מאַכט פֿאַרגעסן דעם פֿריערדיקן. אין שטוב האָט זיך סאָליד איינגעקוואַרטירט דער הונגער. פֿאַרן הונגער האָט מע מער מורא געהאַט ווי פֿאַרן טויט.

נחום סמאָליאַר איז געווען אַ יונגער, געזונטער מענטש, געהאַט 36 יאָר און צוויי געניטע הענט. קיינער האָט אָבער נישט געדאַרפֿט זיינע פֿאַכמענישע הענט. די ערשטע צייט האָט ער זיך נאָך געדרייט ביי וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, מ'האָט צוגעשטיקעוועט פֿון ביסל מזומן, וואָס מ'האָט געהאַט און די גוטע צייטן אָפּגעשפּאָרט, דערנאָך אויספֿאַרקויפֿט פֿון שטוב, מ'האָט ווי נישט איז אָפּגעטריבן דעם הונגער.

די קרענק פֿון דער אַלטער נעכע און פֿונעם קינד האָט אַוועקגענומען דאָס לעצטע ביסל פֿאַרמעגן, נישט געווען מער וואָס צו פֿאַרקויפֿן. חנהלע האָט שוין מער נישט געוויינט, אירע אויגן האָבן אויסגעטריקנט; זי איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אַ שווייגעדיקע, אַן אויסגעלאָשענע, די פֿיס אויפֿגעבלאָזן, די צאַרטע באַקן איינגעפֿאַלן, פֿון מאָל צו מאָל נאָר שטיל געמורמלט: אברהמעלע, אברהמעלע... ווי זי וואָלט אים באַוויינט און נישט דאָס טעכטערל. ביי אברהמעלען איז דער בויך אויפֿגעלאָפֿן, ווי מ'וואָלט אים אָנגעפּאָמפּעוועט מיט וואַסער. חנהלע האָט פֿאַרגעסן אין אייגענעם הונגער, וואָס האָט גענאָגט אונטערן לעפֿעלע, געזויגן, ווי אַ פּיאַווקע וואָלט זיך דאָרט אָנגעהאָנגען. ווי אַזוי זאָל זי ראַטעווען פֿון הונגער אברהמעלען? נחום האָט דעם גאַנצן טאָג אויסגעמאָסטן דאָס געטאָ, צוריקגעקומען מיט עטלעכע פֿעניצן פֿאַרדאַרט ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפֿל און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו קוקן דעם ווייב אין די אויגן.

אברהמעלע האָט שטילערהייט צוגעטראַכט אַ פּלאַן: ער וועט אויך... וועט מער נישט זיצן אין שטוב, אַז מע וועט יאָגן וועט ער אַנטלויפֿן, ער וויל נישט די מאַמע זאָל שטאַרבן פֿון הונגער, וועט טאָן ווי די אַנדערע, אַנדערע קאָנען, ער נישט? דער מאַמען וועט ער זאָגן...

— כ'וועל גיין פֿאַרדינען... כ'וועל האַנדלען, כ'וועל ווי שייקע... ער קאָן האַנדלען, איך נישט?

דער 8־יעריקער שייקע האָט מער געבעטלט, ווי געהאַנדלט, נאָר פֿאַר די שכנים האָט עס געהייסן, אַז ער האַנדלט. פֿלעגט אַוועק מיט עפּעס אַן אַלטן מלבוש אָדער אַ שטוב־חפֿץ און צוריקקומען מיט אַ ביסל שפּייז, אָפּטמאָל צוזאַמען מיטן „פֿאַרדינסט“ צוריקגעבראַכט די „סחו־

רה", געגאַנגען פֿאַרקויפֿן די זעלבע זאַך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. שייקע איז געווען אַן אויסטויגער, פֿלעגט פֿאַרשווינדן אויף גאַנצע טעג און צוריקקומען, קיינמאָל נישט מיט ליידיקע הענט. די קראַנקע מאַמע האָט אים געליבט אין הימל אַריין, געווען דער איינציקער שפּייזער פֿון דער משפּחה. שייקע איז וואָס אַן אמת נישט געווען קיין אויסנאַם אין געטאָ, געווען אַ סך 8־יעריקע און אַפֿילו 5 — 6־יעריקע שפּייזער, זיי האָבן אַלע געהאַט די זעלבע צוויי פּרנסות: האַנדלען און בעטלען. פֿונדעסטוועגן האָט שייקע אין אַברהמעלעס אויגן אויסגעזען צו זיין אַ גרויסער אויפֿטוער, ער איז אים מקנא געווען, יענער לאָזט נישט דער קראַנקער מאַמע הונגערן, ברענגט יעדן טאָג עפּעס צוטראָגן, אַברהמעלע וואָלט געוואָלט זיין ווי שייקע, ער וואָלט דען נישט געקאָנט דאָס זעלבע? ווען די מאַמע און דער טאַטע וואָלטן אים נאָר געלאָזט.

קאָם מאָל האָט דער טאַטע אים געלאָזט, צומאָל איינגעשאַפֿט אים אַ קרעמל.

נחום סמאָליאַר האָט צונויפֿגעקלאַפּט פֿון עטלעכע ברעטלעך אַ שעכטל, צוגעפּעסטיקט פֿון ביידע זייטן זיין אויסגעריבענעם פּאַסעק פֿון די הויזן, פֿאַר שווער דעראָבערטע און אויסגעליענע גראָשנס איינגעקויפֿט שוועבעלעך, פּאַפּיראָסן, צוקערלעך, עטלעכע סחורות און אָנגעהאַנגען דאָס קרעמל דעם זון אויפֿן האַלדז. אַברהמעלע האָט זיך געלאָזט איבער די גאַסן, נאָכגעמאַכט די אַנדערע קליינע הענדלער, אויסגעזונגען מיט אַ קלינגענדיק שטימעלע זיין סחורה. ער האָט זיך אויסגעטיילט צווישן זיינסגלייכן, נישט געווען נאָך אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, די געטאָ־גאַס האָט אים נאָך נישט געהאַט אָפּגעווישט דאָס אייגענע פּנים, זיין שטימעלע האָט נאָך געקלונגען קינדעריש. צי צוליב דעם, צי צוליב עפּעס אַ צופֿאַל, גענוג, ער האָט „געכאַפּט" קונים, דער האַנדל איז אים געגאַנגען. צוריקקומענדיק אַ היים, פֿלעגט ער אין איין אָטעם אַרויסלייגן פֿאַר דער מאַמען דאָס ביסל לייזעכץ און געבעטן זי:

— פֿאַר דיר, מאַמע, קויף אַ זעמל.

דעם טאַטן האָט אויך „צוגעגליקט", די גמינע האָט אים לסוף באַשעפֿטיקט אַלס קברן, קברנים האָט מע געדאַרפֿט אַלע מאָל מער, חברה קדישה, קברנים האָבן געהאַט פֿולע הענט אַרבעט... ביי נחום סמאָליאַר האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשטופּן דעם הונגער פֿון שטוב, ער האָט זיך נישט געלאָזט דער הונגער, געווען אַ תקיף, אַ שטאַרקער, געהאַט שטענדיק די אויבערמאַכט. אַברהמעלע מיט טאַטן האָבן צוזאַמען אים אָפּ־

געקומען אַ ביסל פון זיין אַלמעכטיקייט. אפילו טיטוס און מיקי האָבן דאָס געפילט, זיי איז אויך צייטנווייז צוגעפאַלן עפעס אַ ביסן, כאָטש זיי האָבן ווייטער אַליין געסטאַרעוועט זיך וועגן זייער אויסקומעניש, געפירט זיך, ווי פאַר געכעם לעבן. חנהלע איז ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך, אָפטער אָנגעהויבן אַרויסרעדן אַ וואָרט, נאָר נאָך אָפ־טער געקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן אויף אברהמעלען, אָפגעפירט אים יעדן טאָג ביזן טויער אַרויס, אַרויסגעשמעקט דעם קאָפ און אויס־געפאָרשט. דאָס האַרץ איז איר שיעור נישט אַרויסגעפאַלן ביז זי האָט אים צוריקגעזען, טיילמאָל פאַרהאַלטן אים אין שטוב, וואָס ס'זאָל נישט געשען, זאָל מע כאָטש זיין צוזאַמען.

— הייַנט נישט, זונעלע, מ'האָט געכאַפּט אין גאַס, הייַנט נישט — האָט חנהלע געזאָגט אין אַ זומער־פרימאָרגן 1942.

נחום האָט אונטערגעהאַלטן דאָס ווייב.

— אַז די מאַמע האָט מורא, וועל איך נישט.

ס'איז געווען אַ הייסער, ליכטיקער פרימאָרגן. דער הרויסן האָט גערופן, געלאָקט, געצויגן, אברהמעלע האָט ליב באַקומען די גאַס, און ער איז האָך שוין אַ דערוואַקסענער, אַ פאַרדינער, אַן אויסטויגער.

— נאָר פאַרן טויער, אָנעם שעכטל, אַזוי אַ ביסל אַרויסגיין אויף דער לופט, כ'וועל באַלד צוריקקומען.

ער איז באַלד נישט צוריקגעקומען. קוים זיך דערווייטערט אַ ביסל פון הויז, ווי ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס, אַ לויפעניש. עמעצער האָט אים אַ שטופּ געטאָן, ער איז געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און געוואָלט לויפן אַ היים, נאָר ס'איז געוואָרן אַ ווילדע לויפעניש, ער איז צעטומלט געוואָרן, געלאָפן אַזוי ווי אַנדערע. אָבער וואָס האָט ער צו לויפן, אַז ער דאַרף אַ היים? די מאַמע וואַרט האָך... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרקערעוועט, אוי, פּאָליציי, מע כאַפּט דאָרט.

אברהמעלע האָט זיך שוין נישט אייַנמאָל אַרויסגעדרייט. ער איז דורכגעלאָפן עטלעכע געסלעך, אַרייַנגעפאַלן אין עפעס אַ הויפל, באַ־האַלטן זיך, ער וועט איבערוואַרטן. דאָס האַרץ איז ביי אים געגאַנגען ווי אַן אַלטער וואַנט־זייגער, ער האָט אונטערגעהאַלטן מיט דער רעכ־טער האַנט, ס'זאָל אַזוי נישט קלאַפּן, ס'קאָן נאָך עמעצער דערהערן, אוי, ער זיצט שוין דאָ אַזוי לאַנג און די מאַמע וועט... ער איז פאַר־זיכטיק אַרויס פון הויפל, אַרומגעקוקט זיך, אָנגעשפיצט די אויערן: ס'איז שטיל. ער האָט זיך געלאָזט צוריק אַ היים, געלאָפן אין איין

אַטעם, נאָר אין שטוב שוין קיינעמען נישט געטראָפן, דאָס גאַנצע הויז אויסגעליידיקט, פּוסט, אָפּגעשטאָרבן.

וואָס זאָל ער איצט טאָן? ווו קאָנען זיין די מאַמע און דער טאַטע? ביי וועמען פרעגן, אַז אַלע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, פאַרגראָבן זיך ערגעץ אין לעכער? אפשר בעסער וואַרטן ביז עמעצער וועט אַרויסגיין?

אברהמעלע איז געבליבן אַליין אין שטוב, אַליין אין גאַנצן הויז, אַליין אויף דער וועלט, דאָס צימערל איז אַזוי אומעטיק פאַרוויסט, די צוויי בעטן זענען אויפגעבעט, שטייען פרעמדע, קאַלטע, אבלדיקע, ווי מ'וואָלט פון זיי מתים אַרויסגעטראָגן. אברהמעלע האָט מורא צו זיין אַליין, נאָר ווו זאָל ער גיין? ס'שטיקט אים עפּעס אין האַלדז, דאָס מויל ציטערט שטאַרק, גיין, ער וועט נישט וויינען, מ'קאָן דערהערן, ער איז דאָך שוין אַ גרויסער ער וועט שפּעטער גיין...

אַ משונהדיק פאַרשטיקטע כליפּעריי האָט גובר געווען אברהמעלעס ווילן און אַרויסגעריסן זיך פון האַלדז, געקומען פון ערגעץ טיף פונעם אויפגעבלאָזענעם בויך, געטרייסלט דאָס אויסגעדאַרטע גופל. אַ צעשראָקענער האָט ער אַריינגעשטופּט די פינגער פון ביידע הענט אין מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט די כליפּעריי צוריק אַריינשטופּן אין האַלדז.

* *
*

צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט איז מיקי אַריינגעקראָכן אין בעט. אברהמעלע האָט גענומען די קאַץ צו זיך, זי צוגעטוליעט און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. טיטום איז אַרויס פון אונטערן בעט, אַוועקגעלייגט זיך פאַר אברהמעלעס געלעגער, אויסגעצויגן דעם האַלדז, מיט וואַסערדיקע אויגן געקוקט דורך דער פינצטערניש און שטיל געוואָרטשעט, ווי ער וואָלט אי מיטגעוויינט, אי געטרייסט. אויפצומאָרגנס זענען דער הונט און די קאַץ פאַרבליבן אין שטוב, די טיר איז געשטאַנען האַלב אָפן, זיי זענען נישט אַוועק. אברהמעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און נישט געוווסט וואָס ס'קומט פאָר, האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען דאָס צווייטע אויפגעבעטע בעט און זיך דערמאָנט.

זיי זענען אַלע דריי אַרויס פון שטוב, אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ מיט פאַמעלעכע, שטילע טריט. מיקי איז געבליבן, נישט קיין קעצישע זאַך צו באַגלייטן, און אויך נישט פאַר אירע כוחות, די געטאָ-קעסט

האָט געמאַכט פון איר אַ תל, פונדעסטוועגן האָט זי זיי אַרויסבאַגלייט ביזן טויער, אָפּגעשטעלט זיך, און אומעטיקן מיאַוקע געטאָן, ווי זי וואָלט געוואָרנט פאַר אַ געפאַר, דערנאָך פאַרקערעוועט צוריק, פאַרשוונדן ערגעץ אין הויף. טיטוס האָט געטריי באַגלייט, געהאַלטן זיך, ווי צוליב פאַרזיכטיקייט אויף אַ שטיקל דיסטאַנס, אָבער כסדר נאָכגעגאַנגען.

ווייט איז אַברהמעלע נישט אַוועק. פון אַ דורכשנייַדנדיקער גאַס האָט זיך דערהערט אַ פאַרדעכטיקער טומל, באַלד דערנאָך אַ טופּעריי, אַ לויפעניש, ווי נעכטן. אַברהמעלע האָט דאָס מאָל נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ, געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ צוריק אַ היים, ער וועט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויף, הינטערן מיסט־קאַסטן, ער וועט אַריינקריכן אינעווייניק... טיטוס איז געלאָפן פאָרויס, ווי ער וואָלט געוואָלט צואײַלן, העלפן אַנטרינען פון דער געפאַר. עטלעכע שאָסן, משונהדיקע געוואַלדן, אַברהמעלע לויפט מיט אַלע כוחות, אָט־אָט וועט ער זיין אין הויף, ער איז שוין־שוין ביים טויער, אַ קויל האָט אים האָ דעריאָגט.

דער דייטש, וואָס איז דערנאָך פאַרבייגעגאַנגען, דער זעלבער, וואָס האָט פריער געשאָסן, האָט איצט געזען, ווי אַ הונט און אַ קאַץ זענען מיט אַ וואָיען און מיאַוקען צוגעפאַלן צום קינדערישן בר־מינן, נאָר טיטוס און מיקין איז דערווייל קיין שלעכטס נישט געשען, דייטשן שיסן נישט אויף קיין הינט און קיין קעץ, אפשר איז דער געווען אַ צער־בעלי־חיימניק...

אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט האָבן די אויסבאַהאַלטענע אין די קעלערס פון די שכנותדיקע הייזער געהערט אַ קלאָגעדיק וואָיען פון אַ הונט און אַ וויינענדיק מיאַוקען פון אַ קאַץ.

אויף צומאָרגנס האָבן די מתים־טרעגער צונויפגעקליבן די דערשאָסענע, זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן, ווי חיות נאָך יאַגד. אַז די טרעגער זענען צוגעקומען מיט די שלעפּ־וועגעלעך צום הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט נחום סטאָליאַר, האָבן זיי געטראָפן אַ דערשאָסן ייִנגל און הארט לעבן אים, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף די איינגעדרייטע קינדערישע קנאָכנס, אַ טויטן, שוואַרץ־ברוינעם הונט. אַ ביסל ווייטער, אין טויער שוין, איז געלעגן אויסגעצויגן, אַ טויטע, גרויע קאַץ.

דער אויסוואַל

צו יעדער אַדרעס, וואָס מ'האָט געדאַרפט פאַרגעדענקען אויף אויסנווייניק איז צוגעקומען א גאַנצע צערעמאָניע: ווי אַזוי אַרייַנצוגיין, וואָס צו זאָגן, ווי אַזוי זיך האַלטן. דאָ איז קיין גרויסע צערעמאָניע נישט געווען, געדאַרפט בלויז נישט אָנקלאַפּן.

כ'האָב לייכט געעפנט די טיר און אַריין אין אַ קליינעם צימער. אין פלוג געמיינט, אַז כ'האָב קיינעם נישט געטראָפן, נאָר באַלד דערפילט אויף זיך הייסע בליקן. פון בעט האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע, ברוין־פייכטע, אומעטיקע אויגן. דאָס צאַרטע פנים האָב איך דערנאָך דערזען. כ'האָב זיך דערנענטערט צום בעט און אויסגעשטרעקט די האַנט, יענערס האַנט איז געבליבן ליגן אָנמעכטיק, ס'האָט מיר נאָר געענטפערט א שמייכל. גאָט מיינער, ווי קאָן אין אַ שמייכל זיין אַזוי פיל צער! אַזוי פיל טרויער! און איך דאַרף דאָ בלייבן! ניין, כ'וועל דאָ נישט אויסהאַלטן. כ'וועל זאָגן עפּעס א תירוץ און אַוועק, כ'דאַרף פון דאַנען וואָס גיכער אַנטלויפן.

אַנטלויפן... וווּ? ווו זוכן א ווינקל אויף הייַנט בייַנאַכט? אַלע אונדזערע געהיימע דירות און באַהעלטעניש זענען אָדער שוין אַרייַנגעפאַלן אָדער פאַרדעכטיק. דער איינציקער כשרער אַדרעס. קוים אַרויפגעקלעטערט אויפן פינפטן שטאָק. נאָך אַזאַ טאָג וואַנדערונגען שיעור די פיס נישט צעבראָכן אויף די געדרייטע שטיגן, גיי ווידער אָנהויבן זיך שלעפן און ברעכן זיך דעם קאָפּ ווו אָנצוקלאַפּן. אין די מעטראָ־דורכגענג פאַ־האַלט מען הייַנט, און די זון אויפן האָריזאָנט זעצט זיך שוין מסתמא.

פון בעט האָט אַרויסגערעדט אַ יונגע, מילדע שטימע, כ'האָב געפילט, אַז די הייטערקייט איז אַ געמאַכטע, מחמת גאַסטפרייַנדלעכקייט, און כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַר מייַנע מחשבות.

— ביבי וועט באַלד אַרייַנקומען, ער איז אין קיך, גרייט אָנגעברויט.

ביבי הייסט איר מאַן, זי הייסט זיזי. הייסן הייסן זיי אַנדערש, נאָר אַזוי רופן זיי זיך, אויס ליבשאַפט.

כ'בין געווען מיד, צעקלעמט, פאַרלוירן די טעג די נאָענטסטע, די צונג האָט זיך נישט געוואָלט איבערדרייען אין מויל, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך און אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן. אַנטקעגן בעט איז געווען דאָס פענצטער און דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַרייַנגעקוקט דער הימל, אַ פאַרנאַכטיקער, שאַפיר־גרויער, זומערדיקער הימל. אוי, אַזאַ אָפּגעדעקטער, גרויסער הימל דורכן פענצטער, אַ מחיה צו קוקן, אַזאַ הימל קאָן מע זען נאָר פון די באַרגיקע פּאַריזער געגנטן און פון די העכסטע שטאָקן. ס'איז מיר לייַכטער געוואָרן אויפן האַרץ, דאָס צימער האָט מיר באַלד אויסגעזען היימלעכער, דערנאָך איז ביבי אַרייַנגעקומען און ס'איז געוואָרן נאָך היימלעכער.

ביבי איז אַ פּאַריזער לערער. זיזי איז אויך געווען אַ לערערין, פון ריטמיק, פריער געטאַנצט אין אַ נאַכט־לאָקאַל, געטרוימט צו ווערן אַ באַרימטע טענצערין, געגרייט זיך, אָט־אָט בייַם ציל... נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, ווואַרעם פון אירע 26 יאָר, באַוועגט זי זיך שוין נישט 4 יאָר. קיין שום רפואות קענען נישט אויסהיילן אירע געליימטע פיס. אַלע האָבן שוין רעזיגנירט, זיזי אויך, זי צוממיינסטן. זי פילט ווי דער פּאַראַליזש שטייגט העכער, זי באַוועגט שוין קוים־קוים מיט דער רעכטער האַנט, נאָר ביבי וויל נישט רעזיגנירן. פאַר אים איז זיזי נאָך אַלץ דאָס ליכט פון טאָג און דער כשוף פון נאַכט. אין זייַן דמיון זעט ער זי נאָך אַלץ אַן עלאַסטישע, אַ בויגעוודיקע אין עקסטאַטישן טאַנץ אויף דער עסטראַדע, דערנאָך אין ריטמישן קאָראָהאָד מיט די קינדער אין זייַן שול. זיזי איז געווען אײַנגאַנצן באַוועגונג און קלאַנג, אַ וועוועריקעלע און זינגפויגעלע צוזאַמען.

איצט איז זיזי געגליכן צו אַ בלינד פייגעלע אין אַ שטייַג. אויפן איינדזל קאַפּרי, וואָס שטמט מיט זייַנע רייכע פויגל, פלעגן אַכזריותדיקע פויגל־יעגער זיך ספּעציאַליזירן אין אויסשטעכן די געפאַנגענע פייגעלעך די אויגן, כדי זיי זאָלן כסדר זינגען. פאַר זיזי איז די וועלט פינצטער געוואָרן. אויס באַוועגונג — אויס ליכט, אויס ריטמישער ווירוואַר — אויס לעבן. אַ געפאַנגען, פאַרמאַכט פייגעלע מיט אויסגעשטאָכענע אויגן. און אַ בלינד

פייגעלע קאָן דאָך נישט שווייגן, ס'האָט אַ באַדערפעניש אויסצוגיסן דעם צער אין געזאַנג, ס'טרילעט כסדר.

ציטעמנוויין האָט זיזי מיר אויך דערמאָנט ניקאָלאַי אָסטראָווסקין, נאָר אָסטראָווסקין האָט גאָט געשטראָפט מיט אַ פּאַראַליזש און געבענטשט מיט אַ שרייבעריש טאַלאַנט, אַ געלײמטער אין בעט האָט ער דיקטירט זיינע ווערק. זיזי האָט דעם טאַלאַנט געהאַט אין די פיס, אין די הענט, אין די היפטן. דער גורל איז זיך מיט איר ערגער באַגאַנגען, ווי יענע אכזריותדיקע פייגל־יעגער, ביי איר זענען אָפּגעהאַקט אויך די פליגל. איז זיזיס באַדערפעניש אויסצוגיסן איר צער געווען אין לשער, נאָר זי האָט זיך אויסגעהיטן מצער צו זיין אירע נאָענטע. אַן אומעטיקן ניגון האָט זי געטרילעט בלויז דעמלט, ווען זי איז אַליין געווען. נאָר אין איר עמעצער צופעליק שטאַרק צוגעפאַלן צום האַרץ, האָט זי דאָס האַרץ אירס פאַר אים געעפנט.

אָט זיץ איך פאַר איר און הער מיך צו, ווי זי טרילעט שטיל און טרויעריק, אַזוי טרויעריק, אַז ס'פאַרגייט אַזש ביים האַרץ. מיטאַמאָל רייסט זי איבער און שטעלט אָן אירע פייכטע אויגן אויף מיר:

— ווייסט וואָס פאַראַ טויט ס'איז דער ערגסטער? זיין געקרייציקט, פאַרשטייסט, נישט קענען זיך באַוועגן, נישט קענען זיך רירן, די פיס, די הענט צוגענאָגלט... דער טויט קומט דעמלט פאַמעלעך, זייער פאַמעלעך... די רוימער זענען געווען גרויזאַם, אַזוי ווי די דייטשן, האָבן מענטשן צוגענאָגלט צום קרייץ. ווייסט, די געקרייציקטע האָבן געגוססט צו 3 טעג און מערער, ביז דער טויט האָט זיי אויסגעלייזט, קריסטוס האָט זיך געמאַטערט נאָר 6 שעה, אים האָט דער טויט אויסגעלייזט גיכער ווי אַנדערע, ער איז געווען אַ הייליקער, איך בין נישט קיין הייליקע. אַזוי לאַנג שוין צוגענאָגלט צום קרייץ, און דער טויט וויל נישט קומען מיך אויסלייזן, דער מלאך המות דאַרף מיך נישט, פאַרוואָס קאָן מען אַליין זיך נישט אויסלייזן? פאַרוואָס? אַן עוולה, נישט הומאַניטאַריש, פאַרוואָס טאָר מען נישט אַזעלכע ווי איך אויסלייזן?... זאָג, פאַרוואָס?

כ'האָב זיזי שטאַרק ליב געקראָגן, נאָר דאָס אַלץ איז געווען איבער מיינע כוחות, כ'האָב נישט געקאָנט זיך צוקוקן צו אירע מאַטערנישן און נישט געקאָנט זיך צוהערן צו אירע פאַרטרויאונגס־רייד. מיין אייגן לעבן, דאָס לעבן פון הי מיינינקע, פון אַזוי פיל אַרומיקע, הענגט אויף אַ האָר, דער מלאך המות אין הונדערטער געשטאַלטן פאַרציט אַ נעץ אַרום אונדז, מע מוז יעדע מינוט, יעדע שעה צוטראַכטן נייע פאַרטלען און מיטלען אויסצומיידן די נעץ, גייסט אַרויס אין דער פרי און ווייסט נישט צו דו

ווערסט צוריק קומען, דריקסט אַ האַנט אַ פריינד און ווייסט נישט צו דו
ווערסט אים נאָך אַמאָל זען, פילסט ממש ווי דער טויט טרעט דיר אויף
די פיענטעס און נעמסט צוזאַמען אַלע כוחות כדי זיך פון אים אַרויס=
דרייען. און דאָ הער אויס, ווי עמעצער בעט, טוט תפילה דער טויט זאָל
קומען, מען זאָל איר העלפן זיך אויסלייזן פון לעבן. קלייב זיך איצט פאַ=
נאַנדער וואָס הומאַניטאַר איז און וואָס נישט. אַן אָפּקומעניש! נישט אי=
בערצוטראָגן. ווי אַזוי איבערצייגן זיזי, אַז דאָס לעבן איז איין און איינ=
ציק מאָל געגעבן, אַז ס'איז ווערט... אַלצאיינס וואָסער לעבן... אַפילו אַ
פונק פון לעבן... זאָל איך איר דערציילן ווי אַזוי מענטשן כאַפּן זיך אָן
אין לעצטן, אין דינסטן פאָדעם? ווי אַזוי איר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַזעל=
כע געדאַנקען? נישט דערלאָזן זי צו אַזעלכע רייד? אפשר זאָל איך קומען
נאָר דעמאָלט ווען ביבי איז אין שטוב? פאַר ביבי רעדט זי נישט אַזוי, ו'
האָט אים צופיל ליב, ניין, כ'טאָר נישט קומען ווען זי איז אַליין.
נאָר גיי רעכן אויס ווען יאָ און ווען נישט קומען אין שטוב. מיר זע=
נען אונטערערדישע סאָלדאַטן, און די אונטערערד האָט איר סטראַטעגיע,
גיי פּאַס זי צו צו מיינער אַן אייגענער כ'זאָל קאָנען פאָרטראָגן זיזים
אומגליק.
נאָר אַז מע טראַכט, טראַכט מען פאָרט עפּעס צו: פאַרוואָס זאָל זיזי
מיר דערציילן און נישט איך איר? פאַרוואָס זאָל איך נישט צוטראַכטן
פאַר זיזי אַזעלכע מעשיות, אַז זי זאָל פאַרגעסן אין אירע געליימטע פיס,
זאָל אויפהערן צו טראַכטן וועגן טויט? נו, האָב איך איינגעשפּאַנט מיין
פאַנטאַזיע, מיין זכרון, מיין גאַנצן מוח, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַלטע
פאַרגעסענע אַנעקדאָטן, צוגעפּאַרבט זיי, צוגעשמיכעלט, אויסגעטראַכט
אויסטערלישע געשיכטעס, געגרייט זיך מיט אַ מעשה, ווי אַן אַקטיאָר
גרייט צו זיין ראָל זיך צו באַווייזן מיט איר אויף דער סצענע.
זיזי האָט נאָך ליבער געהאַט צו הערן, ווי צו רעדן. ס'האָט איר
שטאַרק געפעלט דער קאָנטאַקט מיט דער וועלט, אַן אַרויסגעריסענע פון
רעשיקן לעבן איז זי געווען אומגעהויערט צו פאַרקערן מיט מענטשן,
צו הערן זייער רעדן. אויף אַזאַ צוהערערין האָב איך זיך גאָרנישט געריכט
זיזי האָט געשלונגען יעדעס וואָרט — די גרויסע ברוינע אויגן אָנגעהאָנ=
גען אויף מיר, דאָס קליינע מויל האַלב אָפן, דאָס אויסגעצערטע בלאַסע גע=
זיכט אין שפּאַנונג, אַלץ אין זיזי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין חוש השמיעה,
בפירוש קאָנטיק געווען, אַז דאָס רעדן צו איר ריכט זי אויף: זיזי ווערט
הייטערער, דער אָטעם אין די אויגן איז שוין נישט אַזוי אומענדלעך

גרויס, ס'צינדט זיך אָן אין זיי א לעבעדיק פלעמעלע. איך ווידער, קוקנדיק אויף זיזי, פאַל אַריין אין התפּעלות, סטאַרע זיך צו הערציילן וואָס לעבעדיקער, צו מאָלן וואָס פאַרביקער, דערציילן אַפילו נישט געשטויגענע נישט געפלויגענע זאכן, אַבי קאָנען זיזי פאַרגעסן מאַכן אין איר אומגליק, הײַנט שטעלט אייך פאָר, אַז זיזי האָט זיך טיילמאָל צעלאַכט. איר געלעכטער איז אַפילו געווען ווי דאָס געלעכטער פון א קינד, וואָס מע מאַכט לאַכן בעת עס וויינט, אָדער בעת עס טוט עס עפּעס שטאַרק וויי, אָבער פאָרט געלאכט. כ'בין געווען אין זיבעטן הימל, זיזי לאַכט, כ'קאָן זיזי צעשטרייען. נאָר אוי ווי, ס'קומט דער סוף, צום סוף איז מיין מפּלה, כ'קאָן זיך דעמלט נישט קיין עצה געבן, דאָס לעצטע וואָרט האָט שטענדיק זיזי.

ווען וואָס ס'איז נאָר נישט צערייד געווען, איז זיזי צום סוף אַרויסגעקומען אויפן טויט. די גאַנצע צייט טאַקע אויסגעהערט אַן אויסגעלייטערטע, נישט איבערגעריסן, אויף דעם איז זיזי געווען צו איידל, נאָר אַז איך האָב פאַרענדיקט, האָט זי געמאַכט איר אייגענעם אויספיר, כאָטש נעם דערצייל איר א מעשה אָן א סוף, ווו נעמט מען א מעשה אָן א סוף? אָט זיץ איך אַנטקעגן איר אויפן בעט און דערצייל איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס פאַרשאַפט איר בפירוש פאַרגעניגן. זיזי האָט ליב צו וויסן וואָס ס'הערט זיך אויף די פראָנטן, און איך גיב איר אָפּ א באַריכט, ווי די דייטשן נעמען איין אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה, שוין־שוין נעמען זיי איין אַ מיתה משונה. איך מאָל אין די סאַמע ראָזעווע פאַרבן אונדזערע זיגן, אונדזערע פּאַרטיזאַנער קערן וועלטן, זאָל נאָר זיין דער צווייטער פראָנט און מיר וועלן זיי איינס־צוויי אַ נעם טאָן אין קלעם, די אַליאירטע פון איין זייט, מיר פון דער צווייטער זייט, ס'וועט שוין זיין נאָר א שפּילכל....

זיזי הערט, שלינגט מיינע ווערטער, ווי א הונגעריקער געשמאַקע ביסנס, לאָזט מיר אַלץ אויסרעדן ביזן סוף און דערנאָך פירט זי אויס אויף איר שטייגער:

— און איך... איך קאָן גאָרנישט, און דאָרט פאַלן נאָך דערווייל אַזוי פיל אונדזעריקע, זיי זענען געזונט, ווילן לעבן און מוזן שטאַרבן, איך וואָלט געוואָלט שטאַרבן און מוז לעבן...

— זיזי! אַזעלכע גוטע נייעס, שוין באַלד... און דו...

זיזי פאַרשעמט זיך, אַ ראָזעווע פאַרב טרעט אַרויס אויף אירע אָפּגעציערטע, בלאַסע באַקן, זי הייבט אָן זיך פאַרענטפערן:

— מיינסט כ'פריי ~~מיך~~ נישט, נאָר איך... איך... גלויבסט מיר נישט,
פאַר מיר איז בעסער...

* *
*

יענעם אָוונט האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפן. אין מיין קאַמע־
האָט מע געהערט יעדעס וואָרט, יעדן שאָרך פון שכנותדיקן צימער. ס'איז
דערגאַנגען צו מיר א שטיל צערטלעך מורמלעריי און עפּעס אַזאַ פאַר־
שטיקט טרילען. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. זיזי און ביבי זענען געשלאָפן.
דאָס גאַנצע הויז איז געשלאָפן, פּאַריז איז געשלאָפן, נאָר צו מיר האָט
דער שלאָף נישט געוואָלט קומען. כ'בין שטיל אראָפּ פון בעט און נאָך
שטילער, מיט גרויס פאָרזיכטיקייט אראָפּגעצויגן פון פענצטער דעם
פאַרטונקלונגס־פאָרהאַנג. פּאַריז איז געלעגן ביי מיינע פיס, די דעכער
אַרום האָבן אויסגעזען נישט געווייניגלעך נידעריק און מיין פענצטער הויך,
הויך. און פאַר מיין פענצטער א רחבותדיקער טיפער הימל, אַ זומערדי־
קער, טונקל־בלויער, סאַמעטענער הימל, אויסגעהאַפטן געדיכט מיט גאָל־
דענע שטערנדלעך, קליינע און גאָר קליינטשיקע, פינקלענדיקע און שימער־
דיקע. זיי ווינקען, שמייכלען צו מיר די שטערנדלעך, און דער גאַנצער
הימל זינגט שטיל־שטיל, צערטלט, וויגט איין, ער ווערט טיפער און טי־
פער, שענער און שענער, וואָס מער קוקסט זיך איין אַלץ מער פּראַכט,
פונקט ווי מען אנטדעקט אלע מאָל מער שלימותדיקייט, איינקוקנדיק זיך
אין א גרויס קונסט־בילד. און ער מאַכט זיך גאָרנישט דער הימל פון
דעם, וואָס ס'טוט זיך דאָ אונטער אים, ס'גייען אים נישט אָן נישט זיזיס
געליימטע פיס און נישט די גרויסע רציחות, ער גלאַנצט מיט זיין פּראַכט,
ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. אַזאַ איז ער געווען און אַזאַ ווערט ער שטענ־
דיק זיין דער הימל. מיר וועלן שוין דאָ נישט זיין און ער וועט צוויבערן
מיט זיין שיינקייט, וועט שטענדיק גלאַנצן און שימערירן.

ווי קאָן מען אָפּטאָן אַזעלכע רציחות, ווי קאָן מען הרגענען מענטשן
אונטער אַזאַ שיינעם הימל? צי האָבן די רוצחים קיינמאָל אַזאַ הימל
נישט געזען? און ווי קאָן מען וועלן שטאַרבן, ווי קאָן מען וועלן אויפהערן
לעבן, ווען עס הענגט איבערן קאָפּ אַזאַ פּראַכט? זיזי האָט מסתמא
אַזאַ הימל נישט געזען. ווען איך וואָלט איצט געקאָנט זיזי ברענגען צו
פירן צום פענצטער און ווייזן די רחבותדיקע, טונקל־בלויע קאָפּולע אויס־
געצירט מיט גאָלדענע שטערנדלעך, זיזי וואָלט זיכער צוריק באַקומען
השק צום לעבן.

— או־או־או־או־או או־או־או־או־או...

דאָס וואָיען פון די סירענעס האָבן מיר צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט. אַ לופט־אַליאַרם! און איך שטיי ביים אָפענעם פענצטער, וואָס פאַרא משוגעת, עס זאָל כאָטש אַ בייז אויג נישט האָבן אונטערגע־קוקט, די נאַכט איז אַזאַ קלאָרע, אַ ליכטיקע, כ'קאָן נאָך ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן הויז.

כ'האָב נערוועז־גיך פאַרצויגן דעם פאַרטונקלונגס־פאָרהאַנג, אַוועק אין בעט און אַריבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ, אַבי נישט צו הערן די סירענעס. זיי וואָיען אַזוי שפּיציק־שאַרף און זייער וועלפיש גע־יאָמער שניידט זיך איין אין לייב. נו, גאָט צו דאַנקען, אויסגעוואָיעט זיך, פאַרמאַכט די פּיסקעס, איצט וועלן זיי שווייגן ביז זיי וועלן אָנזאָגן דעם סוף פון אַליאַרם. פון די טרעפּ דערהערט דאָס גיכע קלאַפּן פון טריט, די איינוווינער לויפן אין קעלער, מיר וועלן נישט אַראָפּגיין, צוליב זיזי, איר איז דאָך אַלצאיינס... גאַנץ גוט וואָס זי ווייסט נישט וועלן, צוואָס לויפן אין קעלער? מיר זענען אין אַ געגנט, וואָס איז נישט באַדראָט, דאָ איז נישטאָ וואָס צו באָמבאַרדירן, דאָ קאָן מע שלאָפן רואיק, מענטשן מאַכן אַליין אָן אַ פּאַניק.

אינדעם אַ קלאַפּ אין טיר, ביבי שטעקט אַריין דעם קאָפּ:

— שלאָפסט? גייסט נישט אַראָפּ?

— צוואָס? דאָ וועלן זיי נישט קומען, נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן.

— גערעכט, מענטשן לאָזן זיך אַריינפירן אין אַ פּאַניק, און זי־זי אויך.

— זיזי?!

— זי וויל דורכאויס אין קעלער, קום אַריין צו איר, זאָג דו איר...

— טראַך־טראַך־טראַך! טראַך־טראַך־טראַך־טראַך!

ס'איז ווייט, מסתמא ביי רענאָ אָדער ביי סיטראָען, אָדער נאָך ווייטער, דאָ לעבן אונדז איז נישטאָ וואָס צו באָמבאַרדירן, נישטאָ וואָס צו לויפן.

כ'בין אַריין אין צווייטן צימער, זיזי האָט ווי אַן איבערגעשראָקן קינד אויסגעצויגן צו מיר די לינקע, האַלב־געזונטע נאָך האַנט, ווי זי וואָלט געוואָלט אָנקלאַמערן זיך אין מיר. זאָל מע זי נעמען און אַראָפּ־גיין, זי וויל נישט בלייבן אויפן לעצטן שטאָק, אַזוי הויך איז געפערלעך, זי וויל נישט דערהרגעט ווערן פון אַ באָמבע, זי וויל נישט דערשטיקט

ווערן אונטער... זי וויל אין קעלער, זאָל מע שווין אַראָפּגיין, אַלע זענען אַראָפּ, זי וויל אויך, זאָל מע שווין...

— זיזי, נישט קיין דייטשן, די אַליאירטע, קומען באָמבאַרדירן מלחמה־אָביעקטן, דאָ איז גאַרנישטאָ, מיר זענען אויפן צווייטן עק, זיי זענען ווייט פון דאַנען, צוואָס לויפן?

— טראַך־טראַך־טראַך! טראַך־טראַך־טראַך!...

דאָס קנאַלן האָט באַשטעטיקט אונדזערע ווערטער, דאָס אָפּהילכן איז געקומען פון ווייט. ביבי רעכנט אויס ווו מע באָמבאַרדירט, ס׳איז זייער ווייט, זיי וועלן נאָך אפשר ערגעץ אנדערש, נאָר דאָ האָבן זיי נישט וואָס צו טאָן, די דייטשן ווילן אונדז אַריינפירן אין אַ פּאַניק, נאָר נאַרישע מענטשן לאָזן זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע.

אַרויסגעוואָרפענע רייד, נישט ביבים, נישט מיינע אַרגומענטן האָבן באַרואיקט זיזי: מע דאַרף נישט איינשטעלן, מ׳טאָר נישט ריזיקירן מיטן לעבן... זי וויל דאָ נישט בלייבן, ס׳איז הויך, ריזיקאַליש, זי וויל אין קעלער, זאָל מע נישט פאַרלירן קיין צייט, נישטאָ קיין גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן אַהער נישט קומען, גיך, גיך אין קעלער...

ביבי האָט זי געגומען אויף די הענט, איך בין פאָרויסגעגאַנגען מיט אַ קליין פאַרטונקלט טאַשן־לעמפּעלע, דאָס לעמפּל האָט אונדז אין מיטן דערינען אָפּגעטאָן אויף טערקיש און אויסגעגאַנגען. מיר שטעלן פאַרזיכטיק די טריט, אַ געדיכטע פינצטערניש, אַלע פענצטער פאַרהאָנגען, געדרייטע שטיגן, פינף שטאָק; מיר גייען און וואַקלען זיך, קלאַפּן זיך אין עפּעס אָן, ס׳מאַכט זיך ערגעץ אויף אַ שוואַרצע טיר, עמעצער שטעקט אַרויס אַ קאָפּ, ווונדערט זיך, דערלאַנגט אונדז שוועבעלעך, זיזי לאָזט אונדז נישט זיך פאַרהאַלטן, איילט אונדז אונטער.

ערשט אין קעלער האָט זיך זיזי באַרואיקט. ביי דער שיין פונעם קאַרגן ליכט האָב איך דערזען, ווי איר פּנים האָט זיך אַנטשפּאַנט, אויפגעלעבט, לויטערער, פרישער געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעראַטעוועט פון אַ גרויסער געפאַר, ווי זי וואָלט דעם טויט גופא אויסגעמיטן.

אויף אומזיסטער קוראַציע

1

די גאַס האָט זיך געפונען ביים ראַנד שטאָט, ביים וואַלד שוין. די געגנט דאָ זעט אויס, ווי א מאָדערנע רייכע דאַטשע, נייע הייזער מיט פילפאַרביקע באַלקאָנען, אויף די באַלקאָנען גרויסע זומער־שירעמס; קאָקעטישע וויליעס ארומגערינגלט מיט בלומען־בייטן און עקזאָטישע ביימער. ראַשעל וואָלט לייכט נישט געטראָפן, מ'האָט איר דאָס פאָרויסגעזאָגט, זי איז געקומען אהער מיט א טאַקסי.

דער שאָפער איז צוגעפאָרן ביזן סוף גאַס, וואָס האַרט ביים וואַלד. אַן אנדערש מאָל וואָלט ראַשעל זיך אָפגעשטעלט באַוואונדערן די שיינקייט און געמיטלעכקייט פון דער געגנט. איצט האָט זי נאָכן אויסשטייגן פון דער טאַקסי גיך זיך ארומגעקוקט, ווו זי געפינט זיך און קאָנטראָלירט צי דער נומער פון הויז שטימט. די צוויי־שטאָקיקע שיינע ווילע האָט זיך געטונקען אין גרינס און אין בלומען. ראַשעל האָט געכאַפּט א קוק אויפן האַנט־זייגערל: צו פרי, אומזיסט זיך געאיילט. אזא טבע ביי איר, שטענדיק איילט זי זיך, האָט תמיד מורא נישט צו פאַרשפּעטיקן, אפילו ווען זי גייט ערגעץ מיט ווידערווילן.

די מאַי־לופט איז א וואַרעמע, מילדע, ארום שמעקט מיט וואַלד און בלומען. ראַשעל האָט אָבער קיין חשק נישט אליין זיך דאָ ארומצודרייען. מיט פאַמעלעכע טריט האָט זי דורכגעשפּאַנט די ברייטע מאַרמאָרנע שטיגן, באַצווינגענע מיט א שמאָלן רויטן דיוואַן, אָפּגעשטעלט זיך אויפן ערשטן שטאָק און פאַרקערעוועט צו דער רעכטער טיר. אויף א קלייננער, שוואַרצער, מאַרמאָרנער פּליטע איז מיט גאָטישער שריפט

געווען אויסגעקריצט: פּראָפעסאָר ד״ר לעאָנהאַרד וואָלפזאָנג. זי איז אַ ווייַלע געשטאַנען, ווי זי וואָלט זיך געישובט מיט זיך, נישט געווען דעצידירט, הערנאָך נישט ווילנדיק א דריק געטאָן דאָס קנעפּל. ס'איז צו איר דערגאַנגען דער עכאָ פון עלעקטרישן גלעקל. ס'האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט אזוי שטאַרק אָנגעדריקט דאָס קנעפּל. ס'איז איר געוואָרן נאָך שווערער אויפן האַרצן, האָט אָנגעהויבן באַדויערן, וואָס זי האָט זיך געלאָזט איינרעדן, איצט איז שוין פאַרפאַלן, נאָר אין דעם פּאַל האָט זי נישט געדאַרפט נאָכגעבן, נישט געדאַרפט צוזאָגן, אלץ צוליב מאַרסעלן, צוליב דער קוזינע, צוליב זיי, צוליב אים, און אפשר איז ער גאָר גערעכט...

דערנענטערנדיקע טריט האָבן איבערגעריסן אירע כאַאָטישע געדאַנקען. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך באוויזן א הויכע, פעסט-געבויטע בלאָנדע פרוי מיט א מאָדערנער פריזור, אָנגעטאָן אין א געפּאַסט טונקל-לילא קלייד. ביי ראַשעלן האָט זיך שיעור דאָס האַרץ נישט אָפּגעריסן, געוואָלט זיך צוריקציען נאָר זיך באַהערשט. די בלאָנדע פרוי האָט מסתמא דערקענט די צעטומלטקייט פון דער פּאַציענטקע און זיך צעשמייכלט מיט א קינסטלעכן, קאַלטן שמייכל:

— צום פּראָפעסאָר?

— יאָ...

— אויף צוועלף אזייגער, נישט אמת? איצט איז...

— צופרי, כ'וועל....

— ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט, ביטע, ביטע — האָט די בלאָנדע פרוי מיט אן איבערגעטריבענעם העפלעכן זשעסט זי פאַרבעטן.

ראַשעל איז א ווײַלע געשטאַנען א צעטומלטע, חשק געהאַט צו אַנטלויפן, נאָר באַלד דערמאָנט זיך אין דער עצה פון איר דאָקטער זיך נישט אונטערצוגעבן קיין האַלוצינאַציעס. זי איז פאַמעלעך, מעכאַניש, ווי נישט מיט אירע פיס, אַריבערגעטראָטן די שוועל. דאָס האַרץ האָט געזעצט ווי מיט אַ האַמער. „מײַנע נערוון, מײַנע צעשרויפטע נערוון, אומעטום זע איך זיי, משוגע בין איך“ — האָט זי זיך געזידלט. אין אזא צושטאַנד פאַרט מען נישט אהער אויף קוראַציע, געדאַרפט זיך פאַרשטעלן, אז ס'וועט איר גלאַטיק נישט דורכגיין, נאָר פאַרפאַלן, איצט מוז זי... זי מוז זיך נעמען אין די הענט.

אין וואַרטע-זאַל האָט די בלאָנדע פרוי איר פריינדלעך אָנגעוויזן אויף א נידעריקן באַקוועמען פאָטעל, אַנטשולדיקט זיך וואָס זי וועט מוזן א ביסל לענגער וואַרטן און פאַרשוואונדן הינטער א זייטיקער טיר. ערשט

איצט האָט ראשעל באַמערקט, אַז זי איז נישט אַליין. אין דער טיף פון שיין-אויסגעשטאַטן זאַל איז ביי אַ נידעריק טישל מיט אָנגעהויפטע זשורנאַלן געזעסן אַן עלעגאַנטע, יונגע פרוי, אַ פאַרטועטע אין די צייטונגען. די פרוי האָט אָפּגעריסן די אויגן פון טישל, אָנגעהויבן פירן אירע בליקן איבער די ווענט, ווי זי וואָלט באַטראַכט די גרויסע צאָל קונסט-בילדער. ראשעל האָט דערפילט אויף זיך אירע זייטיקע, דיסקרעטע בליקן. די פרוי האָט צוריק איינגענורעט דעם קאָפּ אין אַ זשורנאַל.

די פרילינג-זון האָט אַריינגעשיינט דורך די צוויי ברייטע, האַלב-אָפענע פענצטער, פאַרהאָנגענע מיט דין-געוועבטע טולענע פאָרהאַנגען. ראשעל האָט אָבער געפילט עפּעס אַן אינערלעכע קעלט. דער רויש אין קאָפּ האָט זיך פאַרשטאַרקט, שטענדיק אַזוי ביי איר בעת אַן אויפרעגונג. דאָס פּנים פון דער בלאָנדער פרוי האָט אין איר דמיון אַרויסגערופן אַ באַקאַנט פּנים, אַ שרעק-פּנים, ביידע פּנימער באַוועגן זיך פאַר אירע אויגן, גיסן זיך צוזאַמען אין איין פּנים. משוגעדיקע געדאַנקען קריכן איר אין קאָפּ, זי וויל זיי פאַרטרייבן, זי זידלט זיך: „משוגענע, אַ היסטערי-קערין געוואָרן, היסטעריע, ערגער ווי היסטעריע“. זי האָט געוואָלט זיך אָפּרייסן פון די טראַכטענישן און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אין זאַל. ס'האָבן זיך איר געוואָרפן איצט אין די אויגן די טיפע אויסגעבויגענע פאָ-טעלן, יעדערער פון אַן אַנדער קאָליר. אירע אויגן האָבן זיך דערנאָך פאַר-האַלטן אויף אַ גרויסער סטאַטועטקע, עפּעס אַ שלאַנקער קערפּער אָן אַ קאָפּ.

לאַנג אָבסערווירן האָט ראשעל נישט געקאָנט. איר מוח האָט נישט גערוט, אָפּגעריסן זי פון די אַרומיקע קעגנשטאַנדן. אין איר דמיון האָבן זיך געדרייט צוויי פּנימער, וואָס קומען איר אויס ווי איינס און דאָס זעלבע. „אַזאַ ענלעכקייט, אַזאַ ענלעכקייט, מ'וואָלט זי געקאָנט אָננעמען פאַר יענער“. באַלד איז איר דורכגעפלויגן אין מוח אַ געדאַנק: „אפשר טאַקע יענע? נאָר זי וואָלט מיר דערקענט... נײן זי וואָלט נישט דער-קענט, קיינער פון יענע וואָלטן נישט דערקענט, מיר האָבן דאָך אויסגע-זען ווי, ווי....“ ראשעל איז בייז געוואָרן אויף זיך, וואָס זי גיט זיך ווי-דער אונטער. „אַז אידיאָטקע בין איך, זיכער אַ צופעליקע ענלעכקייט און איך... ס'טרעפט דאָך, וויפל מאָל האָט מען מיר געזאָגט כ'בין ענלעך צו דער, צו יענער, יענע פּנימער גייען מיר נאָך און אָנשטאָט... ווי דער דאָקטער האָט געזאָגט... גיב איך זיך אונטער, היסטעריע, דאָס ערגסטע איז היסטעריע...“ אַזוי לאַנג איינגעטענהט מיט זיך, ביז זי האָט זיך

כמעט איבערצייגט, אז ס'איז א טעות און בארואיקט זיך. דערנאָך באקוועם געמאַכט זיך אין פאָטעל, אַריינגעזעצט טיפער, אָנגעלענט זיך און געקוקט פאַר זיך. מיטאַמאָל האָט די טיר אַנטקעגן איר זיך געעפנט און זי האָט דערזען א הויכן מאַן אין א ווייסן כאַלאַט. ער איז געבליבן שטיין אין טיר און זייער העפלעך זיך פאַרנייגט. ראַשעלן איז אַדורך אַן איינ־קאַלטער ציטער, אַלץ אין איר איז פאַרגליווערט געוואָרן. די יונגע פרוי איז אויפגעשטאַנען.

— ליידער מוזט איר נאָך צוואַרטן, האָט דער דאָקטער גוטמוטיק זיך געוואָנדן צו ראַשעלן.

ראַשעל איז געבליבן אַליין. א ווײַלע איז זי געזעסן ווי א געפּלעפטע, ווי מ'וואָלט זי מיט עפּעס א שווערע זאַך דערלאַנגט איבערן קאָפּ. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט געוואָלט א געשריי טאָן און נישט געקאָנט. די שטימע פון דאָקטער האָט ווי מיט א דינער נאָדל דורכגעשטאָכן איר האַרץ. די קני האָבן ביי איר געציטערט. זי האָט געפילט, ווי איר לייב האָט זיך באַדעקט מיט קאַלטן שווייס.

— וואָס טוט זיך דאָ, וווּ בין איך אַריינגעפאַלן, גאָט מײַנער, גאָט מײַנער... זאָל דאָס מעגלעך זיין? זאָל דאָס...?

זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגן, צי דאָס אַלץ קומט פאָר אויף דער וואָר. ביינאַכט האָט זי קאָשמאַרע חלומות, אָבער איצט... אפשר דאָך א טעות, אפשר דערפאַר, ווייל יענע גייען איר כסדר נאָך...? פאָרט דאָס זעלבע פּנים, דער שראַם ביי דער רעכטער זייט שטערן, און די אויגן! אַך, יענע אויגן! און די שטימע, דער געשטעל! גאָט מײַנער, זאָל ער דאָס...? ער האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון, אַזעלכן האָט זי אים פאַרגעדענקט, דער זעלבער... דער זעלבער... נישט קיין טעות... ער...

ראַשעל האָט זיך אויפגעריסן פון פאָטעל און זיך געלאָזט צום קאָרידאָר, געזוכט און נישט געקאָנט געפינען די אַרויסגאַנג־טיר. די פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט, זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דיוואַן און שיער נישט געפאַלן. די בלאָנדע פעסטע פרוי, ווי זי וואָלט פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן, איז געשטאַנען אין איינע פון די פיל טירן. זי האָט פאַרוווּנדערט און ערנסט געקוקט אויף ראַשעלן. איר ענסטער קוק האָט זי נאָך ענלעכער געמאַכט צו יענער, נאָר איר פּנים האָט זיך באַלד באַצויגן מיט א לאַקרעצדיקן, קינסטלעכן שמייכל. ראַשעל האָט זיך

פארלוירן און קוים ארויסגעשטאמלט: — כ'וויל אויף א ווײַלע אראָפּגיין... אויף דער לופט...

— דער הער פּראָפעסאָר איז באלד צו אייער דיספּאָזיציע, ער גענעמט אייך באלד אויף — האָט די בלאָנדע פרוי זיך געוואונדערט און כסדר ענגלעכער געוואָרן צו יענער.

— ער האָט געבעטן צוווארטן, אנטשולדיקט... כ'קום גלייך צוריק...

א גידעריקע גראָבע דינסט אין א ווייסן שירץ האָט געבעטן איר באַלעבאָסטע צום טעלעפאָן. די באלעבאָסטע האָט געעפנט פאר דער נעררוועזער פּאַציענטקע די טיר און געבעטן נישט לאַנג זוימען:

— העכסטנס אין 10—15 מינוט.

ראשעל האָט באקומען נייע כוחות, אראָפּגעלאָפן פון די מארמאָרנע שטיגן, ווי נישט מיט אירע פיס, פארנומען זיך אויף רעכטס און מיט גיכע טריט דורכגעשפּרייזט האָט קליינע געסל, אויפן ערשטן ראָג זיך ווידער פאַרנומען אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס. נישט געוווסט ווו זי געפינט זיך און וווּהין זי גייט; געלאָפן, ווו די אויגן האָבן געטראָגן, דורכגעשניטן עטלעכע זייטיקע געסלעך און געלאָזט זיך פאר זיך, ווי מ'וואָלט זי געיאָגט. אין קאָפּ איז געווען א שטורעם, אין האלדז האָט געשטיקט, ווי די אמאָליקע שרעק וואָלט איר געוואָרגן... אנטלויף! אַנטלויף! גאָט מײַנער... זאָל דאָס...? זאָל ער דאָס...? יאָ, יאָ, דער זעלבער, דער שראם... די אויגן... דער געשטעל... א ביסל עלטער, גאָר שלאַנקער, דער זעלבער... ער... ער... גאָט מיינער, ווו בין איך אריינגעפאלן? ווו... זי אויך, ד"ר עלזא... פרוילײַן עלזאַ... איצט פרוי וואָלפזאַנג... ווי אַזוי...? ווי איז דאָס מעגלעך... וואָס קומט דאָ פאָר...? אפשר א פאסטקע...?

א פעסטער פּאָליציאַנט האָט ראשעלן אָנגעכאפט פארן אָרעם, רויט פאר כעס האָט ער איר אריינגעשריען אין פּנים, געוויזן מיט דער האַנט אויפן רויטן ליכט. פארבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— די פרוי איז מסתמא קראנק — האָט אן עלטערער מאן זיך אריינגעמישט.

— אַ טאַקסי — האָט ראשעל א צעטראָגענע צום ערשטן מאָל זיך אָפּגערופן.

— איר זעט דאָך, זי איז נישט מיט אלעמען — האָט דער זעלבער ווידער זיך אריינגעמישט.

— אַז אויסלענדעריז, אָן דיסציפּלין, אלע אויסלענדער זענען נישט דיסציפּלינירט.

מ'האָט ראַשעלן צוגעפירט צו אַ טאַקסי. זי האָט אַרויסגעשטאַמלט דעם אַדרעס און דער שאָפער האָט זי אָפּגעפירט אין האָטעל. ווי גיך זי איז אַריין אין איר צימער, האָט זי מיט נערוועזע באַוועגונגען אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס קאָסטיום־רעקל, געוואָרפן זיך אויפן בעט און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

2

ראַשעל וויל אויפהויבן דעם קאָפּ און קאָן נישט, זי פילט, ווי אַלץ אין איר רייסט זיך פאַנאַנדער. זי איז צעשניטן. פון דער ווייטנס זעט זי אַ שטיק בלוטיק פלייש אין קלאָש, מסתמא אירס... אירס? וווּ? אויפן אָפּעראַציע־זאַל? זי איז דאָך שוין נישט אויפן ערשטן שטאָק, ניין, אויפן רעוויר, אַבי שוין נישט דאָרט, זי האָט אויסגעהאַלטן, וועט אויסהאַלטן... פּראָפּ. קאַלבערג האָט געזאָגט צו פרוילײן עלזאַ — „אַ זעלטן שטאַרקע"... זי וועט אויסהאַלטן, מוז אויסהאַלטן. ווער שרייט דאָרט אַזוי? ווער? ווער? „מאַמע!... מאַמע!... כ'בין פאַרברענט. אַ טרונק... וואַסער... וואַסער". אַבי שוין אויפן רעוויר, ער אויך אויפן רעוויר, ער קוקט אויף איר... זיינע אויגן שמעכן... פּראָפעסאָר קאַלבערג, פּראָפעסאָר האַנס קאַלבערג... איינשפּריצונגען... אַך, ווי ס'שניידט! הונדערטער מעסערס שניידן דאָס לייב... ווער שרייט? אידאַ, אידאַ, זי האָט אַ ביס געטאָן דער פרוילײן אין האַנט, עלזאַ שלאָגט איר אין פּנים, עלזאַ... עלזאַ... הינטישע עלזאַ, אַבי שוין אויפן רעוויר.. ווער שרייט ווידער? אָ, די קליינע ראָזעט, געבראַכט פון באַטראַכטונגס־זאַל, פּראָפעסאָר קאַלבערג קומט, האַנס קאַלבערג... פּראָפעסאָר האַנס קאַלבערג... אַ־אַ־אַ!... ווי ס'רייסט זיך... אָ!!...

דער טעלעפאָן אויפן נאַכט־טישל ביים בעט האָט זיך צעקלונגען. ראַשעל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, נישט געוווּסט וווּ זי געפינט זיך, אַרומגעקוקט זיך מיט פאַרשלאָפענע, צעשראָקענע אויגן. דער טעלעפאָן האָט ווידער און ווידער געקלונגען, זי האָט צוגעטראָגן דאָס טרייבל צום אויער: — ביטע, וואָס? אַ יאָ, געדאַרפט קומען אויף מיטאָג, ניין, נישט איצט, כ'קאָן נישט, שפּעטער, אפשר שפּעטער, נישט מיט אַלעמען, ניין, אַ דאַנק, אפשר שפּעטער.

ראַשעל איז אַראָפּ פון בעט, אָנגעגאָסן פון קאַראַפקע אַ גלאָז וואַסער און אויסגעטרונקען מיט איין צי. זי האָט זיך דערמאָנט אין יענעם ברענענדיקן דורשט אויפן רעוויר, ס'איז איר ווידער געוואָרן טרוקן אין האַלדז און אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז, וואָס וואָלט זי דעמלט געגעבן פאַר

א גלאָז וואסער? שיעור נישט משוגע געוואָרן פון דורשט, און ס'האָט אזוי געשניטן... דעמלט איז עס קיין חלום נישט געווען... ווי אזוי האָט זי אויסגעהאַלטן?...

זי האָט אינסטינקטיוו פארקריצט מיט די ציין און אָנגעכאַפּט זיך מיט ביידע הענט ביים אונטערשטן טייל פון בויך. ס'האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן, זי האָט זיך אריינגעזעצט אין פאָטעל, פארוואָרפן דעם קאָפּ, אויסגעצויגן די פיס פאַר זיך און פאַרמאַכט די אויגן. אין צעהיצטן מוח איז אויפסניי אויפגעקומען דער בלאָק 10. א געמויערטע איינשטאָקיקע געביידע, אָפּגעטיילט פון גאנצן לאגער. אויפן פארטער דער רעוויר, שפּיטאָל־זאל, אָפּעראציע־צימער, „היגיענישער אינסטיטוט“, „דענטיסטישע סטאציע“, נאָך עפּעס א סטאציע, זי געדענקט שוין נישט דעם נאָמען; אויבן אויפן ערשטן שטאָק עקספּערימענטן־סטאַציעס, די בלוט־סטאציע! בלוט פאר די דייטשע סאָלדאטן, האַלבער ליטער בלוט און דערנאָך... דאָס גריכישע ייִנגל, זי זעט אים נאָך איצט, אפשר 14—15 יאָר, אויסגעזען ווי א קינד, געוואַקלט זיך אויף די פיס ווי א שכורער און אומגעפאלן, דערנאָך האָבן זיי אים ארויסגעשלעפּט פאר די פיס, ווי א שמאַטע.

ווי אזוי האָט זי איינע פון דער גאנצער פארטיע פרויען אויסגעהאלטן? צעטיילט געווען אין דריי גרופּעס: פאר קינסטלערישער באפרוכפּערונג, סטעריליזאציע און באקטעריאָלאָגישער סטאציע. איר האָט אָפּגעגליקט, אויף אירע ווונדן האָבן זיי דערנאָך נישט אויסגעפּרוווט קיין גיפטן, זי האָט אויסגעמיטן די איינשפּריצונג, געווען שוין באשטימט... ווי אזוי האָט זי דאָס אויסגעמיטן? ד״ר קאלבערג האָט זי געדארפט פאר א לאנגער אָבסערוואציע, אראָפּגעשיקט זי אונטן, אויפן אָפּעראציע־זאל, דערנאָך אויפן רעוויר. זי האָט אלע דאָ איבערגעלעבט, די עלטערע און די נאָר ייִנגיטשקע, 16־יעריקע. אַך, ווי זיי האָבן... די קליינע ראָזעט האָט געכארכלט, ווי א געשאָכטענע... „אַן אינערלעכער בלוטשטורץ“ — האָט ד״ר קאלבערג אויפגעקלערט דער פרויליין עלזא. ביי אידאַ און עמאַ האָבן די ווונדן געאייטערט. ס'האָט זיך פון זיי געטראָגן אַזאַ געשטאַנק. און די מיידלעך פון גריכנלאַנד, גאָט מיינער, ווי זיי האָבן אויסגעזען! אויפגעבלאָזן און אויפן אָפּגעשוירענעם קאָפּ די האָר ווי סטרונעס, באַוואָקסן געוואָרן ווי מאנסבילן. דערנאָך אלע געשיקט אין גאז. ווי אזוי איז זי איינע? אַזאַ שטארקע געווען? ניין, דאָס האָט די אונגארישע דאָקטאָרין זי כסדר געראַטעוועט, אַן אינטערסאנ־

טער פאל פאר ד״ר קאלבערג Phànomenal! Phänomenal!‏ ‏, און איצט... איז דאָס מעגלעך? באגעגענען זיי ווידער? זיי...? ווי האָט זי געקאָנט אהער קומען? ווי האָט זי געקאָנט?

3

ראַשעל איז נישט לייכט איינגעגאנגען צו קומען קיין בערלין. אין די 16 יאָר זינט זי איז ארויס פון לאַגער, האָט זי קיין איין טאָג נישט פארגעסן דעם בלאָק 10. די צעקאַליעטשעטע אינעווייניקסטע גלידער האָבן כסדר דערמאנט. זי איז אויס געווען ביי פארשידענע דאָקטוירים, קורירט זיך, געקאָנט זיך אויף אלץ דערלויבן, געהאט אומזיסטע היילונג, באַקומען אַ פענסיע, אַ סך אַנטשעדיקונג פאַר זיך, פאַר דער משפּחה, געקאָנט זיך פיין איינאָרדענען, גענוג געהאט אויף אלעמען. „ס'פעלט דיר איצט גאָרנישט, קאָנסט לעבן רואיק, דארפסט אָנהייבן פון אָנהייב, חתונה האָבן און פירן א נאָרמאל לעבן" — זאָגט צו איר די קוזינע, די איינציקע פון דער משפחה, וואָס איז נישט דעפּאָרטירט געוואָרן. ראַשעל האָט איר קיינמאָל נישט דערציילט דעם גאנצן אמת, אויסער די דאָקטוירים ווייסט קיינער נישט, אַפילו מאַהסעל נישט. ער שטעלט זיך נישט פאָר, אַז זי איז אַ צעקאַליעטשעטע, זי דרייט זיך כסדר אַרויס, שלעפּט אָפּ, פארענטפערט זיך, בכן זי וויל נישט זיין קיין קראנק ווייב, וויל פריער זיך אויסקורירן, ער וואַרט געדולדיק, נעמט אָן פאַר ליב אַלע אירע קאַפּריזן. ווי לאַנג קאָן דאָס אזוי דויערן? ער איז אויך איינזאַם, האָט פארלוירן זיין יונגע פרוי ערגעץ אין א לאַגער. ווי לאַנג קאָן זי נאָך אָפּשלעפּן? וואָס קאָן זי אים זאָגן?

די קוזינע איז דאָס מאָל צוגעשטאנען: „פאָר דיר היילן, האָסט א געלעגנהייט, נוץ אויס; מע שיקט, פאָר, וויפל מ'נעמט ביי זיי איז אלץ ווייניק, די בעבעכעס וואָלט איך פון זיי ארויסגענומען, זאָלסט ארויסרייסן וויפל ס'לאָזט זיך, די הויט וואָלט איך פון זיי אַראָפּגעריסן. זיי האָבן נאָך נישט אָפּגעגעבן דאָס וואָס זיי האָבן צוגערויבט, די דערמאָרדעטע וועלן זיי שוין לעבעדיק נישט מאַכן, זאָלן זיי כאָטש צאָלן. ווילסט זיי שענקען אַ מתנה דיין קוראציע, וואָס? ס'וועט נישט העלפן, זאָגסטו? ערגער וועט עס נישט מאַכן, פּרובירן דארף מע שטענדיק. אחוץ דעם איז פשוט א מצוה כסדר עפּעס ארויסצורייסן פון זיי, לעבעדיקע פאַסן וואָלט איך פון זיי געריסן. האָסט זיי פיינט? ווער הייסט דיך זיי ליב האָבן? פאָרסט דען צו זיי? פאָרסט זיך היילן, נאָך דער קוראציע קאָנסטו א שפּיי טאָן אויף זיי. אז

מיט דאַרף דעם גנב נעמט מען אים אַראָפּ פון דער תליה. דריי וואָכן לויפן גיך אַוועק, וואָס איז דריי וואָכן? איידער מע קוקט זיך אַרום, וועסטו צוריקקומען און זיין מיט 10 יאָר ייִנגער".

מאַרסעל האָט אונטערגעהאַלטן די קוזינע:

— ביסט געווען אין אַ סך ערטער, פאַרוואָס נישט פּרובירן דאָרט? זיי האָבן עקסטראַ מאָדערנע הייל־מיטלען, אויסגעצייכנטע ספּעציאַליסטן. גלויב מיר, כ'האָב זיי נישט ווייניקער פיינט, ווי דו. פּאָר, רחלע, כ'בעט דיך, טו מיר צוליב, כ'האָב אַ פאָרגעפיל, ס'וועט דיר גוט מאַכן.

ראַשעל האָט אַ האַלבן טאָג פאַרבראַכט אין דער קאָמיסיע צו דערלײדיקן די פאָרמאַליטעטן. אין אַ וואָך שפּעטער האָט זי מאַרסעל אָפּגעפירט צום באַן. דער שלאָף־וואַגאָן ערשטע קלאַס אַ באַקוועמער, שיין אויסגעשטאַטער, מיט גרויס קאָמפאָרט. ראַשעל איז געלעגן אויפן ווייכן, זייבערן געלעגער און זיך דערמאָנט אייגנצלהייטן, ווי זי איז אין דער זעלבער ריכטונג געפאָרן מיט 18 יאָר צוריק, נישט געגלויבט, זי זאָל נאָך קאָנען פאָרן אין יענעם לאַנד. די דערינערונגען פאַרשטאַרקן דעם רויש אין קאָפּ, זי וויל זיי פאַרטרייבן פון זיך, האָט צוגעזאָגט מאַרסעלן נישט צו טראַכטן דערוועגן, זי פאָרט דאָך אַהין צוליב אים, ער האָט זי אַזוי געבעטן. אוי, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט אים אַנטוישן, אים פאַרלירן. וואָס וואָלט זי געטאָן אָן אים?

דער שנעלצוג איז איבערפרי אָנגעקומען קיין בערלין אָן אַ מינוט פאַרשפּעטיקונג. מ'האָט זי אָפּגעוואַרט און אָפּגעפירט אין האָטעל, אַנטשולדיקט זיך פאַר איר, וואָס זי וועט ערשט אין צוויי טעג אַרום אָפּפאָרן אויף דער קוראַציע. זי איז צופרידן געווען פון דער פאַרשפּעטיקונג, האָט דאָך מאַרסעלן צוגעזאָגט דורכאויס אָפּטרעטן ביי אַ פּריוואַטן ספּעציאַליסט, אפשר איז ער גערעכט? אין אָוונט האָט מען אין האָטעל פאַר איר אָנגעקלונגען און באַשטעלט אַ וויזיט ביי אַן אָנגעזעענעם ספּעציאַליסט...

.4

ראַשעל זיצט איצט אין פאָטעל מיט פאַרמאַכטע אויגן, פּרוווט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם, וואָס ס'איז געשען. פּראָפעסאָר קאָלבערג און פרײַלין עלזאַ, און זי אויף אַ וויזיט ביי זיי. מ'קאָן אַראָפּ פון זינען! און

אפשר א טעות? אזא ענלעכקייט גאָר? ניין, ניין, זיכער נישט קיין טעות, ער, אַ ביסל עלטער, נישט קיין סך, שלאַנקער געוואָרן, געווען א סך דיקער, איצט שלאַנק, דער זעלבער שראם אויפן שטערן, און די אויגן, די זעלבע קאַלטע אויגן, אַפילו די שטימע די זעלבע, א רוּאיקע... אזא רוּאיקע, געלאַסענע איז זי אויך געווען דעמאָלט... זי וואָלט אים דערקענט, ווען מע וואָלט זי פון שלאָף אויפגעוועקט, און פרוילײן עלזאַ, די סטודענטין, וואָס מ'האָט גערופן דאָקטער. נאָר דער פּראָפעסאָר האָט זי גערופן פרוילײן עלזאַ, די היגמישע עלזאַ... די... וואָס איצט טאָן?

דער טעלעפאָן האָט זיך אויפסניי צעקלונגען. ראַשעל האָט זיך אויפגעריסן פון פאָטעל, אַ צעטומלטע געקוקט אויפן אַפּאַראַט און ביים דריטן מאָל קלינגען צוגעטראָגן דאָס טרייבל צום אויער.

— צי איך קאָן מאָרגן? מאָרגן פרי? ווו? אַ, אין קוראָרט, יאָ, יאָ... אַ דאַנק, זיכער, זיכער... ניין, בלויז מיד... יאָ, כ'וועל גרייט זיין...

זי האָט האַסטיק אוועקגעלייגט דאָס טרייבל, צונויפגענומען כאַפּ-לאַפּ עטלעכע זאַכן, אַריינגעשטופּט אין וואַליזקע און פאַרשלאָסן. צי וועט זי כאָטש באַוויזן? זי האָט אָנגעהויבן זוכן דעם בייטל. פאַר די אויגן אַ נעפּל, וואָס האָט פאַרשטעלט צו זען, די הענט האָבן ביי איר געציטערט, אָ, דער בייטל איז אויפן טיש. ענדלעך האָט זי ארויסגעצויגן אַ טעשעלע, נאָכגעקאָנטראָלירט. אלץ איז אין אָרדענונג, זי וועט נאָך באַוויזן...

אויפצומאָרגנס אינדערפרי איז ראַשעל אויסגעשטיגן פון צוג אויפן צפון-וואָקזאַל אין פּאַריז.

די אויגן

כ׳בין דעמלט געקומען פון מילען. נאָר אַן „אַקציע“, די באַנרעלסן פאַנאַנדערגעשרויפט. ניט מיין ספּעציאַליטעט געווען, איך האָב געאַרבעט בלויז מיט מיין צאַצקע. איי, אַ צאַצקע געהאַט, געגאַנגען, ווי אַ זייגער. דאָרט האָט מע געדאַרפט אַ ביסל מייסטערווע, געווען אַפילו עטלעכע מייסטערס, נאָר יונגע חברה, איך האָב געדאַרפט זיי צוגעבן אַ ביסל פייער, מאַכן זיי האַרץ. איך זאָג ניט, אַז צוליב מיר, נאָר דאָס שטיקל אַרבעט האָט זיך איינגעגעבן, דער דייטשישער צוג האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, אַז ס׳איז געגאַנגען אַ רויך. שטעלסט זיך פאָר ווי מיר האָבן זיך געשמירט דאָס האַרץ, ניט צוזאַמען, צעטיילט געווען, נאָר מ׳האָט געמוזט נעמען דעם זעלבן צוג קיין פּאַריז. מילא, וואָס חברה האָבן דעמלט, נאָר איך פאַרפאָר אויף אַן אַנדער וועג.

ביי וואָס האָב איך געהאַלטן? יאָ, געקומען פון מילען אַ דערהרגעטער, קוים זיך דערשלעפּט צו זיך אויפן זעקסטן שטאָק. אַ הויז איז דאָס געווען, אַזאַ יאָר אויף אונדז, סאַמע סמעטענע דאָרט, געמוזט זיך אָנטאָן לייטיש, איי איך ווין אין אַ שאַמבר דע באָן, ווען גייט עס אָן? ס׳הייסט ווינען ווינט דאָרט אַנטאָני פּעראַרי, און ניט דער שניידער מאיר גאָרדאָן. וואָס, ס׳שטייט מיר אָנגעשריבן אויפן שטערן, אַז כ׳הייס מאיר גאָרדאָן? און מיינע פּאַפּירן שטייט שוואַרץ אויף ווייס — אַנטאָני פּעראַרי, אַן אָפּשטאַמיקער פון איטאַליע, אַ נאַטוראַליזירטער, איי איך קען קיין וואָרט איטאַליעניש ניט, ווער פאַרהערט מיר דען? מ׳האָט ביי ווי געסטאַרעוועט זיך וואָס ווייניקער צו רעדן. איך פאַרקריך זאָגסטו? נו, וועל איך איצט גיין מיט אַ גלייכן וועג.

אַלזאָ, געקומען אַ דערהרגעטער, אַראָפּגעצויגן די שיך, אויסגעצויגן זיך אויפֿן בעט און וואַזי! שלאָף! איך, אַז איך וויל שלאָפֿן, שלאָף איך. כ'נעם קיינמאָל נישט איין קיין שלאָפֿגעטראַנק, האָס איז גוט פֿאַר אינטעליגענטן, איך האָב אַן אייגן מיטל, צייל אָפּ ביז הונדערט, נישט געכאַפּט, פּאַמעלעך, ביז הונדערט און איך שלאָף. נו, בין איך געשלאָפֿן. ווי לאַנג ווייס איך נישט, נישט געקוקט אויפֿן זייגער. אינדרעם: טוק=טוק, טוק=טוק, טוק=טוק. אַ שלאָף האָט מע דעמלט געהאַט אַ דעליקאַטן, אַ ליאַדע שאָרד. כ'הער מיר נאָכאַמאָל איין: דריי מאָל. אַן אייגענער. כ'מאַך אויף די טיר — טיעז, אַנדרעי! — געווען איז דאָס יאַנקל שנייַדערמאַן. וואָס פֿאַראַ רוחות האָבן דיר דאָ איצט אָנגעטראָגן? כ'בין געשלאָפֿן, כּשר זיך פֿאַרדינט צו כאַפּן אַ דרימל נאָך אַזאַ שטיקל אַרבעט.

אַנדרעי איז מיין פֿאַראַנטוואָרטלעכער, ווי אַ שטייגער אַ קאָמאַנדיר, אָבער מ'איז געווען פּאַן=בראַט, אַלע אויף דו, אַ העכערער טשין, נאָר האָס איבעריקע גלייך מיט גלייך.

מיין אַנדרעי איז מיר דאָס מאָל נישט געפֿעלן, עפּעס נישט דער זעלבער, זעצט זיך אַוועק אויפֿן בעט און שווייגט, ווי ער וואָלט אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער.

— עפּעס געשען? — פֿרעג איך.

— געשען.

— שלעכטע נייעס?

— שלעכטע.

— ווידער עמעצער אַריינגעפֿאַלן?

— ווייניק דיר ביז איצט?

— וואָזשע דען?

— אַ מיאוסע מעשה...

— נו, טאָ חבר, האָסט מיר אויפֿגעוועקט, טאָ חבר.

— אַ מיאוסע מעשה מיט פּיער.

— פּיער?! וואָס, ער לעבט נישט?

— הלוואי וואָלט ער נישט געלעבט.

— וואָסי?

— ער שיט, אַלע פֿאַרשאָטן.

— פּיער?! וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט.

— נישט מעגלעך, כ'גלייב נישט, אַ ליגנט.

— הלוואי וואָלט עס געווען אַ ליגנט.

— פון וואַנען ווייסט מע האָס? ער זיצט דאָך האָרט, ווו זיי אַלע!

— זיצט שוין נישט האָרט, ווו זיי אַלע.

— ווו דען?

—שפּאַצירט אַרום אין פּאַריז.

— אַנטלאָפן?

— פון דאָרט אַנטלויפט מע נישט.

— פּיער איז אַ פּיפּיקער חברה־מאַן, געקאָנט זיך אַרויסדרייען.

— אַרויסגעדרייט זיך פאַרשטענדיק די אַנדערע, אונדז אויך.

— כ׳גלויב נישט.

— ביסטו אַן אידיאָט!

— כ׳וויל בעסער זיין אַן אידיאָט, ווי צו גלויבן אין אַזעלכע...

— ביסטו אַ טאָפּלטער אידיאָט.

— כ׳גלויב נישט אויף פּיערן.

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, ביסט אַן אידיאָט.

גיי טענה דיר אויס מיט אַנדרעי, איך מיינס, ער זיינס, ער וועט זיך קיינמאָל נישט אַוועקזעצן פאַנאַנדערעדן מיט דיר, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אַרויסלייגן אויפן טיש קלאָרע חבורים, אַזוי און אַזוי, ס׳זאָל דיר קלאָר ווערן אין קאָפּ, נישטאָ קיין צייט אויף קיין סך רייד, זאָגט ער, מ׳דאַרף טאָן און נישט רעדן, טאָן הייסט אַרבעטן מיט די צאַציקעס, מאַכן אַ דייטשישן אָפיציר מיט אַ קאָפּ קירצער, דאָס איז זיין בראַנזשע, דאָ איז ער פאַטראָן. אַז ער קומט צו מיר, פאַרשטיי איך אין וואָס ס׳גייט, איך אַרבעט אינדיווידועל, מיט עטלעכע שאָטנס, מיין צאַציקע האָט שוין צערעכט געמאַכט עטלעכע דייטשישע קאָרפּן־קעפּ, שיסן זיך אויסגעלערנט אין דער פּוילישער אַרמיי, די שקצים פּלעגן גיין פאַר מיר דאָס כפּרות, אַז כ׳האָב געצילט. אַנדרעי ווייסט, אַז איך קאָן גוט די מלאכה. אונדזערע שמועסן געדויערן נישט לאַנג, אַזוי און אַזוי, איך הער אויס און דערנאָך טו איך דאָס מייניקע. איצט איז עפּעס אַנדערש, פּיער, אַן אייגענער, איך קאָן אים נישט פון געכטן, קיינמאָל קיין יאָ און קיין גיין מיט אים נישט געהאַט, פאַרקערט, אין שווערע שעה׳ן האָט ער זיך געטיילט מיט מיר מיטן לעצטן ביסן. ניין, ס׳ווילט זיך מיר נישט גלויבן, אין אַזעלכע צייטן מאַכט מע נישט אַזאַ טעות, נישט איינער פון אונדז קאָן אויסזען פאַרדעכטיק.

איך זיץ מיר אַזוי און טראַכט אַריין אין די זאַכן און אַנדרעי

פרעסט מיר מיט זיינע אומעטיקע אויגן. ער איז אומעטיק היינט אַנדרעי און איילט זיך נישט, ווי שטענדיק, כ'זע ס'איז אים שווער אויפן האַרץ. אפשר טראַכט ער אויך וועגן זיין מיידל? מ'האָט זי פאַרגומען מיט דער גאַנצער משפחה, געווען ביז נישט לאַנג אין דראַנסי, איצט ווער ווייסט וווּ?

— כ'זאָג דיר נאָכאַמאָל, כ'גלויב נישט — איך אַזוי צו אים.

— אַז וועסט יאָ גלויבן, וועסטו?...

— וואָס?

— אָפּרוימען, ער איז אַ גרויסע געפאַר.

— אַ געפאַר? פאַר וועמען? — איך אַזוי, כ'מאַך זיך אַ ביסל תמוואַטע.

— פאַר אונדז אַלע.

— צוליב דעם געקומען צו מיר? איך דאַרף דאָס...?

— ער זוכט דיר, וויל זיך מיט דיר טרעפן, נישט קיין נאַר, האָט צו דיר צוטרוי, נו, אַ גוטע געלעגנהייט.

— כ'וועל נישט! אַן אייגענעם?!

— איצט שוין נישט קיין אייגענער, ער וועט אונדז אַלע... ס'איז ער, אָדער מיר.

— ביז כ'וועל מיט מיינע אייגענע אויערן נישט הערן, גלויבט זיך מיר נישט, מ'קאָן דאָך נישט אַזוי איינעם צוויי און אַראָפּ פון מאַרק.

— געטראָפן אין פינטל, דאָס ווילן מיר, ער דאַרף זיך פריער מודה זיין, מיר מוזן וויסן ווו מיר האַלטן אין דער וועלט, ווי ווייט ער איז געגאַנגען, נישט לאָזן פאַרציען די פעטליע אַרום האַלדז.

— און, אַז ער וועט לייקענען?

— מ'דאַרף אים מאַכן רעדן, מיר מוזן וויסן.

— איך דאַרף דאָס...?

— נישט דו אַליין, דו דאַרפסט אים ברענגען, דערנאָך וועט עמעצער מיט אים אַ שמועס טאָן, און דו....

— איינס פון די ביידע, אָדער איר זענט חסור דעה, אָדער ער איז אַראָפּ פון זינען, אַ קשיה אויף אַ מעשה, מ'קאָן נישט דאַרט משוגע ווערן?

— אויב אַזוי, איז ער אַ געפערלעכער משוגענער.

— אַ משוגענעם טאָר מע נישט, נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע...

— איין משוגענער אָדער מיר אַלע, מ'מוז אויסקלייבן.

וואָס זאָל איך דיר לאַנג ציען? הכלל, כ'בין איינגעגאַנגען, געקומען אויף זיך דאָס שטיקל אַרבעט, נאָר טיף אין האַרצן האָט זיך עפּעס אויסבאַהאַלטן: ס'וועט זיך סיווי אַרויסווייזן, אַז ס'איז אַ טעות, ס'וועט נאָך אויסגיין צום גוטן, כ'גיי דען חס וחלילה אים שלעכטס טאָן? פאַרקערט, אָפּראַטעווען אים, נאָך גוט וואָס ס'איז אויסגעפאַלן אויף מיר, נישטאָ קיין קונצן היינט, אַז אַנדערער וועט נישט פרעגן קיין קשיות, אַז מ'האַרף, האַרף מען. איך וועל אים אָפּראַטעווען, ס'וועט זיך נאָך אַרויסווייזן, אַז מ'האָט דאָ פאַרקאָכט אַ קאַשע.

אויפצומאָרגנס בין איך געגאַנגען ווו מ'האָט געשיקט. און ווייסטו וואָס כ'וועל דיר זאָגן? אַלע מאָל ווייניקער געגלויבט און צופרידן געווען, וואָס מ'האָט מיר באַשטימט. עפּעס וואָס איז דאָך מסתמא יאָ געווען, אַנישט וואָלט ער נישט אַרומגעשפּאַצירט איבער פּאַריז, וועל איך אים זאָגן: אַזוי און אַזוי, ברודערקע, מ'מוז דיר נעמען אויפן צימבל, ווייסט דאָך, יענע זיצן, דיר האָט מען אַרויסגעלאָזט, קענסט שלעכטס אָפּשניידן, לייג בעסער אַרויס אויפן טיש דיינע פּאָר גראָשן, היינט זענען נישטאָ קיין קונצן, די דייטשן ווילן אונדז עוקר מין השורש זיין, מיר פירן מיט זיי מלחמה און מוזן קענען אונדזערע פּאָזיציעס, הבר וואָס דו ווייסט.

אַזוי זיך דעם גאַנצן וועג איינגעחזרט, האָס און נאָך אַנדערע זאַכן, אַ גאַנצע הרשה זיך צוגעגרייט, פונקט ווי מיין גאַנץ שטיקל אַרבעט וואָלט געדאַרפט באַשטיין אין הרשנען פאַר פיערן.

געקומען אויפן אָפּגערעדטן אָרט און אים געטראָפן. ער איז געגאַנגען מיר אַנטקעגן. נאָר אוי, אַ בראָך, נישט דער זעלבער פּיער, אַן אַנדער פּיער. דער פריערדיקער פּיער איז געווען אַ באַרערדעווודיקער, אויפן פּנים געהאַט אַ צעגאָסענעם שמייכל, געווען אַפילו אַ שטיקל סטאַוויאַק, נאָר אַ פריילעכער חברה־מאַן. איצט נישט דאָס זעלבע פּנים. קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה געוואָרן. פונדעסטוועגן זיך געהאַלטן ביי מיינס: איך נישט, וואָס ס'וועט זיין — וועט זיין, מיין צאַצקע לאָז איך נישט אין גאַנג, דאָס איז מיר געגעבן געוואָרן פאַר יענע. נאָר איך מאַך זיך נישט ווויסנדיק, מ'וועט ווייטער זען. „האַלט דאָס מויל“, זאָג איך צו זיך, דיין זאַך איז צו ברענגען אים דאָרט, ווו יענער וואַרט.

מיינסט ס'איז מיר אָנגעקומען לייכט? זאָל מע בעסער כאַפּן אַ שפּאַציר אין בולאָנער וועלדל, נישט ווייט, ער וועט מיר דערציילן ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע לאַפּעס, איצט וויל ער צוריק צו

דער אַרבעט, איך קען דאָך אים צומבעסטן. ווילסט זיך דורכרעדן, זאָג איך, איז אדרבא ואדרבא, נאָר נישט דאָ, מיר זענען נישט אויף וואַקאַנס און נישט אויף קיין זונטיקדיקן שפּאַציר. אָט־דאָ נישט ווייט האָב איך מיר אַ רואיק דירהלע, עפּעס אַ מין אַלטע, קליינטשיקע ווילע, אַ 10—15 מינוט וועגס, אין דרויסן איז היינט נישט קיין אָרט צו פירן שמועסן, פון אונטער דער ערד קאָן עמעצער אַרויסוואַקסן.

דערווייל האָט פיער אָנגעהויבן מיך אויספרעגן דאָס און יענץ, געפרעגט זאַכן, וואָס מע פרעגט נישט. כ׳האָב אים נישט גענומען פאַר אומגוט. ער איז אַפילו נישט קיין נאַר, אָבער קיין גרויסער חכם אויך נישט. שטענדיק ליב געהאַט אומעטום אַריינצושטעקן די נאָז. איך פון מיין זייט געענטפערט נישט געשטויגן נישט געפלויגן, האָסט הנאה פון פרעגן, פרעג, נאָר אַ פייג וועסטו זיך עפּעס דערוויסן. קיין שלעכטס וועל איך דיר טאָקע נישט טאָן, האָב איך זיך געטראַכט, נאָר פאָרזיכטיק זיין, דאָס יאָ, קאָנסט צוואַרטן, ברודערקע, מיר מוזן דיך פריער אַ קוועטש טאָן, דערוויסן זיך ווי ס׳איז דאָרט צוגעגאַנגען, פאַר וואָסערע מעשים טובים ביסטו איצט אויף דער פריי.

אַזוי האָבן מיר דורכגעמאַכט דאָס שטיקל וועג, ער פרעגנדיק דאָס און יענץ, איך אַריינטראַכטנדיק טיפער אין דער זאַך, אָננעמענדיק נאָכאַמאָל אַ באַשלוס, אַז וואָס־וואָס, נאָר איך נישט... ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צו פיערן האָט זיך צוריקגעקערט דאָס אַמאָליקע פּנים, אויפגעלייגטער געוואָרן. זעט צוריק אויס ווי אַמאָל: אַ הויכער, דאַרער, 36־יאָריקער פאַרשוין, מיט אַן אויסגעצויגן שמייכלענדיק פּנים, מיט צוויי גאָלדענע ציין פון פאָרנט, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון מויל.

מיר זענען אַריין מיט דער הינטערשטער טיר, אַזוי איז געווען אָפּגערעדט. פיער איז פּלוצלונג בלאַס געוואָרן, אָבער בלאַס, ווי די וואַנט. אַפּנים נישט געריכט זיך צו טרעפן דעם „געלן“. איך האָב זיך אויך נישט געריכט, געוווסט, אַז עמעצער וועט וואַרטן, נאָר אַז דער „געלער“ וועט מיר באַהילפיק זיין אין דער שיינער מלאכה, דאָס האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט.

דער „געלער“, איז דעם אמת געזאָגט, גאָר קיין געלער נישט געווען, זיינע האָר האָבן געהאַט דעם קאָליר פון פלאַקס, נאָר דאָס פּנים איז ביי אים באַדעקט געווען מיט געלע שפּרענקעלעך. אַזוי ווי יעדער פון אונדז האָט געדאַרפט זיך אויסגעפינען אַ נייעם נאָמען און ער האָט צולאַנג

געטראַכט, האָט מען אים אַרויסגעהאָלפֿן און אַ נאָמען געגעבן — Le Roux — „געלער“, ס'האָט זיך געפּאַסט צו זיין פּנים.

דער „געלער“ איז געווען אַ חברה־מאַן, וואָס מ'האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף אים. אַ פּנים טאָקע נישט איי־איי, דערפאַר אַ קעפּל, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, אַ פּרימאַ סטראַטעג, אַז מ'האָט געדאַרפט דורכפירן אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער אַזוי צוגעגרייט, אַז אַלץ איז געגאַנגען אויף רעדלעך, מ'האָט זיך אַפילו דערציילט, אַז ער קען נישט שיסן, אָבער פאַר־טראַכטן אַ פּלאַן האָט ער געקענט. איצט איז ער געבליבן אַ קאָמאַנדיר אָן אַן אַרמיי, זיין גאַנצע חברה איז אַריינגעפאַלן אין זייערע לאַפּעס, אָנ־געשטעלט אַ נעץ אויף זיי און אויסגעכאַפּט מיט איין טראַסק. דער געלער האָט זיך דאָס נישט געקאָנט שענקען, געביסן זיך די פינגער פאַר צאָרן, זיין חברה זיך געלאָזט אויסכאַפּן ווי די קרוליקעס. נו, איצט פאַרשטייסטו, אַז מע דערזעט אַזעלכן און מע דאַרף אים אָפּגעבן אַ גרוס פון דאָרטן קאָן מע בלאַס ווערן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פּיער איז אַפילו קלענער געוואָרן, האָט זיך אָבער באַלד צוריק געכאַפּט, זעט אויס, זיך אָנגענומען מיט כוח.

איך, ווי איך, כ'האַלט זיך ביי מיינס, אויב וואָס־ווען איז אַ קאָפּ'ע אין היגטן און פּאַשאָל, דער געלער מעג אים אַפילו אָנרייבן אַ מאָרדע ער זאָל זיך זען מיט דער עלטער־באָבע און פאַרזאָגן אויף אַ צענטן מאָל צו שיטן אויף אייגענע, נאָר ווייטער נישט.

דער געלער האָט אים דערווייל אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, דערנאָך אַרויסגענומען אַ שעכטל פּאַפּיראָסן, מיר דערלאַנגט דאָס שעכטל, אים אויך מכבד געווען, פאַררויכערט, פאַרצויגן זיך טיף, און אָן שום הקדמות, געלאַסן גענומען זיך צום פאַרהער:

— שטויסט זיך מסתמא אָן וועגן וואָס מיר ווילן מיט דיר שמועסן...

— אוודאי, געוואָלט איבערגעבן, געזוכט אייך...

— מיר ווייסן, צו וואָס האָסט אונדז געזוכט, מיר ווייסן אַלץ, נאָר מיר מוזן וויסן ווי ווייט דו ביסט געגאַנגען — קאָנסט זיך איצט אויסקויפֿן פון דיינע זינד... דערצייל!

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פּיער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעברי־טער, אָנגעצונדן זיך: ווי קאָן מע האָס אויסטראַכטן אויף אים אַזאַ זאַך?! איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, אין פייער און אין וואַסער גרייט צו גיין, און דאָ אַזעלכעס אויף אים! נישט אַנדערש, נאָר זיי האָבן דאָרט

צוגעטראַכט אַ טייוולאָנישע שפּיל, מיר זאָלן איינע אויף די אַנדערע אָנשטיין, געוואַלד, וואָס וויל מע האָבן פון אים?

שטעלסט זיך פאָר מיין האַרץ? וואָס וויל מע טאַקע האָבן פון אים? ניין, דאָס איז נישט קיין אָנשטעל, אַ מענטש קלאַפּט זיך אַזוי אין האַרץ, פאַרוואָס זאָל מע גלויבן עפּעס אַ שטיקל טויט פּאַפּיר און נישט אַ מענטשן? אָט שטייט ער אַן אויפגעציטערטער, וואָס מ'איז אים חושד, זאָל מע זאָגן ס'האָט זיך אים עפּעס אַראָפּגעגליטשט פון צונג, אַ מענטש איז דאָך נאָר אַ מענטש, כ'שטיי אַ פאַרשעמטער, מיר זאָלן צווישן אייגענע אַזוי...

דער געלער נעמט זיך אָבער נישט איבער נישט מיט פיערס רייד און נישט מיט מיין פאַרשעמט פּנים.

— גענוג! גענוג! — זאָגט ער צו אים — און מיר וואַרפט ער צו אַ בייזן קוק — נישט קיין צייט אויף לאַנגע דרשות.

— געלער — זאָג איך — לאָז אים רעדן, אויב אַפילו ער האָט זיך אויסגעגליטשט אַ ביסל, דאַרף מען אים לאָזן זיך פאַרטיידיקן, ס'איז דאָך אמת, וואָס ער זאָגט, געווען מיט אונדז לייב און לעבן, ער וועט אונדז... לאָז אים רעדן.

— טאָ זאָל ער רעדן וואָס מ'דאַרף, אָן דריידלער, לאָזן אים זיך פאַרטיידיקן און אונדז אַלע באַגראָבן?! — צו מיר אַזוי.

מיין פיער, פאַרשטייסטו מיר, האָט זיך ווידער אָנגעצונדן, מיינע ווערטער, זעט אויס, האָבן אים אונטערגעהיצט, צוגעגעבן זיכערקייט.

געלער ווי געלער, לאָזט זיך נישט אַרויספירן פון די כלים, כסדר געלאַסן, נאָר איצט שטופּט ער אים פּעסט צו צו דער וואַנט: אַזוי איז אַזוי, מיר האָבן שוואַרץ אויף ווייס, רעד! האָסט פינף מינוט, אויפן זייגער פינף מינוט...

מיינסט כ'האָב עס געקומען ערנסט? אַ נעכטיקער טאָג, מ'וועט אים אָנשרעקן און פאַרטיק. פון שרעק שטאַרבט נישט קיין מענטש, אַז נישטאָ וואָס אַרויסצוציען, איז נישטאָ.

הייגט שטעל דיר פאָר, ס'איז נישט אָפּגעלאָפן קיין דריי מינוט און פיער האָט אָנגעהויבן הברן, אַרויסגעוואָרפן נישט קיין ווערטער פון מויל, נאָר שטיינער, געוואָרפן זיי מיר גלייך אין קאָפּ אַריין: יאָ, אויסגעגעבן, מ'האָט שטאַרק געשלאָגן אים... נישט געקאָנט אויסהאַלטן, נישט געקאָנט מער... יאָ, אַרויסגעשיקט, ער זאָל... ער האָט נישט.. ער וועט נישט...

דאָס מויל האָט זיך ביי אים אויסגעקרימט, די ווערטער האָבן אָנגעהויבן זיך פּלאָנטערן, ער האָט איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

געלער, ווי געלער, גוט זיך איינגעהערט, איך נישט, שוין גאָרנישט געהערט, נישט געקאָנט מער, געפילט נאָר אויף זיך געלערס בליק און פּלוצלונג דערהערט אַ שאָס. מיין האַנט האָט פון זיך אַליין אָנגעדריקט דאָס ציגל. וואָס האָט אַ שטויס געטאָן מיין האַנט? געהאַט דאָך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז נישט, בשום אופן נישט.

נישט געלערס ווונק, נאָר פּיערס רייד. די שטיינער, וואָס זענען מיר געפאַלן אין קאָפּ האָבן מיך צעדולט.

ער איז אַוועקגעפאַלן און פאַרטיק, קיין פּיפּס נישט געטאָן, נאָר די אויגן זענען געבליבן ברייט אָפן. אוי, די אויגן, שטענדיק קוקן זיי אויף מיר, כ'קאָן זיך פון זיי נישט אויסבאַהאַלטן.

דער בריוו

.1

באַקאַנטשאַפט האָבן מיר געשלאָסן אויף די טרעפּ. יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי מיר צוגעוואָרפן עטלעכע ווערטער: „אַ שיין וועטער, נישט אמת?“ אָדער: „אַ קעלט היינט, ס׳נעמט דורך די ביינער“. טיילמאָל האָב איך זי באַגעגנט פאַר איר טיר, זי האָט זיך קיינמאָל נישט געאײַלט, געשטאַנען און פאַפּראַוועט איר אויבערשט מלבושל, צוגעגלעט אירע ווייסע האָר און האָט מיר מודיע געווען: „מ׳וועט זיך א ביסל איבערשפּאַצירן, וואָס דען האָב איך צו טאָן?“

דאָס מאָל האָט זי מיך אָפּגעשטעלט:

— אַנטשולדיקט, כ׳וויל אייך בעטן א טובה — האָט זי נישט דרייסט געזאָגט — די ברילן האָבן זיך בײַ מיר צעבראָכן, אָן ברילן בין איך אויס מענטש, ערגער, ווי אָן א האַנט, פּונקט מאַכט זיך עפּעס... אַקוראַט איצט... אין מײַן עלטער אָן ברילן...

כ׳האָב געפילט, אז דער שכנטע מײַנער קוועלט עפּעס און זי וויל זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. בקיצור, כ׳האָב זי אַרײַנגעבעטן אין שטוב.

א קליינינקע, א דאַרינקע, מיט א קאָפּ געדיכטע, ווייסע האָר און א מילד אָנגענעם פּנים, אויף וועלכן ס׳בלאָנקעט שטענדיק ארום אן אױ־מעטיקער שמייכל; אירע העלע, נאָך קלאָרע אויגן קוקן, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפֿן שפּיץ שטול און מיט דער זעלביקער נישט דרייסטקייט ווי פריער פאָרגעזעצט:

— מ׳דאַרף שטענדיק האָבן אַ פּאָר ברילן אין זאַפּאַס, אַז ס׳צעברעכט זיך, זאָל מע נישט בלייבן ווי אָן אַ האַנט. אויס געווען די גאַנצע שטאָט, דאָ זענען נישטאָ קיין פּאַסיקע גלעזער, דאַרט קיין פּאַסיק רעמל, וואָס זאָל מע טאָן? מ׳מוז וואַרטן, דערווייל בין איך ווי אָן אויגן, און אַקוראַט מאַכט זיך עפּעס. אַז אַ מענטש האָט נאָענטע פריינד, משפחה, איז עפּעס אַנדערש, גלאַט עמעצן בעטן, אַבי וועמען... ס׳איז זייער פּריקרע.

כ׳האָב געמיינט, אַז זי וויל לייען ביי מיר אַ פּאָר ברילן, און וועלנדיק איר אַרויסהעלפן פון איר פאַרלעגנהייט, האָב איך אַרויסגעצויגן פון טאַש מיינע לייען־ברילן און פאָרגעלייגט. זי האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, גענומען, ווי יוצא צו זיין מיינע ברילן, אָנגעטאָן אויפן קליינעם, געשניצטן נאָז געזל, אַ פּיר געטאָן מיט די באַברילטע אויגן איבער פאַרשריבענע בויגעלעך, וואָס כ׳האָב ערשט איצט באַמערקט אין איר האַנט, און זיי צוריק אַראָפּגעצויגן.

— געוווסט ס׳וועט נישט טויגן. ווי קומען אייערע ברילן צו מיינע אויגן? איר האָט יונגע אויגן, געוווסט ס׳וועט נישט... געוואָלט נאָר בעטן אייך אַ געפעליקייט...

— איז וואָס קאָן איך פאַר אייך?

— כ׳וויל אייך בעטן אַ טובה, ס׳איז זייער פּריקרע... וואָס קאָן מען טאָן? אַז כ׳בין ווי אָן אויגן...

— ס׳מאַכט נישט, אין לעבן קאָן אַלץ טרעפן, זאָגט אין וואָס ס׳גייט אייך, איין מענטש דעם אַנדערן דאַרף אַרויסהעלפן, ס׳איז נאַטירלעך... — האָב איך אָנגעהויבן שיטן מיט פראַזן, כדי זי זאָל זיך פילן היימישער.

— באַקומען אַ בריוו, ער ליגט שוין אַ גאַנצע וואָך, מ׳קאָן נישט געבן לייענען אַבי וועמען, ס׳איז פון אַן אַלטן פריינד, פון מיין שטעטל, אַ וואָך צייט און כ׳קאָן נישט איבערלייענען, כ׳האָב אייך נישט געוואָלט באַלעסטיקן, און ס׳איז זייער פּריקרע...

— כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי, אַ פרעמדן געבן לייענען אַ בריוו, אָבער אַז איר האָט צוטרוי, קאָן איך איבערלייענען, איר באַלעסטיקט מיר גאָרנישט, ס׳מאַכט נישט. —

— כ׳בעט אייך, לייענט מיר איבער — האָט זי גיך אַרויסגעוואָרפן פון זיך דעם קורצן זאַץ, ווי נאָך אַ שווערן באַשלוס און מיר אַריינגערוקט דעם בריוו אין האַנט.

.2

„ליבע און האכגעשעצטע שיינדעלע! ראשית קום איך דיר מעלדן דאָס איך בין געזונט, אויסער, נישט פאַר דיר געדאַכט, דער פוס, איז אַלץ אין בעסטן אָרדענונג, כ'מיין וואָס אָנבאַלאַנגט אין געזונט. והשנית וויל איך דיר צווישן געבן דאָס היינטיקע נאַכט האָסטו מיר זיך א גאַנצע נאַכט געחלומט, מיין נישט, דאָס נאָר היינט ביי נאַכט, גאָר די נאַכט בלויז צום גוטן, כסדר וועגן די זעלבע זאכן, פונקט ווי ס'וואָלט שוין געווען ביי אונדז אָפּגעמאַכט. נו, אַ חלום איז טאַקע נישט מער ווי א חלום, פונדעסטוועגן אַ ביסעלע בטחון איז צוגעקומען. האָב איך באַשלאָסן די זאַך נאָכאַמאָל בעסער דיר אויפצוקלערן און אַלצדינג. נאָר ווי אַזוי מאַכט מע דאָס, אַז דו ביסט אין וואַרשע און איך אין ווראָצלאַוו? ווי זאָגט מע דאָס ביי אונדז יידן — ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? איז גאָט צו דאַנקען פאַראַן אויף דער וועלט א פּאָסט. ובכן, שיינדעלע, אין דעם דאָזיקן בריוו וויל איך דיר אַרויסלייגן מיין גאַנץ האַרץ און אַלצדינג. כ'בעט דיר זאָלסט זיך געבן די מי און זיך גוט אַריינטראַכטן אין מיינע ווערטער, וואָס קומען פון טיפן האַרצן. מיין נישט, שיינדעלע, דאָס ביי מיר איז דאָס אַזוי זיך און מער גאָרנישט, כ'האָב די זאַך נאָכאַמאָל איבערגעלייגט נאָך דיינע קווענקלעניש, כ'טראַכט אהער און אהין וועדליג דעם, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט און פון וואָסער זייט איך באַטראַכט די זאַך, זעט עס מיר אויס פאַר זייער גלייך, וואָס גלייכער קאָן שוין נישט זיין. זאָג דו אַליין, פאַרוואָס זאָלן מענטשן אַזוי אָפּקומען און זיך מוטשען אויף דער וועלט? איז דען נישט גלייכער הנאה צו האָבן פון לעבן? מילא, אַז מ'קאָן נישט, אַז מ'לאָזט נישט, איז אַן אַנדער זאַך, אָבער אַז מע לאָזט לעבן, פאַרוואָס זאָל מע נישט לעבן ווי אַ מענטש און ווי גאָט האָט געבאָטן און אַלצדינג? אויף דעם שטייט די וועלט, דאָס מאַן און פרוי זאָלן לעבן צוזאַמען, אַפילו ווילד=פרעמדע מענטשן גייען זיך צוזאַמען אין די עלטערע יאָרן, וואָס, ס'טרעפט נישט? ס'איז דען אַזאַ אויסטערלישע זאַך? ס'טרעפט אומעטום און אין די אַמאָליקע צייטן און אין די היינטיקע צייטן.

און מיר, שיינדעלע, צי זענען מיר דען נישט ווי אייגענע? געדענקסט די שבת=צונאַכטסן אויף די קלעצער ביים וואַלד? ווי מיר האָבן שפּאַצירט אויפן לאַנגן וועג און געזונגען לידער? ווייסט גאַנץ גוט, דאָס

כ'האָב געשטרעבט זאָלסט זיין מיינע, וואָס איז דאָ צו רעדן, אַלע האָבן דיר געהאַלטן פאַר מיין כלה. נו, איז מיר געשען אַן אומגליק, אינמיטן דערינען איז הערשקע אַראָפּגעקומען, אריינגעקראָכן מיר אין וועג. כ'בין אים שוין לאַנג מוחל געווען, נאָר דעמלט געשאָלטן אים מיט טויטע קללות, אַ דם-שונא אים געווען. וואָס האָב איך מער געקאָנט טאָן? דערהרגענען זיך? אָדער אים דערהרגענען? ביי יידן גייט מע נישט אויסשטעך-מעסער צוליב אַ כלה. כ'האָב זיך געמוטשעט, געמוטשעט, דערנאָך געזען ס'וועט גאָרנישט העלפן. מיין שהלע האָט אַלץ געוווּסט. מיינסט זי האָט נישט געוווּסט? געוווּסט, געוווּסט, וואָס ס'קומט פאַר אין מיין האַרצן און אַלצדינג. זי איז געווען אַ כשרה נשמה, אַ שטילע טויב, נאָר דו ביסט מיר פאָרט שטענדיק געווען נענטער צום האַרצן. זאָג נישט, האָס דו האָסט נישט געוווּסט, האָסט געוווּסט און אַלצדינג. האָסט ביי אים קיין זיס לעבן נישט געהאַט, כ'ווייס, כ'ווייס, נאָר צוואָס זאָלן מיר אים דערמאָנען זיינע מעשים טובים, ער איז געגאַנג אָפּגעקומען.

אַזוי איז דאָס געווען, וואָס נישט? היינט זענען מיר ביידע איינזאַם, אוי איינזאַם, ווי אַ שטיין, קאָן מע זאָגן. מיין גאַנצע משפּחה און דיין גאַנצע משפּחה האָט דער רשע היטלער ימח שמו געלאָזט אויסקוילענען און פאַרברענען, נאָר מיר און דיר האָבן זיי נישט פּאַספּיעט אויסצוקוילענען. ס'האָט דען אַ סך געפעלט? כ'פרעג זיך אַליין ווי אַזוי כ'בין ארויס אַ לעבעדיקער. און דו פרעגסט זיך דען נישט דאָס זעלבע? נו, איז דאָס נישט קיין נס מן השמים? כ'מיין דאָס וואָס מיר ביידע לעבן? כ'בין נישט קיין אָפּגעשטאַנענער עלעמענט, דו ווייסט דאָך, דאָס איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין פרומאַק און קיין פאַרציימיקער און פון יענע זאַכן נישט געהאַלטן, נאָר איך זע באַשיינפערלעך, דאָס אונדז ביידע איז באַשערט... אַזוי פיל יאָרן פאַרביי און גאָרנישט, איינס פון אַנדערן נישט געוווּסט. ווער האָט זיך פאַרגעשטעלט האָס דו לעבסט? דו האָסט זיך דען פאַרגעשטעלט, דאָס איך לעב? זאָג דעם אמת, האָסט נישט געמיינט דאָס כ'בין אַרויס מיטן רויך פון קוימען אין טרעבלינקע אָדער אין אוישוויץ? ווער ווייסט ווי לאַנג מיר וואָלטן אַזוי געטראַכט איינער פון אַנדערן, מאַכט זיך אַ מעשה און שרה-לאה לייענט איבער די צייטונג און דערזעט דיין נאָמען. מיינסט שרה-לאה איז אַזאַ פאַרברענטע לייענערקע פון צייטונגען? לייענט איינמאָל אין אַ יובל. פונקט יענעם טאָג האָט זיך איר פאַרגלוסט צו לייענען די צייטונג, ס'האָט זי אַ צי געטאָן. צוואָס זאָל איך דיר דאָס באַשרייבן, אַז כ'האָב דיר שוין דערציילט און אַלצדינג. נו, זאָג אַליין, איז

דאָס נישט קיין באַשערטע זאַך? שרה־לאה האָט געקאָנט דעם טאָג די צייטונג נישט לייענען, נישט אַנדערש, שיינדעלע, נאָר ס'איז אונדז באַשערט צו זיין אַ זיווג. אַיי מיר זענען אין די ווייטע יאָרן, מ'קאָן זאָגן אויף דער עלטער? איז וואָס דער מער? מיר טאָרן נישט? צוריק געשמועסט, זענען מיר נאָך נישט אזוי אלט, ווי דו קוקסט מיר אָן קאָן איך נאָך גאַנץ גוט מיין שטעטל באַשטיין, נישקשה, קאָנסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר. די גרעסטע צרה איז נישט די עלטער, נאָר די איינזאַמקייט מאַכט פון מענטש אויס מענטש, אוי, שיינדעלע, ס'איז ביטער, וואָס ביטערער קאָן שוין נישט זיין, אַז מ'איז אַליין אויף דער וועלט, אָן א ווייב, אָן אַ קינד, אָן אַ ריינד, אָן אַ שטיקל משפחה. ווי לאַנג כ'האָב געאַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוו איז נאָך געווען האַלבע צרה, פאָרט א גאַנצן טאָג צווישן מענטשן, און די אַרבעט האָט אויך א שטיקל זין, דאָס לעבן איז נישט אַזוי פּוסט, מע ווייסט, דאָס מ'האָט נאָך וואָס אויפצושטיין אינדערפרי, ס'איז דאָ עפּעס א ציל און אלץ איז אַנדערש, אין אָוונט נאָר האָט א מענטש נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך, כ'האָב זיך נישט געאיילט צו די פיר ווענט. אָבער אַז ביי טאָג בלייבט מען אויך אליין צווישן די פיר וויסטע ווענט, ווערט דאָס לעבן נישט ניחא. ס'קריכן כסדר אין קאָפּ די זעלבע קשיות: און צו וואָס לעבסטו נאָך אויף דער וועלט? און וואָס פאַראַ זין האָט דאָס אַלץ? און וואָס טויג דיר אַזאַ לעבן? ביי דיר איז דען אַנדערש? מיינסט, איך ווייס נישט? אפשר א קליין ביסל אַנדערש, א פרויענצימער געפינט גיכער מיט וואָס צו פאַרנעמען די צייט אין דער באַלעבאַטישקייט און שטיקעלעך בעסער צוזאַמען מ'זאָל אויסקומען פון דער רענטע. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז דו האָסט אויך נישט צו וועמען א וואָרט אויסצורעדן. א מענטש האָט אַ מויל נישט נאָר צו עסן. אַ מענטש מוז האָבן עמעצן, צו וועמען א וואָרט ארויסצורעדן. הכלל, שיינדעלע, צו וואָס זאָל איך דיר לאַנג ציען? מיר דאַרפן, מיר דאַרפן וואָס שנעלער... זאָג איך דיר נאָכאַמאָל, ליבע און האָכגעשעצטע שיינדעלע, לייג אַוועק אַלע ווייבערישע קווענקלעניש און קום צו פאָרן, מיר וועלן די זאַך ארומרעדן באריכות און אלצדינג. שרה־לאה וועט דיר מאַכן א שיינעם ברוך־הבא. מעגסט מיר גלויבן, ווען נישט דער פוס וואָלט איך שוין געווען ביי דיר. כ'ליג און טראַכט און טראַכט, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך וואָלט מיט פליגל געפלויגן. אַזוי לאַנג ווי מ'האָט אָפּענע אויגן איז מען א מענטש, און מ'דאַרף לעבן ווי א מענטש. איך ענדיק מיין בריוו און לאָז דיר גריסן פון טיפן האַרצן און שרה־לאה מיטן מאַן לאָזן דיר גריסן (שרה־לאה

האַלט אויך דאָס ס'איז זייער אַ גלייכע זאַך). פון מיר דיין איבערגעגעבענער אַלטער פריינד שלמה קאָרנפעלד, בימע זאָפּאָרט ענטפער".

כ'האָב איבערגעלייענט דעם לאַנגן בריוו מיט איין צי, ווי מע זופט אויס מיט איין שלונג עפּעס אַ געטראַנק, וואָס מע וויל וואָס גיכער אַראָפּ־שלינגען. ערשט ווען כ'האָב פאַרענדיקט, האָב איך דערזען, ווי מיין שכנטע זיצט אויפן שפּיץ שטול מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַ פאַרשעמט יונג מיידל, פאַר וועלכער מ'דעקט אויף איר ערשטן ליבע־בריוו. ס'איז מיר אויך געוואָרן פּריקרע, נישט ווילנדיק זיך אַריינגעריסן אין עמעצנס אינטימע לעבן. כ'האָב געוואָלט איר עפּעס זאָגן און נישט געוווּסט וואָס, געזוכט עפּעס אַ וואַרעם וואָרט פאַר איר און אויף צו להכעיס איז מיר גאָרנישט געקומען אין קאָפּ. כ'האָב איר צוריקגעגעבן די פאַרשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווי זי וואָלט געוואָלט זיך פאַר־ענטפערן פאַר מיר אַרויסגעשטאַמלט:

— אַן אַלטער באַקאַנטער, פון זעלבן שטעטל, מיר קענען זיך פון לאַנג, פון קינדהייט אָן...

— כ'זע טאַקע.

— אַן איינזאַמער, איינער אַליין, ווי אַ שטיין, אַזוי ווי איך...

— נישט גוט צו זיין איינזאַם, מענטשן דאַרפן...— האָב איך ווידער געפּרוּווט איר עפּעס זאָגן און נישט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער.

— ווי מיינט איר? — האָט זי געפרעגט, ווי מיינע ווערטער וואָלטן זי דרייסטער געמאַכט.

— כ'מיין, אייער פריינד איז גערעכט.

— איר מיינט אַזוי? אָבער אין מיין עלטער, מ'שטיינס געזאָגט... אַ מאַנסביל איז עפּעס אַנדערש, און אַזוי פיל יאָרן אַוועק, אַזוי פיל... מיר זענען שוין נישט די זעלבע, אַ מענטש ענדערט זיך, מ'דאַרף זיך נאָך גוט איבערלייגן.

— נו, לייגט אייך איבער — האָב איך געזאָגט, כדי עפּעס צו זאָגן.

זי האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן איינלייגן די צעשאָטענע בויגעלעך, וואָס כ'האָב איר צוריקגעגעבן אין אומאָרדענונג, געקוקט אויף זיי מיט אומע־טיקע, פייכטע אויגן, ווי זי וואָלט אין זיי אַן עצה געזוכט. דערנאָך האָט זי מיט אַ טרויעריקער שטימע, שאָקלענדיק מיט רעזיגנאַציע מיטן ווייסן קאָפּ געזאָגט:

— אין מיין עלטער... מ'שטיינס געזאָגט... א מאַנסביל איז עפּעס אַנדערש, דער פרוי איז שטענדיק ערגער, מ'איז שוין נישט די זעלבע, נאָך אַזוי פיל איבערלעבענישן, שוין נישט כדאי.

.3

אין עטלעכע טעג שפּעטער, אַרויסגייענדיק אינדערפרי צו דער אַרבעט, האָב איך געטראָפן ביי מיין שכנטעס טיר אַן עלטערן, מיטלוואוקסיקן מאַן מיט גרויע האָר, אָבער אַ גלייכער נאָך, כאָטש אַ ביסל אַ רונדיקער. אונדזערע בליקן האָבן זיך מאָדנע צוזאַמענגעטראָפן. ער איז געווען זייער פאַרזאָרגט און עפּעס אַזוי צעטראָגן, א ווײַלע געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט געבעטן שטומערהייט הילף. דערנאָך זיך אָפּגערופן:

— כ'קלינג און קלינג און קיינער רופט זיך נישט אָפּ, אינדערפרי גייט זי נישט אַרויס, נישט גלאַטיק, ס'פילט זיך גאַז... זי האָט מן־הסתם פאַרגעסן צו פאַרמאַכן ...מ'דאַרף ...מ'דאַרף אויפרייסן די טיר, מ'דאַרף א שלאָסער, ווו קאָן מען געפינען א...? מ'דאַרף צו דער הויזוועכטערין...

כ'האָב געוווסט פאַרוואָס ס'פילט זיך מיט גאַז. א נייער לאָקאַטאָר האָט באַדאַרפט זיך אַריינציען אויפן לעצטן שטאָק, האָט ער דאָרט געלאָזט מאַכן א שטאַרקע דעזינפעקציע קעגן וואַנצן און דער ריח האָט זיך צעטראָגן און אויפגעבראַכט זינט עטלעכע טעג אַלע לאָקאַטאָרן. פונדעסטוועגן האָב איך א צי געגעבן מיט דער נאָז און דערפילט גאָר אַן אַנדער ריח... אמתן גאַז... כ'בין צוגעפאַלן צו דער טיר און אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן.

— נישטאָ וואָס צו קלאַפּן, אַ שלאָסער, ווו איז ביי אייך אַ שלאָסער? מ'דאַרף לויפן גיך, כ'ווייס נישט ווו, מ'דאַרף אַ שלאָסער! — האָט ער זיך געבעטן ביי מיר.

— לאָמיר אַראָפּגיין צו דער הויז־וועכטערין, מירן דערציילן... בעטן אויפרייסן די טיר.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָב איך באַמערקט ווי דער ייד שלעפּט א ביסל אונטער דעם לינקן פוס, דאָס האַרץ האָט מיר נאָך מער פאַרקלעמט. כ'האָב אים געלאָזן הינטער זיך, אַראָפּגעלאָפן גאַלאָפּ פון די טרעפּ, אָן אָנצוקלאַפּן אויפגעמאַכט די טיר ביי דער הויז־וועכטערין און אָנגעהויבן דערציילן, אַז ביי מיין שכנטע איז עפּעס געשען, אַז מ'פילט גאַז, אַז... אַז... דער ייד איז שוין געשטאַנען הינטער מיר, איבערגעריסן

מיר, אָנגעהויבן גיך דערציילן, האָט געמיינט זי שלאָפט... געווען שוין 7 אינדערפרי... נישט געוואָלט שטאַרק קלאַפּן... צוריקגעקומען... קלינגט און קלינגט, נישטאָ וואָס צו טראַכטן... מ'דאַרף אויפרייסן די טיר, מ'דאַרף וואָס שנעלער, מ'קאָן אפשר אָפּראַטעווען.

— וואָס רעדט איר, מענטשן? וואָס טראַכט איר אויס?—האָט די אַלטע הויז־וועכטערין אויסגעבעטלט צו אונדזערע קעפּ— זי איז דאָך נעכטן אין אָוונט אוועקגעפאָרן, געפאָרן קיין וראָצלאַוו צו משפחה, אויסגעפּוצט זיך ווי א כלה און געפאָרן צו קרובים, געמאַכט זיך אַ פריזור ווי אַ יונג מיידל, אוי, מענטשן, מענטשן, וואָס וועט מע נאָך אויסטראַכטן! ווייניק צרות, דאַרף מע נאָך עפּעס צוטראַכטן, נישט אַנדערש, נאָר פאַרגאַזט זיך! אָט איז איר שליסל, געלאָזן אַ שליסל כ'זאָל איבערלופטערן, וועט אפשר אַזוי גיך נישט צוריקקומען... וואָס מענטשן קאָנען אַלץ אָנבראַיען!

כאָטש מיר האָבן ביידע אָפּגעטעמט, זענען מיר געשטאַנען ווי געפּלעפּטע, פאַרשעמטע, דערנאָך האָבן מיר זיך איבערגעקוקט און צעלאַכט. כ'האָב איבערגעבעטן די הויז־וועכטערין און צוזאַמען מיטן ייד פאַרלאָזט דאָס הויז. דער עלטערער מענטש האָט איצט געשטראַלט, אַפילו ווייניקער געשלעפּט דעם פוס, נאָר זיך נישט געקאָנט שענקען פאַר דער שרעק וואָס ער האָט אָנגעמאַכט:

— אויף אַלע ווייסטע וועלדער! אַזאַ זאַך! אַזאַ זאַך! ווער זאָל זיך ריכטן? זי אהין און איך אַהער, ווער זאָל זיך ריכטן? וואָס ס'קאָן אַלץ אין לעבן פּאַסירן, נאָר אבי, אבי... אז דער סוף איז אַ גוטער... זייט זשע מוחל, זייט זשע מוחל.

און ער איז אַוועק מלא שמחה פרעגן, צי ער האָט באַלד א צוג צוריק קיין וראָצלאַוו.


Benn

דער בלויער קאָנווערט

אַנקע!!

ניין, זי האָט נישט אויסגעשריען איר נאָמען, נישט גערופן, ס'האָט נאָר אינעווייניק אין איר אויסגעשריען, און אין אָנהייב פון דערשטוינונג, און באַלד פון פרייד, ס'האָט אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ און אַ פריידיקע, זיסע כוואַליע האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער אירע גלידער, זי איז האָד געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך אויף איר אָרט, האָט צוזאַמענגענומען אַלע כוחות צו קאָנען בלייבן רואיק, צו קוקן ווי פריער גלייכגילטיק.

אסתר האָט זי דערזען דורכן פענצטער פון אויטאָבוס. אַנקע איז געגאַנגען מיטן טראָטואַר אין דער זעלבער ריכטונג. זי איז געגאַנגען אַ רואיקע, נישט געאײַלט זיך, ווי זי וואָלט שפּאַצירט, געטראָטן מיט לייכטע טריט, כאָטש אין דער רעכטער האַנט האָט זי געטראָגן אַ היפּש, עלעגאַנט אָנגעפּולט פרויען-קוישל, וואָס האָט זיכער געהאַט אַ שווערע וואָג.

אסתר איז אויסגעשטיגן אויף דער נאָענטסטער סטאַציע און זיך געלאָזט גיין אויף צוריק. מיטן שכל האָט זי באַנומען, אַז זי איז נישט אין אָרדענונג, אַז אַזוי טאָר מען נישט, דאָס האַרץ האָט אָבער דאָס מאָל מנצח געווען דעם שכל הישר. אַנקע לעבט! אַ פאַלשע ידיעה געווען. זי האָט זי אַזוי געוואָלט זען. ווי אַזוי דורכלאָזן איצט אַזאַ געלעגנהייט? אפשר אַן אײנציקע? זי האָט געוווּסט, אַז יעדער טאָג קאָן זײַן אַנקעס לעצטער טאָג, געוווּסט, וואָס פאַראַ שליחותן זי פירט אויס, דעריבער נישט געספּקט, ווען ס'איז דערגאַנגען צו איר די ידיעה.

ווי לאַנג ווי זיי האָבן זיך שוין נישט געזען? דאָס לעצטע מאָל אין אַפּריל אָדער מאַי 1943, כמעט אַ יאָר. דעמלט אויך אינגאַנצן צופעליק, באַגעגנט זיך אין גאַלערי-לאַפאַיעט, יעדערע פון זיי איז אַהין אַריין צוליב דער זעלבער סיבה: נישט רואיק געווען אויפן גאַס, בעסער געווען אַריינצוגיין אין גרויסן מאַגאַזין און אָפּוואַרטן אַ ביסל. זיי האָבן בלויז אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער און זיך צעשיידט. נאָך דעמלט האָט איר אַנקע געזאָגט: „מיר מוזן זיך זען, כ'האָב אַ בקשה צו דיר".

* *
*

אַנקע איז איר אָנגעקומען אַנטקעגן, זי איז געגאַנגען ווי פריער מיט געמאָסטענע טריט, נישט געאײַלט זיך, עפּעס אַזאַ צופרידענע, גלײַכגילטיקע, ווי קיין שום זאַך אויף דער וועלט וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען, אַ צופרידענע פון איר אייגענער עקזיסטענץ...

אַנקע האָט זי מסתמא דערזען שפּעטער, האָט מיטאַמאָל אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט. ביידע האָבן געמוזט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען זיך נישט אַנטקעגן צו לויפן, נישט אַרויסצופאַלן אויף זיך. מ'טאָר זיך דאָך אפילו נישט באַגריסן, אַ שמייכל טאָן מיט די אויגן, זיך צוואַרפן אַ בליק. נאָר דאָס מאָל איז אסתר גרייט געווען מוותר צו זיין אויף אַלע פאָרשריפטן, זי וועט צוגיין צו איר, ווי צו אַ ווייטער באַקאַנטער, קאַלט געבן איר די האַנט. אָט-אָט דערנעענטערן זיי זיך איינע צו דער אַנדערער... אַנקע קוקט אָבער מער נישט פאַר זיך, איר אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן עפּעס א שוי-פענצטער, זי שטעלט זיך אָפּ אַ רגע, כאַפּט אַ קוק... אָט-אָט איז שוין אסתר דערלעבן, נאָר אַנקע פאַרשווינדט אין געשעפט. אסתר שטייט אַ ווײַלע פאַרן שוי-פענצטער, קוקט: אַרטיסטיש-פאַנאַנדערגעלייגטע זײַדענע פולאַרן, טיכלעך, הענטשקעס, פאַראַן נאָך אין פּאַריז שיינע זאַכן... און אַנקע טראָגט זיכער אין איר קוישל... ווער ווייסט וואָס איצט האָרט ביי איר אין קוישל? אָדער דינאַמיט אָדער האַנט-גראַנאַטן...

אסתר שטייט פאַרן שוי-פענצטער, וואַרט אַ ווײַלע, אפשר וויל זי נישט...? אָבער זי וועט נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט, אויב נישט איצט איז ווען? זי האָט דאָך אַליין געגעבן איר צוווייסן, אַז זי מוז זיך מיט איר באַגעגענען, זי וואַרט מסתמא כ'זאָל אַרײַנגיין.

* *

*

זייערע אויגן גלאַנצן, פֿאַראַטן זיי כמעט, אַנקע ציט אויס די ערשטע די האַנט, געלאַסן, אָפֿיציעל:

— גוט מאָרגן, מאַדאַם, וואָס מאַכט צופֿאַל, סאַווא?

— סאַ וואַ.

— איך דאַרף אַ פּולאַר, העלפֿט מיר אויסקלייבן, קאָן זיך נישט דעצידירן, קלייב און קלייב, מיר איז שטענדיק שווער אַליין אויסצוקלייבן, דער געפֿעלט אייך?

— זייער שיין, פּאַסט צו אייערע האָר... צום קאָסטיום...

— טאָ זאָל זיין דער.

די פֿאַרקויפֿערין הייבט אָן איינפּאַקן, אַנקע נעמט דערווייל אסתרן אויף אַ זייט און שטיל: „מאָרגן צוועלף ביים־שאָמאָן, ווו שטענדיק... אַ שיין וועטער היינט, וווּנדערבאַר פֿרילינג־וועטער, נו, איך מוז שוין גיין, מ'וואַרט אין שטוב...“ אַנקע באַצאָלט, לייגט אַריין האָס שעכטל אויבן אין קוישל, געזעגנט זיך טרוקן, פֿרעמד און פֿאַרשווינדט.

איצט איז אסתר די איינציקע קונהטע: אַ בלוזעטשקע... די פֿאַרקויפֿערין לייגט אַרויס עטלעכע מאָדעלן, נאָך איינע און נאָך איינע, זי קלייבט לאַנג איבער: די צו גרויס, די צו ברייט, די אַנדערע נישט צום קאָליר פֿון קאָסטיום, זי וואָלט געוואָלט אַ טונקל־בלוי, אַנטשולדיקט, איך באַדויער. די פֿאַרקויפֿערין אַנטשולדיקט זיך נאָך מער, וואָס זי קאָן זי נישט צופֿריהנשטעלן, נישטאָ היינט קיין גרויסער אויסוואַל, זי שמייכלט העפֿלעך, באַדויערט, וואָס מ'קאָן היינט נישט אַנטקעגן קומען די קליענטין, אָ רעוווּאַר! אפֿשר אַ צווייט מאָל.

אסתר איז אַרויס פֿון מאַגאַזין, כאַפּט אַ קוק אויפֿן זייגערל, יאָ, זי וועט באַוויזן, קאָן צוגיין ביז דער ערשטער סטאַציע, וועט נעמען דעם זעלבן אויטאָבוס, גיין, נישט פֿאָרזיכטיק, בעסער... אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. דאָס האַרץ צאַפּלט נאָך אַלץ פֿון פֿרייד, וואָס פֿאַראַ גליק! די באָבע פֿלעגט זאָגן, אַז מ'טראַכט אויף עמעצן אויס, אַז ער איז געשטאָרבן, וועט ער שוין לאַנג לעבן. ערשט נעכטן אינדערפֿרי האָט מען איר געזאָגט, אַז זי איז מיט דער קליינער פֿרומקע געגאַנגען דורכן וואַלד פֿון שעוורעז מיטן „באַגאַזש“ און ס'האָט אויפֿגעריסן, צעריסן,

צעשמעטערט בײדע. אַ גאַנצע נאַכט זײ באַװײנט, פֿרומקע איז אומגעקומען, ס׳איז זיכער. װער איז די צװײטע?

* *
*

ביט=שאָמאָן... געװען כמעט אַ ייִדישער פּאַרק — ליגט דאָך צװישן 19=טן און 20=טן אַראָנדיסמאַן — הײנט „יודן=רײן", נישטאָ קײן געפֿאַר... דאָך נישט פֿאָרזיכטיק. פֿאַרװאָס דאָ? נישט געדאַרפֿט אײַנגײן. בײדע האָבן זײ זײער ליב דעם ביט=שאָמאָן, זײער באַליבטסטער פּאַריזער פּאַרק, קענען דאָ יעדעס װינקעלע, יעדן בױם, יעטװעדע אַלײע. אסתּר האָט אַנקען אַהער געפֿירט, װען זי איז געקומען קײן פּאַריז, דאָס ערשטע, װאָס זי האָט איר געװיזן איז געװען דער ביט=שאָמאָן, געװױנט דעמלט דערלעבן. דאָ פֿלעגט אַנקע שפּעטער שפּאַצירן מיט װילי, זיצן ביז שפּעט אין אָװנט אױף יענער באַנק... אױ, װי נישט פֿאָרזיכטיק, פֿאַרװאָס דאָ אױסגעקליבן זיך צו טרעפֿן? אפֿשר צוליב די דערינערונגען? צוליב װילי...? אין דעם פֿאַל פֿאַרשטײט זי נישט אַנקען, טראַכט נאָך אַלץ װעגן װילי, נאָך אַלץ פֿאַרליבט איבער די אױערן, זי, אסתּר װאָלט הײנט נישט געקאָנט אַזױ. און אפֿשר איז זי זיך טועה? ס׳איז דען מעגלעך אַנקע זאָל נאָך הײנט...? איך װאָלט בשום אופֿן נישט געקאָנט, בשום אופֿן נישט...

בײ איר 26 יאָר איז דאָס געװען אַנקעס ערשטע, גרױסע ליבע. נישט אײן בחור האָט זיך אומגליקלעך געליבט אין איר, מ׳האָט זי דערפֿאַר גערופֿן „הײליקע מאַדאָנע". װילי האָט געװונען איר קעגנזײטיקײט. בײ אַנקען איז אַלץ געװען הײס, פֿלאַמיק, מיט אַ סך האַרץ און שטאַרקן װילן, אַלץ איז געפֿלאָסן אין איר רעשיק, װי אַ באַרגיקער קװאַל און די װאַסערן קרישטאָל=רײן. אױסערלעך אױסגעזען אינגאַנצן אַנדערש, איר פּנים האָט דערמאָנט ראַפֿאַעלס אַ מאַדאָנע: אַ רואיקס, געלײטערטס, תּמימותדיקס, פֿאַרטראַכט, װי פֿאַרטראָגן ערגעץ מיט די געדאַנקען אין עולמות עליונים. אינערלעך, אין דער נשמה, האָט שטענדיק געשטראָמט, געברױזט, געװירבלט מיט טרױמען, פּלענער.

אַנקע איז מיט צװײ יאָר ייִנגער פֿון אסתּרן, נאָר געפֿירט האָט זי זיך שטענדיק װי זי װאָלט אַ סך עלטער געװען. אפֿשר צוליב איר אױסזען: אַ הױכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ מילד פּנים און װאַרעמע, גוטע אױגן,

האָט זיך געהאַלטן ווי באַרופֿן צו פֿאַרנעמען זיך מיט קלענערע, שוואַכערע פֿון איר.

זיי זענען ביידע געקומען פֿון אַ קליין פּויליש פּראָווינץ־שטעטל אין דער גרויסער שטאָט נאָך בילדונג, ביידע זענען געווען אָרעם און ביידע זענען געווען רייך מיט טרוימען. געוואָלט וואָס שנעלער און וואָס בעסער איבערמאַכן די וועלט, זי זאָל זיין, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין... אַנקע האָט געוואָלט נישט נאָר אויסהיילן די קראַנקע וועלט, נאָר אויך היילן קראַנקע מענטשן, „דאָס וועל איך אפשר פֿריער דערגרייכן“. איז אַנקע געלאָפֿן פֿון פֿאַקולטעט אויף פֿאַרשידענע באַשעפֿטיקונגען, דערנאָך דעם קאָפּ מיט די לאַנגע פֿאַנאַנדערגעלאָזענע, שוואַרצע האָר איינגעגראָבן אין ביכער און העפֿטן און געגרייט זיך, געגרייט זיך מיט עקשנות און אויסדויער צו איר באַרוף.

איצט איז אַנקע אינגאַנצן אַן אַנדערע. אירע האָר העל־בלאָנד, איר פֿריערדיק פֿריש מאָדאָנען־געזיכט אָנגעשמינקעוועט, איר קליידונג געענדערט, איר גאַנצע האַלטונג אַן אַנדערע, „זעסט אויס ווי אַ פֿרוי פֿון אַ דייטשישן אָפֿיציר און איך דיין דינסט“, האָט איר געהאַט געזאָגט די קליינע פֿרומקע. יאָ, אַ דייטשקע געוואָרן, אַ דייטשקע פֿון די סודעטן, דער קליינער אַקצענט פֿון איר דייטשישער שפּראַך שטאַמט פֿון דאָרטן... אירע נייע פּאַפּירן באַשטעטיקן איר אָפּשטאַמונג... און די „דייטשע“ יונגע דאַמע האָט אומעטום אַ צוטריט, קאָן זיך פֿריי באַוועגן, פֿירט אויס די געפֿערלעכסטע שליחותן, פֿירט איבער און שמוגלט צו מאַטעריאַל אויפֿצורייסן די דייטשישע צוגן, אָפֿיצירן־קאַסינעס; ווען מע דאַרף גיט זי זיך אַליין אַן עצה, פֿירט אַליין דורך די „אָפּעראַציע“, נישט איינמאָל זיך געלאָזט ערגעץ אין אַ שטאָט מיט אַן עלעגאַנט פֿאַרפּאַקט שעכטל און געלאָזן עס אין אַ באַקאַנטן רעסטאָראַן, אַ רעזערווירטן נאָר פֿאַר דייטשע, הויכע אָפֿיצירן. אַ שעה צייט נאָך איר פֿאַרשווינדן איז דער דייטשער סאַלאָן געפֿלויגן אין דער לופֿטן. די „דייטשע“ יונגע דאַמע האָט אַרומגערייזט, קיינער פֿון אירע אַמאָליקע פֿריינד וואָלט זי נישט דערקענט, אסתר דערקענט זי אָבער פֿון דער ווייטנס, אין אַלע אירע טראַנספֿאָרמאַציעס, אין אַלע געענדערטע טואַלעטן.

* * *

זאָל זי מאָרגן גיין אויף דער באַגעגעניש? מ'טאָר נישט... טאָפּלט נישט הערלאָזבאַר: אויב זיי ביידע, אין באַזונדערע אָפּטיילונגען, אי אין בית־שאָמאָן. פֿאַרוואָס בין איך איינגעגאַנגען? פֿאַרוואָס איר אַליין נישט פֿאָרגעלייגט...? זי האָט זיך געאיילט, איר קוישל... אסתר ווייסט, אַז זי טאָר זיך דעמלט נישט אָפּשטעלן. אויב אַנקע האָט זיך דאָך אָפּגעשטעלט, געבעטן זי קומען, איז נישט צוליב אַבי וואָס... אָבער ווי קאָן איך...? פֿאַרוואָס זיך אויפֿן אָרט לענגער נישט פֿאַרהאַלטן? אין מאַגאַזין איז קיינער נישט געווען, ביידע האָבן פֿאַרלוירן די קעפּ, דער שכל קומט נאָך דער צייט, איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן, זי וועט מאָרגן וואַרטן. פֿאַרפֿאַלן? כ'וועל נישט... כ'האָב דאָך אַ ברירה... כ'וועל נישט גיין, אַנקע וועט זיך אויך באַרעכענען, נישט מעגלעך זי זאָל קומען, זי וועט זיך מסתמא אויך כאַפּן, אַז זיי האָבן זיך נאַריש אָפּגערעדט, נישט דערלאָזבאַר. נאָר אויב זי האָט... איז עס מסתמא זייער... אוי דער קאָפּ! בעסער איצט נישט צו טראַכטן דערוועגן, כ'האָב נאָך אַ גאַנצן מעת לעת פֿאַר זיך, כ'וועל זיך נאָך נישט איינמאָל איבערלייגן...

* *
*

אַ וואַרעמער מאַי־טאָג. דער בית־שאָמאָן איז צעגרינט, צעבליט, ער שימערירט מיט אַלע יונגע, פֿרישע פֿאַרבן פֿון פֿרילינג. אין די גרינגע אַלייען דאָ און דאָרט ביימער געדיכט באַדעקט מיט ווייסע און ראָזע בלימעלעך. די בערגלעך און טאָלן רופֿן זיך איבער מיט פֿאַרשידנאַרטיקע קאָלירן.

אסתר איז אָנגעקומען מיטן אַריינגאַנג ביי באָטזאַריז, דורך דאַנען איז אפֿשר פֿאָרזיכטיקער. נישט ווייט פֿון אַריינגאַנג אַ גרויסע רונדיקע בייט, אַ מאָזאַיקע פֿון בלומען־קנאָספּן, אָט־אָט עפֿענען זיי זיך די קנאָספּן, זייערע צאַרטע פֿאַרבן צייכענען זיך שוין בולט — רויט, ראָז, ווייס, געל, אַ סך געלע טוליפּאַנען, אסתרן פֿאַרדריסט דאָס, זי פֿאַרטראַכט איצט נישט איר אַמאָליקע, באַליבטע, געלע פֿאַרב... איר אויג פֿאַרהאַלט זיך אויף די מאַי־גלעקלעך און פֿאַרגעס־מיך־נישט, ווי פֿראַכטפֿול עס מישן זיך איבער אין דער מאָזאַיקע ,די ווייסע גלעקלעך צווישן די גרינע שלאַנקע בלעטלעך מיט די בלויע קעמפּקעס. אָבער זי טאָר זיך דאָ לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן, פֿאַרנעמט זיך מיט די נידערי־

קע אַלייען; פֿון רעכטס דערגייט צו איר אויער דער שטילער גערויש פֿון קליינעם וואַסער־שטראָם, וואָס קייקלט זיך מאָנאָטאָן דורך דער משופּעדיקער, שטיינערנער סטעזשקע באַרג אַראָפּ. ווי וואָלט זי איצט חשק געהאַט אַרויפֿצודראַפּען זיך אויפֿן טורעם, כּדי מיטן אויג אַרומצוכאַפּן דעם גאַנצן פּאַרק מיט זיין שיינער אַרכיטעקטאָנישער סטרוקטור, ווען זי וואָלט כאָטש געקאָנט זיך דערלויבן פֿון דער הענגענדיקער בריק אַ קוק כאַפּן... ניין, ס'איז נישט קיין שפּאַציר, כאָטש זי מאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט זיך רואיק שפּאַצירט.

אַמאָל זענען באַלד פֿון אינדערפֿרי דאָ געזעסן יידישע מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך, שמועסנדיק דאָ געווען אַ גערויש פֿון קליינוואַרג, איצט איז דער פּאַרק כמעט פּוסט, ס'איז שטיל, דאָ און דאָרט צעוויקעט אַ פֿייגעלע, עס סודען זיך שטיל־שטיל די צאַרטע גרינע בלעטער, עס מורמלען עפּעס געהיימניספֿול די באַבלימטע ביימער. זי איז שוין ווייט פֿון וואַסער־שטראָם, זיין שטילער גערויש האָט זיך פֿאַרלוירן. אסתּר לאָזט זיך ווייטער אַראָפּ מיט די נידעריקע אַלייען, לייגט אָן וועג, מיידט אויס די הויכע געגנטן, פֿאַרנעמט זיך אין דער ריכטונג צו דער קליינער, שמאָלער אַלייע, אַרומגעשטעלט מיט קאַשטאַנען־ביימער, אַ ווינקל ווי באַשאַפֿן פֿאַר פֿאַרליבטע. זי גייט דאָרט זיכער אומזיסט, אַנקע איז נישט אַזוי נאַריש, נישט אַזוי אומפֿאָרזיכטיק ווי איך. היינט אַזאַ מאָדנע שטילקייט דאָ, קיין לעבעדיקער נפש, נאָר דאָרט... עמעצער זיצט... יאָ, ס'איז אַנקע, וואָס פֿאַראַ צעטומלטע בריאה כ'בין, פֿאַרגעסן, אַז זי האָט היינט אַ העל־בלאָנדן קאָפּ.

זיי זענען זיך געפֿאַלן שטומערהייט אין די אָרעמס. אסתּר האָט די ערשטע געפֿרעגט:

— וואָס איז דיר איינגעפֿאַלן אין ביט־שאָמאָן?

— דאָ האָב איך זיך שטענדיק געטראָפֿן מיט ווילין, דאָס ערשטע מאָל... און דאָס לעצטע מאָל... אונטער דעם־אָ קאַשטאַן־בוים, ווער ווייסט...?

— וועסט נאָך אַ סך מאָל, ס'וועט שוין לאַנג נישט דויערן, שוין נאָענט צום סוף, ער וועט אין גיכן צוריקקומען.

אסתּר האָט נישט געוואָלט רעדן וועגן ווילין, ס'האָט איר אַפֿילו פֿאַרדראָסן וואָס אַנקע האָט באַלד אָנגעהויבן פֿון אים. אסתּרס באַציונג צו יענע מענטשן איז איצט אַן עמאָציאָנעלע, זי איז נישט בכוח צו אַנאַליזירן, זי וואָלט אפשר נישט בכוח געווען צו הריקן אפילו ווילין,

אָדער אַזאַ אַנדערן די האַנט, נאָר זי באַהאַלט דאָס אויס פֿאַר אַנקען, ווייל אויסמיידן צו רעדן דערוועגן, און בכלל, אַנקע איז דאָך פֿאַר איר איצט ווי פֿון יענער וועלט געקומען:

— ווייסט נישט ווי גליקלעך כ'בין געכטן געווען, ווען כ'האָב דיך דערזען פֿון אויטאָבוס, טערעז האָט מיר געזאָגט, אַז ביסט געווען מיט פּרומקען...

— געהאַרפּט זיין, דורך אַ צופֿאַל נישט געווען, ס'קאָן געשען אַן אַנדער טאָג, פּרומקע איז כמעט באַלד אויפֿן אָרט, אויב ס'וועט מיר עפּעס געשען...

— ליזאַ... ווי קומט צו דיר אַזעלכע רייד? וואָס פֿאַראַ שטימונג?

— קיין שום ספּעציעלע שטימונג, נאָר איך ווייס... דו ווייסט נישט וואָס איך טו... דאַרפֿסט נישט וויסן..

— מיר אַלע... פֿונדעסטוועגן... ס'וועט שוין לאַנג נישט דויערן, איך צייל שוין די טעג.

— דו קאָנסט ציילן די טעג, אויב אפֿילו וועסט אַריינפֿאַלן, מיט מיר איז גאָר עפּעס אַנדערש... געוואָלט בלויז דיך בעטן, לאָזן ביי דיר פֿאַר ווילי.

— איר וועט זיך אינגיכן אַליין זען, ווילי וועט אין קורצן צוריק־קומען, ס'קאָן דויערן העכסטנס נאָך אַ 5—6 חדשים, מסתמא דאָס אויך נישט.

— ווילי וועט צוריקקומען, נאָר כ'ווייס נישט צי איך וועל זיין.

— אַנקע!

אסתרן האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איר אמתער נאָמען. זי האָט זי אַרומגענומען. אַנקע האָט באַפֿרייט אירע הענט, אויפֿגעמאַכט איר האַנט־בייטל, געשיקט דאָרט אויפֿגעמאַכט אַ געהיים־וועגטל, אַרויסגעצויגן אַ בלויען קאָנווערט און איר דערלאַנגט:

— פֿאַר ווילי, באַהאַלט.

— ליזאַ, וואָס איז מיט דיר? ווי קומט עס צו דיר אַזעלכע פּעסי־מיסטישע געדאַנקען?

אַנקע האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ ברייטן, ליבן שמייכל, צוגעטו־ליעט זיך צו אסתרן, אַרומגענומען זי, ווי זי וואָלט געוואָלט איר אַריינ־רוימען אַ סוד אויפֿן אויער:

— נאַרעלע, קיין שום פּעסימיסטישע... פֿאַרקערט, איך זע אפֿשר מער ווי דו זייער מפּלה, נאָר פֿאַר דעם אַלעמען מוז מען באַצאָלן, מען

וויסט קיינמאָל נישט, איך פאַר איבערמאָרגן... כ'וויים מיט וואָס ס'קאָן שמעקן...

— מיינסט כ'וויים נישט, ביסט האָך די גאַנצע צייט... אין פאַר־וואָס פונקט איצט...?

— פון לאַנג שוין געוואָלט ביי דיר לאָזן פאַר ווילין, כ'שטעל מיר פאָר וואָס ער לעבט איבער, כ'וואָלט נישט געוואָלט ער זאָל וועגן מיר טראַכטן... אויב... וועסט אים האָס איבערגעבן, דו ווייסט ווי אַזוי אויס־צובאַהאַלטן, דיין ספּעציאַליטעט, דורך דיר וועט עס זיכער דערגיין צו אים.

— ליזאַ, וועסט ווילי פריער זען, ווי איך, ער וועט קומען צו לויפן, וועט זיך פליגלען צוטשעפּען און פליען צו דיר, נאָר אויב ווילסט דורכאויס...

— דורכאויס, אויב, אויב... וועסטו אים דאָס איבערגעבן.

* *
*

דעם בלויען קאָנווערט האָט אסתר דעם זעלבן אָוונט באַשטאַט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. צענדליקער פאָרמעלן געהאַט דערויף. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט זיך אַנקע געלאָזט אין וועג. אַוועק אַ רואיקע, עלעגאַנטע, מיט אַ פרישער פריזור, פאַרקעמט ווי די דייטשישע פרויען פון הויכע אָפיצירן. דאָס מאָל איז איר גרויסער רייזע־טאַש געווען שווער אָנגע־לאָדן. זי איז אַוועק און נישט צוריק געקומען. אַלץ איז געגאַנגען ווי פאָרויסגעזען, דעם „באַגאַזש" צוגעשטעלט אויפן אָרט, צוליב אים זע־גען דערנאָך עטלעכע דייטשישע צוגן געפלויגן אין דער לופט. צוריקקערנ־דיק, איז זי פאַרוואונדעט געוואָרן פאַרן וואָקזאַל, בעת אַן אויטאָ־פאָרפאַל, אַ דייטשער אויטאָ און זי אַ דייטשע פרוי, האָט מען זי געבראַכט אין דייטשן שפּיטאָל. און דאָ האָט זיך די געסטאַפּאָ פאַראינטערעסירט מיט איר.

ווילי איז אויך נישט צוריקגעקומען. פריער אין אַ פראַנצויזישן לאַ־גער, דערנאָך אין אַלזשיר, דערנאָך... ווער ווייסט וווּ זיין געביין איז אַהינגעקומען. דער בלויער, פאַרמאַכטער קאָנווערט האָט לאַנג געוואַרט און זיך נישט דערוואַרט. אסתר האָט אים צענדליקער מאָל געהאַלטן אין אירע הענט, געקוקט אויף אים מיט געמישטע געפילן. דער קאָנ־

ווערט האָט איר טיילמאָל אַ ברי געטאָן די פינגער, בלויז דער נאָמען... ד״ר ווילי קורט, „דער דאָקטער“... האָט זי סאַרקאַסטיש צוגעגעבן. פונדעסטוועגן האָט זי אים געהיטן ווי אַ הייליקייט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים. צי דאַרף דאָס בלייבן פאַרגליווערט, פאַרשלאָסן פאַר מענטשלעכע הערצער? זי האָט זיך לסוף דעצידירט, געעפנט דעם בלויען קאָנווערט און געלייענט:

טייערסטער, מיין איינציקער, האַרץ מיינס!

מיין באַגער צו שרייבן, צו רעדן צו דיר איז אומגעהויער. אין שלאָפלאָזע נעכט שרייב איך צו דיר לאַנגע בריוו און צערייס זיי דערנאָך. איך מוז אָבער עפּעס וואָס לאָזן פאַר דיר. כ׳ווייס נישט, צי מיר וועלן זיך נאָך זען. דו וועסט זיכער איבערלעבן די מלחמה, ביסט דאָך נישט באַדראָט ווי איך, איך האָף, איך גלויב, אַז דו וועסט צוריקקומען, איך... ווער ווייסט, יעדע שעה קאָן זיין מיין לעצטע שעה און כ׳קאָן נישט רוען נישט צו לאָזן פאַר דיר אַ פּאָר ווערטער. דער גורל האָט געוואָלט, אַז דו אַ דייטש און איך אַ יידישקע זאָלן ערב דער גרויסער שחיטה אויף מיין פאָלק זיך באַגעגענען און צוזאַמענגיסן אונדזערע הערצער אין איין פלאַמיק האַרץ. אויב איך וועל נישט קענען דיר דאָס זאָגן, וויל איך זאָלסט וויסן, אַז דער ברענענדיקער האַס צו די דייטשן האָט נישט געקאָנט פאַרמינערן מיין ליבע צו דיר, דעם דייטש. די אומענטשלעכע רציחות און אכזריות פון די צוויי־פיסיקע חיות, וואָס רעדן מיט דער שפּראַך פון געטע און שילער, מיט דיין שפּראַך, און די גלייכגילטיקייט פון מיליאָנען מענטשן פון דיין לאַנד, וואָס קוקן זיך רואיק צו ווי מע פאַרצוקט אונדז, האָבן נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון מיין האַרץ דאָס, וואָס דו האָסט האַרט איינגעפלאַנצט. איך פיל דיך שטענדיק לעבן זיך, מיין האַנט אין דיין האַנט אין שווערע, דראָענדיקע שעהן, דו האַלסט מיך אין דיינע אָרעמס אין די אומרואיקע, אומעטיקע נעכט. ליבסטער מיינער, איך וואַנדער אויף געפערלעכע וועגן, אַליין האָב גענומען אויף זיך און דיר וויל איך אויסזאָגן אַ סוד, קיינעמען דאָס נישט דערציילט: כ׳האָב פאַר יעדעם מאָל זייער מורא. נישט אמת, אַז ריזיקאַלישע זאַכן ווערן אָפּגעטאָן דורך מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט מורא, שרעקן זיך נישט, גלויב נישט, יעדערע פון מיינע גורל־חברטעס האָט שטאַרק מורא, מורא פאַרן טויט, מורא פאַר פייניקונגען, אָבער זיי וואַקלען זיך נישט צו טאָן דאָס, וואָס זיי טוען. איך שרעק מיך אַזוי, נאָר איך טראַכט דעמאָלט וועגן דיר, דו פאַריאָגסט די שרעק. כ׳בין ווי

אַ קינד, וואָס גייט אין אַ פינצטערער נאַכט דורך אַ וואַלד און פון אַ נאָרע קאָן אַרויסקריכן אַ וואָלף, אַ טיגער, אָבער די מאַמע האַלט דאָס קינד ביים הענטל, צערטלט עס, רעדט עס איין, אַז קיין געפאַר נישטאָ, און דאָס קינד גלויבט, אַז מיט דער מאַמען קאָן קיין שלעכטס נישט געשען. אָבער איך בין נישט נאָר אַ קינד, וואָס די חיה רעה וויל פאַרצוקן, איך בין אַליין אַ טיגער געוואָרן. צי ווייסטו, אַז איך בין גרייט צו דערהרגענען יעדן דייטש אין אַ מונדיר, וואָס איך באַגעגן אויפן גאַס אָדער אַנדערש-וווּ? צי ווייסטו, אַז כ'בין פעיק מיט מיינע הוילע הענט, מיט מיינע פינגער, וואָס האָבן זיך געאיבט צו ליגדערן מענטשלעכע לייַדן — צו דערשטיקן יעדן דייטש אין אַ מונדיר, יעדע „גרויע מויז", ווי מיר רופן דאָ די מונדירירטע דייטשע פרויען? איך וואָלט זיך גע-קאָנט אויסבאַהאַלטן, איך וואָלט געקאָנט... כ'האָב אַליין אויסגעוויילט, כ'שטעל איין יעדן טאָג מיין לעבן, כדי צו דערהרגענען די, וואָס האָבן אונדז צוגענומען דאָס רעכט צו לעבן. איך טרייסט מיר, כ'בין זיכער, אַז דו וואָלסט דאָס זעלבע געטאָן.

טייערסטער, דו וואָלסט מיך היינט נישט דערקענט, כ'בין אַ דייַ-טשע דאַמע... מיינע שוואַרצע האָר, וואָס דו האָסט אַזוי ליב געהאַט און געקושט זיי, זענען העל-בלאָנד, כ'האָב זיי נישט ליב און מוז זיי טראָגן. מען זאָגט מיר, אַז איך זע אינגאַנצן אויס ווי אַ דייטשקע אויף די פאָטאָגראַפיעס, וואָס כ'האָב געמוזט זיך מאַכן. נאָר דיר וועל איך אַזאַ פאָטאָגראַפיע נישט לאָזן. אויב... וויל איך אין דיין זכרון, אין דיין דמיון פאַרבלייבן מיט מיין יידיש פנים, מיט מיינע שוואַרצע יידישע האָר. כ'ווייס, אַזאַ האָסטו מיך ליב געהאַט און אַזאַ...

אויף שטענדיק דיינע

אסתר האָט פאַרענדיקט לייענען דעם בריוו און זיך צעוויינט אויפן קול. דער אָנדענק נאָך אַנקען האָט זיך איצט פאַראייניקט מיטן אָנדענק נאָך ווילי.

מאַי 1961

אַ נישט דערפֿילטע צוואה

זיי זענען געזעסן לעבן זיך און געשוויגן. ביידע האָבן געקוקט צום ים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַנטלויפֿן מיט די אויגן ערגעץ־ווו, כּדי זייערע בליקן זאָלן זיך נישט באַגעגענען, ביידע האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען פֿאַרטאָן אין באַטראַכטן די מענטשן, וואָס באָדן זיך, שפּרינגען און טאַנצן אין וואַסער. זיי זענען געזעסן אומבאַוועגלעך, מורא געהאַט אויסצודרייען איינע צו דער אַנדערער דעם קאָפּ.

* *

*

ווען רות איז אינדערפֿרי געקומען אויף דער פּליאַזשע און דערזען פֿון דער ווייטנס די עלעגאַנטע, בלאָנדע פֿרוי אָן איר באַגלייטער, האָט זי תּיכּף באַשלאָסן אַוועקצוזעצן זיך אין איר נאָענטער שכנות און זיך גוט צוקוקן צו איר. ביז איצט איז זי נאָך אַלץ נישט געווען איינגאַנצן זיכער, צי דאָס איז זי טאַקע. ווי קאָן מען נאָך 17 יאָר, דערזעענדיק אַ מענטשן פֿון דער ווייטנס זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז דאָס איז ער? צוויי מאָל האָט זי די פֿרוי געזען פֿאַרבייגייענדיק אויפֿן „שפּאַציר פֿון די ענגלענדער“. יעדעס מאָל איז זי געווען אין דער באַגלייטונג פֿון דעם פּראָפֿעסאָר, וועלכן רות האָט באַגעגנט אויפֿן פּאַריזער צוזאַמענפֿאָר פֿון די פֿיזיקער. א מאַן אין די מיטעלע יאָרן, א פּעסטער, האָט ער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר זיך באַוועגט, ווי קוועקזילבער, אומעטום געווען, צו אַלע געשמייכלט, מיט אַלע זיך באַקענט, דערציילט וויצן און הויך געלאַכט. ביי דער זייט פֿון דער בלאָנדער פֿרוי האָט ער אויסגעזען א ביסל שטייף, גע־

שפּריצט מיט טריט פֿון א מיליטערמאַן. רות האָט אים נישט באַלד דערקענט. ס'האָט איר א קלאַפּ געטאָן אין האַרץ, געמיינט אין ערשטן אויגנבליק, אז ער איז איר באַקאַנט פֿון יענע יאָרן, ווי איינער פֿון לאָטאַס געסט. דעמלט זענען אלע געווען אין אָפֿיצירן־מונדירן, אלע זייערע געזיכטער האָבן איר אויסגעזען אלצאיינס, ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אָפּגעווישט אין איר זכרון. איינגעקריצט אין איר דמיון האָבן זיך בלויז צוויי פּנימער — לאָטאַס און איר מאַנס.

ווען רות האָט אין א זונטיקדיקן אָוונט, צום צווייטן מאָל באַגעגנט די פֿרוי אויפֿן שפּאַציר, האָט זי אין איר באַגלייטער דערקענט דעם דייטשישן פּראָפֿעסאָר. זי האָט זיי פֿאָרזיכטיק נאָכגעשפּירט. צווישן דער געדיכטער מאַסע שפּאַצירער האָט זי נישט געצויגן קיין אויפֿמערקזאַמקייט אויף זיך. ביז שפּעט אין אָוונט נישט אָפּגעלאָזט דאָס אויג פֿון די צוויי שפּאַצירער, ביז זיי זענען אריין אין איינעם פֿון די האָטעלן, וואָס אנטקעגן ים־ברעג.

— צי וווינט דאָ פֿרוי לאָטאַ קרעמער? — האָט רות אויפֿמאָרגנס געפֿרעגט אין האָטעל.

— ניין, נישטאָ אזעלכע — האָט דער פּאָרטיער געענטפֿערט, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעקוקט די לאָקאַטאָרן־ליסטע.

— אַ דייטשע פֿרוי — האָט רות פּרעציזירט.

— פֿאַראַן א סך דייטשע געסט, מענער, פֿרויען, אָבער אזא נאָמען איז נישטאָ.

— אַ בלאָנדע, א שיינע פֿרוי, רעדט פֿראַנצויזיש — האָט רות נאָך מער פּרעציזירט.

— פֿאַראַן ביי אונדז א סך בלאָנדע פֿרויען, נאָר נישט מיט אזא נאָמען.

רות האָט אויף רעכט אָנגעהויבן ספֿקן. „אין מיין צעשטרייטקייט — האָט זי זיך געטראַכט — איז אלץ מעגלעך, אָדער איך דערקען נישט קיין מענטש, אָדער איך נעם עמעצן אָן פֿאַר אן אנדערן“. דער ספֿק האָט זיך נאָך פֿאַרשטאַרקט צוליב דעם, וואָס די פֿרוי איז געווען אין דער באַגלייטונג פֿון דייטשן פּראָפֿעסאָר. מיט זיין ארויסטריט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר האָט ער געוווּנען סימפּאַטיע, א דעמאָקראַט, אן אנטיפֿאַשיסט, א דייטש, אָבער גאָר אן אַן אנדער דייטש. ווי קומט ער צו אזעלכער?

אויף דער פּליאַזשע זענען אלע ספֿקות פֿאַרשוווּנדן. דאָ, פֿון דער נאָענט האָט רות אויף רעכט דערקענט די אמאָליקע פֿרוי לאָטאַ. אין

איר עלעגאַנטן ראָזן, זיידענעם באָד־קאָסטיום האָט זי אויסגעזען אַזוי רייצנד ווי מיט 17 יאָר צוריק. די געענדערטע, קורץ געשוירענע פריזור האָט זי יונג געמאַכט. די לאַנגע לאָקן זענען פאַרשוואונדן, די קורצע האָר פאַרקעמט לויט דער לעצטער מאָדע א ביסל „אויפגעשוואָלן" האָבן צוגעגעבן איר אַרויסרופנדיק, קאָלט געזיכט יונגקייט. רות האָט אויסגעקליבן אַן אָרט לעבן איר, אויסגעשפּרייט איר פּליאַזשע־טוך און אַוועקגעזעצט זיך. זי האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן איר צעדרודערונג און גלייכגילטיק, סתם אַזוי א זאָג געטאָן: „זייער היים היינט, צו היים, נישט אמת?" ס'איז גאָרנישט אַרויסגעקומען פון דעם, די ווערטער האָבן נישט געוואָלט דורכגיין דורכן האַלדז. ס'האָט איר געדאַכט, אַז איר שכנטע האָט זי אויך דערקענט, כאָטש די האָר פון רותן זענען איצט שוואַרץ געווען. זי האָט פּין מאָל צו מאָל דערפילט עפּעס א זייטיקן בליק, וואָס האָט א שטאָך געטאָן, ווי א שאַרפע שפּיז. זיי האָבן ביידע מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געקוקט פאַר זיך, צום ים...

די שטיינערנע ניצייער פּליאַזשע האָט שומעריירט מיט אַלע פאַרבן. דער האַרטער באָדן איז געדיכט באַדעקט געווען מיט אַלערליי קאָלירטע באָד־טיכער, קאָלדרעס, פּנעומאַטישע מאַטראַצן, און אויסגעזען, ווי א גרויסע, פּילפאַרביקע מאָזאַאיקע. נאַקעטע מענטשן, פאַרדעקנדיק קוים די נאַקעטקייט מיט קאַרגע באָד־קאָסטיומען, ווי מיט פייגנבלעטער, האָבן זיך געברענט, ווער ליגנדיק, ווער זיצנדיק. אין דער לויטערער לופט האָבן אָפּגעהילכט קלאַנגען פון פאַרשידענע שפּראַכן. רותן האָט זיך איצט אויסגעדאַכט, אַז אין געמיש פון די מענטשלעכע קלאַנגען האָט זיך אַריינגעריסן א גרילץ. די גרויסע צאָל דייטשע טוריסטן האָבן גערעדט הויך, געלאַכט. דער גאָרגלדיקער קלאַנג האָט איצט רותן דערמאָנט דאָס וואָרט „ראוס! ראוס!". דאָס זיצן אומבאַוועגלעך בשכנות מיט פרוי לאָטאַ, האָט אָנגעהויבן ווערן אומדערטרעגלעך. אָט־אָט האָט רות געזאָלט זיך אויסציען, פאַרדעקן דעם קאָפּ מיטן ווייסן טיכל, נישט וויסנדיק זיך מאַכן פון גאָרנישט, און א זאָג טאָן עפּעס סתם אַזוי אין דער וועלט, פּטור ווערן פון דער שפּאַנונג, דערנאָך וועט מע זען. איבערעם האָט זיך די שכנטע אויפגעריסן פון אָרט, גיך־גיך צוזאַמענגענומען אירע זאַכן און פאַרלאָזן די פּליאַזשע. רות האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, אַרומגעקוקט זיך. די פרוי איז איר שנעל פאַרשוואונדן פון אויג.

זינט יענעם טאָג האָט רות זי מער אין ערגעץ נישט באַגעגנט. ס'האָט איר געברענט א פאַרדרוס אויף זיך אַליין, אַזוי נאַריש זיך אויפּ־

געפירט. כ'בין א בהמה, כ'טויג צו גאָרנישט, — האָט זי זיך געזידלט. באלד אָבער האָט זי זיך אליין געטרייסט: כ'בין האָד געפאלן אויף די שפורן. „כ'מוז זי אָפּגעפינען", האָט זי זיך צוגעשווירן. א געדאנק האָט איר אויפגעבליצט אין קאָפּ: „דורך איר באַגלייטער, דעם דייטשישן פּראָפעסאָר".

* *
*

אויף דער פּליאַזשע נאָך מער ווי אויף אַ רייזע שליסט מען שנעל באַקאַנטשאַפט, מע זעצט זיך אַוועק אייגער לעבן אַנדערן, מע באַפרייַנדעט זיך, ווי מ'וואָלט געווען אַלטע באַקאַנטע.

— קאָן מע דאָ דערנעבן אויסשפּרייטן דעם טוך? וועל איך נישט שטערן? — האָט רות געפרעגט, זוכנדיק צווישן דער געדיכטער מאסע אַן אָרט פאר זיך.

— מיטן גרעסטן פארגעניגן, מיטן גרעסטן, ביטע זייער, ביטע — האָט פּראָפעסאָר זיגפריד קרעבס געענטפערט אין פראַנצויזיש. דער דייטשער פּראָפעסאָר האָט אָנגעקוקט זיין שכנטע, א ווייַלע געשוויגן און א פארוואונדערטער אויסגערופן:

— מיר שיינט, מיר שיינט, מיר קענען זיך, ערגעץ־ווו באגעגנט, צי נישט אין פּאַריז?

— יאָ, הער פּראָפעסאָר, אויפן צוזאמענפאָר.

— וואָס פארא גליקלעכער צופאַל! ס'פרייט מיך צו באגעגענען דאָ אַ קאָלעגין, וואָס פארא אומגעריכטע, גליקלעכע באגעגעניש! — האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעחזרט, דריקנדיק רותן די האַנט.

— גליקלעכע באַגעגענישן קומען שטענדיק אומגעריכט.

— א גליקלעכער טאָג היינט, האָס וועטער, און אַזאַ באַגעגעניש! אַך, דער ים היינט, זעט, וואָס פארא שיינע פארבן ס'שימערירן איבער זיין אויבערפלאך, פּראַכטפול! וואנדערבאר! — האָט ער פארענדיקט אין דייטש.

— זייער שיין, פּראַכטפול, וואנדערבאר!

רות האָט זיך געכאפּט, אז זי האָט דאָס מאָל געענטפערט אין דייטש. אין איר מוח האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן זכרונות, וואָס זענען געבונדן געווען מיטן דייטשישן לשון, זינט יענע צייטן האָט זי אויס־

געמיטן צו רעדן דייטש. צו דער שפּראַך, וואָס זי האָט אַמאָל געלערנט מיט התמדה און ליב געהאַט, האָט זי באַקומען אַן אויסטערלישע באַציונג, זי האָט זיך אַליין געפרעגט ווי ס'קאָן געמאָלט זיין מ'זאָל פיינט באַקומען אַ שפּראַך.

— איר רעדט דאָך, קאָלעגין, זייער גוט דייטש, זייער גוט, וווּנדערבאַר!

— איך וויל בעסער רעדן פראַנצויזיש.

— מיר איז אַלצאיינס, איר רעדט אָבער זייער גוט דייטש, ווי, ווי... אַן עכטן, ריינעם דייטש.

— דאָך וויל איך ליבערש רעדן פראַנצויזיש...

— הם... מיר איז גלייך.

— אין דער פראַנצויזישער שפּראַך איז פאַראַן מער וואַרעמקייט, אינטימקייט, פריינדשאַפט... מענטשן פילן זיך דערנעענטערט, אַז מע רעדט אויף אַזאַ...

רות האָט נישט פאַרענדיקט דעם געדאַנק, געכאַפּט זיך, אַז זי האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט, אַהאַ, דער ערשטער ארויספאָר נישט קיין געלונגענער...

— זענט איר אַ פראַנצויזין?

— ניין, אַ פּוילישע, אַ יידישקע פון פּוילן.

— איר וווינט זיכער אין פראַנקרייך?

— אויך נישט, געקומען נאָר צום צוזאַמענפאָר, און איצט פאַרברענג איך דאָ מיינע וואַקאַנסן.

— רעדט איר דאָך זייער גוט פראַנצויזיש.

— אַמאָל דאָ געוווינט, שטודירט אין פּאַריז.

— און דייטש ווו האָט איר געלערנט?

— אין מיין געבורטשטאָט קראָקע, און דערנאָך... דערנאָך אין אוישוויץ...

רות האָט געפילט, אַז זי האָט זיך ווידער פאַרגאַלאָפּירט; זי האָט זיך שטילערהייט אויסגעזידלט, וואָס זי קאָן קיינמאָל נישט איינהאַלטן די גייסטיקע פאַרזיכטיקייט. שטענדיק כאַפּט זיך ארויס ביי איר עפּעס נישט ווילנדיק. זי האָט זיך אָבער באַלד ארומגעזען, אַז איר שכן לייגט קיין שום אַכט נישט אויפן וואָרט „אוישוויץ", אַ וואָרט, ווי אַנדערע ווערטער. „אפשר האָט ער זיך נישט געכאַפּט וואָס איך מיין?" רות האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אויפן וואָרט אוישוויץ זאָל מע נישט געבן

אַ ציטער, אָדער אויף אַ וואַסער איז אופֿן גישט רעאַגירן, מסתמא האָט ער גישט דערהערט.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך געטראָפֿן אויף דער פּליאַזשע ווי אַלטע פֿריינד. דער דייטשער פּראָפֿעסאָר זיגפֿריד קרעבס האָט נישט אויפֿגע־הערט איבערצוחזרן, ווי גליקלעך ער איז, וואָס ער האָט באַגעגנט אַזאַ קאָלעגין. אַ באַרעדעוודיקער, אַ פֿריילעכער, האָט ער זיך געוויצלט, אַז ביינאַכט אין חלום, האָט אים אַ גוטער מלאך איינגערוימט אין אויער ער זאָל פֿאָרן פֿאַרברענגען זיינע וואַקאַנסן קיין ניצייע, וואָרעם דאָ וואַרט עמעצער אויף אים. ער האָט רותן פֿאַראינטערעסירט מיט זיינע וויסנ־שאַפֿטלעכע אַרבעטן, זיין לאַבאָראַטאָריע, דערציילט איר וועגן די אָנ־ווענדונגען פֿון איזאָטאָפּן אין דער מעדיצין, געראַטן קומען זיך באַקע־נען, צוגערעדט, צוגעזאָגט זיך פֿאַרנעמען מיט איר, ער וועט גליקלעך זיין צו האָבן זי פֿאַר אַ גאַסט. „גאָרנישט ענלעך אויף קיין דייטש" — האָט רות געטראַכט און געמוסרט זיך וואָס זי מעסט אַלע דייטשן מיט דער זעלבער מאָס.

— ווי איז אייער פֿריינדין, וואָס פֿלעגט קומען מיט אייך אויף דער פּליאַזשע? — האָט איינמאָל רות, זיצנדיק מיטן דייטשן קאָלעגע אין קאַפֿע געפֿרעגט.

— זי איז פּלוצלונג אָפּגעפֿאָרן, באַקומען אַ שלעכטע ידיעה פֿון דער משפּחה.

— פֿון וואַנען איז זי?

— געקענט זיך מיט איר קורץ, צופֿעליק זיך באַקענט, אָט ווי מיט אייך. וואַקאַנסן זענען אַ גוטע געלעגנהייט צו באַקומען נייע פֿריינד.

— אַ פֿריינדין אייערע?

— פֿרוי העגדלען? ווי זאָל איך דאָס זאָגן? ס'זעט אָבער אויס, ווי איר וואָלט זי געקענט.

— יאָ, געקענט זי אַמאָל, נאָר ווען כ'האָב זי געקענט, האָט זי גע־הייסן אַנדערש, דעמלט איז זי געווען פֿרוי לאָטאַ קרעמער...

— ווען דעמלט?

— אין 1943, זומער 1943 אין פּאַריז.

— האָט איר אויסגעמיטן מיט איר זיך צו באַגעגענען?

— נישט איך, זי האָט אויסגעמיטן.

— אפֿשר נישט דערקענט?

— כ'מיין, אַז יאָ, כאָטש דעמלט האָב איך געהאַט נישט קיין שוואַרצע נאָר גאָלד־בלאָנדע האָר.

— פאַרוואָס זאָל זי האָבן אויסגעמיטן אייך צו באַגעגענען? — האָט פּראָפעסאָר קרעבס זיך געוווּנדערט און געשפּקט.

— אויסגעמיטן, זיכער אויסגעמיטן, צוליב אַן אַלטער געשיכטע....

— צוליב אַן אַלטער געשיכטע? — האָט פּראָפעסאָר קרעבס איבערגעחזרט מיט אַ שעלמישן שמייכל — פרויען טראָגן לאַנג אַ בייז האַרץ אויף זיך צוליב אַן אַלטער געשיכטע.

— אַ טעות, הער פּראָפעסאָר, אַן אַלטע געשיכטע פון גאָר אַן אַנדער מין, אַ טרויעריקע געשיכטע, וואָס האָט אַ שייכות נישט נאָר...

— איר זענט, ליבע קאָלעגין, פול מיט סודות.

— ס'זענען גאָר קיין סודות נישט.

— איז פאַרוואָס?... פאַרוואָס קאָן מען דאָס נישט וויסן?

— קאָנט איר מיר העלפן אָפּזוכן פרוי לאָטאַ קרעמער, אָדער ווי איר רופט זי, פרוי הענדלען?

— אויב ס'וועט מעגלעך זיין, אַז כ'וועל וויסן צוליב וואָס... פאַרשטייט זיך, אויב אייך איז דאָס אומבאַדינגט נייטיק. פאַר אייך, ליבע קאָלעגין, בין איך גרייט אַלץ צו טאָן.

— אייך צו פאַרשאַפן אומאָנגענעמלעכקייטן אַ דייטשישער פרוי?

— אויב זי פאַרדינט עס.

— זי פאַרדינט עס זיכער.

— כ'הער אייך, ליבע קאָלעגין, כ'בין גרייט, דערציילט.

— נישט איצט, נישט דאָ אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, ס'פּאַסט זיך נישט מיט מוזיק, מיט פרייילעכקייט... ס'איז אַ טרויעריקע געשיכטע.

— איר טרייבט מסתמא איבער, ווי אַלע פרויען.

— דאָס מאָל נישט.

— אַלזאָ?

— מאָרגן, אין פּאַרק, מאָרגן נאָכמיטאָג אין דער שטילער אַלעע, דאָרט וועט אונדז קיינער נישט שטערן, אויסער אייך וועט מיר קיינער נישט הערן.

* *

*

דער גרויסער פעלדז, ווו ס'געפינט זיך דער קעניגלעכער פּאַרק, הייבט זיך אויף הויך איבער דעם רונדן ים=ברעג. די באַשאָטנטע אלעען און ווינקלען זענען ווי באַשאַפן פאַר פאַרטרויונגס=געשפּרעכן. פּראָפּעסאָר קרעבס און רות זענען געזעסן אויף א געל געפאַרבטער באַנק ביים ברעג פּאַרק, אונטן האָט דער ים געפינקלט מיט בלוי=זילבערדיקע פונקען און מיראַזשן. זיגפריד קרעבס, אָנגעטאָן אין ווייסע הויזן און אין א העל גרין זיידן העמד, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין פּאָרענטש פון דער באַנק, פאַרלייגט א פוס אויף א פוס און גרייט געווען צו הערן. רות, אין א העל=בלוי קלייד, איז געזעסן אָנגעבויגן, פאַרטאָן אין געדאַנקען, ווי פאַרטראָגן ערגעץ=ווו. איר מאַט איידל געזיכט האָט זיך באַצויגן מיט אומעט. א פּאַסמע שווארצע האָר איז איר אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן. עפּעס א געפיל פון אומצוטרוי האָט נאָך אלץ געגנאָגט ביים האַרץ, שווער געווען בייצוקומען. א צופאַל האָט געוואָלט זי זאָל פאַרברענגען העכער צוויי וואָכן מיט א דייטשן פּראָפּעסאָר. זאָל זי אים אַנטרויען דעם סוד פון איר לעבן? וועט ער ארויסווייזן פאַרשטענדעניש? פּראָפּעסאָר קרעבס האָט, זעט אויס, אָנגעהויבן זיך לאַנגווייליקן, נישט פאַרטראָגן קיין אומהיימלעכקייט, ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, אריינגעקוקט ליבלעך אין די אויגן:

— אלזאָ, ליבע קאָלעגין, לאָמיר אפשר בעסער?... אָ, שווער אָנצוהייבן, מען ווייסט קיינמאָל נישט פון וועלכן עק, צום בעסטן איז אָנצוהייבן פון אָנהייב.

— צייטנווייז דאַרף מען אָנהייבן פון סוף. כ'דאַרף אָפּגעפינען פּרוי קרעמער=הענדלען, און איר, קאָלעגע, זענט דער איינציקער, וואָס קאָן מיר העלפן, העלפן זיך באַפרייען פון א שווערער פליכט, וואָס כ'האָב גענומען אויף זיך.

— כ'בין צו אייער דינסט, גרייט צו העלפן, טאָן וואָס מעגלעך, זאָגט, דערציילט, וואָס איז געשען צווישן אייך און פּרוי הענדלען?

— כ'האָב געאַרבעט ביי איר זומער 1943 אין פּאַריז. כ'בין דעמלט געווען אן אויסלענדישע סטודענטין אויפן פּאַקולטעט פון פיזיק. אַלס יידישקע האָב איך מער נישט געהאַט דאָס רעכט צו לעבן. איך האָב אָבער דורכאויס געוואָלט לעבן. כ'האָב אָפּגעפאַרבט מיינע שווארצע האָר אויף בלאָנד, פאַרלאָזן מיין צימער, דעם פּאַקולטעט און באַשלאָסן זיך אָנדינגען אלס הויז=דינסט, ווי אן אריערין, א פּויליש מיידל. אין די אַנאָנסן פון אַן אָוונט=צייטונג האָב איך איבערגעלייענט, אַז מע זוכט אַ דערציערין,

וואָס באַהערשט די דײַטשישע שפּראַך. כ׳בין אָוועק אויפֿן אָנגעגעבענעם אַדרעס, און ווייסט איר וועד ס׳האָט מיר אויפֿגענומען? פֿרוי העגדלען, פֿרוי לאָטאַ קרעמער. אַז כ׳האָב זיך געכאַפּט ווו איך בין, האָב איך זיך געוואָלט צוריקציען, געמוזט אָבער זײַן פּאָרזיכטיק, כ׳בין דאָך געווען אין אַ דײַטשיש הויז. פֿרוי לאָטאַ איז וואָס אַן אמת געווען זייער ליבלעך, נאָר פֿאָרט אַ דײַטשקע... כ׳האָב געמאַכט אויף איר אַ גוטן אײַנדרוק, ס׳איז איר געפֿעלן מײַן דײַטשע אויסשפּראַך, זי האָט מיר פֿאָרגעלייגט גוטע באַדינגונגען און כ׳בין פֿאַרבליבן די דערציערין פֿון צוויי זעקסיאָרי־קע ייִנגלעך, צווילינג־ברידער. די קינדער זענען אינגאַנצן נישט ענלעך גע־ווען צו זייער בלאָנדער מוטער. כ׳האָב זיך געוווּנדערט פֿון וואַנען ס׳נע־מען זיך צו די צוויי דײַטשישע קינדער אַזעלכע שוואַרצע אויגן, ייִדישע אויגן, שוואַרצע געקרײַזלטע האָר... פֿרוי לאָטאַ האָט קיין מאַן נישט געהאַט, איר הויז איז אין אָוונט געווען ווי אַ סאַלאָן פֿאַר דײַטשע הויכע אָפֿיצירן, זי האָט קיין צײַט נישט געהאַט פֿאַר די קינדער... און גע־לאָזן זיי אינגאַנצן אויף מײַן באַראַט. כ׳האָב זיי זייער ליב באַקומען, זיי מיר אויך, ליב געהאַט מיך מער, ווי די מאַמע. צוליב זיי איז מיר שווער געווען צו פֿאַרלאָזן די אַרבעט אין יענעם הויז.

— האָט פֿרוי הענדלען שלעכט זיך באַצויגן צו אײַך?

— פֿאַרקערט, זייער גוט.

— האָט זי געוווּסט וועגן אײַער...?

— אָ, הער פּראָפֿעסאָר, ווי שטעלט איר זיך פֿאָר, ווען זי וואָלט געוווּסט?

— שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אין יענע באַדינגונגען... אַלזאָ, נישט געווען קיין פֿאַרדאַכט?

— דרײַ חדשים קיין שום פֿאַרדאַכט נישט געווען אויף מיר, גיכער האָב איך געהאַט אַ פֿאַרדאַכט, די קינדער, זייערע אויגן, זייער... אינ־גיכן האָט זיך דער סוד אויפֿגעקלערט.

— ייִדישע קינדער?

— איר זאָגט דאָך, קאָלעגע, אַז צום בעסטן אָנצוהייבן פֿון אָנהייב, וועל איך אַזוי, מיט אַ סדר:

— דאָס גליקל בײַ דער טיר האָט געקלונגען, געוויינלעך בין איך נישט געגאַנגען עפֿענען, דאָס קינדער־צימער האָט זיך געפֿונען פֿון דער צווייטער זײַט וווינונג. דאָס מאָל בין איך געווען אין דער נאָענט און געעפֿנט. ס׳איז אַרײַן אַן אַ וואָרט צו זאָגן אַ שיינער מאַן מיט פּונקט

אזעלכע שווארצע אויגן און געקרייזלטע האָר, ווי מיינע צוויי יינגלעך. כ'וואָלט אויפן נאָס דערקענט, אז דאָס איז דער פאָטער. אָן עפּעס צו פרעגן, אָן לאָזן זיך אָנמעלדן, איז ער אוועק אין לאָטאָס צימער, ווי ער וואָלט דאָ אַן אייגענער געווען, באלד איז דורך דער פארמאכטער טיר דערגאנגען א העפטיקער ווערטער־אויסטויש.

רות האָט איבערגעריסן, פארטראכט זיך, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערמאנען.

— און פרוי הענדלען? זי האָט נישט דערמאנט דערנאָך דערוועגן?

— דערמאנט, דערמאנט, דעמלט טאַקע בין איך געוואָרן פארדעכטיק. באלד נאָך דעם אומגעבעטענעם וויזיט, האָט זי מיר דערציילט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פארענטפערן פאר איר אויפפירונג, אז ס'איז איר געוועזענער מאַן, „א ביסל א געררירטער", האָט זי געוויזן מיט א פינגער אויפן שטערן, און „אזעלכער קומט מיר זאָגן דעות וועגן דער דערציונג פון מיינע קינדער, יידישע חוצפּה", האָט זי פארענדיקט מיט כעס. כ'האָב פארלוירן מיין פּאָרזיכטיקייט, ס'געשעט מיר אָפט, און געענטפערט איר, אז ער איז האָך דער פאָטער, האָט פליכטן, האָט זיכער ליב די קינדער, כ'געדענק שוין נישט גענוי, כ'האָב נאָך עפּעס געפּלאָנטערט מיט דער צונג. זי האָט מיר אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן, צום ערשטן מאָל אזוי געקוקט אויף מיר, געוואונדערט זיך, וואָס איך האַלט מיט א „געררירטן ייד", וואָס כ'בין נישט אויפגעבראכט פון זיין חוצפּה.

פּראָפעסאָר קרעבס האָט געמאכט אַן אומרואיקע באוועגונג, האָט אויסגעבויגן דעם אויבערשטן האלבן קערפּער פאָרויס, צוזאמענגענומען די הענט, געקוקט פאר זיך, ווי ער וואָלט איצט געטראכט וועגן ווייטע זאַכן. רות האָט נאָך א ווײַלע שטילשווייגן געפרעגט:

— צו לאַנג?

— אָ, ניין, כ'הער אייך מיט אינטערעס, כ'וויל וויסן וואָס מיט אייך איז שפּעטער געשען.

— צומאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע געשיכטע. אינדערפרי, אויפן וועג צום גאָרטן מיט מיינע יינגלעך, האָט אונדז אָפּגעוואַרט זייער פאָטער, א געוועזענער פּראָפעסאָר פון דער בערלינער מעדיצין־אקאדעמיע, איצט געווינט ערגעץ געהיים נישט ווייט פון פּאַריז, ער האָט געזוכט א וועג, ווי אזוי ארויסצורייסן זיינע קינדער פון אונטער דער השגחה פון זיין געוועזענער פרוי און אירע נאַצישע פריינד.

— ער האָט זיכער געוווּסט, אז איר זענט א יידישקע?

— כ׳האָב עס אים געזאָגט, דער געמיינזאַמער גורל דערנעענטערט שטאַרק מענטשן, ער האָט מיר פאַרגעלייגט זיך טרעפן מיט אים אין אָוונט, כ׳האָב געבעטן ביי פרוי לאָטאַ עטלעכע פרייע שעה, זי איז איינגעגאַנגען, נאָר גלייכצייטיק... שוין געהאַט אויף מיר אַ פאַרדאַכט. פּופּצן מינוט שפּעטער, נאָכדעם, ווי כ׳האָב זיך געטראָפן מיטן פאָטער פון די קינדער האָט מען אונדז ביידע אַרעסטירט....

רות איז שטיל געבליבן, איר פּנים האָט געפלאַמט. זי האָט מיט דער האַנט אָפּגעשאַרט די פאַסמע האָר פון שטערן, איינגעגראָבן די אויגן אין דער ווייט און נאָכגעטראַכט, געזוכט אַ פאַדעם אָנצובינדן דאָס, וואָס זי האָט דערציילט מיט דעם, וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען. פּראָפעסאָר זיגפריד קרעבס האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס שווערסטע קומט איצט, ער האָט לאַקאָניש געפרעגט:

— און דער פאָטער פון די קינדער?

— דערמאָרדעט. זיי האָבן געוואָלט אַרויסבאַקומען, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן. ביי דער קאָנפראָנטאַציע האָב איך אים נישט דערקענט... זיין פּנים שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן. ס׳האָט אים געפייניקט דער געדאַנק וועגן זיינע קינדער. ער האָט מיך געבעטן, באַשווירן, אַז אויב כ׳וועל לעבן בלייבן זאָל איך זיי אָפּזוכן, דערציילן זיי דעם אמת וועגן זייער פאָטער. פאַרן צעשיידן אונדז האָט ער געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע בעטנדיקע אויגן, שטיל געמורמלט צו מיר: „מיינע קינדער, געדענקט אין זיי“. זיינע אויגן קוקן אויף מיר ביז היינטיקן טאָג. כ׳האָב צוגעזאָגט זיין בקשה אויסצופירן. אין אוישוויץ האָב איך די צוואה איבערגעגעבן פיר פון מיינע נאָענטסטע גורל־פריינדינס. אַלע פיר זענען אומגעקומען, איך בין לעבן געבליבן און טראָג אין זיך די נישט אויסגעפילטע צוואה.

— האָט איר געזוכט די קינדער?

— געזוכט, לאַנג געזוכט, קיין שום שפּור, צום ערשטן מאָל דאָ...

פּראָפעסאָר קרעבס האָט אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געזאָגט:

— יאָ, יאָ, מלחמה איז אַ שרעקלעכע זאַך, פאַראורזאַכט אַ סך מענטשלעכע טראַגעדיעס, מלחמה־צייט ווערן מענטשן חיות.

— נאָך ערגער, נאָר... צום גליק נישט אַלע מענטשן, כ׳מיין... כ׳וויל זאָגן...

— איר ווילט זאָגן, ליבע קאָלעגין, אז נאָר דייטשן זענען געוואָרן חיות, א טעות, מיין ליבע קאָלעגין, אכזריות איז נישט בלויז קיין דייטשישע איינגעשאפט, לײדער אין אלגעמיין מענטשלעכע איינגעשאפט, איר זענט צו איידל, צו דעליקאט... אכזריות, רציחה, ליבע קאָלעגין, ליגן אין דער מענטשלעכער נאטור, איינמאָל וויזן דאָס ארויס דייטשן, און אנדערש מאָל מענטשן פון אן אנדער פאָלק, ווי אמאָל, מ׳דארף קוקן אויף דעם אלעמען... רעאליסטיש, ניכטער.

רות איז בלאס געוואָרן, אינסטינקטיוו אָפּגערוקט זיך פון דייטשישן פראָפעסאָר, אָנגעהויבן שטאמלען:

— נישט געגלויבט, נישט דערווארט אזא אויספיר, איר, הער פראָפעסאָר?

— אנטשולדיקט, אנטשולדיקט, ליבע קאָלעגין, מיינע רעפלעקסן זענען אפשר איצט נישט אויפן אָרט, איך באנעם דערשיינונגען, ווי זאָל איך זאָגן, מיט א קאלטן קאָפּ, כ׳האָב גערעדט וועגן דער מענטשלעכער נאטור ריין וויסנשאפטלעך, עמאָציאָנעל איז עפּעס אנדערש, לײדער, די מענטשלעכע נאטור... כ׳מיין ריין וויסנשאפטלעך, איר פארשטייט מיר, איר זענט דאָך א וויסנשאפטלערין.

— ניין, כ׳פארשטיי נישט.

— אנטשולדיקט, קאָלעגין, איר פארשטייט מיך שלעכט, איר האָט א גרונט, מיינע רעפלעקסן זענען אפשר איצט נישט אויפן אָרט, ס׳גייט דאָך איצט אין אויספירן א צוואה, ס׳איז א מענטשלעכע זאך, א גרויסע זאך, און א חוב, יעדערער אויף אייער אָרט וואָלט געזוכט צו דערפילן אזא חוב, איך פון מיין זייט בין גרייט.

— דערפאַר האָב איך אייך דערציילט, געגלויבט איר וועט מיר העלפן, כ׳מיין העלפן אָפּזוכן די זין פון אומגליקלעכן פאָטער.

— באשטימט, באַשטימט, איר קאָנט רעכענען אויף מיר, כ׳וועל טאָן וואָס מעגלעך, כ׳וועל אלץ דורכטראכטן און מאָרגן וועלן מיר דערוועגן רעדן, איצט לאָמיר גיין שפאצירן, איר נעמט זיך, ליבע קאָלעגין, צופיל איבער, לעבט צופיל איבער, פרויען לעבן אלץ איבער שטארקער, טיפער, איך באדויער, וואָס... לאָמיר אלזאָ לאָזן אויף מאָרגן פרי, כ׳וועל דורכטראכטן, דאָ אויפן זעלבן אָרט, כ׳וועלווארטן אויף אייך.

רות האָט די נאכט נישט געקאָנט איינשלאָפן. שווערע קאָשמארנע דערינערונגען האָבן זי צו רו נישט געלאָזט, זי האָט זיי געטריבן פון זיך און זיי זענען עקשנותדיק צוריקגעקומען.

ערשט פארטאָג איז רות איינגעשלאָפן, האָט זיך אויפגעכאפט מיט א פארשפעטיקונג, שנעל אָפגעפארטיקט איר טואלעט, געאיילט זיך נישט צו פארשפעטיקן, אָן פרישטיק אוועק אויף דעם ראנדעוו. דער פּאַרק איז געווען פארגאָסן מיט זון, דער בלויער ים האָט געגלאנצט פון דער ווייטנס, אין דער שטילער אלייע איז איינדערפרי נאָך שטילער געווען, די געלע באנק האָט א ליידיקע געווארט, פראָפעסאָר זיגפריד קרעבס איז נישט געקומען.

אפריל 1959




Benn

חיות און... מענטשן

...און א וואָלף וועט הויזן מיט א שעפּס
און א לעמפּערט מיט א ציגעלע וועט הויערן
און א קאַלב מיט אַ יונגלייב און א פעט רינד בייגאַנד
און א קליין יינגל וועט זיי פירן...

(יידיש: יהואש)

— קאָנט איר היינט אָוונט אריינקומען צו מיר? קומט צו גיין, וועלן מיר שמועסן, און איר וועט אייך באַקענען מיט מיינע פריינד.

די איינלאַדונג האָב איך גערן אָנגענומען, וואָרעם מיט מאַריא וויגדאַ האָב איך פון לאַנג שוין געגאַרט זיך נעענטער צו באַקענען, כ׳האָב געהערט וועגן איר, געוווּסט, אַז אַלס זאַפּאָגין האָט זי אָנגעשריבן עטלעכע ביכלעך, און בעת דער אָקופּאַציע האָט זי געהאָלפן יידן. בין איך צופרידן געווען, וואָס כ׳האָב זי באַגעגנט אויף אורלויב און נאָך צופרידענער, וואָס זי האָט מיר פאַרבעטן צו זיך, בפרט נאָך אַז איך וועל זיך באַקענען מיט נייע מענטשן, און די פריינד פון מאַריא וויגדאַ זענען מסתמא נישט אבי ווער.

נאָך מיטאָג האָב איך אָנגעהויבן זיך גרייטן צום וויזיט. א פרינציפּ האָב איך, וואָס אַז אמת, אַז אויף אורלויב וואַרף איך אַראָפּ פון זיך די שטאָטישע בגדים און אַלע קאָסמעטישע שיינדלעך. גיין אָבער אין א וויזיט צו מאַריאַ וויגדאַ און באַגעגענען זיך דאָרט מיט פרעמדע מענטשן איז שוין עפּעס אַנדערש. ווער ווייסט וואָס פאַרא שישקעס? האָב איך קודם באַלד נאָך מיטאָג מוותר געווען אויף דער שעה אָפּרו, אַוועק צום פריזירער און געפּטרט דריי שעה. דערנאָך האָב איך עטלעכע

מאָל איבערגעקוקט מיין אורלויב־טואַלעט און אָנגעהויבן באַדויערן וואָס כ׳האָב נישט מיטגענומען קיין לייטיש אָוונט־קלייד. ווי גייט מען עס אין אַזא וויזיט, באַקענען זיך מיט פרעמדע מענטשן אין א רייזע־קאָסטיום אָדער אין הויזן? בלית־ברירה האָב איך ארויסגעצויגן אויף זיך א לייכט, זומערדיק קליידל. ווי אויף צו־להכעיס איז דער טאָג געווען א קילער, א ווינטיקער, דער הימל א גרוי־בלייענער. כ׳בין געווען שוין אינגאַנצן פאַרטיק, ווי אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שיטן א געדיכט, דין רעגנדל. א גליק, וואָס כ׳האָב געהאט א היפש טיכל.

פאַר דער טיר האָב איך אַראָפּגענומען דאָס טיכל, פאַפּראַוועט ווי ווייט מעגלעך די צעקנייטשטע פריזור, אָפּגעווישט די טראָפּנס רעגן פון פנים, אריינגעקוקט אין שפיגעלע, צוגעפּודרירט די שפּיץ נאָז. ווער ווייסט וועמען כ׳וועל דאָרט באַגעגענען... צוגעוואַרט א ווײַלע, אָפּגעסאַפּעט און אָנגעקלאַפּט.

די טיר האָט זיך געעפנט און ווי נאָר כ׳האָב איבערגעטראָטן די שוועל, איז אויף מיר ארויסגעשפּרונגען מיט די צווײ פאָדערשטע לאַפּעס א געלער הונט אין דער גרויס פון א קאַלב. אין פלוג האָב איך געמיינט כ׳בין ערגעץ פאַרגאַרט געוואָרן. כ׳האָב געוואָלט א געשריי טאָן, נאָר פון שרעק פאַרשטומט געוואָרן. מאַריאַ וויגדאַ האָט געזען ווי כ׳בין בלאַס געוואָרן און אָנגעהויבן מוסרן דעם געלן הונט. דאָס הינטישע באַשעפעניש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם עק, ווי עס וואָלט זיך פאַרשעמט.

— בערנאַרד האָט זיך מיט אייך אזוי באַגריסט, ער ווייזט אזוי ארום ארויס זיין פריינדשאַפט צו אייך.

— בערנאַרד? דער הונט? — האָב איך נאָך אַלץ א דערשראָקענע געשטאַמלט.

— אַז מענטשן טראָגן נעמען פון חיות, פאַרוואָס זאָלן חיות נישט טאָרן טראָגן נעמען פון מענטשן, בפרט אַז בערנאַרד פירט זיך ווײַטער מענטשלעך... נו, גיט דעם מאַנטל, זעצט אייך, זעצט אייך.

כ׳האָב זיך אוועקגעזעצט און קוים אָפּגעעטעמט, ווי בערנאַרד האָט זיך אונטערטעניק אוועקגעלייגט ביי מיינע פיס, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט איבערבעטן פאַר דער שרעק, וואָס ער האָט מיר אָנגעמאַכט.

מאַריאַ וויגדאַ, א הויכע, פעסטע 59־יעריקע פרוי מיט בלאָנדע האָר, פאַרקעמט אין א „פּאָלקע“, אין גרויסע שוואַרץ־געראַמטע ברילן, האָט א שמייכלענדיקע זיך אוועקגעזעצט אנטקעגן מיר, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען.

— געמיינט דער רעגן וועט אייך אָפּהאַלטן, גאָרנישט קיין וואקאַנס־וועטער, נאָר איך זע, אז איר האָט נישט מורא פאר אזא וועטער.

— כ'האָב א סך מער מורא פאר א הונט, ווי פאר א רעגן. אָבער אייערע פריינד האָבן, זעט אויס, יאָ מורא פאר א רעגן, נישט געקומען.

— נישט געקומען? אָט זענען זיי מיינע פריינד — האָט זי געוויזן ארום זיך.

כ'האָב זיך ארומגעקוקט און דערזען אין א ווינקל ליגן א צווייטן גרויסן, געלן הונט אין דער גרויס פון א קאַלב. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געדרימלט. אין א צווייטן ווינקל זענען געזעסן איינגעגורעטע צוויי איינגעשלאָפענע בלוי־גרויע טויבן. אויף דער אָטאָמאַנע איז געלעגן באקוועם אויסגעצויגן א גרויע קאַץ, ביי איר בויך זענען געווען אָנגעהאָנגען צוויי זויגלינג־קעצעלעך. כ'האָב געפירט מיט די אויגן פון ווינקל צו ווינקל און זיך דערמאַנט אין מיינע מאַטערנישן מיט דער פריזור און דעם וויזיט־טואַלעט.

— ס'געפעלן אייך נישט מיינע פריינד? — האָט מאַריא ווינדאַ געפרעגט מיט א פילזאָגעוודיקן שמייכל.

— דערהוואַרט צו טרעפן ביי אייך... כ'ווייס וועמען... — האָב איך זיך מודה געווען — און נישט גערעכנט זיך איר זאָלט אויף אורלויב דאָס־אָ מיטנעמען — האָב איך געוויזן ארום זיך מיט דער האַנט.

— ס'וואָלט דען מענטשלעך געווען צו פאָרן אויף אורלויב און זיי איבערלאָזן אויף הפקר? און ניקע האָט געדאַרפט געבוירן... אוי, האָט זי געהאַט א שווערן געבורט, צוויי זענען טויט געווען, אָן מיין הילף וואָלט זי נישט אויסגעהאַלטן, זי האָט אזוי געליטן, געקוקט אויף מיר, אַזוי געבעטן איר צו העלפן און אויסגעפירט זיך, ווי זעלטן ווער. ניקע האָט ווירדע, און איז קלוג, ווי דער טאָג...

— ניקע? אַ קאַץ מיט א נאָמען פון א געטין?

— דער נאָמען טאַקע פון דער גריכישער געטין, אָבער איר אויפפירעכץ... ניקע פארמאָגט א הויכע מאָראַל, אויסערסט עטישע פּרינציפּן, וועט נישט אָנרירן קיין שוואַכער פון זיך באַשעפעניש, פארקערט, וועט זיך איינשטעלן. ווען איר וואָלט געזען, ווי זי פירט זיך אויף אין סיטואַציעס, בעת מענטשן... א הויכע עטיק.

— און די הינט? נישט קיין געפאר זיי איבערצולאָזן מיט דעם־אָ כאַנצן בני־בית?

— וואָס רעדט איר? בערנאַרד און אַסטראַ וועלן קיינעמען קיין שלעכטס נישט טאָן. אויסער אין פאַל, ווען מען דאַרף עמעצן פאַרטיידיקן. וואָס ווייסט איר צו וואָס זיי זענען פעיק?

מאַריאַ וויגדאַ האָט זיך פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט געזוכט אַרגומענטן מיך איבערצוצייגן און ווייטער געצויגן:

— מענטשן האָבן אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן חיות, באַוואָלענען זיי שטאַרק, וואַרפן אויף זיי אַרויף אַלע אייגענע שלעכטע נייגונגען און מיאוסע מעשים. „אַ הינטישער מענטש!" נישט אמת, נישט אַ מענטש מוז נישט נעמען קיין ביישפּיל פון אַ הונט, כ׳זאָג אייך, איך האָב אַ סך דערפאַרונג אי מיט מענטשן, אי מיט חיות, איך ווייס וואָס איך רעד.

בערנאַרד האָט אין צווישנצייט פאַרגעסן, אַז כ׳האָב נישט גערן אָנגענומען זיין פריינדשאַפט און ווידער אָנגעהויבן מיר אַרויסווייזן סימפּאַטיע. ווי זיין באַלעבאָסטעס רייד וואָלטן אים דערמוטיקט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט אויף מיין שויס זיין לאַנגע מאָרדע, אָנגעהויבן מיך באַשמעקן. כ׳האָב זיך צוריקגעצויגן און נישט ווילנדיק אויפגעדעקט פאַר מאַריאַ וויגדאַ מיינע קאַלטע געפילן צו דער הינטישער ראַסע:

— כ׳האָב מורא פאַר אַזאַ וועלפישע מאָרדע. די היטלעריסטן האָבן מיט אַזעלכע הינט...

— די היטלעריסטן האָבן געמאַכט פון הינט דאָס, וואָס זיי זענען אַליין געווען. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איר האָט נישט געזען מיינע דערצויגלינגען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. מיין זונעלע האָט זיך געשפּילט מיט אַ לאַמפּאַרט־קינד, מיט אַ קליינעם טיגער, כ׳האָב דאָס קליינוואַרג פון ווילדע חיות געהאָדעוועט און געמאַכט פון זיי מילדע באַשעפענישן, פון אונדזערע שטוב־חיות איז שוין אָפּגערעדט, כ׳וואָלט אייך געקאָנט דערציילן זאַכן...

— מיינט איר, אַז מ׳קאָן פון אַ ווילדער חיה...?

— כ׳מיין, אַז מ׳קאָן פון אַ מענטשן מאַכן אַ ווילדע חיה. ווייניק צוויי־פיסיקע, ווילדע חיות גייען אַרום אויף דער ערד, האַ? מיר האָבן אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. חיות זענען גוטע, געטרייע באַשעפענישן, נאָר ווי געטרייע! מיין אַסטראַ — האָט די געוויזן אין ווינקל — האָט אין איר געטרייִשאַפט באַוויזן וווּנדער. היינט איז זי אַלט, 18 יאָר, אַ זעלטן טיפע עלטער, אַ זקנה, טויב שוין אויף איין אויער, דאָס האַרץ אָפּגע־

שוואכט, אָבער נאָך א גוט, געטריי הארץ, כ'קאָן זיך נאָך פארלאָזן אויף איר, וועט קיינמאָל נישט אנטוישן. איר שטעלט זיך נישט פאָר אזא געטריישאפט, כ'זאָג אייך, א מענטש האָט נאָר צוויי גרויסע פריינד: א מאמע און א הונט, א מאמע אנטוישט קיינמאָל נישט און א הונט אויך נישט, און פארשטייט אייך ווי א מאַמע.

כ'האָב מסתמא, הערנדיק דעם פארגלייך, געמאכט א גרימאסע, וואָרעם מאריאַ וויגדאַ האָט אָנגעהויבן מיך מוסרן און ברענגען באַווייזן:

— קרימט אייך נישט, קרימט אייך נישט, ס'רירט נישט אָן דעם כבוד פון א מאַמע. כ'זאָג אייך, א גרויסער פריינד פון מענטשן, פאַרשטייט זיך אויף זאכן, און אן אינטואיציע... אָט הערט: אין דער צייט פון אָקופאציע פלעגן קומען צו מיר יידן, מענטשן פון ווידערשטאנד, אסטרא האָט קיינמאָל אויף זיי נישט געבילן, נישט געקענט זיי און נישט געבילן. אז זי האָט דערשמעקט א מענטשן, פאר וועלכן מ'דארף זיך היטן, ווער שמועסט נאָך א דייטש, פלעגט זי זיך צעלאָזן אויף אַלע כלים, שטענדיק צו דער צייט אליארמירט, וווּנדער באווייזן אין יענע יאָרן.

כ'האָב שוין מורא געהאט, אז דער אָוונט וועט דורכגיין מיט הינטישע ענינים, האָב איך זיך אָנגעכאפט אין מאריאס לעצטע ווערטער און א פרעג געטאָן:

— און מיט ראכעלאַ גאָלדשטיין ווי איז דאָס געווען?

— מיט ראכעלא? איר קענט זי?

— ניין, נאָר כ'ווייס... און איר זענט דאָך געפאָרן צו איר קיין פאַריז.

— דאָס האָט אַסטרא זי געראטעוועט — האָט זי געוויזן אויפן דרימלדיקן הונט — דעמלט געווען יונג, פלינק, אלט געווען נישט קיין גאנצע צוויי יאָר, ווי איצט בערנאהד.

אסטראן האָבן מיר, זעט אויס, איבערגעריסן דעם דרימל. זי האָט מער קיין חשק נישט געהאט צו ליגן אין ווינקל, האָט זי מיט לאנגזאמע, פלעגמאַטישע באַוועגונגען זיך אויפגעהויבן, אויסגעצויגן דעם אַלטן קאָפּ, אָנגעשטעלט אויף מיר א פאָר הינטישע, געטרייע אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט געווינען מיין צוטרוי צו דעם הינטישן מין. דערנאָך מיט שלאַבעריקע טריט זיך דערנענטערט צו מיר און געקוקט מיר אין פנים מיט עפעס אזא געבעט. כ'האָב גובר געווען מיין אנטיפאטיע צו דער הינטישער ראסע, אויסגעצויגן די האנט און זי א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. אסטרא האָט געמאכט נאָך עטלעכע דראָבנע טריט און געקוקט מיר אין

פנים מיט הכנעה. פון די וואסערדיקע אויגן האָבן ארויסגעקוקט טרויער און דאנקבארקייט.

— סענטימענטאַל געוואָרן אויף דער עלטער — האָט מאריאַ וויגדא מיר פארטייטשט די הינטישע אויפפירונג. — ס'איז איר שווער אויפן הארץ, און ווי נאָר מ'ווייזט איר ארויס די מינדעסטע סימפאטיע, זוכט זי מיטגעפיל, הייבט אָן זיך באקלאָגן.

— אויף וואָס?

— אויף איר עלטער, פארטראָגט זייער שלעכט די זקנה, די שלאַבעריקייט ליגט זיך שווער אויף איר געמיט, קאָן נישט שלום מאכן מיט דער עלטער, א יונג הארץ נאָך, און דער קערפער שוין אינגאנצן צוגאָרנישט. און ווער דארף עס נישט אין אזא צושטאנד א ביסל ווארעמקייט, אן אויסגעצויגענע פריינדלעכע האנט? כ'האָב נישט קיין צייט צו איר און זי דארף כסדר עמעצן, די עלטער פארטראָגט שלעכט איינזאמקייט און אסטרא פארטראָגט ביידע נישט. איי, די עלטער...

מאריא וויגדא האָט איבערגעריסן, געקנייטשט עפעס אזוי מאָדנע דעם שטערן, ווי זי וואָלט געפירט מיט זיך אליין א גרויסע דעבאטע, אפנים אָבער זי געהערט צו די מענטשן, וואָס האָבן א באדערפעניש זיך צו טיילן מיט די אייגענע געדאנקען און ספקותן:

— א משונהדיקער כאַאָס אין דער נאַטור, אומפארשטענדלעכער פארוואָס איין באשעפעניש איז געגעבן א לאנג לעבן און א צווייטס א גאָר קורצס, אזוי פיל אומיושרדיקע זאכן אין דער נאַטור גופא. אויב ס'וואָלט אמת געווען, אז גאָט האָט באשאפן אלץ ארום, וואָלט גאָט געווען אָן א פיצל יושר, נאָר דאָס ערגסטע וואָס מ'קאָן נישט דערגיין די סיבות, מיר טאַפּן אין דער פינצטער, בלינדערהייט. אָט זעט: דער העלפאנט, דער קראָקאָדיל לעבן הונדערטער יאָרן און מיין אַסטרא איז שוין א זקנה, שטייט שוין פון לאנג מיט א פוס אין קבר. ביי 14 יאָר איז א הונט שוין אלט, אינגאנצן אָפּגעפאָרן, אין דער צייט ווען א סך קליינטשיקע, שוואכע באשעפענישן זענען אין די יאָרן יונג, פאָרן און מערן זיך ביז אין טיפן עלטער און לעבן א סך לענגער פון אזעלכע שטארקע באשעפענישן ווי דאָס פערד און דער אָקס. און דער מענטש... די קרוין פון גאָטס באַשאַף... די קראָקאָדילעכע, די קארפּעכע לייגן אייער צו צוויי הונדערט יאָר און שפּעטער נאָך, און זעט די מענטשלעכע פרוי, אומפארשטענדלעך, אָן א פיצל יושר, אָן א זין. אָט נעמט די פּאַפּוגיי, די קראָ, זיי לעבן גאָר לאנג, בעת אנדערע ענלעכע פייגל האָבן א גאָר קורץ

לעבן. נאָר איך זאָג אייך די גרעסטע עוולה איז דאָך געשען דעם מענטש. דער אָרגאַניזם צו 50—60 יאָר, אויב איר ווערט זיך נישט קעגנשטעלן דער נאַטור... וואָס פאַרא אַבסורד! דעם מענטשנס מוח איז דעמלט צומרייפסטן, א משוגנהדיקע סתירה. אָט נעמט מיך, אין מיין מוח איז איצט רייף געוואָרן א זאַך, וואָס... כ׳וויים איצט וואָס כ׳וויל, כ׳וואָלט נאָך וועלטן געקערט. נו, און קוקט אָן מיין פּנים; אין א צען יאָר ארום וועל איך זיין ווי מיין אָרעמע אסטרא, און אין קאָפּ ווערן געבוירן אלע מאָל מער געדאַנקען, פּלענער. אָט אן אומזין פון דער נאַטור, א משוגנהדיקע סתירה: דער מוח, דאָס הארץ און דאָס פּנים...

הערנדיק מאריאַ וויגדאַס רעפלעקסן איז מיר געוואָרן שווער אויף דער נשמה. אסטרא האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט פון איר באַלע־באַטישע פילאָזאָפיש־פּעסימיסטישן עקספּאָזע, פּארקערט, אָנגעהויבן ווערן לעבעדיקער, דרייסטער, הארט זיך צוגערוקט צו מיר און אויסגעצויגן דעם האלדז, ווי זי וואָלט זיך געבעטן ביי מיר א גלעט, דערנאָך א לעק געטאָן איין האַנט מיינע, די צווייטע. כ׳האָב אינסטינקטיוו אַוועקגענומען די הענט.

— גענוג, אסטרא, לאָז אונדז שמועסן, אויף דיין אָרט!

אסטרא האָט מיט איין אויער אויפגעכאַפּט איר באַלעבאָסטעס פארלאַנג, אָפּגעקערט זיך פון מיר, אוועק אויף איר אָרט און זיך אוועק־געלייגט מיט רעזיגנאַציע.

כ׳האָב זיך דערפילט שולדיק, צוליב מיר געמוזט גיין צוריק אין ווינקל, זי האָט געזוכט מענטשלעכע ווארעמקייט, כ׳האָב זי אפילו קיין גלעט נישט געגעבן. געוואָלט זיך אויסקויפן פאַר מיין ענגהארציקייט, כאָטש א קאָמפּלימענט איר מאכן...

— א קלוגער הונט, פארשטייט אלץ...

— קליגער אין א סך הינזיכטן, ווי א מענטש. א הונט פארשטייט דעם מענטשנס פארלאַנג, אָבער דער מענטש פארשטייט נישט, ווען דער הונט רעדט צו אים שטומערהייט. אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן, אז מענטשן איינע די אנדערע פארשטייען זיך נישט, כאָטש זיי רעדן אויפן זעלבן לשון. איך וויל שוין בעסער האָבן צו טאָן מיט אסטראָן, ווי מיט געוויסע... שוין אָפּגערעדט פון אירע אויפטוען אין יענע יאָרן, דעמלט האָב איך זיך איבערצייגט, איר וואָלט נישט געגלויבט, ווען איך וואָלט אייך דערציילט.

— כ'וועל אייך גלויבן, דערציילט — האָב איך האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק געזאָגט.

— אָהאָ, א גאַנצע נאַכט וואָלט איר געדאַרפט זיצן ביי מיר, און כ'וואָלט אייך נאָך אַלץ נישט דערציילט, יעדן טאָג אן אויסטערלישע געשעעניש און ווען נישט אַסטראַ...

כ'האָב געפילט, אז מאַריאַ ווינדאַ איז גרייט צו זיצן מיט מיר א גאַנצע נאַכט, מיר האָט דאָס וואָס אַן אמת אויך געלאַקערט, כ'האָב אָבער איצט געהאַט א גרונט מורא צו האָבן, אז דאָס וואָס אינטערעסירט מיר בעיקר זאָל נישט דערטרונקען ווערן אין א ים רייד וועגן היגישן מין. ובכן בין איך צוגעשטאַנען און ווידער א פרעג געטאָן:

— און די גאָלדבערג? ווי איז דאָס געווען?

— מיט איר איז געווען אזוי: כ'האָב געוווינט דעמאָלט אין א ווילע ווייט פון שטאָט, א קאַלטער פרימאָרגן געווען, ס'האָט געשאָטן א נאַסער שניי, פונדעסטוועגן האָב איך געעפנט די טיר און ווי שטענדיק אַרויסגעלאָזט אַסטראַ, זאָל זי זיך איבערלויפטערן. די נאַכט איז געווען אן אומרואיקע, מ'האָט געהערט אָפּהילכן פון א ווייטער שיסעריי. אין אזא טאָג האָט א מענטש מורא געהאַט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. אַסטראַ איז דעמאָלט געווען אין א גליקלעכערער לאַגע, ווי א מענטש, ווייניקער אויסגעשטעלט אויף געפאַרן. פלעגט זי אַרויסגיין און זיך לאָזן ווילגיין, וויפל דאָס האַרץ האָט איר געגלוסט. דאָס מאָל איז זי באַלד צוריקגעקומען, געדראַפּעט מיט די לאַפּעס אין טיר, ווי זי וואָלט געהאַט א ווינטיקע געשעעניש מיר אָנצוזאָגן, אָנגענומען מיך מיטן פּיסק ביים ראַנד קלייד און געצויגן, געשלעפּט אין דרויסן. כ'האָב זיך געלאָזט פירן, נאָכגעגאַנגען אַסטראַן ביז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פלויט און א וואָרטשע געטאָן. אויף דער צווייטער זייט זענען געווען געדיכטע קוסטעס. כ'האָב דורכגעקוקט דורך די שטאַכעטן, גאָרנישט געזען, דעמאָלט נאָך מער קורציכטיק געווען ווי היינט, די יאָרן מאַכן ווייטזעעוודיק... בקיצור, נישט דערזען. אַסטראַ איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן, בין איך געשטאַנען און געקוקט. מיטאַמאָל עפּעס א שטימע, ווי זי וואָלט פון אונטער דער ערד אַרויסגעקומען: „דערבאַרעמט אייך, לאָזט מיר זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן". הערלעכן זענען אָפּגעריסן געווען צוויי ברעטלעך. כ'האָב אַסטראַ אַרויסגעשיקט צום וועג, זאָל זי שטיין אויף דער וואַך, אויב עפּעס וואָס, וועט זי געבן צו וויסן. דורך דער זעלבער עפענונג איז אַריינגעקראָכן די אויסבאַהאַלטענע, נאָכגעגאַנגען מיר, ווי א שאָטן. כ'זאָג

אייך, א שרעק־בילד. זי איז אנטלאָפן, ווען מ׳האָט זיי ארויסגעפירט פון שטעטל, געוואנדערט א גאנצע נאכט דורכן וואלד, דערזען עמעצן פונדערווייטנס אויפן וועג און פארשטעקט זיך אין די קוסטעס. א פחד האָט ארומגעכאפט בלויז קוקנדיק אויף איר. ווי קאָן מע דאָס איבערגעבן? א קנויל שמאַטעס, פון זיי האָבן ארויסגעקוקט טויטע אויגן, אַ שרעק־פנים...

מאריא וויגדא איז געבליבן שטיל מיט אן אָפן מויל, ווי די אמאָליקע שרעק וואָלט איצט ביי איר אָפגענומען דאָס לשון. אירע בליקן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויפן אלטן אויסגעצויגענעם הונט, און ווי ער וואָלט איר דערמאנט אין פרייערדיקע זאכן, האָט זי צוריקבאקומען לשון:

— איר וועט מיר גלויבן, זי האָט זי די גאנצע צייט געהיטן. ביי טאָג פלעגט זי זיין אין קיך, פלעגט אַסטרא זיין אויף דער וואך. ווי גיך זי האָט ביים וועג דערשנאפט עמעצן, וואָס איז איר נישט געפעלן געווען, האָט זי זיך צעלאָזט אויפן קול, ווער שמועסט נאָך ווען א דייטש, דעמלט אַז אליארם. לויטן בילן האָב איך געוווסט ווער ס׳דערנעענטערט זיך צום הויז, צי מ׳דארף זי אראָפשיקן אין קעלער צי נישט, טיילמאָל געלאָזן זי אויף ביינאַכט אין קיך, קאלט געווען אין קעלער, דערפרוירן צו ווערן. שטעלט אייך פאָר, אַסטרא פלעגט אין קיך ביינאכט ליגן ביי אירע פיס, נישט אָפגעטראָטן, און געהאלטן אָנגעשפיצט די אויערן...

א פויזע.

איבער מאריא וויגדאס פנים האָט זיך אראָפגעלאָזט א כמארע, א פינצטערע דערינערונג האָט אויפגעטויכט אין מוח:

— א קארגן קילאָמעטער ווייטער פון מיר האָט געוווינט א באנקאָנגעשטעלטער. אָהאָ, ווען יענער וואָלט געוווסט, וואָס ביי מיר אין שטיב קומט פאָר! א שיינער, בלאָנדער יונגער מענטש, און קיין פונק מענטשלעכקייט. וויפל אומגליקלעכע האָט ער אויסגעגעבן! אָט, א מענטש, און אַסטרא א הונט. איר וועט מיר גלויבן, אַסטרא איז אויפגעקאָכט געוואָרן, אַז זי האָט אים אַמאָל באַגעגנט, קאָנטיק געווען, זי האָט מיט אים חשבונות. כ׳זאָג אייך, מיר האָבן א שלעכטע פאָרשטעלונג וועגן חיות און מענטשן. איר מעגט מיר גלויבן, כ׳האָב אַ סך דערפאַרונג, איין מענטש פאַרן אנדערן קאָן זיין ערגער ווי א חיה. און זעט דאָ מיינע בני־בית.

כ׳האָב אָנגעהויבן נאָכאמאָל ארומקוקן זיך איבערן גרויסן צימער, אסטרא איז איינגעשלאָפן, דאָס אלטע הינטישע הארץ האָט זיך ריטמיש

באוועגט אונטער דער פעל, אין צווייטן ווינקל זענען געזעסן רואיק די צוויי טויבן, מיר האָבן זיי אפנים געשטערט אין שלאָף, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן נאָך אלץ בלויז געדרימלט, אויף דער אטאָמאנע האָט זיך פאנאנדערגעשפרייט די מאַמע־קאַץ אין איר גאַנצער מאיעסטעט, די קינדער־קעצעלעך האָבן זיך געווארעמט ביי איר בויך, צופוסנס פון דער אטאָמאנע איז געשטאַנען דער יונגער, געלער הונט אין דער גרייס פון א קאלב און געקוקט מיט קלוגע, היגטישע אויגן, ווי ער וואָלט געשעפט נחת פונעם מוטערשאפט־בילד, מאריא ווינדא האָט מיר נאָכגעפאָלגט מיט די באברילטע אויגן און מיט א שמייכל א זאָג געטאָן:

— נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן? בין איך נישט גערעכט?

אָבאָירי, יוני 1961

אין אַ פֿרעמדער געגנט

אַ פֿינצטערע נאַכט. דער מערב־הימל הענגט איבערן דערפֿל אַן אומהיימלעכער, אַזאַ פֿינצטערער, ווי די צעשטערישע האַנט פֿונעם שונא וואָלט אויך דאָרט געגרייכט און אויסגעלאָשן אַלע שטערן. דער וואַלד זעט אויס פֿון דער ווייטנס, ווי אַ שוואַרצע, הויכע וואַנט.

ווען קלאַד און לאה זענען אַראָפּ פֿון צוג, איז נאָך כמעט ליכטיק געווען, דער טאָג איז איבערגעגאַנגען אין בין השמשות. איידער וואָס־ווען, ביז זיי זענען צוגעקומען צום וואַלד, איז די בין־השמשותדיקע ליכט איינגעשלונגען געוואָרן דורכן פֿינצטערן אָוונט. די מיידלעך זענען שטיין געבליבן ביים ראַנד וואַלד, דאָרט, וווּ ס'הייבט זיך אָן די סטעזשקע, וואָס פֿירט צום דאָרף.

— קלאַד, מיר'ן אפשר צוריקגיין אויף דער באַן־סטאַנציע?

— ווער ווייסט וואָס דאָרט... בעסער ניט.

— אפשר אין ביסטראָ?

— דאָס זעלבע.

— איצט דורכן וואַלד, אין אַזאַ פֿינצטערניש...

— דאָרט איז ערגער, אין אָוונט קאָן מע פֿרעגן פּאַפּירן, אַדער קומט קיינער ניט אין דער שעה.

— אפשר בעסער מיטן וועג?

— מיטן וואַלד זיכערער, און דער וועג אַ קירצערער, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן...

— כ'בין דיר מקנא, האָסט פֿאַר גאָרנישט מורא.

— און דו! האָסט נישט מורא געהאַט צו שפּרינגען דורכן געמויערטן פּאַרקן.

— נו, גוט, לאָמיר, וועסט זיכער טרעפן?

— די סטעזשקע פירט גלייך, ביזן האָרף, די ווייסע בעריאָזעס ווײַזן דעם וועג...

זיי זענען אַרײַן אין בלעטער=וואַלד, פאַרנומען זיך מיט דער סטעזשקע צווישן די ווייסע בעריאָזעס. מיטן פאַרקירצטן וועג זענען אַפילו קיין צוויי קילאָמעטער נישט צום דאָרף. דאָרט וווינט די לערערין סיזאַן, וואַרט אויף זיי. איצט איז זי זיכער אין שרעק. זיי האָבן שוין געדאַרפט זײַן בײַ איר מיט שיינע עטלעכע שעה צוריק. דער צוג פון פאַריז קיין לאַאָן קומט אָן צוויי נאָך מיטאָג, פון דאָרט צו דער דאָרפישער סטאַנציע בלויז איין שעה וועג. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז פונקט דעמולט זאָל די באַן=ליניע הינטער לאַאָן איבערגעריסן ווערן און זיי זאָלן בלײַבן שטעקן ערגעץ אין מיטן וועג נישט אַהער און נישט אַהין. אָנגעקומען מיט אַזוי פיל שעה פאַרשפּעטיקונג. זיי האָבן זיך געאײַלט, אָנגעשטרענגט זיך צו גיין וואָס גיכער, דער אָוונט איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג, די פינצטערניש איז זיי באַפאַלן, ווי מע באַפאַלט עמעצן אויפן וועג אומגעריכטערהייט.

קלאָד האָט מיט דער לינקער האַנט געהאַלטן לאהן אונטערן אָרעם, מיט דער רעכטער געשלעפּט אַ וואַליזקעלע. לאה האָט געשלעפּט איר פאַרבאַנדאַזשירטן פוס, וואָס זי האָט צעקאַליעטשעט, שפּרינגענדיק דורכן פּאַרקן פון לא טורעל=לאַגער. די 20=יעריקע קלאָד, די איינציקע טאָכטער פון אַ פראַנצויזישן מוזיק=פּראָפעסאָר, פילט זיך איצט בלב ונפש פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון יידישן מיידל, דער איינציקער פאַרבליבענער פון אַ גרויסער דעפּאָרטירטער משפּחה. די 22=יעריקע לאה האָט זיך שוין צום צווייטן מאָל אַרויסגעדרייט די מחבלים פון די הענט. בײַ סיזאַנען דאַרף זי איבערוואַרטן ביז דער פוס וועט זיך פאַרהיילן און מ'וועט איר אויפסנײַ צושטעלן אַרישע פּאַפּירן. איר פאַרדריסט, וואָס זי האָט גלייך נישט געקאָנט זיך אומקערן צו איר פריערדיקער פונקציע, אָבער אַ פאַרבינדלערין פון אונטערערד זיצט נישט איין אויף קיין אָרט, דערצו זענען איר נייטיק נייע פּאַפּירן און אויך... אַ נייע הויט אויפן פוס.

— דײַן פוס?

— גוט...

— אוי, צוואָס האָט גאָט באַשאַפן אַזאַ פינצטערניש?

— קענסט נישט די ביבל, קלאָד, גאָט האָט באַשאַפן ליכט, ויהי אור! און ס'איז געוואָרן ליכטיק.

— ווען ער וואָלט איצט געוואָלט באַווייזן אַזאַ נס, האָבט נישט קיין פּראָטעקציע ביי אייער גאָט? אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט מיט אים...

— זעסט דאָך וואָס פאַראַ פּראָטעקציע מיר האָבן ביי אונדזער גאָט, אַז מ'קאָן טאָן מיט אונדז...

קלאָד ענטפערט נישט, זי האָט פאַרהרוס אויף זיך, וואָס זי האָט פאַרקערעוועט דעם שמועס אויף אַ שלעכטן דרך, זי מיידט אויס צו דערמאָנען לאהן די זאַכן. ביידע שווייגן, שפּאַנען, צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער, טרעטן פאָרזיכטיק, לייכט. זיי דאַכט זיך פונדעסטוועגן, אַז זייערע טריט הילכן צו שטאַרק אָפּ אין דער נאַכטיקער שטילקייט פון וואַלד. דער וואַלד האָט זיך אויסגעמישט, צונויפגעגאָסן מיט דער פינצטערניש. דאָ און דאָרט טיילט זיך עפּעס אויס, קריכט אַרויס פון דעם שוואַרצן געפּל, ווי אַ מיסטעריעזער ריז, אָדער ווי עפּעס אַ נאַכט־רוח. די מיידלעך ווייסן, אַז דאָס זענען ביימער, אָבער די ביימער קוקן נאָך מיט הונדערטער אויגן. דער וואַלד צוזאַמען מיט דער פינצטערניש וויבּרירט, באַוועגט זיך געהיימניספול צום טאַקט פון זייערע טריט. פון הינטער די מיסטעריעזע ריזן קוקט כּסדר עפּעס אַפער. משונהדיקע באַשעפענישן באַהאַלטן זיך אויס הינטער זיי, קוקן זיי נאָך מיט פינקלענדיקע, פייערדיקע אייגעלעך, זענען גרייט אָפּצוטאָן ווילדע שפּיצלעך... די וואַנדערנדיקע הרייען נישט אָפּ דעם קאָפּ, קוקן שטאַר פאַר זיך, עסן זיך איין מיט די אויגן אין די ווייסע בעריאָזעס, וואָס ווייזן דעם וועג.

דער וואַלד איז שטיל און צערטלעך, קיין מינדעסטער ווינטל באַוועגט נישט די צווייגן. דער וואַלד האָט ראַפּטעם דערוואַכט נאָכן קורצן ווינטער. דער פריער פרילינג האָט די ביימער באַקליידט מיט קנאָספּן און צאַרטע גרינע בלעטעלעך, די ערד האָט געבוירן אירע ערשטלינג־בלימעלעך, דער וואַלד שמעקט מיט פרילינג־ריחות. די מיידלעך פילן דאָס נישט, זייערע הערציער קלאַפּן שטאַרק, די מוחות פאַרזונקען אין טראַכטענישן.

קלאָד האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז פרילינג. זי גיט הויך אַ ציִ מיט דער נאָז און זאָגט שטיל צו לאהן:

— פילסט, ווי ס'שמעקט?

— ס'שמעקט? אַ, יאָ, ס'שמעקט...

— ביי טאָג איז זייער שיין דאָ...

— מסתּמא שיין...

דער דיאַלאָג רייסט זיך איבער, לאה איז איצט פאַרטראָגן מיט די געדאַנקען ערגעץ ווייט צו די אידייקע. וווּ זענען זיי? ווי האַלט עס מאַמע אויס? געגומען זי אויפצומאָרגנס נאָכן קומען פון שפּיטאָל, נאָך אַן אָפּעראַציע. קלאָר טוט אַ ציטער און רייסט איבער לאה'ס טראַכטעגישן.

— ס'איז דיר קאַלט?

— ניין, ס'האָט זיך מיר געדאַכט...

לאה דערפילט קלאָרס פאַרלאַנגזאַמטע טריט און שאַרפן, אָנגעשטרענגטן בליק. זי גלאָצט אויס די אויגן אין דער פינצטער, פאַר זיך:

— מיר דאַכט זיך אויך, דאָרט, לינקס...

זיי בלייבן שטיין, ווי די פיס וואָלטן זיך זיי אונטערגעהאַקט. צוויי פאָר אויגן קוקן פאַר זיך, לינקס, ווילן דורכשניידן די פינצטערניש, דערגיין דעם סוד.

— עפּעס שטייט דאָרט, אפשר אַ בוים... בייגאַכט דאַכט זיך — האָט קלאָר אויסגעלייגט צום גוטן.

— עפּעס שטייט... נאָר ס'רירט זיך ניט.

— ביינאַכט דאַכט זיך... מסתמא גאָרנישט...

— מירן צוואַרטן... ס'רירט זיך ניט...

זיי האָבן אַליין ניט געוווּסט, ווי לאַנג זיי זענען געשטאַנען, זיי צוגעשמידטע צום אָרט, שושקענדיק זיך, ביז זיי האָבן זיך דעצידירט פאָרצוזעצן דעם וועג און צוגיין צום אָרט, וווּ „עפּעס שטייט". לעבן אַ הויכער, ווייסער בעריאָזע איז געשטאַנען אַן איבערגעהאַקטער בוים אין דער הויך פון אַ מענטש, די קאָרע איז טיילווייז געווען אָפּגעשיילט און דער האַלב-נאַקעטער, צעקאַליעטשעטער שטאַם האָט זיך אין דער פינצטער משונהדיק אויסגעטיילט. די מיידלעך האָבן מיט ציטערנדיקע הענט באַרירט דעם בוים-איגוואַליד, דאַנקבאַר געווען אים, וואָס ער איז ניט קיין מענטש...

— אַזוי אָפּצוהאַקן אַ בוים, אָפּצושינדן, ס'דאַרף זיין פאַרבאָטן צו צעקאַליעטשען ביימער.

— מ'האָט נאָך נישט פאַרבאָטן צו צעקאַליעטשען און קוילענען מענטשן און דו ווילסט...

— נאָך דער מלחמה... וועסט זען...

— דערווייל לאָזט מע זיי.

— אָבער מיר לאָזן זיך נישט, שלאָגן זיך מיט זיי... וועסט זען...

— מען דאַרף גיין גיכער...

— און דער פּוס?

— כ'קאָן גיין גיכער, ס'טוט נישט וויי...

זיי האָבן אָנגעהויבן גיין גיכער. קלאַד האָט איבערגעלייגט די וואַליזקע אין דער לינקער האַנט, מיט דער רעכטער, פאַרשטייפטער האַנט ווידער אָנגענומען לאהן אונטערן אָרעם. זיי האָבן זיך ווידער צוגעטוליעט צו זיך, ווי איינע וואָלט די אַנדערע געוואָלט דערוואַרעמען און שטאַרקן. לאה האָט געשוויגן, קלאַד האָט כסדר שטיל געפּלאַפּלט, געוואָלט מיט אײַ־פּלאַפּלערײַ פאַרטרײַבן די אומהיימלעכקייט און שרעק. איבער דער סטעזשקע צווישן די ווײַסע בעריאָזעס האָט זיך געטראָגן אַ צעגויפגעגאָסענע געשטאַלט. פּלוצלונג האָט זיך די צונויפגעגאָסענע געשטאַלט אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, פון צווײַ העלדזער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער שטילער געשריי, צוויי פּאָר אָרעמס האָבן זיך פעסטער אײַנגעקלאַמערט איינס אין אַנדערן. די שרעק איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעפלאָסן דורך זייערע לײַבער, אַראָפּגעשטויסן פון דער סטעזשקע. צוויי הערציער זענען אויף אַ ווײַל אָפּגעשטאָרבן, ווען פאַר די פיס איז שנעל, ווי אַ פײַל פון בויגן עפּעס פאַרבײַגעלאָפן. נײַן, דאָס מאָל האָט זיך נישט געדאַכט, זיי האָבן געפילט מיט אַלע חושים, געזען מיט די אויגן פון שרעק, ווי ס'איז געלאָפן...

קלאַד איז גלײַך צו זיך געקומען:

ס'איז דאָך אַ האָז, אוי, וואָס פאַר אַן אידיאָטקע כ'בין, פון אַ האָז זיך לאָזן אַזוי אָנשרעקן.

— אוי, אַ האָז, צוליב אַ נאַרישן האָז...

זיי זענען געוואָרן אויפגעלייגט, צוריק אַרויף אויף דער סטעזשקע צווישן די בעריאָזעס און פאָרגעזעצט דעם וועג. די אַקאָרשט איבערגעלעבטע שרעק האָט צעשטרייט די אימה פון דער פינצטערניש, זיי האָבן צוגעאײַלט די טריט, געטראָטן זיכערער, אָ, מער וועלן זיי זיך שוין נישט לאָזן אָנשרעקן פון עפּעס אַ...

— ס'דאַרף שוין נישט ווײַט זײַן — איז לאה געוואָרן מונטערער.

— שוין נישט ווײַט, אָ, כ'וועל דיר דערווײַל דערציילן אַ מעשה מיט אַ ייִנגעלע, וואָס האָט אַליין געטראָפן דעם וועג פון אַ ווײַטן וואַלד. ער האָט געשיט הינטער זיך שטיינדעלעך, קענסט נישט די מעשה? געהייסן האָט דאָס ייִנגעלע פינגערל, וואָרעם גרויס איז ער געווען, ווי דאָס קליינע פינגערל, האָט פינגערל...

— קלאָד, מיר זענען שוין...!

קלאָד האָט איבערגעריסן די מעשה און זיך אַרומגעקוקט. די ביימער זענען שיטערער געוואָרן. די מיידלעך האָבן זיך צעגעיילט, די טריט זענען זיי געוואָרן לייכטער, זיי זענען אַרויס פון וואַלד און שטיין געבליבן.

קלאָד האָט אַ שווייגעדיקע געקוקט פאַר זיך. די פריערדיקע געפרעסטע פינצטערניש איז לויזער געוואָרן, דער הימל האָט איצט געהאַט אַ לויטערן, טונקל־בלויען קאָליר, געוואָרן טיפער, הייליגער, ווו נישט ווו האָט געהיים געפינקלט אַ שטערנדל. פון דער ווייטנס האָט זיך פון דער פינצטערניש אַרויסגעהויבן אַן איינציקע געביידע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער, איינזאַמער באַרג אויף אַ מדבר ביינאַכט. אין דער טויטער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ ווייטער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו. קלאָד האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן, פאַרשטיקטן זיפץ, ווי זי וואָלט זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצווויינען און ווייטער געשוויגן.

— קלאָד, ווו זענען מיר?

— ביים... ביים... דער פאַרשאָלטענער האָז, צום טייוול, אַלץ צוליב דעם נאַרישן האָז...

— וואָס...?

— צעדרייט אונדז דעם וועג, געגאַנגען צוריק.

— ווו צוריק?!

— צו דער סטאַציע, צום טייוול, טועה געווען זיך, דער פאַרשאָלטענער האָז...

— אפשר... אפשר... צום בעסטן וואָלט געווען אין וואַלד ביז פאַרטאָג, רואיק...

— מיר מוזן, כ׳מוז נאָך היינט זיין ביי סיזאַן, נישט געזאָגט דיר, אַז... מע דאַרף נאָך היינט זיין ביי סיזאַן...

קלאָד האָט דאָס געזאָגט מיט אַ טאָן פון עקשנות, איר שטימע איז אָבער באַלד ווייכער, צאַרטער געוואָרן:

— ווען נישט דיין פוס, איז עס אַ נאַרישקייט, מ׳קאָן איצט מיטן וועג, אין דער שעה איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש, ס׳איז אַ שפּאַציר מיטן וועג...

— ס׳טוט נישט וויי, כ׳קאָן גיין...

דער האָרפּישער וועג האָט זיך געצויגן, ווי אַן אַלייע צווישן צוויי וועלדער. די מיידלעך האָבן זיך פאַרנומען רעכטס, מיטן ברעג וואַלד. לאַה האָט צוזאַמענגענומען אַלע כוחות, געשפּאַנט ווי קיינמאָל גאָרנישט,

געשוויגן, נאָר אין איר האָט עפּעס געוויינט, געשריען: „מאַמע! מאַמע!“ קלאָר האָט זי אונטערגעהאַלטן פֿעסטער אונטערן אָרעם, שטילערהייט דערציילט וויצן און אַליין געלאַכט פֿון זיי. דער וועג האָט זיך געצויגן, געצויגן אָן אַ סוף. אויף לינקס איבערן וואַלד איז אויפֿן שוואַרץ־בלויען הימל אַרויסגעשווומען אַ בלאַסע לבנה, באַלויכטן מיט אַ דיסקרעט ליכט דעם אַרום, אויפֿן האַרץ איז געוואָרן לייכטער, כאָטש די פֿיס זענען אַלעמאָל שווערער געוואָרן.

— זעסט, דאָס איז פֿאַר אונדז, אויף צופֿיקעניש די יעקעס — האָט קלאָר פֿאַרזיכערט.

— מיר גייען גוט? — האָט לאה בעסער געוואָלט האָבן אַן אַנדער פֿאַרזיכערונג.

— מיר זענען כמעט אויפֿן אָרט. זעסט, דאָרט ענדיקט זיך דער וואַלד, אויף רעכטס, — האָט קלאָר שטייענבלייבנדיק געוויזן מיט דער האַנט.

די לבנה האָט זיך אַרונטערגעשלייכט אונטער אַ וואָלקן, ווי זי וואָלט זיך בכיוון פֿאַרשטעקט. די מיידלעך האָבן אָבער דייטלעך געזען, ווי נישט ווייט פֿון דאַנען ענדיקט זיך דער וואַלד. קלאָר ווייסט, אַז דאָרט קרייצן זיך עטלעכע וועגן, אויף רעכטס דאָס דאָרף, אַנטקעגן זיי, נאָכן וואַלד ציט זיך ווייטער דער וועג, זי האָט געקוקט פֿאַר זיך און פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן דאָס אַראָפּגעשטעלטע וואַליזקעלע, מיט דער צווייטער האַנט אַ צי געטאָן לאהן פֿאַרן אָרעם. אַ רגע האָבן ביידע זיך איינגעקוקט: אין דער פֿינצטערער ווייטקייט איבערן וועג האָבן זיך באַוועגט צוויי גלאַנציקע קייקעלעך, אָפּגעפֿינקלט אַלעמאָל דייטלעכער און אימהדיקער. קלאָר האָט פֿאַרגעסן אין דער לבנה, לאה אין איר קראַנקן פֿוס, מיט עטלעכע שפּרונג געווען אין וואַלד, ווייט פֿון וועג אויסגעצויגן זיך און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער וואַלד איז איצט ליב געווען, די פֿינצטערניש האָט מער נישט געשראָקן, די קאַלטע ערד איז וואַרעם געוואָרן, זיי האָבן זיך געטוליעט צו איר. צוויי לעמפּלעך פֿון ביציקלעטן האָבן געוואָרפֿן אַ בלאַסן אָפּשיין איבערן וועג, צוויי שוואַרצע, געדיכטע שאָטנס האָבן שנעל דורכגעצויגן און פֿאַרשוווּנדן.

— מיר קאָנען גיין ווייטער — האָט קלאָר זיך אויפֿגעשטעלט און אָנגעהויבן העלפֿן לאהן אויפֿהייבן זיך.

— אפֿשר בעסער צוואַרטן... ס׳קאָנען ווייטער...

— מירן דורכהאַקן דאָס שטיקל וואַלד און זענען אויפן וועג צום דאָרף.

— מיינסט מע קאָן...? זאָל מען אפשר...

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, כ'האָב נאָר מורא פאַר דיין פוס.

— אַז ס'טוט נאָרנישט ווײ...

זיי האָבן זיך איצט מער נישט געאײַלט, לאה'ס פוס איז פאַרשטייפט געוואָרן, זי האָט אים געשלעפּט, ווי ער וואָלט נישט איר'ער געווען. זי' אַ פאַרעמדער, צוגעשטיקעוועטער פוס וואָלט איר געבראָכן, געשטאָכן. זי' האָט פאַרביסן די ליפּן. קלאָר האָט מער נישט געפּלאָפּלט. דאָס וואַלי־ קעלע איז געווען הונדערט מאָל שווערער, ווי פריער. די מיידלעך האָבן זיך געשלעפּט מיט פאַמעלעכע טריט, ווי זיי וואָלטן איינגעשלאָפן גייענ־ דיק. יעדערער האָט זיך געדאַכט, אַז זיי גייען אַזוי אָן אייביקייט און וועלן אייביק אַזוי גיין. דאָס בילן פון אַ הונט האָט זיי אויפגעוועקט פון דער פאַרגליווערטער מידקייט.

— אַ הויז! אַ הויז! — האָט לאה מיט פרייד מודיע געווען.

— דאָס ערשטע הויז... מסתמא... מסתמא די שול־געביידע, מיר זענען... מיר... — האָט קלאָר פון גערירטקייט נישט געקאָנט אַרויסברענגען די ווערטער פון מויל.

ביים גאָרטן־טירל איז געשטאַנען סיזאַן און געגליעט דעם הונט, שטיל אים איינגענומען. ווי שאָטנס האָבן זיי שווייגנדיק אַריינגעשלייכט זיך נאָך סיזאַנען אין שטוב, און דאָ ערשט אויסגעבראָכן אין אַ פאַר־ שטיקטן געוויין געמישט מיט פרייד. לאה איז אַוועקגעפאַלן אויף דער אָטאָמאַנע, האַלטנדיק זיך ביים פוס:

— אוי, מיין פוס, מיין פוס, געמיינט כ'וועל נישט אויסהאַלטן, אַז כ'וועל נישט דערגיין.

— האָסט געזאָגט, אַז ס'טוט נאָרנישט ווײ.

— געזאָגט, געזאָגט, קוקנדיק אויף דיר, אַז דו האָסט פאַר גאָרנישט מורא.

— אוי, האָב איך מורא געהאַט, גאָט מיינער, די נשמה איז מיר שיעור נישט אַרויסגעפלויגן פאַר שרעק... כאַ־כאַ־כאַ!

— דו לאַכסט און איך האָב געמיינט, אַז מ'דאַרף אייך שוין באַ־
וויינען, אַזוי שפּעט ביינאַכט, צום ערשטן מאָל, ווי אַזוי האָסטו גע־
טראָפן? — האָט סיזאַן געברעגט.

— האָסט דאָך אָנגעצייכנט דעם וועג, זיך איינגעהערט.

— צום ערשטן מאָל?! — האָט לאה זי אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנ־
דערטע אויגן..

אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

וואָס זאָל זי אויסקלייבן צו גיין זען היינט נאָכמיטאָג?

אויפֿן צעטל איז פֿאַרבליבן דער מוזיי, דער גרויסער, נייער ייִדישער בית-עולם, דער זאָאָ און אייניקע אַלטערטימלעכקייטן. ס׳בלייבן איר נאָך אינגאַנצן דער זונטיק און דער מאָרגנדיקער טאָג און זי ווייסט נישט, וואָס פֿריער אויסצוקלייבן. אין צען טעג איז שווער צו זיין אומעטום. בערלין איז אַן אומגעלומפּערט-צעוואָרפֿענע, צעצויגענע שטאָט, צעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט אויף ריזיקע שטחים.

אירע פֿריינד, וואָס האָבן זי אַמאָל גערעטעוועט און איצט איינגעלאַדן, איילן זיך נישט ווי זי. דייטשן זענען נישט קיין איילעכע מענטשן, האָבן ליב אָפּצוהיטן דאָס געזונט — זי ווערט באַזוכן וויפֿל ס׳לאָזט זיך. פֿאַרמאַטערן זיך לויִנט נישט, דאָס געזונט אוועקפּטרן דאַרף זי נישט.

אַז לובא קומט אין אַ פֿרעמדער שטאָט האָט זי ליב אַליין ארומצוּוואנדערן איבער די גאַסן, אָט סתם אַזוי זיך ארומדרייען און צוקוקן זיך צו אַלץ, אין דער ערשטער ריי צו מענטשן. דערנאָך ערשט הייבט זי אָן לויטן צעטל, און די רשימה אויפֿן צעטל איז שטענדיק אַ לאַנגע, זי וואָלט געוואָלט אַלץ אריינכאַפּן.

פֿון אָנהייב האָט זי דאָ אין בערלין אַזוי אַ גאַנצן פֿאַרמיטאָג זיך ארומגעשלעפּט. ס׳איז איר אָבער דעם זעלבן טאָג דערווידער געוואָרן. קיין שום אנדער שטאָט האָט נישט געמאכט אויף איר אזא שווערן איינדרוק. כאָטש די גאַסן זענען ברייטע, האָט זיך איר געדאכט, אַז די מויערן, די הייזער ווילן זי צעדריקן, צעקוועטשן. יעדער מענטש אין אַ מונדיר האָט איר אויסגעזען, ווי זי וואָלט אים שוין אַמאָל ערגעץ געהאַט געזען.

אירע פריינד האָבן זי אויפצומאָרגנס געפירט צום בראַנדענבורגער טויער. זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם טויער און זיך פארנומען מיטן „טירגאַרטן". די שיינע ברייטע אלייע, וואָס צווישן צוויי אָפענע גערטנער מונקט זיך אין דער נאָכמיטאָגדיקער יוני=זון, די לופט איז אָבער מילד, פריש, ס'טראָגן זיך אין איר די ריחות פון גרינעם גראָז און פאנאנדערגעבליטע געוויקסן. לובא עטעמט שטארק, ציט אריין אין די לונגען די שמעקעדיקע לופט. זי ווארפט בליקן פון ביידע זייטן, שמייכלט צו די גרינע, בונטע פלאַנצן. „ווי גוט דאָ איז, נישטאָ גאָרנישט וואָס דריקט" — טראכט זי זיך.

אירע פריינד דערציילן די געשיכטע פון „טירגאַרטן": דאָ אהער פלעגט מען אמאָל אויף יאַגד קומען. לובא הערט אויפמערקזאַם און קוויקט זיך מיטן גרינס וואָס שפיגלט זיך אין די זונען=שטראַלן. פלוצלונג איז פאַר אירע אויגן אויסגעוואַקסן די סילועטקע פונעם פאַרגליווערטן ריז. „דער זיגע זוילע" איז געוואָרן אַלע מאָל גרעסער און מאַסיווער. זיי האָבן זיך דערנעענטערט און אָפּגעשטעלט. לובא האָט אַרויפגעקוקט און דערפילט, ווי אַ ווייטיק לויפט איר דורך און די ביינער. פון דעם ריזיקן מאָנומענט, פון זיין שווערער, טעמפער מאַסיווקייט האָט געוויייעט אַן אימהדיקע קעלט. די פליגל פונעם גאָלדענעם מלאַך, וואָס אויף זיין שפיץ, האָבן איר אויסגעזען ווי פליגל פון א גרויסן רויב=פויגל, זיי דראָען און שרעקן.

יעדעס מאָל, וואָס לובא איז שפּעטער דורכגעגאַנגען דעם בראַנדענבורגער טויער און זיך דערנעענטערט מיט די ברייטע אַלייען צום קייזערלעכן מאָנומענט, האָט זי פארריסן דעם קאָפּ און געקוקט מיטן זעלבן אָפּשיי און אימה, פונקט ווי זי האָט אין אָנהייב מלחמה פאַרריסן דעם קאָפּ צו די ערשטע באָמבארדירער. דאָס גאָלד פון די פליגל האָט זיך אָנגעהויבן מיגען, מישן מיט שווארצע פינטעלעך און קייקעלעך, באלד האָבן זיי איינגעשלונגען דעם גאָלד=קאָליר. די שווארצע פליגל הייבן מיטאמאָל אָן משונהדיק זיך צו באַוועגן, צו פאָכן אימהדיק, מלאך=המותדיק.

פון דאנען איז לובא יעדעס מאָל געגאנגען זיך אָפּפרישן אויפן פארוויסטן שטח, וואָס ליגט אויף דער מזרח=זייט פון בראַנדענבורגער טויער. ביי דער פארניכטעטער נעסט פון די חיות רעות איז איר לייכטער געוואָרן אויפן הארץ. לאנג האָט זי דאָ ארומגעוואנדערט און באטראכט פון אלע זייטן דעם אונטערערדישן, בעטאָנענעם בונקער. ער האָט איר אויסגעזען ווי א פגר פון אַ דערהרגעטער געפערלעכער חיה. זי האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין די אויבערשטע בעטאָנענע בעלקעס, אריינגע-

קוקט אין די איינגעווײדן פון דער ריזיקער אונטערערדישער געביידע. אַנגסטן האָבן איר אַרויסגעשלאָגן אויפן לייב הערנדיק, ווי זיי האָבן זיך צוגעגרייט דאָ אין די אונטערערדישע היילן אויסצוהאַלטן. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען, דערמאַנט זיך, אַז זי טרעט איבער דער צעשטער־טער נעסט פון יענע, וואָס זי זעט נאָך אין אירע קאָשמאַרע חלומות. ניין, נישט קיין חלום, וואָר איז דאָס, זי טרעט איבערן פּגר זייערן און אַ טרייסט אַ גרויסע גייט אויף אין איר האַרץ.

ס׳האָט זי געצויגן אַהער, זי האָט זיך נישט געקאָנט געגוג אָנקוקן. צוליב דעם אַליין האָט געלוינט צו קומען קיין בערלין. ווען נישט דאָס וואָלט זי באַדויערט... און דער זאַאָ. דאָרט וועט זי אויך גיין, זיך אָפּ־פרישן, דאָרט וועט זי אין אַלעמען פאַרגעסן.

לובא לאָזט קיינמאָל אין ערגעץ נישט דורך קיין זאָאָלאָגישן גאָרטן. פון קינדווייז אָן האָט זי ליב חיות. און זי וואָלט זיך נישט מוחל געווען צו זיין אין בערלין און נישט גיין דאָ אין באַרימטן זאָאָ.

*

*   *

דער זאָאָלאָגישער גאָרטן איז אין שכנות פון „אובאַן". דער וועג אַהין פון מזרח־בערלין איז נישט קיין קאָמפּליצירטער. זיי זענען אַרויס פון דער סטאַציע און איר באַגלייטער האָט געוויזן, אַז זיי זענען אויפן אָרט.

זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר די לייבן־שטייגן.

עטלעכע לייבן זענען געלעגן אויסגעצויגן מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי זיי וואָלטן געכאַפּט אַ דרימל נאָך אַ זאַטן מאָלצייט. זיי מאַכן זיך גאָר־נישט פון דעם, וואָס ס׳טוט זיך אַרום זיי, אַלטע תושבים דאָ, שוין צו־געוווינט. בלויז אַ לייבעכע קוקט ליגנדיק שאַרף מיט גלאַנציקע אויגן צו די באַזוכער. אין איר בליק איז אַ חשק אַ שפּרונג צו טאָן, אַ רעזיגנאַ־ציע, די רעזיגנאַציע וועגט איבער און זי לייגט אַוועק דעם קאָפּ, ווי איינ־צושלאָפן.

אין אַ ווייטערדיק שטייג־געדרענגל האָבן צוויי פּאַנטערעס, ענלעכע מיט זייער געפלעקטע פעל צו לאַמפּאַרטן, מיט געמאָסטענע טריט גע־שפּרייזט אין אַ קרייז, גלייכגילטיקע צו מענטשלעכן נייגיר. אין זייער טראָט, אין זייער גאַנצער האַלטונג איז געווען עפּעס אַ באַזיניקייט, עפּעס מענטשלעכעס, וואָס האָט דערמאַנט אינעם טראָט פון אַ פאַרמאַכטן

מענטש אין אַ תפיסה, ווי ביידע חיות וואָלטן געטרויערט איבער זייער גורל, אָדער נאָכגעטראַכט ווי אזוי זיך צו באפרייען פון דער קנעכטשאפט.

אין א באזונדער שטייג=גערטנדל, עקספּאָנירט א ביסל העכער ווי די אנדערע — א שווארצע פּאנטערע פון יאַוואַ. איר פעל האָט נאָך געגלאנצט מיט דער פרישקייט פון ווילד=וואלד. זי איז אומרואיק ארומגעלאָפן אין שטייג די נייע איינוווינערין, געלאָפן און געזוכט, געפּאָרשט ווי אזוי צו צעזעצן די קראטעם און ארויסבאקומען זיך. פון מאָל צו מאָל זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט מיט גלאנציק=גרינע אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט רציחה, דאָ ווידער געעפנט דאָס מויל, ווי זי וואָלט גרייט געווען אין איר אָנמעכטיקייט איינצושלינגען די שטייג מיט אלץ ארום.

דערלעבן אין א נידעריקער שטייג צוויי טיגערס. די נאָך פרישע, געלע פעל מיט די זיידענע שווארצע שטרייפן זענען עדות, אז זיי זענען אויך נישט קיין אלטע איינוווינער דאָ, לויט זייער האלטונג איז קאָנטיק, אז זיי האָבן נאָך נישט פארגעסן דעם דזשונגל. די אויגן באוועגן זיך, לויפן גיך=גיך, די בליקן שניידן ווי שארפע שפּיזן. דאָס פּאָרפּאָלק קוקט מיט רוגזה צו די חוצפּהדיקע געסט, דער „ער" ליגט אויסגעצויגן, מיט די פאָדערשטע פיס אונטערגעשפּארט, דעם קאָפּ פאריסן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו ווארפן וועמען צום האלדז; אָט קוקט ער אויס עמעצן פון די באזוכער און באטראכט די קראטעם... א טבע אזא ביי דעם טיגער, ער ווארפט זיך דער עיקר אויף מענטשן, אפילו ווען דער הונגער שטויסט אים נישט דערצו, ער באפאלט אָן א פארוואָס, און אָן א פארווען. עס געשעט עס פארווילט זיך אים אמאָל ארויסצוגיין ביינאכט פון דער דזשונגל און פארגנבענען זיך צו א נאָענט דאָרף. ווי איז דעמלט צו די, וואָס האָבן זיך נישט פארמאכט.

לובא דערמאנט זיך איצט, ווי א וויעטנאמער פּארטיזאן האָט איר דערציילט וועגן די צרות, וואָס זיי זענען אויסגעשטאנען פון דער=אָט „געוואגטער" חיה בעת דער קאָלאָניאלער מלחמה. א גרופּע פּארטיזאנער זענען געזעסן שפּעט אין אָוונט אין א ניי=אויפגעשטעלטער באמבוס=הייזקע, א מיליטערישע, געהיימע פּאָזיציע ביים ראנד פון דזשונגל. די טראָפּיקאלע נאכט איז ווי געוויינלעך געווען א שווארצע, די לופט א פארנע. פלוצלונג איז דורכן איינציקן אָפענעם פענצטער, ווי אַ באָמבע עפּעס אריינגעפלויגן. איידער זיי האָבן זיך אָריענטירט וואָס ס'איז געשען, איז דער טיגער מיט איינעם פון זיי אין פּיסק צוריק אַרויסגעשפּרונ=

גען דורכן פענצטער. זיי האָבן געשאָסן אין דער שווארצער נאכט און געטראָפן נאָר אין דער פינצטערניש.

איצט קוקט דאָס טיגער־פאָרפאָלק מיט רוגזה און אָנמאכט צו די מענטשן. דער „ער“ מיט די פאָדערשטע פיס אונטערגעשפּארט ליגט אומ־באוועגלעך, נאָר די גרינע אויגן לויפן גיך־גיך און די ווייסלעכע פעל אויפן בויך גייט פון מאָל צו מאָל א ציטער. זיין פלונתטע שטייט ביי זיין זייט, ווי זי וואָלט נישט געקאָנט טיילן די רו פון איר מאן. אין אירע פינקלענדיקע אויגן שטעקט אי טרויער, אי רציחה, רציחה געמישט מיט געבעט, זיי דראָען און זיי בעטלען די אויגן אירע, זי האָט נישט פארגעסן דאָס קינד וואָס מ'האָט ביי איר אוועקגענומען. ארייגעפאלן אין געפאנגענשאפט אויף דער ריכטיקער צייט, אריין אין שטייג און געבוירן, אי קנעכטשאפט, אי דאָס קינד איר אוועקגענומען.

לובא איז געגאנגען פון שטייג צו שטייג און געקוקט אין די אויגן פון די ווילדע חיות. וואָס האָט זי דאָרט געזוכט? עפּעס האָבן זיי איר דערמאנט די אויגן זייערע. קוקנדיק אין די טיגערס אויגן האָט זי א ציטער געטאָן.

— האָסט מורא?

— מורא? פאר וועמען?

— די ווילדע חיות ווירקן נישט גוט אויף דיר, קום אהין, דאָרט איז עפּעס אן אָנלויף, קום, מיר וועלן א קוק טאָן.

זיי זענען צוגעקומען צו אן אָפּגעזונדערט געדטנדל. ארום איז געשטאַנען א פרייליכער המון, איגעוויינינק, אויף א באַנק א פרוי מיט א פיר־חדשימדיקן טיגערל אויפן שויס. זי האָט דערציילט פאר די פארזאמלטע, ווי אזוי מען דערציט עס דאָס טיגער־קינד, ווי מ'האָט עס מיט קו־מילך געקאָרמעט נאָכדעם, ווי עס איז אוועקגענומען געוואָרן פון דער טיגער־מוטער, און ווי מילד און ליבלעך עס איז.

ס'ציען זיך הענט צום קליינעם טיגער, הענט פעסטע, מאנסבילשע, דעליקאטע, צארטע פרויען־הענט און קליינע קינדערשע הענטלעך, איינע גלעטן דרייסט די פעל, אַנדערע גיבן שנעל אַ פיר און ציען זיך צוריק. די טיגער־„גיאניע“ שמייכלט זיס, לויבט אָן אַ שיער די גוטסקייט און מילדקייט פון איר דערצויגלינג. א בלאָנדער יונגער מענטש מיט בלויע אויגן שטייט ביי אַן אויפגעשטעלטן פאָטאָ־אַפּאַראַט, ער פאַרבעט ליבלעך צו פאָטאָגראפירן זיך מיטן קליינעם טיגער. נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן,

ס׳בייסט נישט, ס׳דראפעט נישט דאָס טיגערל, מ׳קאָן עס נעמען אויף דער האַנט אָן שום שרעק.

גייגעריקע שטעלן זיך אין א ריי, דיסציפּלינירט. פרויען מיט קינדער האָבן די בכורה. די פּאָזעס טוישן זיך. אָט איז א פרוי מיט א קינד און דאָס טיגערל אין דער מיטן, און אָט איז א מאמע מיט א קינד אויף איין האַנט און מיטן טיגער אויף דער צווייטער.

לובא האָט אויך חשק געהאַט צו נעמען דאָס טיגער־קינד אין אירע אָרעמס. זי איז געשטאַנען ביי דער זייט פון איר באַגלייטער און וואַרטנדיק אויף איר ריי געקוקט דאָ צום אַפּאַראַט, דאָ אויף די צופרידענע, יומטובדיק־געקליידעטע מענטשן. דער בלאָנדער בחור מיט די בלויע אויגן פאַרעט זיך ביים צוגרייטן א נייע פּאָזע. ער לייגט צו די האַנט צום טיגערלס מויל און דאָס הילע גיט א לעק ווי א קעצל.

דער בלאָנדער בחור מיט די בלויע אויגן לאַכט מיט טריומף, ער גלעט דעם קינדס קעפּל, וואָס דריקט זיך צו דער מאַמען און קוקט מיט אומצוטרוי.

לובא לאַכט אויך. איר געלעכטער האָט זיך אָבער פּלוצלונג אָפּגעהאַקט, געבליבן שטעקן אין האַלדז. ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר איר א נעפּל, וואָס האָט אַלץ ארום איר פאַרשטעלט, פאַרווישט. און דורכן נעפּל האָט זי מיט פאַרגלייזטע אויגן געקוקט אין דער ווייט, געקוקט שטאַר פאַר זיך, אַהין:

א גרויסע מחנה פרויען מיט קינדער, זקנים, קאַליקעס, קראַנקע. זי מיט איר מאַמע אויך, זי וואַקלט זיך אויף די פיס און איר קראַנקע מאַמע. לובא האַלט זי אונטער מיט דער רעכטער האַנט, אין דער לינקער האַלט זי א קלומעקל. האַרט לעבן איר א יונגע, שלאַנקע פרוי, א יונגע מאַמע מיט א קינד אויפן האַנט. זי איז שלאַנק און פעסט און יונג, אפשר 20, אפשר 22 יאָר, דאָס קינד אפשר א יאָר, אפשר אַנדערהאַלבן. זי קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון איר שיין פּנים. און אָט הייבט יענע אָן צו שאַרן זיך, אַלע מאָל גיכער און גיכער, זי שלייכט זיך געשיקט צווישן די שטייענדיקע, אויסגעמאַטערטע גופים, טאָרעוועט זיך א וועג. דאָ פאַרשווינדט זי איר פון די אויגן, ווערט פאַרטרונקען אין פיבערדיקן המון, און דאָ שווימט זי ווידער אַרויף, ווי א זיך טרינקענדיקע. זי איז שוין ביים ברעג, שלייכט זיך דורך אַלע פאַרצוימונגען, רייסט זיך אויף און לויפט ווי א געיאָגטע יונגע סאַרנע.

לובא דריקט צו פעסטער די מאמע צו זיך. אירע אויגן פארנעפלטע פון טרערן פאָלגן נאָך דעם געוועט-געלויף מיטן טויט. די יונגע מאמע מיטן קינד אויפן האנט לויפט אין פרייעם פעלד, איר געשטאלט ווערט אלע מאָל קלענער. מיטאמאָל א געפייפעריי, א געברילעריי. ס'דערהערט זיך באלד א שאָס נאָך א שאָס. די ווייטע געשטאלט בויגט זיך איין, פאלט, הייבט זיך אויף און לויפט ווייטער. די קוילן נעמען זי נישט. די אָנגעיאָגטע מאסע דרענגט זיך צוזאמען, שרומפט זיך איין, האלט איין דעם אָטעם, באוועגט זיך מער נישט, שטייט פארגליווערט, פארשטייפט פון שרעק.

פון צווישן געברילעריי הייבט זיך פלוצלונג אויף א גערויש פון א מאָטאָציקל. דער מאָטאָציקליסט איז יונג, פלינק, געשולט. ער פליט ווי א פייל פון בויגן איבערן פעלד, ער יאָגט אָן, שיסט פון דער נאָענט און טרעפט. די יונגע פרוי פאלט, דאָס קינד פאלט איר ארויס פון די אָרעמס. די מאמע איז טויט, דאָס קינד לעבט. איצט האָט זיי דער מאָטאָציקליסט דעריאָגט, ער גייט אראָפּ פון מאָטאָציקל, קומט צו נאָענט, גאָר נאָענט. ער גיט געלאסן א ריר מיטן פוס די דערשאָסענע, בויגט זיך אָן און פארזיכערט זיך — ער האָט גוט געצילט. איצט צילט ער אין קינד. דאָס קינד פאלט אוועק לעבן דער מאמען. דער בלאָנדער יונגער מאָטאָציקליסט מיט די בלויע אויגן קוקט א ווײַלע, שטייגט צוריק ארויף אויפן מאָטאָציקל און פארקערט צוריק.

זי האָט אים דערנאָך געזען פון דער נאָענט: א גאָר יונגער, כמעט א יינגל, אויפן ראָזן פּנים נאָך די מאַמעס מילד, און אַ פּנים אַזאַ רוּאיקס, אזא מילדס, אויגן אזעלכע בלויע, און זיי האָבן כסדר געשמייכלט די אויגן, צי פון טריומף, צי סתם אזוי. פון דעמאלט אָן קוקט זי אים שטענדיק זייטיק נאָך, ער גייט מיט געלאסענע טריט, שרייט נישט, טומלט נישט, ער איז אזוי יונג, דער בלאָנדער מאָטאָציקליסט מיט די בלויע אויגן, נישט קיין סך עלטער פון איר, זי דעמאלט 16 יאָר, ער אפשר 17—18, האָט אויסגעזען, ווי א געוואוקסיק יינגל. און זיינע אויגן זענען...

— וואָס האָסטו דיר אזוי פארטראכט? זעסט אוים ווי דו וואָלסט נישט דאָ געווען.

לובא האָט זיך משונהדיק אַ טרייסל געטאָן, ווי זי וואָלט וועלן אראָפּטרייסלען פון זיך די דעריבערונגען פון מיט 16 יאָר צוריק.

יענעם בלאָנדן מאַטאַציקליסט מיט די בלויע אויגן האָט זי געזען אין 1943, ביים אָנקומען קיין מאַידאַנעק. וווּ איז זי איצט? וווּ? אַ, אין בערלינער זאָאָלאָגישן גאָרטן, דאָס באַשעפעניש, וואָס די מאַמעס האַלטן צוזאַמען מיט זייערע קינדער איז... ס'איז אַ יונגער טיגער.

— ס'איז באַלד אונדזער ריי. ווילסט אים נעמען אויף זיך?

— כ'וויל נישט! קום האָרט!

זי האָט אים אַ צי געגעבן פאַר דער האַנט. ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און גאָרנישט פאַרשטאַנען — זי איז בלאַס געווען, אירע אויגן פייכט און אַ מאָדנע פייערל האָט אין זיי געברענט, אירע בליקן זענען פאַרטראָגן געווען ערגעץ ווייט-ווייט.

— וווּ ווילסטו גיין?

זי האָט געענטפערט אויסמייַדנדיק, און נישט מיט איר שטימע:

— קום דאָרט.

זי האָט אָפּגעהאַקט און געצויגן אים פאַר דער האַנט.

זיי זענען צוריקגעקומען צום טיגער-שטייג. דאָס טיגער-פּאָרפּאָלק האָט געביטן די פּאָזיציע, די „זי" איז געלעגן אויסגעצויגן, לעבן איר דער „ער". דער טיגער האָט איצט געהאַלטן אויסגעצויגן די פאָדערשטע לאַפּעס, אויף וועלכע ער איז פריער געווען אָנגעשפּאַרט, ער איז געלעגן האַרט נעבן זיין דאַמע, האָט אויסגעזען ווייניקער דראָענדיק. בלויז די אויגן האָבן געפינקלט מיט בייזקייט, געדראָט מיט זייער וואַסערדיקן גלאַנץ.

ליבאַ האָט איצט ווידער געקוקט אין די פינקלענדיקע אויגן. וואָס האָט זי דאָרט געזוכט? זי האָט אַליין נישט געוווּסט, נאָר מיטאַמאָל האָט זי אין די טיגערישע אויגן דערזען אַן אַנדער קאָליר, אין זייער שאַרפן, שטעכיקן גלאַנץ האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט באַקאַנטע, בלויע אויגן.

נאָוועמבער 1959

חבר גאוה

— צי האָסטו שוין געזען חבר גאוה?

— אַ שאלה צי געזען, ווי קאָן מען אים נישט זען, אַז ער איז אומעטום, ווו דו טוסט זיך נאָר אַ ריר באַגעגנסטו חבר גאוה.

— נו, וואָס זאָגטסו עפּעס צו אים? האָסט אים כאָטש דערקענט?

— דערקענט צי נישט, וואָס פאַראַ נפקא מינה, דער עיקר כ'האָב זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער איז אין פּעקל.

— ס'איז הפלא ופלא, דער שכל קען עס פשוט נישט באַנעמען, וואָס פון אַ מענטש קאָן ווערן!

— עט, טרייבסט איבער, מאַלע וואָס אַ מענטש...

*   *
*

קיין סך האָט וואָס אַן אמת מיין פריינד נישט איבערגעטריבן. כ'האָב דעם חבר גאוה שוין נישט געהאַט געזען אַ היפּש ביסל יאָרן און זיך פאָרגעשטעלט, אַז ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש וועלן מיר זיך אַריינפאַלן אין די אָרעמס; איין קלייניקייט, מ'האָט צוזאַמען נישט פון איין אריוון ברויט געגעסן, מ'האָט אַמאָל בשותפות געהאַט אפילו איין פּאָר לייטישע שיך, וואָס זענען געשטאַנען אונטער אונדזער בשותפות־דיקן אייזערן בעטל, ווער ס'איז געגאַנגען אויף אַ ראַנדקע מיט אַ מיידל, דער האָט די זאַמשענע שיך אָנגעטאָן. ס'פלעגט אפילו טרעפן, אַז מיר האָבן זיך פאַרליבט אין איינער און דערזעלבער מיידל און ס'איז אונדז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן מיר זאָלן איינער אויפן אַנדערן טראָגן אַ בייז

האַרץ דערפֿאַר, פֿון אַרומקריגן זיך איז שוין אָפּגערעדט, כאָטש איך בין שטענדיק געווען אַ ביסל אַ היציקער, אָבער מיט אַזאַ בריליאַנטענעם מענטש האָט מען זיך נישט געקאָנט היצן.

זאָל מען אָננעמען, כ'בין אַ ביסל מגזם, אָבער אַ פּשוטער בשר ודם איז ער געווען, אַ מענטש מיט מעלות און חסרונות, ווי אַלע מענטשן, און געפֿירט זיך אויף אַ מענטשלעכן שטייגער.

הײַנט איז דעם חברה־מאַן טאַקע נישט צו דערקענען, עפּעס אַן אָנשיקעניש, אַ פּאַסקודנע הולאת האָט ממש אַ תל געמאַכט פֿון אים. די צורה פֿון חבר גאוה איז אַזאַ, אַז ס'פֿאַרקלעמט בײַם האַרץ, הײַנט זײַן פּירעכץ, זײַן יעדער זשעסט, ווי ער וואָלט זיך אויף ספּרענזשינעס געהאַלטן, די אברים מעכאַניזירט, די באַוועגונגען רעגולירט: דער קאָפּ הויך פֿאַרריסן, די געשטאַלט שטײַף, ווי אין אַ גאָרסעט אָנגעטאָן, דאָס פּנים ערנסט, אָנגעכמורעט, און טאָמער כאַפּט ער זיך, אַז מע נייטיקט זיך אין זײַנעם אַ שמייכל, נעמט ער זיך אָן מיט כוח און ציט אַרויף אויפֿן פּנים אַ גרימאַסע, וואָס דאַרף באַדײַטן, אַז ער שמייכלט. ער גיט אַפֿילו אַ לאַך אויך, נאָר איר זעט באַשײַנפּערלעך, אַז דאָס קומט נישט פֿון האַרץ, ווי ער וואָלט נעבעך געהאַט אַ שווערן האַרץ־פֿעלער און ס'קאָן אין קיין שום זאַך נישט אָנטײַלגעמען דאָס האַרץ זײַנס; איי — ער שמייכלט פֿאָרט אַמאָל, מאַכט צומאָל אַ וויץ, קומט עס אָבער אַרויס אַזוי ווי ער וואָלט אָנגעדריקט אויף אַ מעכאַניש קנעפּל און אַ ספּרענזשינקעלע האָט זיך אָפּגערופֿן און אַרויסגעשיקט אַ שמייכל, אַ לאַך, אַ וויץ.

קאָנט איר זיך נאָך אפֿשר אויסמשלען, אַז דער חבר גאוה רעדט קיינמאָל נישט אַרויס קיין וואָרט צו קיין מענטשן. ניין, דאָס לשון האָט ער חוזקא נישט פֿאַרלוירן, נישט מער וואָס די עבֿרי איז בײַ אים אַ ביסל הילצערדיק געוואָרן: אָפּגעהאַקטע זאַצן, רמזים, אָנצוהערענישן, אַפֿילו אַזוי אַרום אויפֿקלערן זאַכן, וואָס אַן אַנדערער ווייסט נישט און פֿאַרשטייט נישט — דאָס גייט נאָך ווי געשמירט, נאָר סתם זיך דורכשמועסן, בפֿרט נאָך יענעם אויסהערן — צו דעם האָט ער נישט קיין קאָפּ. בדרך כלל פֿאַרטראָגט ער נישט קיין גערעדערײַ, פֿאַלט טיילמאָל אַלײַן אַרײַן אין אַ שווײַגעניש, אַז איר וועט קיין וואָרט פֿון זײַן מויל נישט אַרויסקריגן, אפֿשר דוכט זיך אים, אַז קייגער וועט זײַנע ווערטער נישט תופֿס זײַן, און אפֿשר סתם צוליב העכערע צילן, אַזוי צי אַזוי, ער רעדט טיילמאָל לחלוטין נישט, ווי די צונג וואָלט אים דעמלט נישט געדינט.

ס'טרעפט אויך, אַז דאָס אויג דינט אים נישט, דערקענט אפילו קיין אַלטן באַקאַנטן נישט, דערזעט קיין מענטש נישט, כאָטש ער זעט די גאַנצע מענטשהייט. דאָס אויג זײַנס זעט נאָר פון ווייטנס, פון דער נאָענט לגמרי נישט.

מיינט אָבער נישט, אַז דער חבר גאוה איז חס וחלילה געוואָרן אַ פּרא אדם. גאָט באַהיט! ווען עס דינט אים יאָ דאָס אויג און ער דער־קענט אייך, ציט ער אַראָפּ עלעגאַנט דעם הוט, פאַרנויגט זיך טיף, גיט אייך אפילו די האַנט, איי זי איז טרוקן און קאַלט די האַנט זײַנע, שטאַמט עס אַ פּשיטא פון די פיזיאָלאָגישע ענדערונגען, וואָס האָבן דערפירט דערצו, אַז דער גאַנצער גוף איז שטײַף, טרוקן, אָנגעקראָכמאַ־ליעט, ווי להבדיל, מע קראָכמאַליעט צופיל אָן אַ שטיקל גרעט. נאָר דאָס זענען קלייניקייטן, זײַן האַנט־דרוק איז פאָרט נישט אַבי וואָס, איר דערפילט באַשיינפערלעך ווער ער איז, און ווער איר זענט מ'שטיינס גע־זאָגט אַנטקעגן אים. דעסגלײַכן, אַז ער גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו דעם, צו יענעם, דערפילט דער און יענער בחוש, וואָס פאַרא כבוד ס'האָט אים געטראָפן מצד אַזאַ איינעם, וואָס פאַרנעמט אַזאַ פיינעם אָרט אויף אונדזער בידנעם וועלטל.

אַזאַ איז געוואָרן דער חבר גאוה.

וואָס איז ער אין דער אמתן?

אַ קראַנקער מענטש נעבעך. עפּעס אַזאַ מיקראָב, אָדער ווירוס, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אים, צעפרעסט אים דאָס הארץ, די נשמה, בלאָזט אים אויף דעם גאַנצן גוף. ער מוז זיך אויסהיטן נישט צו דער־נעענטערן זיך צופיל צו מענטשן צוליב דער דאָזיקער מיאוסער חולאת זײַנער. געשעט יאָ, אַז ער שטייט נאָענט לעבן אַ מענטש, מוז ער זיך סטאַרעווען, ס'זאָל לכל הפחות אויסקומען, אַז ער איז פון דער ווייטנס, אויף אַ דיסטאַנס, נאָר צי ער שטייט נעענטער צי ווייטער פון אייך, פילט איר ווי עס ווייעט פון אים אַ קאַלטער ווינט. דאָקטוירים זאָגן, אַז די קרענק גייט אַרויס פון זיך אַזאַ פריקרע קעלט.

אַ רחמנות נעבעך אויפן חבר גאוה, ס'שניידט ביים הארץ קוקנדיק אויף אים.

אזוי ווי אין טעאַטער...

ביי די גאָלדמאַנס איז געווען גאָר יום־טובֿדיק, יום־טובֿ אין דער וואָכן. אויף דער מאַמע בינקע האָט ממש גערוט די שכינה. כאָטש איבער די זעכציקער, איז בינקע גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען אַ צעשטראַלטע און נישט אויפגעהערט זיך פאָרן, דאָ נאָך אַ וויש, דאָ נאָך אַ גלעט, אַלץ דאַרף זיין טיפ־טאָפ. פון די מאכלים איז שוין אָפגערעדט, נאָר די שטוב דאַרף זיין צוגערייט מיטן גאַנצן טשאַק. דאָס נייע בעטעלע מיט די ראָזע פוירהענגלעך האָט מען עטלעכע מאָל איבערגעשטעלט. בינקען איז געגאַנגען ממש אין לעבן דאָס בעטעלע זאָל מען איינשטעלן ביי איר אין צימער, אַז פייגעלען וועט עפעס נישט געפעלן, וועט זי מאַכן לויט איר אייגענעם איינזען, נאָר דערווייל — לויט איר שכל. זי, בינקע, ווייסט, ווי אַזוי מען פירט זיך אין די ערשטע טעג, זי איז נישט קיין נעכטיקע, א קימפעטאָרין דאַרף אָפרוען, א סך שלאָפן, און אַז עופעלע האָט אַ טבע נישט צו לאָזן שלאָפן. בנימין איז אַפילו אויך נישט קיין נעכטיקער, נאָר אַ מאַנסבילישער קאָפ באַנעמט נישט וואָס אַ ווייבערישער מוח.

אין איינס האָבן מאַמע־שוויגער און איידעם זיך צוזאַמענגעגאַנגען: ס'דאַרף אַלץ זיין מיטן גאַנצן קנאַק, זאָל זי פילן, פייגעלע, ווי אַזוי די שטוב נעמט אויף די יונגע מאַמע מיטן ניי־געבוירן טעכטערל.

קיין גאָר יונגיטשקע מאַמע איז אַפילו פייגעלע נישט געווען. דאָס עופעלע איז נישט קיין ערשטלינג. איר טעכטערל וואָלט שוין היינט געהאַט א יאָר 17. דער גליקלעכער טאַטע איז שוין אויך ווייט פון דער ערשטער יוגנט, זיין עלטסטער זון וואָלט שוין היינט אליין געקאָנט ווערן א טאַטע, נאָר וועגן דעם בעסער נישט דערמאָנען, מ'דאַרף נישט דראַפען די וווּנדן.

פֿאַרהיילן איינגאַנצן וועלן זיי זיך שוין קיינמאָל נישט, אָבער צעהראַפּען זיי דאַרף מען אויך נישט. אַ מענטש מוז קאָנען אַמאָל עפּעס פֿאַרגעסן, אויב נישט וואָלט מען... אַזוי לאַנג ווי עס סטאַיעט נאָך אַ ביסל כוחות, דאַרף מע קאָנען אָנהייבן צוריק פֿון אָנהויב.

אַזוי האָלט בנימין גאָלדמאַן.

און אַז נאָענט צו די חמישים איז וואָס? אים סטאַיעט נאָך כוחות אויף... אַ מיאוסע נאַטור ביי מענטשן צו ציילן יענעמס יאָרן, פּונקט ווי פֿון די יאָרן וואָלט שוין אַליץ אָפּגעהאַנגען. אַן אונטערשייד — עטלעכע יאָר מער, עטלעכע יאָר ווייניקער. ער ווייסט עפּעס דערוועגן. אין אוישוויץ איז ער געווען אין די רעכטע יאָרן און אויסגעזען, ווי אַ זקן. און קוק אים אָן היינט! ער לאַכט זיך אויס פֿון די יאָרן, דער עיקר איז דער פֿונדאַמענט, אַז זיי האָבן אים דאָרטן נישט געקאָנט צערעכט מאַכן, אַ סימן, אַז ער האָט אַ גוטן פֿונדאַמענט.

אַזוי האָט בנימין איינגעטענהט מיט פֿייגעלען. און קיין פּוסטע ווערטער זענען דאָס אַפּנים נישט געווען, וואָרעם אַ פֿונדאַמענט האָט בנימין געהאַט גאָרנישט קיין שלעכטן. מער ווי פֿון מיטעלן וווּקס, אַ מוסקולירטער, אַ פֿעסטער, מיט אַ פּאָר ברייטע, פֿליישיקע ידים, איז ער געווען די אָפּגעמאָסטן אויף אַ באָקסער. ביי זיינע 49 יאָר זענען נאָך זיינע האָר געווען פּעך־שוואַרץ. פֿייגעלע פֿלעגט אַפֿילו ציטנווייז אויסגעפֿינען אין דער געדיכטער קוטשמע אַ ווייס פֿעדימל, אָבער בנימין האָט געהאַלטן, אַז ס'האָט זיך צופֿעליק פֿאַרבלאָנקעט. אָ, ער לאָזט זיך נישט, די עלטער וועט אַזוי לייכט אויף אים נישט אַרויפֿקריכן, ער וועט נאָך זיין אַ יונגער טאַטע, וואָס ס'שטייט אים נישט אָן? זיין זיידע איז אַלט געווען 67 יאָר, ווען דאָס צווייטע ווייב האָט אים געבוירן אַ בנאָק. אַזאַ משפּחה־זאַך ביי זיי. ביי די גאָלדמאַנס האָט מען אַ סך געגעסן, אַ סך געאַרבעט און אַ סך קינדער געהאַט, מ'האָט געקינדלט אויף וואָס די וועלט שטייט. זיין עלטער זיידע האָט נישט געוווּסט וויפֿל קינדער ער האָט געהאַט, און זיין טאַטע האָט פֿאַררעגיסטרירט צו דריי־פֿיר פּאָר אַמאָל, איינציקווייז האָט זיך נישט געלוינט.

אַז בנימין גאָלדמאַן שטייט נישט אָפּ פֿון זיין משפּחה מעג מען אים גלויבן, אַרבעטן אַרבעט ער פֿאַר צוויי, נישקשה, אַ זעצער גיט זיך אַן עצה, נאָך ווי אַן עצה, אַפֿילו מיט אַ שמיצל, כאַפּט אויך אַמאָל אַריין אַ פּאָר איבעריקע שעה אַ זונטיק, אַ יום־טוב. וואָס שייך זיין אַפּעטיט, איז הלוואי אויף אַלע יידן נישט ערגער. די מאַמע ביינקע קוועלט, קוקנדיק אויף אים.

ווי ער רוקט אַריין טאָפּלטע פּאָרציעס. ביי בנימינען גייט אַלץ אויף אַ גרויסער מאָס, שיך טראָגט ער 46 און שטייט אויס געברענטע און געבראָכענע צרות ביז ער קריגט זיין נומער. וואָס שייך די הויכע משפּחה־אייגנשאַפט... וואָס איז דאָ צו רעדן, ס'איז געווען מלחמה, נאָך־מלחמה, דאָס פאַמיליען־לעבן האָט זיך אַזוי שנעל נישט צוריק אויפגעבויט, דער אַמאָליקער פונדאַמענט איז אַ סך פריער צוריקגעקומען, ס'האָט נישט גענומען קיין דריי יאָר און ער האָט ווידער אויסגעזען ווי אַ באָקסער.

פייגעלע פונקט דאָס פאַרקערטע ווי איר איצטיקער מאַן. אין איר איז אַלץ קליין, צאַרט, דעליקאַט: אַ צאַרט־דעליקאַט פּנים, אַ דעליקאַט געזונט, דעליקאַט געגעסן — אַזוי ווי אַ פייגעלע, ס'איז קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן. דער רבונו של עולם האָט אָבער אָפטמאָל ליב צו שטראָפן מיט איין האַנט און בענטשן מיט דער צווייטער האַנט. אַזעלכע פרויען עלטערן זיך נישט גיך. פייגעלע האָט אויסגעזען אַ סך יינגער, ווי אויף אירע 43 יאָר. איר שעפאָווע אין ביוראָ, וואָס האָט געזען אירע יאָרן שוואַרץ אויף ווייס, זאָגט צו איר מיט אַ בייגעשמאַק שמייכעלע: דאָס הייסט זיך גוט קאָנסערווירן, אַזוי פאַרקאָנסערווירן אַ פּנים! און די מיידלשע פיגור! זאָל זי איר אַרויסגעבן דעם סוד. ווען זי וואָלט נישט געזען שוואַרץ אויף ווייס, וואָלט זי נישט געגלייבט, קאָן דרייסט אַראָפּנעמען ווייניקסטנס אַ צענדליקער, און אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט אַראָפּגענומען אַ 15 יאָר. סיווי, זאָגט איר, נישט קיין צעלייגערין? וועמען גייט עס אָן? דער עיקר איז דאָס פּנים, די פיגור. אַ מענטש איז געגליכן צו אַ געביידע, די פאַסאַדע מאַכט דעם איינדרוק, אַיי אינעווייניק קרישלט זיך עפּעס, דער טינק פון די ווענט פאַלט אַראָפּ, ווער קוקט דאָרט אַריין, דאָס ערשטע וואַרפט זיך אין די אויגן די פאַסאַדע — דאָס איז דער עיקר, דער עיקר איז דאָס פּנים.

בנימין האָט אפשר געהאַט אַן אַנדער לעבנס־פילאָזאָפיע ווי פייגעלעס שעפאָווע, אָבער פון זיין ווייבל האָט ער געהאַלטן אייזן־שטאַרק. זאָל זי אים נישט דרייען קיין קאָפּ מיט אירע יאָרן, פאַר אים איז זי יונג, זיין באָבע מינדל האָט נאָך געבוירן אַ קינד צו 50 יאָר, און די מומע באַשע איז געווען גרויס ווי אַ געגנעץ און אָנגעקינדלט אזש 14 שטיק, און זי, פייגעלע, איז דאָך אַ קיסרינע אנטקעגן יענער, געדאַרפט אָנקוקן...

ווען פייגעלע וואָלט אים נישט פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט, וואָלט ער אויסגערעכנט די גאַנצע דינאַסטיע מיט זייערע אַלע מאַלאַנטן צו קינדלען ביז טיפן עלטער. פייגעלע נעמט אים חס וחלילה נישט פאַר

אומגום, בגימין גייט אוים, חלשט צו האָבן א קינד. פאַרוואָס זאָלן זיי אָפּ־לעבן א לעבן אַזוי־אָ? איז זיי שוין יאָ באַשערט געווען צו בלייבן לעבן, טאָ זאָל מע האָבן א שטיקל נחת. פאַרוואָס זאָלן די גאָלדמאַנס אײַנגאַנצן אונטערגיין? פאַרוואָס זאָל קיין געדעכעניש נישט בלייבן? און מיט איר, פייגעלען, איז גאָר נישט אַזוי צו פאַרזינדיקן, וואָס איז? זי איז חס וחלילה א קאַליקע? וואסער ווייב קרעכצט דען א ביסל נישט אונטער? איז וואָס? וואָס האָט זיך איינס צום צעגטן?

פייגעלע האָט אויסגעהערט און געשמייכלט, ווי זי וואָלט זיך פון דעם גאָרנישט געמאַכט. וואָס זאָל זי ענטפערן דערויף? קיינער ווייסט נישט וועמען דער שוד קוועטשט, און אַז דער מאַן ווייסט יאָ, וואָס קען פאַרשטיין א מענטש וואָס האָט געזונט שפּאַרט ארוים פון אים? ער באַ־שאפן צו זיין אַ באָקסער און זי שטאַרק ווי אַ פליג, א שיין רויט עפּעלע, גאָר אינעווייניק... אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אַן אַנדער צוטשעפּעניש. און די יאָרן קאָן מען אראָפּנעמען פאר אַנדערע, זיך אליין קאָן מען נישט אָפּנאַרן, אין מיין עלטער האָבן א קינד, אויסטראָגן, געבוירן... ווי א באַרג איבערצוטראָגן, גאָר גיי גיב אים צו פאַרשטיין. וואָס עפּעס פאַרט ער גלייך אַרוים מיט אוישוויץ, אַז מ׳האָט געקאָנט דאָרט איבערטראָגן, קאָן מען אַלץ איבערטראָגן, ביי אים פאַרגלייכן פאַסן זיך ווי א בער צו אַן אויוון. דאָך פילט זי אים מיט, זי וואָלט דען נישט געוואָלט האָבן קיין קינד? אז מ׳האָט קיינמאָל נישט געהאַט, פילט מע נישט אַזוי די בענק־שאפט...

אַזעלכע שטומע מאָנאָלאָגן האָט פייגעלע געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז געקומען דאָס גרויסע געשעעניש. בנימינס שמחה איז געווען אין לשער. כאָטש ער האָט פייגעלען צוגעזאָגט, אז ער וועט דערווייל קיינעמען נישט דערציילן, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און באַצייטנס דאָ און דאָרט אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, די מאַמע בינקע איז יינגער גע־וואָרן, זי וועט שוין נישט זיין קיין באָבע אָן אייניקלעך, און ס׳וועט דאָך זיין אַזויגס און אַזויגס! אַלע אירע אייניקלעך זענען געווען שטיקער גאָלד.

דערווייל האָט די מאַמע בינקע שטילערהייט אויסגעזוכט אַלטע און נייע סגולות צו אַ גרינג טראָגן און אַ גרינג האָבן. פייגעלע האָט זיך גע־פילט ווי אין אַ גאָלדענער שטייג. מ׳האָט געבלאָזן הינטער איר דאָס אָרט, געקעכלט און געקאָרמעט לויט די נייעסטע פאַרשריפטן.

אַז פייגעלע איז געקומען אויף דער צייט, איז די מאַמע בינקע אָן דעם וויסן פון דער טאָכטער און איידעם אַוועק אויפן בית עולם, די מצבה

אויף איר פֿאָטערס קבֿר איינגאַנצן צעשטערט, אָבער פֿאָרט געבליבן דער קבֿר און דאָרט ליגט ר׳ יעקבֿ זיינוויל דער גרויסער בעל־תּורה, און אפֿשר וועט ער זיך דאָרט מיען... די מאַמע בינקע איז חס וחלילה נישט קיין פֿאַרצייטיקע, פֿון קיין נאַרישע זאַבאַבאָנעס האַלט זי נישט, ביי אירע עלטערן אין הויז שוין געכאַפּט געווען אין דער מעשׂה. פֿונדעסטוועגן ווען עס גרייט זיך צו אַזאַ געשעעניש, אין דעם עלטער... און ווער ווייסט? אפֿשר איז יאָ עפּעס דאָ... א ביסל גרעסערע חכמים פֿון איר האָבן אין שווערע שעהן... וואָס קאָן א מענטש וויסן אין אַזעלכע זאַכן? פֿאַרוואָס זאָל זי זיך נישט מטריח זיין אויפֿן קבֿר פֿון איר פֿאָטער? פֿייגעלע איז היינט זיין איינציק אייניקל, פֿאַרשאַטן קאָן דאָס נישט...

צי דער זיידע דער צדיק האָט זיך יאָ געמיט צי נישט, גענוג, אַז פֿייגעלע איז בשלום דורכגעקומען. אַ מויד! אַ נפֿקא מינה אַ מיידל צי אַ יינגל, אַבי ס׳איז שוין דאָ, זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה. בנימין איז געוואָרן ברייטער ווי גרעסער פֿון נחת: א טאָכטער! ער האָט א טאָכטער! טיף אין האַרצן האָט ער זיך געווונטשן ס׳זאָל זיין אַ זון, אוי, האָט ער געוואָלט האָבן אַ זון, דער פֿאָדעם פֿון די גאָלדמאַנס זאָל נישט איבערגעריסן ווערן, און סתם... אָבער ווער זאָגט דען אַז אַ טאָכטער טויג נישט? ער האָט אָבער נישט פֿריער און נישט שפּעטער דערמאָנט דערוועגן. די מאַמע בינקע דאַקעגן האָט נישט אויסבאַהאַלטן אירע האָפֿענונגען. איר איז אויך אַלצאיינס... אַבי אַן אייניקל, נאָר זי האָט געהאַט אַ גרונט צו האָפֿן אויף אַ יינגל, א ראיה, א שפּיציקער בויך, דער בעסטער סימן, ביי אַ מויד איז דער בויך קיילעכדיק. פֿון א שטאַרק שפּיציקן בויך קומט אַרויס אָדער א יינגל אָדער א צווילינג. נו, סימנים און סגולות האָבן אַ טבע אָנצוזעצן, איז נישט געפֿידלט, א נפֿקא מינה א מיידל צי א יינגל, אַבי אַן אייניקל, אַבי פֿייגעלע איז שוין איבערגעקומען.

* *

*

אַזאַ שׂמחה איז נאָך אין שטוב נישט געווען. די מאַמע בינקע האָט אויסרעזשיסירט אַן אויפֿנאַמע פֿאַר דער יונגער מאַמע מיטן עופֿעלע, ווי אַ גענייטער רעזשיסער רעזשיסירט אַ פֿאָרשטעלונג, אַלץ אויפֿן אָרט, אַלץ האָט געפֿעכלט, די ראָלן צווישן איר און דעם איידעם פֿאַרטיילט, בנימין איז געווען געהאָרכזאַם ווי אַ לעמעלע. פֿייגעלען פֿון דער קליניק האָט מען

געבראַכט נאָך מיטאָג, שוין אָוונט צייט. אוי, אַ בריה די פייגעלע, ס'מעגן זיך פאַר איר פאַרבאַהאַלטן די היינטיקע יונגע קאָזעס. קוקט זי נאָר אָן, גאָר מער מענטש געוואָרן, אַזאַ יאָר אויף אונדז אַלע, ווי זי איז נאָך שענער געוואָרן, שיינט אינגאַנצן. פונדעסטוועגן איז גלייך אין בעט אַריין, אַ קימפּעטאָרין איז אַ קימפּעטאָרין, דאַרף אָפּליגן אירס, מיטן עופעלע וועט זי קיין דאגות נישט האָבן, ס'איז אויף אירע הענט. די באָבע בינקע ווייסט וואָס און ווען.

בנימין פון זיין זייט האָט זיך גענומען צו זיין ראָל. קודם אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרינאַרקע, פאַרקאַשערט די ערמל פון דער יום־טובֿדיקער העמד און אָנגעהויבן באַדינען דאָס ווייב, אונטערגעטראָגן פייגעלען פון שענסטן און בעסטן און צוגעשטאַנען כּסדר זי זאָל עפּעס נעמען אין מויל, געלאָפן אַהין און צוריק, פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ קוק צום עופעלע און געפרעגט די מאַמע בינקע מיט וואָס ער קאָן איר באַהילפיק זיין. די מאַמע האָט זיך געהאַלטן ביי אירס: ער ביי דער קימפּעטאָרין, זי ביים עופעלע.

אויפצומאָרגנס גאַנץ פרי האָט די באָבע בינקע צוגעגרייט פאַרן עופעלע אַ באָד, קיינעמס הילף דאַרף זי נישט, זי ווייסט אליין וואָס און ווען. אַרויסגענומען דאָס קינד פון אַלע ווינדעלעך און שמאַטקעלעך און אָנגעהויבן אַריינקוקן דאָרט ווו מע דאַרף, ווו עס ווערט רויט, אַ דעליקאַטע הויט דאָרט. די באָבע בינקע האָט אָנגעטאָן די ברילן, אַריינגעקוקט אין געעפנט דאָס מויל, ווי זי וואָלט געוואָלט אַ געשריי טאָן. זי האָט פּאָפּראַוועט די ברילן אויפן נאָז, נאָכאַמאָל אָנגעבויגן זיך, דעליקאַט פאַנאַנדערגענומען די פיסעלעך, געקוקט און געקוקט און נישט ווילנדיק, גאָרנישט לויט איר שטייגער אויסגעשריען:

— אוי, געוואַלד, מענטשן, וואָס איז דאָס?!

דאָס פאָרפאָלק אין צווייטן צימער האָט זיך אויפגעכאַפּט, בנימין איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, פייגעלע אַ צעשראָקענע האָט זיך אַרויסגעראַבלט פון אונטער דער קאָלדרע און געלאָזט זיך מיט מידע טריט נאָכן מאַן.

— גיט נאָר אַ קוק! נישט קיין מיידל! אַ יונג!

בנימין אַ צעטומלטער האָט איינגעגראָבן די אויגן, דאָרט ווו די מאַמע בינקע האָט אָנגעוויזן. פייגעלע, ציטערנדיק אויפן גאַנצן לייב, האָט נאָכגעטאָן דעם מאַן; זיי האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן דאָס פּנימל, דאָס קעפּעלע: די זעלבע טונקעלע, שיטערע הערעלעך, עפּעס דאָס זעלבע פּנימל

און נישט דאָס זעלבע — גיי דערקען! אַלע ניי־געבוירענע האָבן די זעלבע פאַרקרימטע פּנימלעך, ווי מאַלפּעלעך, נאָר וואָס איז דאָ צו טראַכטן? זייערס איז פאָרט געווען אַ מיידעלע, אַ מיידל און נישט קיין יינגל. אַן אומגליק, פאַרטוישט זיי דאָס קינד, העגט און פּיס איז זיי אָפּגענומען גע־וואָרן, נישט זייער קינד, פאַרטוישט, מ'דאַרף שוין די מינוט...

פייגעלע האָט פאַרבראָכן די הענט און זיך צעוויינט, די מאַמע בינקע איז נישט פון די, וואָס פאַרברעכן די הענט, און פון וויינען האַלט זי נישט, ס'גייט גאָרנישט, האָט אָנגעהויבן אונטעראָגן בנימינען ער זאָל נישט שטיין ווי אַ ליימענער גולם, וואָרעם ער איז טאַקע אַליין געשטאַנען ווי הענט און פּיס וואָלטן אים אָפּגענומען געוואָרן. דער מאַמע בינקעס רייד האָבן אים צוריקגעשטעלט אויף די פּיס.

בנימין איז אַוועק אין קליניק, אַליין האָט גענומען גיין אויף רעדלעך: יאָ, געווען אַ יינגל. דאָס קינד פון אַ מיידל־מוטער. נאָך יענער איז קיינער נישט געקומען, זי האָט זיך געאיילט, געווען זייער דענערווירט, צעטומלט. האָט מסתמא אַ כאַפּ געטאָן נישט אירס, פאַרטוישט, זאָל ער זיך אַזוי נישט איבערנעמען, מ'וועט גלייך זי אָפּזוכן און צוריק אויסטוישן, אָט איז דער אַדרעס, מ'פאָרט שוין מיט אים מיטן אויטאָ.

* *

*

אַ צעוואָרפן דאָרף, ביים צווייטן ברעג אַן אָפּגעזונדערטע, אַלטע, איינגעהויקערטע כאַטע מיט אַ שטרויענעם דאַך, אין דער כאַטע אַן אַלטער פויער און אַ מיטליעריקע פויערטע, זיי גלאָצן בײדע אויס די אויגן, פאַר־שטייען נישט וואָס מ'וויל פון זיי: וואָס? זייער טאָכטער? אויף אַ שטעלע אין שטאָט. אַ קינד?! וואָס פאַראַ קינד?! וואָס דרייט מען זיי אַ קאָפּ מיט אַ קינד? אַ טעות, געגעבן זיי אַ שלעכטן אַדרעס, ס'גייט זיי מסתמא אין עפּעס אַ מויד אַן אויסוואורף. זייער טאָכטער אַן אָרנטלעך מיידל, אַ בתולה, ווי קומט צו איר אַ קינד? ווי קאָן מען אויסטראַכטן אויף איר אַזאַ זאַך? אַ ריינע נשמה, קאָנען שווערן פאַר איר ביי דער הייליקער מוטער, דאָס גאַנצע דאָרף וואָלט פאַר איר געשווירן, נאָר זיי ווילן נישט זי זאָל אַריינ־קומען אין מענטשלעכע מיילער, וואָס האָבן זיי זיך צוגעטשעפּעט צו זייער איינציקער טאָכטער, זאָלן זיי גיין זוכן די שולדיקע, זייערע איז אַן אָרנטלעך מיידל.

— אָט גייט זי, מ'וועט זען וואָס מ'וויל פון איר!

דער פויער האָט דערזען דורכן פענצטער אָנקומען די טאָכטער, דער טומל אין שטוב האָט זיך אָפּגעהאַקט, אַלע זענען פאַרשטומט געוואָרן, געקוקט דורכן פענצטער מיט אָנגעשטעלטע אויגן און אָפענע מיילער. א צוואַנציק־יעריק צעשראָקן, בלאַס מיידל איז מיט פלעגמאַטישע טריט אריין אין דער כאַטע, געבליבן שטיין בײַם טיר, ווי זי וואָלט זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז מ'האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ געפערלעכע פּאַסטקע.

דאָס מיידל האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין, זי האָט מורא געהאַט פאַרן טאַטן, מורא געהאַט פאַר דער מאַמען, מורא געהאַט וואָס מענטשן וועלן רעדן, זי האָט בײַ קיינעמען קיין קינד גישט געגנבעט, גענומען אירס, איר אייגנס, אוועקגעשענקט א קינדערלאָז פּאָרפאָלק. זי האָט זיך אָפּגערעדט מיט זיי, זיי האָבן געוואָלט נעמען אַ קינד. ווו? הינטער דער שטאָט, אויף דער פאַרשטאָט, בײַ... בײַ גוטע מענטשן, זי האָט דעם קינד קיין שלעכטס גישט געטאָן, וואָס וויל מע פון איר?

דער אויטאָ איז ווידער געפלויגן. דאָס מיידל איז געזעסן און שטיל געכליפּעט. בנימין האָט צומאָל אויף איר רחמנות באַקומען, געוואָלט איר זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, נאָר די צונג איז אים איצט געליימט געווען, גישט געקענט קומען צו זיך, ביז ער וועט גישט האָבן זיין קינד, ביז ער וועט עס גישט אָנקוקן מיט זיינע אייגענע אויגן...

— דאָ, דאָ, כ'וועל, כ'וועל אפשר אַליין, זי וועט מיר...

— אַליין גישט! — האָט בנימין מיט שרעק אויסגעשריען.

זיי האָבן נאָכגעפאָלגט דאָס מיידל צו דער קליינער הייזקע אין א היפּשן גאָרטן. ווי גיך ס'האָט זיך געעפנט א שמאָלע טיר, האָט א צע־כראַשטשעטע פרוי פון אן אומבאַשטימטן עלטער אויפגעמאַכט א ברייט מויל און באַוואָרפן דאָס מיידל מיט זלזולים:

— זי איז דאָ די ליגנערקע! יעזוס קריסטוס, וואָס זי האָט מיר דאָ אָנגעבראַכט!

דאָס מיידל האָט כליפּענדיק געוואָלט זיך פאַרענטפערן, די פלעגערין האָט אָנגעהויבן אויפקלערן דעם טעות, נאָר די פרוי האָט קיינעמען גישט געלאָזט רעדן, געמוזט פריער ארויסלייגן איר אייגענע קריוודע: די ליג־נערקע האָט זיי געזאָגט, אַז זי האָט געבראַכט א יינגל און געלאָזן א מויד. זיי האָבן איר קלאָר און דייטלעך געזאָגט, אַז זיי ווילן נעמען דאָס קינד, אויב ס'וועט זיין א יינגל, קיין מיידל גישט, וואָס טויג זיי אויסהאָדעווען א מויד, אָנמאַטערן זיך און דערנאָך האָבן צרות. וואָס?! א פאַרטוישט

קינד?! אירם איז אַ ייִנגל? אוי, אַ טויגעניכץ, אַ סמאַרקאַטע, איבער־געלאָזט אַ ייִנגל און געכאַפּט אַ מויד, נו, איז זי איר מוחל, זאָל זי אויפֿהערן וויינען, זאָל זיך דער טאַטע עס צונעמען געזונטערהייט, זי דאַרף עס נישט, דאָס ייִנגל קאָן זי איר ברענגען, וועט אויסהאָדעווען ווי אַן אייגנס. נו, זאָל זי אויפֿהערן כליפּען.

* *

*

דערווייל איז פֿייגעלע שיעור נישט אויסגעגאַנגען פֿון צער. אין די פּאָר שעה האָט זי פֿאַרגאָסן טייכן טרערן. דאָס פֿרעמדע קינד האָט געשריגן, געריסן זיך, געמאָנט זייגס. די מאַמע ביגקע האָט אים דערלאַנגט פֿייגעלען צו דער ברוסט און איר פֿירגעהאַלטן:

— נאַ, גיב אים, נאָר ווייַן נישט, טאָכטער, די מילך וועט דיר קאַליע ווערן, ס'וועט אים פֿאַרשאַטן, וואָס איז ער שולדיק? וואָס איז אַ נפֿקא מינה, א קינד איז אַ קינד, דייִנס וועט דאָרט עמעצער אויך קאָרמען. נאָר גיב נאָר א קוק, ווי דאָס ציט, אַן אַפּעטיט אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן, שוין איינמאָל אַ פּרעסער. אין לעבן איז פֿאַרשידן, נאָר אַ מענטש טאָר זיך אַזוי נישט איבערנעמען ווי דו, אין לעבן טרעפֿט אַלץ, אַלץ קאָן געשען, אַזוי ווי אין טעאַטער, אוי, ווי דאָס שלינגט, א יונגאַטש אַ פּרעסער...

אַז בנימין איז אַרייַן מיטן קינד אין שטוב, האָט פֿייגעלע שוין צום צווייטן מאָל געגעבן דעם פּרעסער די ברוסט. די מאַמע ביגקע האָט געהאַלטן אין מיטן פֿאַרהאַלטן פֿאַר דער טאָכטער וועגן די אויסטערלישע דרכים, מיט וועלכע עס גייט דאָס לעבן און אַז דערויף איז מען א מענטש מ'זאָל קאָנען אַלץ אויסהאַלטן. ס'האָט זי א הייב געטאָן, אויפֿגעריסן זיך, אַ כאַפּ געטאָן דאָס עופֿעלע, אוועקגעלייגט אויפֿן בעט און אָנגעהויבן אַרויסנעמען פֿון די קאָלדערקעס און ווינדעלעך, ווי זי וואָלט זיך ערשט אויף רעכט געוואָלט פֿאַרזיכערן, צי ס'איז שוין מער נישט קיין טעות. פֿייגעלע האָט געוואָלט אָפּלייגן דעם פֿרעמדן פּרעסער, נאָר דער תכשיט האָט געהאַלטן אין רעכטן מיטן, געצויגן פּעסט. דאָס מיידל איז געבליבן שטיין בײַם טיר מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, א שווייַגנדיקע געוואָרט. בנימין האָט זיך אַוועקגעשטעלט מעשה־זיגער מיט צעשפּרייטע פֿיס און דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי אַזוי דאָס מיידל האָט אוועקגעשענקט

זייער קינד. איר הערט אַ מעשה, געווען גליקלעך, וואָס א ייִנגל, יענע זאָלן עס וועלן צונעמען און אַוועקגעטראָגן זיי אונדזער מיידעלע, איצט וועט זי זיי אַוועקשענקען אירס, ס'זאָל זיין שאַ־שטיל אין דאָרף.

די מאַמע כינקע האָט פּלוצלונג אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון בעט, געפירט מיט פרעגנדיקע אויגן פון איידעם צום מיידל און ווי זי וואָלט נישט געגלייבט אין דעם, וואָס זי האָט אקאָרשט געהערט, איבערגעפרעגט:

— וואָס? זי גיט עס אַוועק? וויל עס ווידער אַוועקשענקען? טאָ זאָל זי עס בעסער אונדז אַוועקשענקען.

און צו דער מיידל:

— אַוועקגעבן א קינד אבי וועמען, שוין בעסער אונדז.

דאָס מיידל האָט זיך אויסגעגלייכט, דאָס פּנים האָט זיך ביי איר צומאָל צעשמייכלט. יאָ, זי באַשטייט, זי וויל דאָ, נישט דאָרט, נאָר דאָ.

פייגעלע אַ צעטומלטע האָט געפּרוווט פּראָטעסטירן:

— מאַמע, וואָס בראַיעסטו אָן, אַ פרעמד קינד...

— אַז ס'האָט געזויגן דיין מילך איז עס שוין נישט קיין פרעמדס. מיינסט אַלץ איז דאָס אויסטראָגן און האָבן? ווייסט, וואָס מ'האָט ביי אונדז געזאָגט: טראָגן איז אַ סראַטשקע, האָבן אַ קאַזאַטשקע און האָדעווען אַ טאַטשקע, אז מע שלעפּט די טאַטשקע דעמלט ווערט עס אייגנס. איך קאָן באַשטיין זיך איינצושפּאַנען אין דער טאַטשקע, פאַר אייניקלעך אויסהאָדעווען צוויי אייניקלעך, קוקט נאָר אָן א יונגאַטש.

פייגעלע האָט זיך ווידער קעגנגעשטעלט:

— צונעמען ביי יענעם א קינד...

— מיר טוען דאָך איר אַ טובה, און דער יונגאַטש וועט ביי אונדז... נו, וואָס שווייגסטו? האָסט גאָרנישט צו זאָגן וועגן דער גאַנצער זאַך? — האָט זי זיך געוואָנדן צום איידעם.

— כ'ווייס, וואָס זאָל איך זאָגן? נאָך דעם אַלעמען, כ'בין ווי צעדולט, דער קאָפּ דרייט זיך מיר נאָך, און דאָ האָסטו דיר א נייע זאַך... און אפשר גאָר נישט קיין קרומע זאַך, ס'וואָלט געווען אי א טאָכטער, אי אַ זון, א גאָלדמאַן... נאָר פייגעלע...

די מאַמע כינקע, אַז זי וויל קאָן זי איבערדערן א וואַנט און ווייך מאַכן אַ שטיין, הייַנט אַזאַ ווייבע נשמה ווי פייגעלע.

דאָס מיידל איז הייטערדיק געוואָרן; זי וועט טאָן וואָס מ'וועט איר הייסן, וועט גיין, וווּ מ'דאַרף, וועט אַלץ, אַלץ דערליידיקן.

די מאַמע כינקע האָט זיך אָפּגעפּאָרעט מיט בײדע עופּעלעך, פאַרלײגט די הענט אױפן בױך און װי איר שטײגער פּילאָזאָפיש אונטערגעזױגן א סך הכל פון דער גאַנצער אױסטערלישער געשעעניש:

— נו, נישט קײן טעאטער? װאָס זאָג איך שטענדיק? א טעאטער דאָס גאַנצע לעבן, נאָר אמאָל א טרױעריקע פאָרשטעלונג און אמאָל א פרײלעכע, און אמאָל א טרױעריקע מיט א פרײלעכע צוזאמען.

די באַגעגעניש

א טריבער, האַרבסטיקער זונטיק. דער טאָג האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער מיט אַ גאַס־רעגן און איבערגעריסן רעגינען דעם אומרואיקן שלאָף. דערנאָך איז לאַנגווייליק געפאַלן אַ נודנע, דין רעגנדל, וואָס הערט אַזוי גיך נישט אויף, לייגט זיך שווער אויף דער נשמה. דער גאָלדענער האַרבסט האָט היי־יאָר אָנגעזעצט. קוים וואָס די בלעטער אויף די ביימער האָבן אָנגעהויבן זיך באַגילדן, ווי די זון האָט גענומען מאַכן זויערע הנדלער, זיך אָנברוגזן, פאַרבאַהאַלטן זיך צו ביסלעך, און איידער וואָס־ווען — נעלם געוואָרן. דער הימל אַז אַשיק־גרויער, אָן אָנגעכמורעטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און ווי ס'גייען איבער די אויגן מיט טרערן, ווען האָס האַרץ איז שטאַרק איבערפולט, אַזוי האָבן פון זיין שווערן, גרויסן נעפּל טאָג איין, טאָג־אויס גערונען געדיכטע טראָפּנס.

רעגינע האָט אויסגערעכנט צו זיין אין וואַרשע נאָכן זומער. קיין שום צייט פון יאָר האָט זי נישט אַזוי ליב געהאַט, ווי דעם היגן גאָלדענעם האַרבסט. ס'דערמאָנט איר שטענדיק די קינדהייט, די יוגנט, דאָס שטעטל. די צווייגן פון די ביימער אין טאַטנס סעדל ברעכן זיך אונטער די צייטיקע, זאַפטיקע פירות, די בלעטער הייבן אָן שימערירן מיט אַלערליי פאַרבן, די ערד עפנט אירע איינגעווייד אין גיט אַרויס איר צייטיקן גאַב, דאָס פרישע היי שמעקט, די זון ברענט שוין נישט, בראָט נישט, איז מילדער, צערטלעכער, אירע שטראַלן — גינגאָלדיקע. בענקענדיק נאָכן פוילישן הימל, נאָכן היימישן וואַלד און פעלד, האָט זי געהאַט פאַר די אויגן דעם גאָלדענעם האַרבסט. נישט געריכט זיך ער זאָל איר אָפּטאָן אַזאַ מיאוס שפּיצל. „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט“ — פלעגט

איר מאמע זאָגן. נאָר אבי זי איז שוין צוריק אין ווארשע, און נאָר נישט אראָפּפאלן ביי זיך, זאָל זיך רעגענען, וועמען ארט עס?... זאָל זי זיך נאָר פארבינדן מיט אים.

* *
*

די גאנצע וואָך האָט זי זיך געקליבן אָנקלינגען צו יאָנאָסן. אוי, פארוואָס האָט זי נישט געשריבן? וואָס האָט זי אָפּגעטאָן? ווייניקסטנס געדארפט צו וויסן געבן וועגן איר אומקערן זיך. זי ווייסט אליין נישט ווי אזוי ס'איז געשען, אָפּגעשלעפט, אָפּגעשלעפט און הערנאָך... א ביסל אויך דערפאר, וואָס זי האָט זיך געפילט שולדיק, נישט געוווסט ווי אזוי אים דאָס אויפצוקלערן. אז א מענטש הייבט אָן זיך אויסגליטשן... גע־דארפט כאָטש א בריוול אָנשרייבן פארן אָפּפאָרן. וואָס איז איצט דאָ צו טראכטן? נאריש וואָס גארישער קאָן שוין נישט זיין. נאָר פארפאלן, צוריקכאַפּן קאָן מען שוין נישט, וואָס אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן, העכסטנס פאריכטן... זיך אָפּן מודה זיין.

רעגינע האָט געהאלטן די רעכטע האנט אויפן טעלעפאָן־טרייבל און איינטעניקנדיק מיט זיך, געקוקט דורכן פענצטער צום זשמורנעם רעגנדל, וואָס איז זיך געפאלן מאָנאָטאָן, גלייכגילטיק צו מענטשלעכע דאגות און זאָרגן. וויפל מאָל האָט זי שוין גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין האנט? יעדעס מאָל עפּעס אַן אנדער אָפּהאלט, אָדער פונקט נישט גע־שטימט, אָדער אירע אלטע באקאנטע דרייען זיך. איצט זענען זיי ביי זיך אין צימער, אין בעט נאָך, אין אזא וועטער איילן זיי זיך נישט אויפצו־שטיין. זיי האָט זי אַלץ צו פארדאנקען, געהאָלפן איר צוריקקומען, אָפּ־געגעבן א צימער, געזאָרגט וועגן איר ארבעט. אַלץ גייט כמעט גלאַטיק, נאָר מיט אים... צום שווערסטן קומט איר אָן מיט אים. אין דער אמתן געוואָלט פריער זיך א ביסל שטעלן אויף די פיס, נישט הענגען אינגאנצן אין דער לופטן, זאָל דאָס נאָר נישט אויסזען, אז זי דארף אָנקומען צו אים, כאָטש ער וואָלט איר געקאָנט העלפן א סך גיכער צו דערליידיקן, נאָר בעסער אזוי.

זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט:

— יאָנאס? האַלאָ, יאָנאָס?

— יאָ, ביים טעלעפאָן.

— גוט מאָרגן! יאַנאַס, וואָס מאכסטו?
— גוט מאָרגן, ווער רעדט?
— דערקענסט נישט?
— נישט זייער... ווער?
— דערקענסט נישט מיין שטימע? איך האָב באלד דערקענט דיינע...
— א באַקאַנטע שטימע, נאָר... כ'דערמאן מיר נישט, ווער?
— רעגינע...
— רעגינע?
— רעגינע....
— משוגע מיינע שונאים! פון הימל אראָפּגעפאלן?!
— נישט פון הימל, פון מעלבורן...
— ווען? ווי אזוי? פון וואנען קלינגסטו?
— פון ווארשע, כסדר געקליבן זיך אָנקלינגען צו דיר.
— כ'וואָלט זיך געריכט אויף אלץ, נאָר נישט... מ'קאָן דיך זען?
זי האָט אים נישט געקאָנט פארבעטן צו זיך, זונטיק, נישט געוואָלט שטערן, האָט זי אָנגענומען זיין איינלאדונג.
ווי אזוי וועט ער זי אויפנעמען? אין טעלעפאָן האָט זיין שטימע גע־ציטערט, ער וואָלט באדארפט טראָגן אויף איר א שווער האַרץ, אָבער ער וועט איר מסתמא מוחל זיין, זי קען אים גוט. ס'איז אָפּהענגיק פון איר, זאָל זי נאָר נישט זיין אומגעלומפּערט. איר איז נישט לייכט צו גע־פינען א וועג צו א מענטשן, שטענדיק קומט ביי איר ארויס אַנדערש, ווי זי וואָלט געוואָלט. וויפל מאָל זי זאָל זיך נישט צוגרייטן, קומט דער־נאָך ארויס נישט דאָס, שטענדיק שיסט זי אוים מיט עפּעס. צופיל אָפנ־האַרציקייט איז אָפטמאָל קולטורלאָזיקייט, טיילמאָל ערגער — ברוטאל־קייט. אָפנהארציק געווען מיט יאַנאַסן, אין דער אמתן... ערשט דערנאָך אלץ פארשטאנען...
נישט צום ערשטן מאָל האָט זיך רעגינע אויסגעשטראָפט. ערשט אין מעלבורן פארשטאנען, וואָס יאַנאַס איז פאר איר געווען. ווען איר מאן איז מיט צוויי און א האלבן יאָר צוריק געשטאָרבן, האָט יאַנאַס אָנגעהויבן זיך מיט איר פארנעמען, ווי מיט א קראַנק קינד. רעגינע איז געוואָרן אן אלמנה צו 50 יאָר, נאָר פארבליבן, ווי געווען — א קינד, וואָרעם זי געהערט צו די מענטשן, וואָס פארבלייבן זייער גאנץ לעבן קינדער. יאַנאַס איז געווען דעם מאנס ייִנגערער לאנדסמאן און פאר־

קאָלעגע. אין איינזאמער, אָן שום משפחה, איז זיין לאנדסמאנס הויז געוואָרן פאר אים א שטיקל היים. אינזשיניער ליגדמאַן איז געשטאָרבן פלוצלונג, פון א האַרץ־אַטאַק, דער הויז־פריינד האָט דערפילט א חוב צו ווערן דער אפוטרופוס פון זיין לאנדסמאנס מיט צען יאָר יינגערער פרוי. א שלאנקע, א צארטע, מיט א פארחלומט פנים, אויף וועלכן ס'זענען פארבליבן קענטיקע שפורן פון אמאָליקן חן, האָט רעגינע נאָכן מאנס טויט אויסגעזען פארלוירן און אומבאהאָלפן. יאָנאַס האָט איינגעלייגט וועלטן, גרייט געווען צו גיין פאר איר אין פייער און אין וואסער און דערביי ביסלעכווייז אליין אויך געוואָרן גאָר אן אנדער מענטש. א מיטלוווקסיקער, א ביסל א פולער, מיט געלאסענע באוועגונגען און א פלעגמאטישן אויסזען, איז ער ווי איינגאנצן באשאפן געווען צו א רואיק, איינזאם לעבן. מיט אמאָל האָט אין אים עפעס אויפגערודערט, אין הארץ האָט זיך א ריר געטאָן, ווי אין אָנהייב פרילינג א טייך, וואָס איז דעם גאנצן ווינטער פארקאָוועט געווען אין אייז. אלץ האָט באקומען אן אנדער אויסזען, אן אנדערן טעם, ער איז צומאָל געוואָרן רירעוודיקער, באַרעדעוודיקער.

רעגינען זענען יאָנאסעס דייטלעכע אָנצוהערענישן נישט געקראָכן אין קאָפּ. פארטאָן געווען מיט די אייגענע צרות, אלץ איז איר איצט פרעמדער געוואָרן, זי האָט זיך דערפילט אינגאנצן א פארפרעמדטע און פאריתומטע. וואָס האָט זי נאָך דאָ? דעם מאנס קבר? דעם איינציקן קבר? נאָך איר משפחה זענען אפילו קיין קברים נישט פארבליבן, קיין שטיין אויף קיין שטיין. וואָס בינדט זי נאָך האָ? וואָס? ס'האָט זי פריער אויך געצויגן צו דער איינציקער שוועסטער, וואָס איז איר פארבליבן, נאָר דער מאַן, צוליב אים. ער האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען, צוליב אים איז זי דאָ געזעסן. וואָס האלט זי אָבער איצט אָפּ? די רייכע שוועסטער אין אויסטראליע בעט, חלשט זי זאָל קומען, צוויי געבליבן פון 8 קינדער, איז איינע אויף איין עק וועלט, די אנדערע אויפן צווייטן עק, ס'איז טאקע פאָלג מיר א גאנג, ווי ערגעץ הינטער די הרי החושך, אָבער פאָרט ביי א שוועסטער, פאָרט מיט משפחה, נישט געווען וואָס זיך צו יישובן.

*

*   *

יאַנאַס האָט זי אויפגענומען קאַלטלעך, אָנגענומען רואיק איר אויסגעצויגענע האַנט און, ווי יוצא צו זיין, צוגעטראָגן, לויטן היגן שטייגער, צום מויל. ער האָט זיך אין די אַנדערהאַלבן יאָר שטאַרק געעלטערט, אויף די פולע גלאַטיקע באַקן האָט די הויט איינגעלייגט זיך אין צוויי דייטלעכע, האַלב־רונדיקע פאַלדן, די ברווינע, ליבלעכע אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן טיפער אין די אויגן־לעכער, האָבן פאַרלוירן די וואַרעמע רואיקייט. ער האָט באַגעגנט רעגינען מיט אַ בלאַסן שמייכל, אַמאָל איז זיין שמייכל געווען אָפענער, ברייטער, צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן פּנים, איצט אַן איינגעשניטענער בלויז צווישן די מויל־ווינקלען, אַ באַפאַרבטער מיט עפּעס אַ ביטערניש.

נאָך ערגער ווי דער באַלעבאָס האָט אויסגעזען די באַלעבאַטישקייט. יאַנאַס האָט געשמט מיט זיין פּעדאַנטישקייט, איצט האָט דאָס גרויסע, שיינע צימער אויסגעזען אָפּגעלאָזן, ווי עפּעס איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פּיס אַרויף; די ווענט נאַקעט, אָן די באַקאַנטע בילדער, דער ווענעציישער פענצטער אָן די פּירהאַנגן, די בלומען און פלאַנצן אין די בלומען־טעפּלעך האַלב פאַרוועלקט, די פּאָדלאָגע אָן דיוואַן, עפּעס אַ פאַרוויסטעניש, אַן איבערקערעניש. רעגינע האָט זיך דערפילט אומהיימלעך און... זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, ווי זי וואָלט מיט אירע אייגענע הענט אַלץ דאָ צעשטערט. זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר אייגענעם אויסזען, וואָס איז אין אַזאַ קאָנטראַסט צו דעם אַלעמען. איר אָפּגעצערט פּנים איז פולער, פרישער געוואָרן, די געענדערטע פריזור, די עלעגאַנטע, אויסלענדישע קליידער האָבן זי ייִנגער געמאַכט. יאַנאַס האָט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט. זיינע אומעטיקע, נייגעריקע בליקן האָבן איר אָפּגענומען דאָס לשון. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אַזאַ סיורפּריז! ווען וואָלט איינגעפאַלן, אַז ס'קאָן געשען... כ'וואָלט זיך גיכער געריכט...

— אויף וואָס?

— אַפילו קיין בריוול נישט...

— געוואָלט מאַקע דיר מאַכן אַ סיורפּריז...

— פונדעסטוועגן, אַ בריוול... נו, וואָס שטייסטו? זעץ דיך, זעסט אויס, ווי... ווי וואָלסט שוין געוואָלט אַנטלויפן.

זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַלטן פאָטעל, ווי זי פלעגט עס אַמאָל טאָן, ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט, אַנטקעגן איר.

— פארבענקט זיך נאָך ווארשע?
— זעסט דאָך.
— אויף א לוסט־רייזע?
— איך זע ס'גלוסט זיך דיר שפאסן.
— ניין, ס'גלוסט זיך מיר נישט שפאסן, כ'פרעג ערנסט.
— ענטפער איך דיר ערנסט: פארבענקט זיך.
— נאָך וואָס? נאָך וועמען?
— נאָך... נאָך... כ'ווייס אליין נישט נאָך וואָס, נאָר געבענקט...
— טאָקע געבענקט?
— נאָך ווי!...
— דערפאר צוריקגעקומען?
— דערפאר, און בכלל...
— וואָס בכלל?
— בכלל....
—כ'פארשטיי גאָרנישט.
— פארוואָס פארשטייסטו איצט גאָרנישט? פריער האָסטו יאָ פארשטאנען, האָסט דאָך דעמלט כסדר געשריען, אז כ'וועל... כ'וועל...
— נו, איז וואָס, אז כ'האָב...?
— האָסט פאָרגעסגעזען...
— וואָס פאָרויסגעזען?
— א שפיל אין ווערטער? אָדער האָסט טאָקע פארגעסן? איך האָב נישט פארגעסן, ווי דו האָסט מיר אָפּגעערעדט.
יאָנאסעס פנים האָט זיך געענדערט, ס'איז פארשוווּנדן דער דים־קרעטער, איראָנישער שמייכל, זיינע ברוינע אויגן זענען געוואָרן מילד, ווי אמאָל, זיין שטימע ווייכער.
— ס'איז דיר דאָרט שלעכט געווען?
— אָ, ניין, כ'קאָן נישט זאָגן.
— און דיין משפחה? דיין שוועסטער?...
— האָבן זיך זייער געפרייט מיט מיר.
— און דו?
— אויך.
— איז דאָך גוט געווען! זעסט זייער גוט אויס.
— אזוי זאָגן אַלע.
— ביסטו מסתמא נישט צוריקגעקומען צו פארבלייבן?

— נאָך וואָס דען קומט מע צוריק?

— מיינסט ערנסט?

— זייער ערנסט.

— שווער צו פאַרשטיין, ס'האָט זיך דען דאָ געענדערט?

— אָבער איך... א מענטש ענדערט זיך...

— מ'קאָן וויסן? וואָס איז אייגנטלעך פאָרגעקומען?

— כ'זאָג דאָך דיר, א מענטש ענדערט זיך, דערפאַרונגען... אין בכלל, נישט אזוי פשוט, ווי מ'שטעלט זיך פאָר.

— כ'פארשטיי דיר קיינמאָל נישט, נישט פריער פארשטאנען אין נישט איצט.

— איצט וואָלסטו יאָ געדאַרפט פאַרשטיין, ס'איז דאָך לויט דיינע...

— שווער אריינצוקריכן אין יענעמס האַרץ, בפרט צו דיר אין האַרץ, שטענדיק מיט האלבע ווערטער, אפשר בין איך נישט פעיק צו פארשטיין, מיין מוח באנעמט נישט, כ'פארשטיי דיר קיינמאָל נישט... דו מיר נאָך ווייניקער... דאָס ערגסטע אומגליק וואָס איין מענטש דעם אנדערן קאָן נישט פאַרשטיין, אלע אומגליקן פון דעם, מענטשן פארשטייען זיך אלע מאָל ווייניקער, אזוי אויף דער וועלט און אזוי צווישן איינצלנע מענטשן

— האָט יאָנאס פארענדיקט פילאָזאָפיש־פעסימיסטיש.

רעגינע איז געווען געערגערט, געזעסן, ווי א באשטראָפט קינד, ווי יאָנאסעם פילאָזאָפישע אויספירן וואָלטן א שייכות געהאט בלויז צו איר. זי האָט זיך דערמאנט, ווי זי פלעגט אלס קינד זיצן פאר דער מאַמען א פארשולדיקטע און קיינמאָל זיך נישט געקאָנט פארענטפערן. אזוא אויפנאמע דאָ האָט זי זיך נישט פאָרגעשטעלט, ס'האָט זי אונטערגעהויבן, געוואָלט זיך אויפרייסן און אוועק. אין דעם מאָמענט אָבער האָט זיך יאָנאס אויפגעהויבן, ווי ער וואָלט ארויסגעלייענט פון איר פנים אירע געדאַנקען, דערנעענטערט זיך צו איר, אָנגענומען צערטלעך איר האנט און מיט פיטעטע צוגעלייגט צו די ליפן. ער איז ווידער געזעסן אנטקעגן איר און געקוקט אויף איר מיט אויגן, וואָס האָבן עפּעס געבעטן. רעגינען האָט זיך אויפגעבונדן די צונג:

— מיין מאמע פלעגט זאָגן, אז דער שכל איז א קריכער, קומט שטענדיק צו שפעט — האָט זי געזאָגט מיט אן אומעטיק שמייכל און מיט א פילאָזאָפישן טאָן — א מענטש ווייסט קיינמאָל נישט פריער... ווען מ'וואָלט דאָס געקאָנט וויסן, ווי אזוי מ'דארף אין אזעלכע באדינגונגען... קיינער האָט נאָך אזא בוך נישט אָנגעשריבן, מ'מוז אמאָל אויף

דער אייגענער הויט אַלץ אַליין אויספּרוּוון, דאָס אומגליק נאָר, וואָס אונ־
דזער הויט איז שרעקלעך עמפּינדלעך, פון קלענסטן ראַץ א וווּנד.

זי האָט א ווײַלע געשוויגן און פאַרגעזעצט:

— א מענטש מוז האָבן מיט וואָס אויסצופילן דאָס לעבן, האָבן עפּעס אין אָנהאַלט וואָס זאָל... געמיינט, אז דו וועסט מיר צום בעסטן פאַרשטיין, דו אייגער האָסט פריער פאַרשטאַנען...

— איין גאָט ווייסט, ווי כ'האָב עס געוואָלט דיר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, צוליב דיר, צוליב מיר, נאָר מיר גיט זיך אין לעבן גאָרנישט איין, אַלץ גיסט זיך מיר דורך די פינגער. שטענדיק יאָג איך זיך נאָך עפּעס און אז ס'דאַכט מיר אָט־אָט כאַפּ איך מיט ביידע הענט דאָס פייגעלע, אַנט־לויפט עס פון מיר. אַזוי אין אַלעמען. איין זאַך האָט זיך מיר ביז איצט אײַנגעגעבן — אויסצוזען ווי א גם זו לטובה... נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן, ס'גייט נישט וועגן מיר. דעם אמת געזאָגט, געטראַכט נאָך דיין אַוועקפאָרן, אַז אפשר ביסטו גערעכט, אפשר טאַקע בעסער מיט משפחה, כ'וויים, מי־ האָבן דאָ קיינעמען. מ'איז דאָך נאָר א מענטש, געווען זיכער, אַז ביסט דאָרט גליקלעך, אויף אַלץ זיך געריכט, נאָר נישט אויף דעם, אַזוי צו אַנטלויפן, ווי פאַר א... און צוריקקומען! וואָס איז דאָ צו רעדן, ביסט דער אמתער וואַנדער־פויגל!

— און אז א פייגעלע אַנטלויפט פאַרן ווינטער, פאַר דער קעלט, קומט עס דען נישט צוריק? לייכטער אין די וואַרעמע מקומות, פונ־דעסטוועגן... ס'ציט, ס'טרייבט.

— געוואָרן פּאַטעטיש — האָט יאָנאַס געזאָגט מיט אַן איראָנישן שמייכל.

— פּאַטעטיש? גיכער פּראָזאַאיש.

— זאָל זיין פּראָזאַאיש, וואָס האָט דאָרט צוריקגעטריבן?

— די פּוסטקייט, די... פאַרשטייסט, רעזיגנירן פון.... פון...

— פון וואָס?

— אפשר פון אַלץ, פון זיך אַליין, זיין אויפן ראַנד פון לעבן... שווער פאַר אונדז אין דעם עלטער זיך איבערפלאַנצן אויף אַן אַנדער באָדן. אָנגעהויבן ביי דעם, ביי יענעם, אין קיין שום זאַך נישט געקאָנט זיך אַריינפּאַסן, אפשר בין איך בכלל אַן אויסגעוואָרצלטע, נישט צוגעפּאַסט צום לעבן, אפשר אין ערגעץ נישט, נאָר דאָרט איינגאַנצן נישט, נישט געקאָנט געפינען קיין אָנשפּאַר, ביי וואָס צו פאַרטשעפּען די הענט.

— און די משפחה? א רייכע משפחה...

— גיי, לאָז אָפּ, זיין אויף קעסט, צוגעשטיקעוועט צו עמעצן, שטעלסט זיך נישט פּאָר... א מענטש מוז האָבן אן אייגן לעבן, מ'קאָן נישט לעבן מיט יענעמס לעבן, מע מוז מיט אן אייגנס. און בכלל, מיר זענען שוין אנדערע מענטשן, מיר האָבן צופיל... פארשטייסט... מיר זע־נען ווי פון אן אנדער גוס, ווי פון אן אנדער ליים געקנאָטן, און געברענט אין אלע פייערן, ס'לאָזט נישט צורו, נאָך עטלעכע חדשים הייבסטו אָן... נישט אויסצוהאלטן... און בכלל, די פרעמדקייט, די איינזאמקייט...

— כ'זע ביסט די זעלבע, זיך גאָר אזוי פיל נישט געענדערט, ווי דו האָסט אקאָרשט געזאָגט, נאָך אלץ זיך נישט אויסגעהיילט פון דעם אלע־מען, אין גרונט געגומען ענדערט זיך דער מענטש נישט.

— ביסט גערעכט, אין דעם פּרט ביישט געענדערט, נישט אויסגע־היילט, פארקערט הארט נאָך מער, נישט געפונען זיך קיין אָרט, א מענטש מוז האָך האָבן א שטיקל אָרט, וואָס זאָל אים... עפּעס א ווינ־קעלע אויף דער ערד וואָס זאָל אים א ביסל וואַרעמען...

— ביסט צוריקגעקומען אהער...? האָ זיך דערוואַרעמען?

— צוריקגעקומען, ווי א פאַרוואונדעטע חיה קומט צו לויפן אין איר נאָרע, ס'איז איר גוט און וויל אויפן פרייעם פעלד, אויפן גרינעם גראָז, אָבער א פאַרוואונדעטע, זוכט זי פאָרט שוץ אין דער אייגענער נאָרע, ביי... ביי...

יאָנאַס האָט נישט געפרעגט ביי וועמען, האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט, געקוקט אויף איר א שווייגנדיקער, מיט אומעטיקע אויגן. אויף זיין פּנים האָט זיך אראָפּגעלאָזט עפּעס אזא וואָלקן, באַלד האָט זיך אן אומהיימלעכער שמייכל ווידער איינגעשניטן אין זיינע מויל־ווינקלען. רעגינען האָט זיך געדאכט, אז ער פירט מיט איר א שטומען דיאלאָג, זי האָט נישט אויסגעהאלטן זיינע בליקן, אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגע־הויבן אויפסניי דיסקרעט זיך ארומקוקן ארום זיך. וואָס זאָל באדייטן זיין מיסטעריעזער אויסזען? און די נאַקעטע ווענט? די אומאָרדענונג? זי האָט נאָך אפילו נישט געפרעגט וואָס ס'הערט זיך ביי אים, כמעט אנדערהאלבן יאָר... געהערט וואָס אן אמת, אז ער פירט ווייטער זיין איינ־זאם אלט־בחוריש לעבן, נישט איינמאָל זיך נאָכגעפרעגט אויף אים אין בריוו, וואָס קאָן אָבער איין מענטש וועגן אנדערן וויסן? וואָס ווייסט מען וואָס ביי יענעם קומט פאָר אין הארץ, אפילו ביי א נאָענטן מענטשן... א מענטש איז אזא קאָמפּליצירט באשעפעניש... אזא פּשוטער, אומ־מיטלבארער שטענדיק געווען און איצט אזא מיסטעריעזער, זיצט פאר איר,

ווי ער וואָלט אויף זיך אַרויפֿגעצויגן אַ געהיימניספֿולן פּאַנצער, געעפֿנט פֿאַר אים האָט האַרץ. און ער? ווי אַ מענטש קאָן זיך ענדערן אין אַזאַ קורצער צייט! ווי אַזוי זאָל זי אַראָפּטרייסלען פֿון אים די שטייפֿקייט? וואָס זאָל זי אים פֿרעגן? פֿון וואָס אָנהייבן?

זי האָט אומדערוואַרטעט פֿאַר זיך אַליין אַרויסגעפּלאַצט:

— אויסגעפֿרעגט, אויסגעהערט מיר און אַליין זיך פֿאַרמאַכט אין זיך, וועגן זיך ווילסטו מיר גאָרנישט דערציילן?

— האָסט נישט געפֿרעגט.

— נו, דערצייל, וואָס הערט זיך ביי דיר? מיר אינטערעסירט אויך וואָס ביי דיר...

— זעסט דאָך, וואָס ביי מיר — האָט ער געוויזן מיט די אויגן אויפֿן צימער.

— ס׳זאָגט מיר נאָך גאָרנישט, זעסט אויס שלעכט...

— כ׳ווייס.

— זעסט אויס, ווי... ביסט נישט געזונט?

יאָנאַס האָט זיך פֿאַרטראַכט, געענטפֿערט אַ צעשטרייטער, ווי ער וואָלט נישט דערהערט:

— וואָס? יאָ, נישט געזונט...

— וואָס איז דיר?

— דאָס זעלבע, וואָס דיר מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, די זעלבע קרענק, און איך אייל זיך, ווי דו... אין עטלעכע טעג אַרום קומט מען פּאַקן און צונעמען מיין באַגאַזש.

— וואָס?! וואָס זאָגסטו?! — האָט זיך רעגינע אין פּלוג געדאַכט, אַז זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

— פֿאַרשטייסט, נאָך דיין אוועקפֿאָרן... קיינער איז מיר דאָ נישט געבליבן, נו, כ׳האָב צוויי ברידער אין ישׂראל, און חוץ דעם...

— ביסט משוגע! — האָט רעגינע נישט ווילנדיק און נישט מיט איר שטימע זיך אַרויסגעכאַפּט.

— מיינסט נאָך דו האָסט אַ פּריווילעגיע משוגע צו זיין?

— אָבער דו! האָסט געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ... קרום געקוקט אויף דער גאַנצער זאַך, כמעט מיר אויסגעלאַכט.

— וועסטו איצט מיר אויסלאַכן, יעדערער מוז דורכגיין זיינס.

קיינמאָל האָט רעגינע נישט געהערט ביי אים אַזאַ טאָן. ס׳איז איר געוואָרן נאָך אומהיימלעכער. דאָס האַרץ האָט איר פֿאַרקלעמט פֿאַר אים,

פאר זיך. זי האָט דערפילט אַ פייכקייט אין די אויגן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשוויגן. יאַנאַס האָט אויך געשוויגן. דאָס שווייגן האָט אָנגעהויבן דריקן, ווי אַ שווערע משא וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אירע אַקסלען און אָט־אָט ברעכט זי זיך איין. זי איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען פון פאָטעל, ווי זי וואָלט זיך פון עפּעס אַ קלעם אַרויסגעריסן, מיט שטומע בליקן זיך געוואָגדן צו דער טיר, ווי זי וואָלט גרייט געווען צו פאַרלאָזן דאָס צימער, געוואָלט אים נאָך עפּעס פרעגן און נישט געוווסט וואָס. יאַנאַס האָט זיך אויך אויפגעהויבן:

— אפשר גייען מיר צוזאַמען אויף מיטאָג? — וואַנדער־פייגל מיינער — האָסט נאָך מסתמא וואָס צו דערציילן.

און דו האָסט שוין מער גאָרנישט צו דערציילן?

— מיר האָבן נאָך מסתמא ביידע אַ סך זיך צו דערציילן.

א מעשה מיט אַ לוסט־רײַזע

פֿאַרקאָכט די קאַשע האָט מײַן װײַב. זי האָט עס אָנגעבראַיעט דעם גאַנצן עסק. די מעשה האָט שױן אפֿילו אַ שטיקל באָרד, נאָר נישקשה, זי איז נאָך כּסדר גײ, פֿריש. אָנגעהױבן האָט זיך פֿון מײַן װײַבס אַ װיזיט, און געװען איז עס אָנהײב זומער 1957.

זיץ איך מיר אַזױ אין אַ יוני־אָװנט בײַם אָפֿענעם פֿענצטער און קװיק מיר מיט דער פֿרישער לופֿט. אַן אָװנט אַ גאָלד! דער הימל אַ טיפֿער, װי אױסגעמאָלן מיט דער פֿאַרב, מיט װעלכער מײַן װײַב פֿאַרבט צו די װעש, אָנגעפּיקעװעט מיט שטערנדלעך, אַ מחיה צו קוקן. די בלומען פֿאַרן פֿענצטער שמעקן, די לופֿט שמעקט, קײן מיגדנסט װינטעלע, ס'נעמט מיר אָן אַ חשק אַרױסצולאָזן זיך אױף אַ שפּאַציר צו די „דזשאַלקעס", װאָס נישט װײַט פֿון אונדז. אײנדעם פֿליט ראַפּטעם אַרײַן מײַן װײַב און באַפֿאַלט מיך מיט טענות — נאָך יעדן װיזיט בײַ עמעצן האָט זי צו מיר טענות, מהמת איר דאַכט זיך, אַז אַנדערע גיבן זיך בעסער אַן עצה װי איך.

— אױ, בערל, בערל, ביסטו אַ שלים־מזל, זיצסט הינטערן אױװן, װי ס'װאָלט זיך גאָרנישט געענדערט אױף דער װעלט, זיצסט און קוקסט אױפֿן הימל, ס'רירט דיר גאָרנישט, אַ מענטש זאָל אַזױ...

— װאָס איז שױן װידער? — פֿרעג איך.

— מענטשן פֿאָרן און דו רירסט זיך נישט פֿון אָרט.

— כ'האָב דאָך דיר שױן הונדערטער מאָל געזאָגט, כ'װיל נישט פֿאָרן, װײַל אַנדערע פֿאָרן, כ'װיל נישט לױפֿן, קײנער יאָגט מיר נישט און קײנער טרײַבט מיר נישט, גענוג זיך געװאַלגערט איבער דער װעלט.

— ווער רעדט דען איצט וועגן לויפן? הער אויס וואָס מע רעדט צו דיר, איך רעד וועגן איבערפאָרן זיך א ביסל, וועגן א לוסט־רייזע, און ער גאָר... אַז דו ווייסט נישט וואָס ס'טוט זיך אַרום דיר, וואָלסט א ביסל אַרויסגעגאַנגען, וואָלסטו געזען ווי מענטשן פאָרן אויף א באַזוך צו קרובים, צו באַקאַנטע, מע פאָרט קיין פראַנקרייך, קיין ענגלאַנד, בעלגיע, אַפילו קיין אַמעריקע, מע ברענגט אָן פון כל טוב. פאַרוואָס זאָלסטו זיך א ביסל נישט איבערלופטערן? האָסט דאָך אַ קוזין אין פאַריז. וואָלט איך ערגעץ געהאט א קרוב, וואָלט איך שוין נישט געזעסן הינטערן אויוון. וועלכער מענטש וויל דאָס נישט אָנקוקן א וועלט? נאָר דו ווילסט קיינמאָל זיך נישט רירן פון אָרט. וואָלסט געזען, וואָס מינדלס מאַן האָט אָנגעבראַכט פון בריסל. זי וועט שוין איצט נישט אויסגעריסן ווערן, אַרומלויפנדיק איבער די קראָמען נאָך זעקעלעך אָדער מייטקעלעך פאַר די קינדער. וואָלסט געהערט וואָס ער דערציילט, געזען א ביסל א וועלט, אַז אַ מענטש רירט זיך אַרויס...

ס'איז געוואָרן שפּעט און מיין ווייב רעדט און דערציילט וועגן דעם און יענעם, ווי יעדערער נוצט אויס די מינדעסטע געלעגנהייט, כאַפּט זיך אָן ביי דעם דינסטן פאָדעם פון קרובהשאפט און וואָס פאַראַ גליקן ס'קומען אַרויס דערפון. -

— אפשר וועט שוין גענוג זיין, גיטל? — מיין ווייב הייסט גיטל — כ'האָב דיר געזאָגט, אַז כ'האָב נישט ליב צו וויסן, וואָס ביי אנדערע קאָכט זיך אין טעפּל — האָב איך איר געזאָגט — ווילסט פאָרן — פאָר. ס'גלוסט זיך דיר אַ רייזע קיין פאַריז, קאָן איך אָנשרייבן צום קוזין.

— נישט מיין קוזין נאָר דיינער, כ'האָב אים קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען און איר האָט זיך געהאָדעוועט ווי צוויי ברידער. וואָלט איך געהאַט א קוזין ערגעץ, וואָלט איך געפאָרן, דיין קוזין, דאַרפסטו פאָרן. בערל, זיי נישט קיין שלים־מזל, זיי מיט מענטשן גלייך, פאַרוואָס זאָלסטו שטענדיק...?

— וועסט אויפוועקן די קינדער—האָב איך איר געזאָגט מיטן מיין צופאַרענדיקן.

מיין ווייב האָט צוגעמאַכט די טיר פון צווייטן צימער און מיט א טאָן שטילער ווידער גענומען אין מיר אריינרעדן, איבערצייגן:

— דו ווייסט קיינמאָל נישט וואָס ס'טוט זיך, ווייסט נישט ווי מענטשן רייסן זיך א ביסל איבערצופאָרן, יעטוועדער סטאַרעוועט זיך אָפּ=

צווזכן א שטיקל קרוב, וויפל האָט מען קרובים, מ'שטייגס געזאָגט? דאָ האָט מען דאָך קיינעם נישט, מ'איז דאָך עלנט אַליין, נו, זוכט יעדערער עמעצן, דו ווייסט גאָרנישט און פאַרשטייסט גאָרנישט, עפּעס דערגייט גאָרנישט צו דיר.

מיין ווייב האָט א שפּאָר ביסל איבערגעטריבן — זי האָט אַ טבע אין אַלעמען איבערצוטרייבן. דאָס אַלץ האָב איך געוווסט אָן איר אויך. זוי זאָל איך נישט ווייסן, אַז אין קאָאָפּעראַטיוו ביי דער אַרבעט רעדט מען גאַנצע טעג דערוועגן. דער קלייבט זיך צו פאָרן קיין פראַנקרייך, און יענער סטאַרעוועט זיך צוצוכאַפּן קיין האָלאַנד, דעמס ווייב קלייבט זיך ערגעץ צו אַ ברודער און יענעמס טאָכטער פאָרט צו אַ פעטער און דאָ זיפצט עמעצער, וואָס ער האָט גערעד קיינעמען נישט צו וועמען צו פאָרן. אַ מענטשלעכע טבע אַזאַ — דאָס וואָס קומט אָן זייער שווער, גלוסט זיך שטאַרק. בפרט, קרובים הייגט ביי יידן. אין דעם פּרט איז מיין גיטל גערעכט.

הכלל, כ'האָב זיך געלאָזט אָנרעדן פון מיין ווייב און אָנגעשריבן צו מיין קוזין קיין פּאַריז, אַז אַזוי און אַזוי, מיט איין וואָרט — ציִיט זיך צו זען. ס'זאָגט זיך לייכט אָנגעשריבן. כ'האָב דעם בריוו צום קוזין איבערגעשריבן דריי מאָל. נישט דער ערשטער און נישט דער צווייטער בריוו איז מיין ווייב געפעלן. „ס'דאַרף זיין היימישער, ס'זאָל אים אַ נעם טאָן“. צו מיין אומגליק האָט מיין ווייב געוווסט, אַז כ'האָב מיטן קוזין זיך געהאָדעוועט צוזאַמען, ווי לייבלעכע ברידער. האָט זי אַנדערש נישט געוואָלט נאָר כ'זאָל אים אין בריוו אַלץ דערמאָנען. הכלל כ'האָב געמוזט אַריינשרייבן, ווי מיר זענען אַמאָל אין שטעטל אַרומגעלאָפן באָרוועס, מיט צעריסענע הויזלעך, ווי מיר האָבן ביידע אָפּגעפּינצטערט ביי שמשון=בער דעם מלמד און דערנאָך ביי חיים=יצחק דעם „פּאַריזער“ שניידער און צוזאַמען אַרויסגעטראָגן יעדן טאָג די פּאַמעגיצע, ווי מיר האָבן שפּעטער זייענדיק שוין פּאָלנע געזעלן, פאַרוואָרפן פאַרן 1=טן מאַי רויטע פענדלעך אויף די טעלעגראַף=דראָטן — זאָגן דאַרף איך אייך, אַז פאַרוואַרפן פענדלעך פלעגט מיין קוזין, געווען דערצו אַ גרויסער ספּעציאַליסט, איך פלעג נאָר שטיין פון דער ווייטנס און ווען מ'האָט געדאַרפט, געגעבן אַ פייף מיט צוויי פינגער אין מויל, דערויף בין איך געווען אַ ספּעציאַליסט, דער הויפּט=העלד איז אָבער שטענדיק געווען מיין קוזין. הכלל, כ'האָב געשריבן, וואָס מיין ווייב האָט געהייסן און לסוף צוגעגעבן, אַז מיר זענען ביידע איבער די חמישים, קיין סך זענען מיר פון דער משפּחה נישט פאַרבליבן, איז אַ יושר

מיר זאָלן זיך נאָך אַזוי פיל יאָרן דורכשמועסן, בפרט אז פון וואַרשע קיין פּאַריז איז הייַנט כמעט א שפּרונג.

מיינט איר מסתמא, אַז כ'האָב באַקומען פון קוזין אָט באַלד א תשובה. ס'זענען אָפּגעלאָפן וואָכן און חדשים און גאָרנישט. מיין ווייב איז שיעור נישט פון זינען אַראָפּ, ביז ס'איז איר איינגעפאלן א געדאַנק, אַז דער בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען, נישט אַנדערש נאָר איך זאָל שרייבן א נייעם בריוו. דאָס מאָל האָב איך נישט אָפּגעטראָטן — מ'קאָן וואַרטן, ס'ברענט נישט, אין פּאַריז רייסט מע זיך מסתמא נישט אַזוי צו שרייבן בריוו, ווי מיר רייסן זיך צום פאָרן, דער פּאַריזער קוזין איז מסתמא אַ פאַרנומענער מענטש.

און געטראָפן האָב איך און נישט מיין ווייב. נאָך דריי חדשים איז אָנגעקומען א בריוו און מיין קוזין האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז שטאַרק פאַריאָגט געווען, עפּעס אַ מעשה מיט אַ נייעם „מעזאָן" און דערצו נאָך האָט ער געקויפט א נייעם „וואָטיר". דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן, אַז ס'מיינט אן אויטאָ, וואָרעם ער שרייבט, אַז ער האָט געמוזט זיך אויסלערנען פירן דעם „וואָטיר", ווייל דאָס ווייב פאָרט ווייטער מיטן פריערדיקן „וואָטיר". וואָלט דאָך אַלץ גוט און ווייל געווען און מיין גיטל האָט מאַקע געקוואָלן פון נחת, ווען כ'האָב געלייענט ביז דעם-אָ אָרט, האָט אָבער מיין קוזין ווייטער צווויסן געגעבן, אַז מיר וועלן זיך סיווי נאָר אינגיכן זען, וואָרעם ער קלייבט זיך צו באַזוכן דאָס געבורטס-לאַנד און אויפן אָרט וועט מע שוין א טראַכט טאָן וועגן מיין נסיעה קיין פּאַריז.

מיין ווייב האָט א ביסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, וואָרעם זי האָט זיך געריכט, אַז אָט שוין פאָר איך קיין פּאַריז, פונדעסטוועגן האָט זי די נייעם אָנגענומען פאַר ליב. פאָרט א פּאַריזער גאַסט. און מיין גיטל האָט זיך גענומען פּאָרען אַרום דער אויפנאַמע. אַ קלייניקייט א פּאַריזער קוזין קומט קיין וואַרשע! פאַר אונדזער עלטערן זונדל האָט זי איינגעשאַפט אַ געלעגער ביי אַ באַקאַנטער שכנטע, דעם ייִנגערנס בעטל האָט זי אַריינגערוקט אין א ווינקל צו אונדז, און זייער צימער געוואַשן און געצוואָגן, אויסגעצירט ווי פאַר א יונג פאָרפאָלק. מיין גיטל האָט מאָביליזירט אַלע אירע באַקאַנטע — אַז מיין ווייב וויל קאָן זי — זיי זאָלן איר העלפן איינקויפן, איינע האָט זי באַשטעלט צו קויפן פלייש, נישט אַנדערש נאָר בעפשטיקן, וואָרעם מ'האָט איר דערציילט, אַז אין פּאַריז עסט מע נאָר בעפשטיקן; מיט אַנדערע האָט זי זיך אָפּגערעדט צו שטעלן זיך אין אַ ריי נאָך פיש. צוואָס זאָל איך אייך לאַנג ציען, אין שטוב איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. וואָל-

נאָך געווען אויסצוהאַלטן, ווען ס'וואָלט געווען איין איבעריקערעניש. האָט אָבער מיין קוזין דריי מאָל אָפּגעלייגט די רייזע און די איבעריקערענישן אין שטוב האָבן זיך געצויגן עטלעכע חדשים.

— ער קומט מאָרגן! — איז מיר מיין ווייב, איינמאָל, ווען כ'בין געקומען פון דער אַרבעט, אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנט.— טאָסטו דיר, אומגעריכט, ס'איז גאָרנישט צוגעגרייט, האָט זי אַ פאַרזאָרגטע געזאָגט.

— גישקשה, וועסט נאָך פּאַסקעווען נאָכאַמאָל איבערצוהדרייען די שטוב, — האָב איך איר געענטפערט.

כאָטש כ'האָב נישט קיין טעלעפאָן, האָבן אַלע אונדזערע באַקאַנטע דעם זעלבן אָוונט געוווּסט, אַז דער גאַסט פון פאַריז קומט מאָרגן, דאָס מאָל אויף זיכער. מיין ווייבס באַקאַנטע האָבן זיך צוגעשטעלט אין קאָמפּלעט, ס'האָט זיך געטאָן אויף טיש און בענק, פּונקט ווי אַמאָל ערב אַ חתונה. ווען כ'בין אויפצומאָרגנס געקומען נאָך דער אַרבעט אַהיים, איז אַלץ געווען פּיקס און פּאַרטיק — דער טיש געדעקט מיטן שענסטן און בעסטן, דער קינדער־צימער אויפסניי אויסגעצירט, מיין ווייב אַ צעפּלאַמטע האָט אָנגעהויבן מיר אונטעריאָגן זיך איבערצוטאָן יום־טובדיק, זי האָט נאָר מורא געהאַט מיר זאָלן חס וחלילה נישט אָנקומען צו שפּעט אויפן פּליפלאַץ, פון עפּעס איבערכאַפּן איז שוין קיין רייד נישט געווען. אויסגעפּוצטע זענען מיר מיטן גאַנצן בני־בית אוועק אויף אָקענטשע באַגעגענען דעם פּאַריזער גאַסט.

נו, דאָס מאָל איז ער געקומען, כ'האָב אים תיכף דערקענט, כאָטש כ'איז שוין אַ קימאַ־לן פון 28 יאָר, ווי מיר האָבן זיך נישט געזען. נו, זענען מיר זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס, צעקושט זיך, כ'האָב אים פאָרגעשטעלט מיין משפּחה און פאַרשטייט זיך, געוואָלט אים נעמען צו זיך, צו אונדז אַהיים. הייינט שטעלט אייך פאָר אונדזער האַרץ, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער פאַרפאָרט גאָר אין בריסטאָל.

— וואָס הייסט? ביסט דאָך אונדזער גאַסט?

צוואָס אייך „דעראַנזשירן"? אַז מע קומט קיין וואַרשע באַשטעלטמע פאָרויס אַ צימער אין בריסטאָל.

מילא איך, ווי איך, נאָר מיין ווייב איז געווען אויסער זיך. נאָר פאַרפאַלן, מיר האָבן אָפּגעפירט אונדזער פּאַריזער קוזין אין בריסטאָל, ביז וואָס־ווען איז שפּעט געוואָרן, זיך אָפּגערעדט צו קומען צו אים אויפצומאָרגנס נאָך דער אַרבעט און צוריקגעפאָרן, ווי אָפּגעשמיסענע אַהיים.

אין שטוב האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פאַרשטערטער שׂמחה, מיין גיטל האָט זיך שיער ניט צעוויינט, „אזוי זיך אָנגעמאַטערט, אַזוי פיל מי זיך געגעבן". כ'האָב זי געטרייסט, מסתמא פירט זיך אַזוי אויף דער וועלט, ניט קיין אומגליק, מאָרגן, מאָרגן וועלן מיר... הכלל, מיר האָבן זיך אויפצומאָרגנס ווידער געמאַכט יום־טובדיק, צוגעאײַלט זיך און אַוועק אין האָטעל זיך אָנפרייען מיטן פאַריזער קוזין. איז מען אונדז אָבער שוין געהאַט פאַרלאָפן דעם וועג. ביים קוזין האָבן מיר געטראָפן אַ גאַנץ רעדל מענטשן: לאַנדסלייט, חברים, און סתם עפּעס באַקאַנטע האָבן אים אַרומגערינגלט, ניט אָפּגעלאָזט, יעדערער באַזונדער האָט אים פאַרבעטן, געוואָלט דורכויס דער פאַריזער גאַסט זאָל אים אָפּשטאַטן כאָטש איין וויזיט, פאַרגעלייגט זיך אים צו דינען, ארומפירן און סתם האָט יעדערער געהאַט עפּעס אַ קלייניקייט מיט אים צו דערליידיקן. וואָס זאָל איך אייך לאַנג ציען, גענוג, אַז אין 10 טעג האָט אונדז דער קוזין אָפּגעשטאַט צוויי קורצע וויזיטן, און אַזוי ווי ער איז שוין געהאַט אויסגעווען גאַנץ וואַרשע, קראָקע און ווייס איך ווו נאָך, האָט ער מיר געהאַט מער צו דערציילן וועגן פוילן ווי איך אים. מיין ווייב האָט מורא געקריגן, אַז ער וועט ביי דער גאַנצער חתונה פאַרגעסן אין מיין רייזע קיין פאַריז און אַריינגעוואָרפן עטלעכע ווערטער דערוועגן.

— אוודאי, אוודאי, מירן זיך נאָך זען אין פאַריז, ווי גיך איך קום צוריק, שיק איך אַרויס די איינלאַדונג מיטן בילעט — האָט ער פאַרזיכערט.

— אפשר דאַרף דער קוזין עפּעס געלט? ביי אונדז גייען דאָך ניט קיין פראַנקן, מ'דאַרף דאָך זלאָטעס — האָט מיין ווייב מער צוליב העפלעכקייט אַריינגעוואָרפן.

— כ'האָב, כ'האָב, ניט געזאָרגט, איטשע האָט מיר נאָך דעם ערשטן טאָג באַזאָרגט, ווי גיך ער האָט זיך צעקושט מיט מיר, האָט ער מיר אַריינגעשטעקט אַ טויזנט זלאָטעס, קלייבט זיך קיין פאַריז, נו, וועט ער דאַרפן פראַנקן, ער ווייסט, אַז אין פראַנקרייך אָן געלט... און וועלוול וויל אויך מאַכן מיט מיר אַן אויסטויש, זיין ווייבל האָט מיר שוין איינגעקויפט קרישטאָלן, סערוויסן, לייכטער, טישטעכער און ווייס איך נאָך וואָס. זי האַלט אין איין קויפן פאַר מיר, זי וועט אויך דאַרפן פראַנקן, ס'גלוסט זיך איר אויך פאַריז, האָט דאָרט עפּעס אַ שטיקל קרוב, אָבער אין פאַריז דאַרף מען געלט, האַלט זי אין איין איינקויפן פאַר מיר, אַז ס'איז אַזוי ביליק ביי אייך.

— אויף דיינע פראַנקן איז דאָס... האָב איך נישט ווילנדיק זיך אַרויסגעכאַפּט און זיך באַלד אַ ביס געגעבן אין צונג.

— אוי, באַקלאָג זיך נישט, באַקלאָג זיך נישט, הלוואי וואָלטן מיר שוין אַזוי געהאַלטן ווי איר דאָ, ס'איז דאָ אויף וואָס צו קוקן, הלוואי וואָלטן מיר שוין אַזוי...

כ'האָב מורא געקריגן, אַז מיין ווייב זאָל זיך נישט אריינמישן, לויט איר פּנים האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אָט פּלאַצט זי אויס, נו, האָב איך פאַרקערעוועט דעם שמועס, אָנגעהויבן אויספרעגן אויף דער משפּחה, וואָס ס'הערט זיך אין פראַנקרייך. אָבער וואָס מיר פראַנקרייך, ווער מיר פראַנקרייך, מיין קוזין האָט ווייטער געהאַקט די זעלבע סדרה. כ'האָב געמוזט מיין גיטלען אַריינשיקן אין קיך ברענגען נאָכאַמאָל טיי, וואָרעם איך קען מיין גיטלען, ביז זי האַלט זיך איין, האַלט זי זיך איין, אָבער אַז זי שיסט אויס, דערמלט... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, כאָטש מיין פאַריזער קוזין איז ביי אונדז נישט איינגעשטאַנען, האָב איך אָפּגעטעמט ווען ער איז אַוועקגעפאָרן.

מיינט איר אפשר, אַז דאָס איז דער סוף פון דער מעשה? אַ העלפט נאָר, איצט קומט די צווייטע העלפט. וואָרעם וואָס וואָס, אָבער פאַר אַ וואָרעמ-מענטש האָט זיך מיין פאַריזער קוזין יאָ אַרויסגעוויזן. א קאַרגן האַלב יאָר נאָך זיין וויזיט איז אָנגעקומען א פריינדלעכער בריוו מיט אַן איינלאַדונג געשריבן אויף פראַנצויז און אויף אַ פירמע-פּאַפּיר, און מיט א שטעמפּל, אַלץ ווי ס'באַדאַרף צו זיין. כ'האָב אויך באַקומען אַ מעלדונג, אַז ס'איז געקומען געלט אויף אַ בילעט. מיין ווייב איז געווען אין זיבעטן הימל, זי האָט שוין דעם פאַריזער קוזין אַלץ מוחל געווען. איך האָב זיך שוין געהאַט אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די גאַנצע לוסט-רייזע, ס'איז מיר איבערגעגאַנגען דער חשק. באַקומען די איינלאַדונג מיטן בילעט, האָט עס מיר געגעבן א ציפּ, פאַרוואָס טאַקע זיך נישט אַרויסרירן א ביסל? וואָס איז? איך בין קיין מענטש נישט? בפרט דער קוזין איז מיר ווי אַ ברודער, אַז ער איז דאָ א ביסל... ביי אים אין שטוב וועט עס אים אויך א נעם טאָן, דאָ האָבן אַלע ארומגעטאַנצט ארום אים, נישקשה אין פאַריז וועט אַנדערש זיין. אַזוי האָב איך זיך אַליין צוגעגעבן חשק צו דער רייזע.

בקיצור, ס'האָט גענומען א 4 חדשים און כ'בין פאַרטיק געווען צו דער נסיעה. אַ מאָנאַט אורלויב האָב איך געהאַט אין רעזערוו זינט צוויי יאָר און אַלץ וואָלט שוין מסתמא געגאַנגען גלאַטיק, ווען נישט מיין ווייבס

פלוידעריי, איר האָט אַנדערש נישט געטויגט ווי אויספּלוידערן, אַז אַ ליאַדע טאָג פאַר איך קיין פּאַריז.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, קיינמאָל איז נאָך מיין שוועל נישט אַריבערגעטראָטן אַזוי פיל מענטשן. מ'האָט אָנגעהויבן צו טראָגן צו מיר פּעקלעך מיט פּעקעלעך אָן אַ סוף. ס'זענען געקומען לאַנדסלייט, באַקאַנטע און סתם מענטשן, וועלכע כ'האָב צום ערשטן מאָל געזען פאַר מיינע אויגן, און די אָוונטן האָט זיך די טיר נישט צוגעמאַכט. יעדערער האָט פאַרזיכערט, אַז נאָר אַ קלייניקייט און מ'האָט מיר אָנגעבראַכט אַ באַרג מיט קרישטאָלן, פאַרשידענע פּאָרצעלייען, טישטעכער, לייילעכער, ליאַלקעס, קרעלן און נאָך אַזעלכע אַנטיקן, וואָס מע קריגט אין די „צעפּעליעס“.

— גזלנטע — האָב איך זיך געבעטן ביי מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, וועלכע איז געקומען ביים סוף מיט אַ פּעקל — גזלנטע, וואָס ווילסטו פון מיר? ווי אַזוי זאָל איך זיך דערמיט פאַרנעמען? ס'פעלט אויס אין פּאַריז מיט וואָס איבערצודעקן די בעטן?

— זיי דו נישט קיין גזלן, כ'דאַרף האָבן עטלעכע רעצעפּטן, געשריבן צו אַ מענטשן, אַפילו נישט קיין ווייטער קרוב, כ'וויל זיך אָפּדינגען.

— נאָר דעם קרישטאַל, כ'בעט אייך, מיין קוזינע שיקט מיר כסדר סוועטערלעך און וואָלענע זעקעלעך פאַר די קינדער, קאָן מע דאָך נישט זיין קיין חזיר, ס'גייט צו ווינטער, טוט מיר די טובה — האָט אין מיר אַריינגעטענהט אונדזער ליבע שכנטע מיט אַ שווערן קרישטאַל אין האַנט.

יעדער מתנה־שיקער האָט געהאַט אַ ספּעציעל וויכטיקע סיבה און איך האָב געהאַט ווייניק דערפאַרונג און אַ ווייך האַרץ. נו, האָב איך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. גיי טענהט צו די צאָל־באַאַמטע, אַז ס'איז נישט מיינס, אַז דאָס זענען מתנות. כ'האָב זיך אַליין דערפילט, ווי כ'וואָלט עפּעס דורכגעשמוגלט געפערלעכע זאַכן. הייגט דאָס שלעפּן די וואַליזעס אַראָפּ און אַרויף, דאָס צענישטערן, אַ צולאָג צו אַלע לויפעניש, הכלל, כ'בין קוים אַ לעבעדיקער אָנגעקומען קיין פּאַריז. אַ ביסל פריילעכער אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן, ווען כ'האָב דורכן פענצטער פון וואַגאָן דערזען מיין קוזין. „אָט דאָס הייסט אייגן בלוט“, האָב איך זיך געטראַכט, געקומען מיט דער פרוי. אין דמיון האָט זיך מיר באַלד פאָרגעשטעלט ווי דאָ אין פּאַריז, וועלן מיר זיך שוין אויסרעדן פאַר אַלע צייטן, אויסדערציילן וואָס מיט יעדערן איז אין דעם פערטל יאָרהונדערט פאָרגעקומען, אַ קלייניקייט עפּעס, וואָס אַ מענטש איז דורכגעגאַנגען אין אַזעלכע יאָרן.

מאָלט אייך אויס, אַז כ'האָב זיך בימער טועה געווען. מיינט נישט, אַז מיין קוזין האָט מיר חס וחלילה שלעכט אויפגענומען. פאַרקערט. געקומען צום באַן מיט אַן עלעגאַנטן „וואָטיר“, אין „סאַל מאַנזשע“ איז געווען צוגעגרייט יענער פיינער כיבוד, דערנאָך האָט ער מיר געוויזן דעם „אַפּאַרטאַמענט“ פון 5 צימערן און געזאָגט:

— כ'וויל, בערל, זאָלסט זיך פילן ביי מיר, ווי ביי זיך אין שטוב. איך מוז לויפן אין „מעזאָן“, אין פאַריז איז מע פאַריאָגט, אַ שווער לעבן אין פאַריז, ס'איז נישט, ווי ביי אייך, מ'אַרבעט אָפּ די פאָר שעה און פאַרטיק, הלוואי וואָלטן מיר שוין דאָ אַזוי געהאַלטן.

אָפּגעזאָגט קורץ און שאַרף די סדרה און אַוועק. דאָס ווייב איז נאָך פריער אַוועק, באַגלייט אונדז נאָר צום הויז, געאײַלט זיך אין נייעם „מעזאָן“, נו, כ'בין געבליבן מיט דער דינסט, געלאָזן מיר אײַנגאַנצן אויף איר באַראָט, דווקא אַ ליבע פרוי, מ'קאָן נישט זאָגן, כסדר געשמייכלט צו מיר, געקעכלט מיר, געערעדט, געוווּנקען צו מיר, נאָר גיי טענה זיך אויס, אַז מ'איז אַ שטומע צונג.

— זעסט, בערל, ווי מ'איז אין פאַריז פאַריאָגט, כ'האָב דיר געזאָגט, אַז דאָ האָרעוועט מע שווער — האָט מיר מיין קוזין געזאָגט יעדעס מאָל, ווען ער איז מיטן „וואָטיר“ געקומען אויף מיטאָג אָדער שפּעט אין אָוונט אויף אָוונט־ברויט. — ס'איז נישט ווי ביי אייך, הלוואי וואָלטן מיר שוין דאָ אַזוי געהאַלטן.

פאַריאָגטערהייט האָט פונדעסטוועגן מיין קוזין געפונען צייט אַביסל זיך דורכצושמועסן מיט מיר. ער האָט דווקא ליב צו שמועסן, ער האָט בפירוש הנאה פון רעדן, פונקט דאָס פאַרקערטע פון זיין ווייב זשערמען, זי איז אַ גרויסע שוויַיגערין, אַ רעדנדל אַ וואָרט. נו, האָט ער גערעדט מיט מיר, כ'מיין, ער האָט גערעדט, און איך, איך האָב נעבעך געשוויגן. וואָס האָב איך געהאַט צו רעדן, אַז ער האָט פאַר מיר גערעדט, דערציילט כסדר וואָס ער האָט געזען אין וואַרשע, אין קראָקע, אין נאָוואַ־הוטאַ און אומעטום, וווּ ער האָט געשטעלט אַ פוס. מאָלט אייך אויס, אַז פון אים האָב איך זיך דערוווּסט וויפל שטאָל ס'גיט אַרויס די נאָוואַ־הוטאַ און וויפל קוילן מע רייסט אַרויס פון די שלעזישע גרובן, וואָס מ'קאָן אַלץ באַקומען שפּאָט ביליק אין אונדזערע מאַגאַזינען. האָב איך אַרייַנגעוואָרפן אַ וואָרט, האָט ער תיכף ומיד גלייכגעשטעלט מיין טעות. דאָס פנים האָט מיר געפלאַמט פאַר חרפּה, איך אַ וואַרשעווער תושב און דערוויס זיך ערשט ביי מיין פאַריזער קוזין, וואָס ס'הערט זיך אין מיין לאַנד, כ'בין געזעסן אַ

פאַרגאַפטער, ער האָט מיר פשוט געעפֿנט די אויגן. כ׳האָב אָבער פֿאָרט געוואָלט מיר זאָלן זיך אַביסל דורכשמועסן פֿון האַרצן:

— דו ביסט געבליבן ווי געווען, משה — דאָרט רופֿט מען אים מאָרים — שטענדיק ליגסטו אין פּאָליטיק, ס׳קאָכט זיך שטענדיק אין דיר — האָב איך אים איינמאָל געזאָגט פֿאַרן שלאָפֿן גיין — וואָלסט מיר בעסער דערציילט... כ׳ווייס... איך בין אויך נישט ווייניק דורכגעגאַנגען אין די 28 יאָר, נישט ווייניק ליגט אויפֿן האַרץ, א מענטש איז דאָך נאָר אַ מענטש, ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען, וואָלסט זיך גענומען עטלעכע שעה צייט און מיר וואָלטן אַזוי געבליבן אויף פֿיר אויגן. געדענקסט ווי מיר פֿלעגן אַמאָל זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרץ?

— זעסט דאָך אַליין, ווי מ׳איז פֿאַריאָגט אין פּאַריז, ס׳איז נישט ווי ביי אייך, הלוואי וואָלטן מיר שוין דאָ אַזוי געהאַלטן — האָט ער מיר געענטפֿערט.

דריי וואָכן זענען דורכגעלאָפֿן און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן צוריקפֿאָרן. זאָגן אייך, אַז פּאַריז האָט מיר נישט אַ ריר געטאָן, אַז כ׳וואָלט נישט געוואָלט נאָך אָנקוקן דאָס און יענץ, וואָלט געווען אַ ליגן, ווי מאַכט מע דאָס אָבער, אַז מיין קוזין איז געבעד אַזאַ פֿאַריאָגטער מענטש? און בכלל... כ׳ווייס נישט ווי איר וואָלט זיך געפֿילט, מיר איז עפּעס געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרץ, אַ קוזין, כמעט אַ ברודער, נישט געזען זיך אַזוי פֿיל יאָרן און וואָסערע יאָרן, און...

בקיצור איך בין צופֿרידן געווען וואָס ס׳גייט צום סוף. און ס׳וואָלט שוין אַלץ גוט געווען, ווען נישט... ווען ס׳חרזט זיך נישט איבער די געשיכטע מיט די מתנות. מיין פּאַריזער קוזין איז אַביסל געראָטן אין מיין גיטלען, כ׳מיין אין פֿרט פֿון באַרעדעוודיקייט. האָט ער אומעטום אויסגעפּלאַפּלט, אַז ער האָט אַ גאַסט פֿון פּוילן. נו, האָט זיך אַ וואָך פֿאַר מיין אָפּפֿאָרן אָנגעהויבן א חתונה מיט פּעקלעך און פּעקלעך, מתנות פֿאַר קרובים און באַקאַנטע. כ׳האָב זיך ווידער געבעטן ווי ביי גזלנים, אַז מ׳קאָן נישט, מ׳טאָר נישט אַזוי פֿיל. מיינט איר ס׳האָט געהאָלפֿן? א נעכטיקער טאָג! דער סוף איז געווען, אַז כ׳בין ווידער געפֿאָרן אַ באַלאָדענער ווי אַן אייזל, צוריק געקומען מיט פֿולע וואַליזעס און אַ ליידיק האַרץ.

דער פאַרשפּעטיקטער ייִד

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפֿנט און ס׳האָט זיך באַוויזן א גרויער, מאַנסבילשער קאָפּ. א פּאָר פאָרשערישע אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין ביוראָ, ווי זיי וואָלטן אַפּריער געוואָלט אויסקוקן צי ס׳וועלן דאָ נישט זיין קיין איבעריקע עדות.

— אַריין! קומט אַריין! — האָט זיך צום צווייטן מאָל איבערגעחזרט די שטימע פון באַאַמטן.

דער עלטערער מענטש איז אַריין אין צימער, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, א ווײַלע געבליבן שטיין אַרומקוקנדיק זיך, און ווי ער וואָלט זיך איבערגעצייגט, אַז קיין זייטיקע מענטשן זענען נישטאָ, איז ער מיט אומדרייסטע טריט צוגעגאַנגען צום ביוראָ־טיש.

— כ׳בין גרינשטיין — האָט ער געזאָגט אין פויליש — העניק גרינשטיין.

— גרינשטיין? — האָט געפרעגט דער באַאַמטער, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען.

— יאָ, גרינשטיין, פון קאַטאָוויץ...

— גרינשטיין פון קאַטאָוויץ? — האָט דער באַאַמטער ווידער געפרעגט.

— צי האָט איר נישט דערהאַלטן מיין בריוו?

— א בריוו? א יאָ, געווען א בריוו פון קאַטאָוויץ, האָט דער באַאַמטער אָנגעהויבן זיך דערמאָנען — האָט איר דאָס דעם בריוו געשריבן? שוין שיינע עטלעכע וואָכן, א נאָמען פאַרגעסט זיך, כ׳מיין א נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן מענטש — האָט זיך דער באַאַמטער פאַרענטפערט —

נישט געווען קיין צוריק־אדרעס, פאַרוואָס האָט איר נישט אָנגעגעבן אייער אַדרעס?

— כ׳האָב געמיינט איר וועט פון מיין בריוו פאַרשטיין פאַרוואָס, היינט הייס איך נישט... כ׳הייס נישט... ווי זאָל איך עס זאָגן, היינט בין איך נישט גרינשטיין, אזא נאָמען מער נישטאָ, מיין נאָמען איז אָפּגעווישט געוואָרן, אומגעקומען צוזאַמען מיט... אָבער איך לעב, נאָר אונטער אן אנדער נאָמען, געמיינט איר וועט זיך פון מיין בריוו אָנשטויסן ווי די זאַך זעט אויס, געוואָלט אייך פריער א ביסל אריינפירן אין מיין לאַגע.

— ווי הייסט איר היינט?

— סאָקאָלאָווסקי, הענריק סאָקאָלאָווסקי, אזוי הייס איך זינט 1942, און אזוי... ס׳מוז שוין אזוי בלייבן.

דער עלטערער מענטש האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן שטול, וואָס דער באַאַמטער האָט אים אָנגעוויזן, צוגערוקט זיך נעענטער צום ביוראָטיש, ארויפגעלייגט אויף אים א האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט אונטערגעשפּאַרט דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ, ווי מע שפּאַרט אונטער מיט א דרענגל אן איינגעבויגענעם צווייג פון אן אלטן בוים, וואָס קאָן זיך אליין גלייך נישט האַלטן. זיין בלאַס, מאָגער געזיכט, וואָס האָט פריער נישט געהאַט קיין שום ענלעכקייט אויף א יידיש פּנים, האָט זיך איצט געענדערט. דאָס מויל איז נאָך מער איינגעפאַלן, די ליפּן האָבן זיך פאַרביסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט איינהאַלטן א סוד. אין די גרויע, וואַסערדיקע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן עפּעס אזא מאָדנע פייערל. אין דער זיצנדיקער פּאָזיציע מיטן אָנגעבויגענעם, אונטערגעשפּאַרטן קאָפּ האָט ער אויסגעזען עלטער, איצט האָט מען לייכט געקאָנט דערקענען אין אים אן אלטן, צעבראָכענעם ייד. ער איז געזעסן אי עפּעס אזוי היימישלעך, אי א ביסל נירטער, אומדרייסטער און געשוויגן, ווי ער וואָלט מיטן אויסלעגיטימירן זיך שוין אלץ געהאַט דערציילט וועגן זיך און מער גאָרנישט געהאַט צוצוגעבן.

— פאַרוואָס האָט איר אין אייער בריוו נישט אָנגעגעבן דעם אַדרעס, דעם איצטיקן נאָמען?

— אין דעם באַשטייט די זאַך, צוליב דעם געמוזט אליין קומען, כ׳וואָלט נישט געוואָלט קאָמפּליצירן מיין סיטואַציע, אויף דער עלטער, קיין געזונט נישטאָ...

— קאָמפּליצירן? מיט וואָס?

— געמיינט איר װעט זיך פון מיין בריװ אָנשטױסן, כ׳האָב אייך דאָך א ביסל אינפאָרמירט װעגן מיין לאַגע.

דער באַאַמטער האָט אויפגעמאכט דעם שופלאַד פון ביוראָ־טיש, ארויסגעצויגן א טעטשקע מיט קאָרעספאָנדענץ, אָפגעזוכט דעם בריװ און אויף גיך דורכגעלייענט.

— יאָ, יאָ, כ׳האָב געדענקט... נישט פארגעסן װעגן װאָס איר האָט געשריבן — האָט ער זיך װידער פארענטפערט — ס׳גייט אייך אין אונ־טערשטיצונג, כ׳מיין ס׳װעט נישט שװער זיין, הילף פאַר עלטערע מענטשן, איר קאָנט אזא אונטערשטיצונג באקומען אין אונדזער אינסטיטוציע, נאָר מיר מוזן עפּעס װיסן װעגן אייך, איר דארפט אונדז לאָזן אייער אַד־דרעס, אייער נאָמען, אָנגעבן אנדערע אייגנצלהייטן. מיר זענען אן אינ־סטיטוציע, איר פארשטייט דאָך אליין. אין אן אינסטיטוציע איז פאראן אַ קאָנטראָל, ס׳מוז פארצייכנט זיין װער עס באקומט די הילף, װו דער מענטש װוינט, װער ער איז, פון װאַנען ער שטאמט. מיט אייער בריװ האָב איך גאָרנישט געקאָנט דערליידיקן, ס׳איז נישט קלאָר געװען, ס׳איז נאָך אויך איצט נישט קלאָר, ס׳מוז זיין קלאָרקייט, ס׳איז אן אינסטיטו־ציע, ס׳פאָדערט זיך קלאָרקייט.

— קלאָרקייט — האָט דער ייד שטיל איבערגעחזרט און אן איראָ־נישער שמייכל האָט פארבלאָנקעט צװישן די ליפּן — דארף איך אייך הייסט עס קלאָר מאכן מיין גאנצע געשיכטע, ס׳איז א לאַנגע געשיכטע, זייער א לאַנגע, ארייגצוברענגען אין איר קלאָרקייט איז נישט לייכט, א פינצטערע געשיכטע, און דאָ װיל מען ס׳זאָל זיין קלאָר...

ער האָט אָפּגעהאקט, ארויסגעלאָזט א לאַנגן זיפץ, אװעקגענומען די האַנט פון אונטערן קאָפּ, אויסגעגלייכט זיך א ביסל, באַלד זיך װידער איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט, װי ער װאָלט געװאָלט אין זיך ארייגקריכן און שטיל פאָרגעזעצט:

— כ׳שטאַם פון קראָקע, איינער פון דער גאנצער משפּחה זיך גע־ראטעװעט, אלע אומגעקומען, אלע, אלע, איך איינער געבליבן, אפילו קיין באקאנטע נישט. כ׳בין אנטלאָפן פון א... סוף זומער 1942, אָנגעקומען קיין קאַטאָװיץ, נישט אויסגעזען אויף קיין ייד, דאָס האָט מיך געראטע־װעט, הייגט בין איך שוין גרוי, װייס, דעמלט געהאט העל־בלאָנדע האָר, כאָטש שוין אלט געװען 47 יאָר און געהאט דורכגעמאכט, איר װייסט מסתמא, װאָס ס׳איז געװען. יאָ, מע װייס װאָס ס׳איז געװען נאָר מע װייסט

נישט, וואָס יעדערער באַזונדער איז דורכגעגאַנגען, געמאָ, אַרבעטס־לאַ־גער, צוריק געטאָ, אויסזידלונג און...

א קלאַפּ אין מיר האָט אים איבערגעריסן די רייד. אַז דער באַאַמ־טער האָט זיך אָפּגעפּטערט דעם ביי־אַריינגעקומענעם, האָט דער מענטש געזאָגט:

— צוואָס אייך אַלץ דערציילן? ס׳וועט פאַרנעמען צופיל צייט, קורץ, כ׳האָב זיך דורך א נס אָפּגעראַטעוועט, אָנגעקומען קיין קאַטאָוויץ און פאַרבליבן, קיינער האָט מיר דאָ נישט געקענט. מיין אויסזען, מיין פּוילישע שפּראַך האָבן מיר נישט געקענט פאַראַטן, באַקומען אַר־בעט אין מיין פאַך, אַלס בוכהאַלטער, פּאַפּירן געהאַט אויפן נאָמען סאָ־קאָלאָווסקי, בוכהאַלטער סאָקאָלאָווסקי, ריינער אַריער, א פּאָליאַק־קאַ־טאָליק...

— און נאָך דער מלחמה?

— כ׳האָב אייך געזאָגט, קיינער פון מיין משפּחה נישט געבליבן, קיין איין לעבעדיקער פון קרובים, פון באַקאַנטע, קיין שפּור.

— כ׳פאַרשטיי, נאָר ס׳איז מיר נישט קלאָר...

— וואָס איז אייך נאָך נישט קלאָר? וואָס ס׳איז ווייטער געווען?

— זייט זשע מוחל, וואָס כ׳פרעג אייך אַזוי פיל אויס, אָבער אייער ענין איז נישט קיין געוויינלעכער, כ׳וויל זאָגן...

— יאָ, נישט קיין געוויינלעכער — האָט ער אָפּגעזיפצט.

— האָט קיין פאַריבל נישט, אָבער ווי איך פאַרשטיי האָט איר נאָך דער מלחמה ווייטער אויסבאַהאַלטן, אַז...

— ווייטער פאַרבליבן א סאָקאָלאָווסקי, הענריק סאָקאָלאָווסקי, פאַר־שטייט דאָס ווי איר ווילט.

— ס׳וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו וויסן...

— איר ווילט וויסן פאַרוואָס איך קום צו יידן נאָר דעמלט, ווען כ׳דאַרף? נאָך געלט? — האָט דער ייד מיט א שטילער מעלאַנכאָלישער שטימע אים איבערגעריסן.

— ניין, נישט דאָס, זייט־זשע מוחל, איר דאַרפט נישט הושד זיין מענטשן אין אַזעלכע זאַכן, כ׳וויל פרעגן, ווי אַזוי איר האָט זיך דערוווסט וועגן אונדזער אינסטיטוציע, אַז איר זענט נישט פאַרבונדן מיט יידן?

— נישט פאַרבונדן מיט יידן — האָט דער מענטש, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ איבערגעחזרט די ווערטער — וואָס קאָן מע וויסן מיט וואָס א מענטש איז אינערלעך געבונדן, מיט וואָס א מענטש... וואָס ס׳טוט זיך אין

א מענטשנס האַרץ, נאָר צו אייך האָט מיר מאַקע געבראַכט מיין לאַגע. איר פאַרשטייט, מיט עטלעכע יאָר צוריק געמוזט אויפהערן אַרבעטן, נאָך א לאַנגער קראַנקהייט, דערנאָך באַקומען א רענטע, איר ווייסט דאָך, שווער אויסצולעבן, און אויף דער עלטער רופן זיך אָפּ אַלע צרות, אַלע מאָל אן אַנדער קרענק, שווער, אז מ׳איז אַלט און איינזאַם איז נאָך שווע־רער, נאָך שווערער....

— ס׳וואָלט אייך לייכטער געווען צו זיין צווישן יידן, כ׳פאַרשטיי נישט פאַרוואָס? צוואָס איז אייך איצט נייטיק, פאַרוואָס באַהאַלט איר אויס?...

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? ס׳איז דען לייכט צו ענטפערן אויף אַלע פאַרוואָסן? זינט די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויסשעכטן די יידן, האַלט איך אין איין פרעגן פאַרוואָס און קען אויף קיין איין פאַרוואָס קיין ענט־פער נישט געפינען. שווער מיר היינט צו זאָגן פאַרוואָס, ס׳איז אַזוי פאַרבליבן, יענע צייטן האָבן צעטומלט.

יענע צייטן האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט, נישטאָ היינט קיין סיבה, היינט קאָנט איר זיין דאָס וואָס איר זענט.

— דער היינט איז פאַרבונדן מיטן נעכטן, נישט לייכט פאַנאַנדער־צוטיילן, צי ווייסט איר וואָס הייסט זיין אייגער אַליין אויף דער וועלט? אויף דער עלטער איינער אַליין?

— כ׳פאַרשטיי, אָבער דערפאַר האָט איר געדאַרפט זיך אומקערן צו אייגענע, כ׳מיין זיין צווישן יידן, געדאַרפט גאַנץ פשוט...

— געדאַרפט, נאָר היינט שוין צו שפּעט, פריער נישט פאַרשטאַנען, צעטומלט געווען, מ׳איז געווען, ווי אן איבערגעשראָקענע, א געיאָגטע חיה, וואָס האָט מורא אַרויסצוקריכן פון דער נאָרע, ווו זי האָט זיך פאַר־שטעקט. די יאָרן געלאָפן, געלאָפן און היינט צו שפּעט.

פאַרוואָס צו שפּעט?

דער עלטערער מענטש האָט ווידער אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, איינגעגראָבן די אויגן אין טיש, ווידער אָפּגעזיפצט און פאַרגעזעצט ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— זינט זומער 1942 אויס ייד, אויסגרינשטיין, 18 יאָר לעבן אין א שטאָט, צווישן מענטשן, ביי דער אַרבעט, ווי העגדריק סאָקאָלאָווסקי, 18 יאָר מיט שכנים ווי א... ווי א פּאָליאַק פון קאַטוילישן גלויבן, און פּלוצ־לונג גייט ווערט פאַר זיי אן אַנדערער, א ייד גאָר! ניין, נישט לייכט, גאַנץ שווער, שוין צו שפּעט. ווי זאָל איך אייך האָס אויפקלערן? —

האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געוואָנדן זיך צום מענטש אנטקעגן אים — ס'איז פּונקט אַזוי, ווי איך זאָל וועלן אַרויפּציען אויף זיך די אַמאָליקע הויט, אַ יונגע הויט, ס'וואָלט נישט שלעכט געווען, ווען מ'וואָלט געקאָנט צוריק יונג ווערן, ווער וואָלט נישט געוואָלט? נאָר די עלטער האלט דעם מענטש, בויגט אים מיט יעדן טאָג מער איין, ענדערט זיין פּנים, זיינע האָר. איר קענט זיך נישט ארויסרייסן פון... פון די יאָרן, מ'וויל יונג זיין און מ'קאָן נישט, צו שפּעט, מ'קאָן זיך נישט אומקערן צו די יונגע יאָרן. זיך אומקערן צו זיך גופא, צו דעם וואָס כ'בין געווען, שיינט מיר אויך צו זיין צו שפּעט, כ'מיין פאר מיר, צו שפּעט פאר מיר, וואָרעם יעדערער...

דער מענטש האָט נישט פארענדיקט דעם זאץ, אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, אז ער האָט שוין מער דערהציילט, ווי ער האָט געוואָלט. זיין קרענקלעך פּנים האָט איצט געהאט דעם קאָליר פון אַש, דער איראָנישער שמייכל אין די מויל־ווינקלען איז פארשוואונדן, זיינע אקסלען האָבן לייכט געציטערט, ער האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ גערודפטער, רעזיגנירטער ייד, וועלכן ס'האָבן פארלאָזן אלע כוחות, קאָן זיך שוין מער נישט ווערן. דער באַאַמטער פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך דערפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, צי ער זאָל דעם ייד טרייסטן, צי פאַרוואַרפן אים זיין אויפפירעכץ, האָט ער בלויז ארויסגעצויגן פון שופלאד אַן אָנקעטע־בויגן, געבעטן אויספילן און אָנגעבן אַן אַדרעס איבערצושיקן די אונטערשטיצונג.

— איצט וויל איך שטעלן אַ פראגע — האָט דער עלטערער מענטש נישט דרייסט געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפילט דעם בויגן.

— פּרעגט־זשע.

— צי קאָן מען איבערשיקן דאָס געלט נישט ווי אַ יידישע אינסטיטוציע? איר פארשטייט וואָס כ'מיין, ס'זאָל נישט קענטיק זיין.

— צוליב וואָס דען? — האָט זיך דער באַאַמטער ביזלעך געוווּנדערט — ס'מוז דאָך זיין אַ צוריקאַדרעס, מ'קאָן דאָך נישט אנדערש.

— ס'קאָן זיין אָנגעגעבן אַן אנדער אַדרעס, וואָס קאָן עס אייך שאטן?

— און וואָס קאָן עס אייך שאטן, אז ס'וועט זיין דער ריכטיקער אַדרעס?

— איך קלער אייך אויף און איר קאָנט מיך נישט פארשטיין, פאַרוואָס זאָלט איר נישט אריינגיין אין מיין לאַגע? איר זעט דאָך, כ'האָב

65 יאָר און איינער אַליין, קיין שום קרובים, קיינעמען נישט, א מענטש מוז אַנקלאַפּן אין א טיר, אָנקומען צו א שכן, מ'קאָן דאָך נישט לעבן אָן מענטשן, און דאָ ווערט פאַר זיי פּלוצלונג אן אנדערער, כ'ווייס, ווי אזוי מע וועט קוקן אויף מיר, איך האָב שוין נישט קיין כּוח, צו שפּעט פאַר מיר...

— איר זענט א מאָדנער מענטש, ווער באַהאַלט זיך היינט אויס? איר זענט אן אויסנאַם, טוט אייך אַליין אָן צרות.

ער האָט אָפּגעגעבן דעם אנקעטע־בויגן, אויפגעהויבן זיך פון שטול, צוגעקנעפּלט דעם מאַנטל, געמאַכט א באַוועגונג אַוועקצוגיין און געבליבן ווייטער שטיין פאַרן בוראַ־טיש, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן.

— ס'וועט דערליידיקט זיין, כ'וועל מיר באַמיען ס'זאָל וואָס גיכער דערליידיקט ווערן — האָט אים דער באַאַמטער פאַרזיכערט.

ער האָט א שאָקל געגעבן מיטן גרויען קאָפּ, ווידער געמאַכט א באַוועגונג אַוועקצוגיין און שטיין געבליבן. זיינע וואַסערדיקע אויגן זענען געוואָרן נאָך וואַסערדיקער. מיט איין האַנט אין קעשענע, מיטן קאַפּעלוש אין דער צווייטער האַנט, האָט ער איצט געקוקט צום פענצטער, ווי ער וואָלט באַטראַכט דעם רעגן, וואָס האָט געגאָסן אין דרויסן.

— צי האָט איר נאָך עפּעס צוצוגעבן?

— כ'וויל נאָכאַמאָל בעטן איך... איר זאָלט נישט פאַרגעסן וועגן צוריקאַדרעס, כ'בעט אייך זייער, כ'דאַרף האָבן רו... אַ קראַנק האַרץ, איר פאַרשטייט?

— כ'האָב דאָך אייך צוגעזאָגט, איר זענט א מאָדנער מענטש, איר מוזט האָבן צוטרוי צו מענטשן, צו אונדז, צו אַנדערע מענטשן, מ'קאָן נישט אזוי — מ'דאַרף האָבן צוטרוי.

— איר זענט גערעכט, ס'איז א גרויס גליק, אז מ'קאָן האָבן צו־טרוי, מ'האַרף האָבן צוטרוי, ס'איז אַ גליק, נאָר איך...

— מ'וועט אייך שוין קיין שלעכטס נישט טאָן, זייט רואיק, איר קאָנט שלאָפן רואיק.

ווי די ווערטער וואָלטן אים דאָס מאָל באַרואיקט, האָט ער עטלע־כע מאָל שטיל געדאַנקט, שאָקלענדיק מיטן ווייסן קאָפּ, געזעגנט זיך און מיט דראָבנע טריט פאַרלאָזן דאָס צימער, מורמלענדיק צו זיך אַליין:

„צו שפּעט פאַר מיר, צו שפּעט, ליידער צו שפּעט“.


Benn

אין קינדער־שפּיטאָל

(געטאָ־סקיצע)

יענעם טאָג האָט גיטעלע בעסער אויסגעזען, געהאַט דורכגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט. דער טאָג האָט זיך גוט אָנגעהויבן, די שוועסטער סאַבינע האָט איר אינדערפרי געבראַכט אַן אַלטע גרויסע ליאַלקע. גיטעלעס איינגעדאַרט, געל פּנימל האָט זיך באַצויגן מיט אַ בלאַסער ראָזיקייט, צווישן די ליפּן האָט פאַרבלאָנקעט אַ גרימאַסע־שמייכל, אין די טיפע, בלויע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייערל. זי האָט זיך האַסטיק אונטערגעהויבן, ווי די מתנה וואָלט איר געגעבן כוחות, געוואָלט זיך אויפזעצן און צוריקגעפאַלן. די שוועסטער סאַבינע האָט אַוועקגעלייגט די ליאַלקע האַרט לעבן איר.

— זי האָט בלויע אויגן, ווי דיינע.

— ווי מיינע? זי וועט קראַנק ווערן, ווי איך? זי וועט נישט?

— ניין, זי וועט נישט.

— אַ ליאַלקע ווערט קיינמאָל נישט קראַנק, אמת?

— קיינמאָל נישט.

— ווייל אַ ליאַלקע דאַרף נישט עסן, אַז זי האָט נישט צו עסן, ווערט יי נישט קראַנק, אמת, שוועסטער?

— אמת.

— אמת, אַז אַ ליאַלקע שטאַרבט קיינמאָל נישט?

— ניין, אַ ליאַלקע שטאַרבט נישט.

גיטעלע ווייסט, אַז אַ ליאַלקע שטאַרבט נישט, זי איז שוין אַ גרויסע, נאָר זי וויל די שוועסטער זאָל איר דאָס זאָגן, זי זאָל איר דערציילן

וועגן דער ליאַלקע און וועגן אַנדערע זאַכן. זי האָט אַזוי ליב די שוועס־טער סאַבינע, „איר זענט אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע" — זאָגט זי צו איר שטענדיק. זי וואָלט געוואָלט זי זאָל אַ ביסל לענגער זיצן לעבן איר, זאָל שטענדיק זיצן לעבן איר און עפּעס דערציילן, איר איז דאָך דאָ אין ווינקל אַזוי אומעטיק.

* *
*

גיטעלעס בעטל איז געשטאַנען אין ווינקל ביים וואַנט, ביים סוף זאַל, אויפן אָפּגעשפּאַרטן אָרט, וואָס מ'האָט געוווּנען ביים צוזאַמענרוקן געדיכטער די אַנדערע בעטלעך. מ'האָט די 7־יעריקע פּאַציענטקע דאָ אַוועקגעלייגט צייטווייליק, ביז ס'וועט פריי ווערן אַ בעטל אויף אַן אַנ־דער זאַל. דערווייל האָט אַלע מאָל מער פאַרפעלט אָרט פאַר נייע פּאַ־ציענטן און גיטעלע איז אַלץ געבליבן אין ווינקל ביים וואַנט, צופוסנס אויף איר צייטווייליק בעטל האָט מען דערווייל אויפגעהאָנגען אַ טאַוועלע מיט אַן אויפשריפט: „בויך־געשווילעכץ — הונגער־קראַנקהייט".

גיטעלען איז זייער אומעטיק, אוי, ווי אומעטיק. אויף די אַנדערע בעטלעך ליגן יינגלעך, מיט יינגלעך קאָן מען זיך נישט שפּילן, די דאָ זענען אַזעלכע מאָדנע. גיטעלע וואָלט זייער געוואָלט זיך שפּילן אין עפּעס, זי קאָן זיך נישט אויפזעצן, איר בויך איז אויפגעבלאָזן, נאָר מ'קאָן זיך שפּילן אַנדערש, אין טרעפענישן, זיך עפּעס דערציילן, נאָר זיי ווילן נישט. גיטעלע רעדט צו זיי, ווייל זיי עפּעס זאָגן, נאָר קיינער ענטפערט נישט, קיינער רופט זיך צו איר נישט אָפּ, זי הייבט אונטער דעם קאָפּ, קוקט אַריבער צו די אַנדערע בעטלעך, בעט מיט די אויגן מ'זאָל זיך צו איר אָפּרופן, זי וויל זיך מיט זיי חברן און זיי גאָרנישט, אַ גאַנצן טאָג ליגן זיי שטיל, פון אָנהייב האָט זי געמיינט זיי שלאָפן, נאָר איצט ווייסט זי, אַז זיי שלאָפן נישט, נאָר זענען אַזעלכע, אפילו אַז די שוועסטער רעדט צו זיי, ענטפערן זיי נישט, צוליב דעם איז דאָ אַזוי אומעטיק.

* *
*

אין לאַנגן שפּיטאָל־זאַל איז שטיל און אומעטיק, ווי אויף אַ בית־עולם, נאָר גיטעלעס שוואַכע שטימע רופט פון מאָל צו מאָל:

— לייבעלע, לייבעלע, דו הערסט נישט? קוק צו מיר, כ׳וויל דיר עפעס ווייזן, זע, וואָס די שוועסטער סאַבינע האָט מיר געבראַכט.

גיטעלעס נאָענטסטער שכן ענטפערט נישט, דער זעקס־יעריקער לייבעלע ליגט מיטן אַן אָפן מויל און אויסגעלאָשענע אויגן, אומבאַוועג־לעך, ווי אַ קוקלע. דער אויפגעבלאָזענער בויך האָט זיך ביי אים אויס־געצויגן און הענגט אַראָפ מיטן נאָפל, ווי אַ פּאַרקאַרקעוועט גרויס בלאָז־זעקל אָנגעפולט מיט וואַסער; די פיסעלעך משונהדיק אויסגעדרייט, די קניען שטאַרצן אַרויס, ווי נאַקעטע געל־גרינע שטיינער. די הענט הענגען אַראָפ, ווי זיי וואָלטן בלויז לייכט צוגעטשעפעט געווען צו די אקסלען און אָט־אָט רייסן זיי זיך אָפ. לייבעלע באַקלאָגט זיך קיינמאָל גישט, בעט גאָרנישט, טוט אפילו קיין קרעכץ נישט.

— ס׳טוט דיר וויי, זאָג, ס׳טוט דיר עפעס וויי — האָט גיטעלע מיט מיטלייד געפרעגט.

לייבעלע גייט די פראַגע נישט אָן, ס׳גייט אים שוין גאָרנישט אָן. גיטעלע האָט נאָכגעקוקט, ווי דער דאָקטער האָט איינמאָל געפרווט אים אויפשטעלן, געמוזט אים אונטערהאַלטן מיט דער האַנט און מיט דער אַנדערער האַנט געטאַפּט אים דעם גרויסן קאָפ, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן, אין אָפענעם מויל, דערנאָך אים געדרייט אויף אַלע זייטן און לייבעלע האָט אפילו קיין פיפס נישט געטאָן. אויפן טאָוועלע איבער זיין בעטל איז אויפגעשריבן: „אטראָפיאַ“ — „הונגער־קראַנקהייט“.

— הערשעלע, הערשעלע, דריי דיך אוים צו מיר, כ׳וועל דיר עפעם דערציילן, כ׳וויל דיר עפעם זאָגן, הערשעלע, הערסט נישט?

הערשעלע ענטפערט איר אויך נישט, ער איז אַזאַ קליינטשיקער, אַזאַ פיטשענקעלע, כאָטש ער איז שוין אַלט פיר און אַ האַלב יאָר. די קניען ביי אים אויסגעבויגן, די קנאָכנס אויסגעדרייט, באַצויגן בלויז מיט אַ געלער הויט, דער בויך נאָר אַ גראָבער, אויפגעבלאָזן ווי ביי אַ זשאַבע; ער ליגט איינגעדרייט, ווי אַ קלומעקל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, די פינ־גער פון דער רעכטער האַנט ביים מויל. הערשעלע זעט אויס, ווי ער וואָלט אויף אַלעמען ברוגז געווען, קוקט אויף קיינעמען נישט. פאַרוואָס איז ער אויף גיטעלען ברוגז? זי האָט דערפון עגמת־נפש, נאָר הערשעלע וויל אויף קיינעמען נישט קוקן.

אין דריטן בעטל ליגט שימעלע, ער איז זעקס און אַ האַלבן יאָר און ווייסט אַלץ ווי אַ גרויסער. האָט גיטעלען דערציילט, ווי אַזוי זיי זע־נען פון דער פראָווינץ געקומען, אַלע יידן האָט מען פון דאָרט אַהער

געשיקט אין געטאָ, דאָ האָבן זיי אויך נישט געהאַט וואָס צו עסן, צוליב דעם האָבן זיך ביי אים אויסגעדרייט די קניען און די עלנבויגנס און „דאָס פלייש אויף די פיס גייט פאַרלוירן". אַז שימעלע איז אַראָפּגע־קראָכן פון בעטל און צוגעגאַנגען צו גיטעלען איר דערציילן, האָט ער זיך געשאָקלט ביים גיין, ווי אַ קאַטשקע, אַלע „אויסגעטריקנטע" גייען מיט אַזאַ קאַטשקעוואַטן גאַנג, איצט קאָן שוין שימעלע אינגאַנצן נישט גיין, ער וויל נאָכאַמאָל צוקומען צו גיטעלען, נאָר ער קאָן נישט, צוליב דעם איז ער טרויעריק און רעדט גאָרנישט.

צוממיינסטנס האָט גיטעלע ליב דודלען, אַזאַ רחמנות איר אויף אים, ער איז שטענדיק הונגעריק. דודל זעט אויס, ווי ער וואָלט שטענדיק געוויינט, ער וויינט נישט, נאָר ער זעט אַזוי אויס, קוקט אַזוי טרויעריק מיט גרויסע אויגן, ווי ער וואָלט שטענדיק עפּעס געזוכט און נישט גע־קאָנט געפינען. ער איז אַזאַ דאַרינקער, אַז ער ברעכט זיך שיעור נישט איבער, אים דוכט זיך שטענדיק, אַז ער איז הונגעריק, בעט כסדר שטי־לערהייט עפּעס עסן, נאָר אַז מע גיט אים, עסט ער סיידי נישט, נאָר קוקט. אויף זיין בעטל איז אויפגעשריבן אַזאַ מאָדנע קרענק: „פּסיכישער הונגער", צוליב דער־אָ קרענק איז ער אַזוי טרויעריק, וויל צו גיטעלען נישט צוקומען.

— כ'וויל דיר עפּעס זאָגן — זאָגט צו אים גיטעלע און ער ענט־פערט נאָר:

— כ'בין הונגעריק.

גיטעלען דאַכט זיך, אַז באַלד וועט ער זיך פאַנאַנדערוויינען אויפן קול, נאָר ער וויינט נישט, ער האָט נאָר אַזאַ פּנים.

* *
*

זיגמונט וואָלט אויך זיכער געקאָנט צוקומען, ער איז שוין אינגאַנצן אַ גרויסער, 8 יאָר אַלט, נאָר ער איז אַ בייזער, אַן אָנגעכמורעטער, ווי ער וואָלט מיט אַלע צעקריגט געווען, מסתמא דערפאַר, וואָס ער האָט אַזאַ מיאוסע קרענק; די באַקן, דער האַלדז אַזוי אויפגעבלאָזן, אונטער דער גאָמבע אַזוי קאָמיש גראָב און זיין קאָפּ זעט אויס ווי אַ גרויסער באַלאָן. אַז ער גייט אַראָפּ פון בעטל קוקט אים גיטעלע נאָך, זי זעט ווי ער שאָקלט זיך אויף זיינע אָנגעשוואָלענע פיס, נאָר גיין קאָן ער.

פאַרוואָס וויל ער צו איר נישט צוקומען? פאַרוואָס וויל ער צו איר נישט רעדן? פאַרוואָס אַזאַ בייזער? אפשר צוליב דער מיאוסער קרענק?

ווייטער ליגן די „טרוקענע“. גיטעלע ווייסט פאַרוואָס מע רופט זיי אַזוי, זיי האָבן אַ טרוקענע הונגער־קראַנקהייט, זענען נישט אויפגעבלאָזן, נאָר די הענט און פיס זענען ביי זיי אַזוי דין און לאַנג אויסגעצויגן, דאָס פּנים געגרינצלט ווי ביי אַלטע מענטשן. זיי זענען „האַרליאַקעס“, האָבן נישט קיין כוח אַרומצוגיין. מיט די „האַרליאַקעס“ האָט זיך גיטעלע קיינמאָל נישט פאַרגעבן, נישט גערופן, זיי וואָלטן סיידי נישט געענטפערט, ליגן אויסגעצויגן, ווי זיי וואָלטן געשלאָפן, און אַז אַ „האַרליאַק“ גייט אַראָפּ פון בעט, מיינט מען, אַז ער איז זייער אַ גרויסער, נאָר דאָס איז דערפאַר וואָס זיי זענען זייער דאַר. גיטעלע האָט געקוקט ווען מ׳האָט געבראַכט די צוויי „האַרליאַקעס“, וואָס ליגן אויפן מיטלסטן בעטל, אויף יענעם בעטל איז געשטאָרבן טאַדעק, קיינער האָט נישט געוווסט, אַז טאַדעק איז געשטאָרבן, נאָר זי גיטעלע האָט פאַרשטאַנען, זי האָט געזען, ווי מ׳האָט אים איינגעוויקלט אין אַ ליילעך און אַרויסגעטראָגן אויפן טראָג־בעטל. דערנאָך אויף יענעם בעטל אַרויפגעלייגט די צוויי „האַרליאַקעס“, זיי רירן זיך נישט, קאָנען זיי ליגן צוזאַמען. אַז די שוועסטער האָט אויפן וועגעלע גיטעלען געפירט צום רענטגען האָט זי אויף זיי ביידע געקוקט, איינער האָט געהאַט אַזאַ פאַרקרימטע מינע, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס זייער וויי געטאָן, דער אַנדערער איז געלעגן שטיל, די שוועסטער סאַבינע איז געשטאַנען לעבן זיי און געהאַלטן ביי דער האַנט יענעם מיט דער פאַרקרימטער מינע. אַז די שוועסטער סאַבינע שטייט לאַנג ביי אַ בעטל איז אַ שלעכטער סימן, ביי דעם פריערדיקן „האַרליאַק“ איז זי אויך לאַנג געשטאַנען און דערנאָך אים פאַרדעקט דאָס פּנים. גיטעלע האָט אַהין געקוקט און אַלץ געזען, די אַנדערע קוקן אין ערגעץ נישט און זעען גאָרנישט.

פון אָנהייב איז דאָ גיטעלען זייער שלעכט געווען, אוי, ווי שלעכט. יעדן טאָג געפרעגט די שוועסטער, ווען מ׳וועט זי איבערפירן ערגעץ אַנדערש. דערנאָך האָט גיטעלע זיך צוגעוווינט צום אומעטיקן זאַל, ליב באַקומען אירע קליינע חברימלעך און געוואָלט שוין דאָ בלייבן ביז זי וועט געזונט ווערן. דעם גאַנצן טאָג געקוקט, אַריבערגעקוקט צו די בעטלעך, גערופן אַלע מאָל צו אַן אַנדער ייִנגעלע און אַז קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן איז גיטעלע צוליב דעם נישט בייז געוואָרן. וואָס זענען

זיי שולדיק, אַז זיי האָבן אַזעלכע קרענק, צוליב די קרענק ליגן זיי אַזוי שטיל און אומעטיק.

*   *
*

שטיל און אומעטיק איז אין לאַנגן שפּיטאָל־זאַל. איין און צוואַנ־ציק בעטלעך, צוואַנציק שטענדיקע און איינס אַ ציימווייליקס, אַוועק־געשטעלט פּאָר ביטעלעך אויפן געוויינענעם אָרט נאָכן צוזאַמענרוקן ענגער די אַנדערע קינדער־בעטלעך. איבער צוואַנציק פּאַציענטן פון 4 ביז 10 יאָר, און אין זאַל הענגט אַ פּאַרגליווערטע שטילקייט, אַן אומעטיקע שטילקייט ווי אויף אַ בית־עולם. קינדער פּלאַפּלען, שפּילן זיך, שטיפן אפילו קראַנקערהייט, לאַכן אפילו אויף שפּיטאָל־בעטלעך, אָבער נישט דאָ. דאָ לאַכט מע נישט און דאָ וויינט מע נישט, דאָ זענען קראַנקע קינדער פון געטאָ, קראַנק אויף דער „הונגער־קרענק“.

הונגער־קרענק. זי אַטאַקירט צוממיינסטנס די יינגסטע און שוואַכס־טע, זי וואַרפט זיך אויף די געטאָ־קינדער, צעדרייט זייערע ביינער, צע־פרעסט די מוסקולן, געוועבן, געדערים, די לונגען, בלאָזט אויף די קינדערישע לייבער, טריקנט אוים ביי זיי די הויט, באַדעקט זיי מיט אויסשיטעכצן, געשווירן, אייטערדיקע ווונדן, מיט משונהדיקע פלעקן, פרעסט אויף פון זייערע פּיס די מוסקולן, טויט אָפּ אין זיי דעם געלעכ־טער, דאָס געוויין.

הונגער־קראַנקהייט. זי רויבט אַוועק פון געטאָ־קינד אַ העלפט פון זיין וואָג, זויגט אוים דאָס בלוט, שטעלט אָפּ דעם וווקס פון קינד, מאַכט פון אים אַ קריפּל, אַ זקן מיט אַ גערינצלטער הויט און אויסגעלאָשענע אויגן. די הויט ביים קראַנקן געטאָ־קינד וויקלט זיך אין פאַלדן, באַדעקט זיך מיט אַ ברוינער פּיגמענטאַציע, מיט פלעקן, וואָס גיסן זיך צוזאַמען אויף די פּלייצעס, אויפן בויך. ס'טרעפט, אַז טיילן פון זיין קערפּער ווערן באַוואַקסן מיט האָר.

*   *
*

דער שפּיטאָל־זאַל איז געגליכן צו אַ זקנים־הויז. אין קינדער־זאַל איז שטיל און אומעטיק ווי אויף אַ בית־עולם. די קראַנקע געטאָ־קינדער

ליגן שטיל, ווי גרויז־גרויע זקנים, ליגן אין אַ כאַראַקטעריסטישער פּאָזי־ציע — אויף אַ זייט, מיט איינגעקאָרטשעטע, קאַלטע, פּיאָלעטע פּיס, צוזאַמענגעדרייט, ווי קלומעקלעך, מיט קאַלטע, ציטערנדיקע הענטלעך ציען זיי אַריבער די קאָלדרע איבערן קאָפּ; דעם געטאָ־קינד איז פראָסטיק־קאַלט אַפילו אין די גרויסע היצן, דער הונגער האָט אויסגעצאַפּט פון זיין לייב דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט, זייער טעמפּעראַטור איז אַ ני־דעריקע, אַפילו ווען דער טובערקולאָז פרעסט זייערע לונגען און געדערים. די קליינע געטאָ־פּאַציענטן ליגן אויף זייערע בעטלעך שווייגעדיקע, ס׳דאַכט זיך זיי שלאָפן דעם גאַנצן טאָג. אָבער ניין, זיי שלאָפן זעלטן אַפילו ביינאַכט, די הונגער־קרענק האָט זיי אַוועקגענומען דעם שלאָף, זיי ליידן אויף שלאָפלאָזיקייט, ווי אַלטע מענטשן.

אין לאַנגן קינדער־זאַל איז שטיל און אומעטיק, ווי אויף אַ בית עולם. פּלוצלונג האָט די פאַרגליווערטע שטילקייט דורכגעשניטן אַ מורא־דיקער, פאַרשטיקטער געשריי. דער געשריי האָט ווי מיט אַ שטיין אַ קלאַפּ געטאָן אין די פאַרשמאַכטע קינדערישע קעפּלעך, אַרויסגעריסן פון פאַר־גליווערונג די קינדערישע מוחות, די פאַרשטאַרטע גלידער. די קלומעק־לעך אויף די בעטלעך האָבן אָנגעהויבן זיך רירן מיט פאַמעלעכע, צע־קראָכענע באַוועגונגען, קליינע פּאַציענטן האָבן אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אָנגעשפּיצט די אויערן, אויסגעלאָשענע, צעשראָקענע אויגן האָבן שטאַר געקוקט פאַר זיך.

דאָס האָט גיטעלע אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער, גיטעלע האָט זיך צע־שריען נישט מיט אירע כוחות:

— כ׳וויל נישט! נישט אַרויסטראָגן! כ׳וויל נישט שטאַרבן! נישט אַרויסטראָגן מיט דעם! נישט אַרויסטראָגן מיט דעם! כ׳וויל נישט שטאַרבן!

— וועסט נישט שטאַרבן! מ׳וועט דיר נאָר איבערפירן, מ׳וועט דיר...

— ניין, ניין, כ׳וויל נישט! נישט אַרויסטראָגן!

די הונגער־קראַנקהייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו גיטעלען אין די לונ־גען, אין די געדערים. דער רענטגען האָט געוויזן טובערקולאָז אין דער רעכטער לונג און אין די איינגעווייד. מ׳האָט די קליינע פּאַציענטקע גע־מוזט איבערפירן אויף אַן אַנדער אָפּטייל, מ׳איז געקומען נאָך איר מיטן טראָג־בעטל, כדי איר איינצושפּאָרן די כוחות. גיטעלע האָט אָבער געזען, ווי מ׳האָט מיטן זעלבן טראָג־בעטל אַרויסגעטראָגן די געשטאָרבענע און

די „האַרליאַקעס“, וואָס האָבן געהאַלטן ביים שטאַרבן. האָט זיך גיטעלע פאַרן טראָג־בעטל שטאַרק דערשראָקן, מורא געקריגן, אַז מ׳טראָגט זי אַרויס צום שטאַרבן.

— וועסט נישט שטאַרבן, נאַרעלע, נאָר אין אַן אַנדער צימער, דאָרט וועט דיר בעסער זיין — האָט די שוועסטער סאַבינע זי איינגעטעניעט.

— נישט מיט דעם, נישט מיט דעם־אָ, כ׳וויל נישט שטאַרבן, נישט שטאַרבן... — האָט גיטעלע שוין קוים געכליפעט.

די שוועסטער סאַבינע האָט געמוזט צוריקשיקן דאָס טראָג־בעטל און לאָזן ברענגען דאָס וועגעלע, וואָרעם גיטעלע האָט בשום אופן נישט געוואָלט שטאַרבן.

די לעצטע נאַכט

(געטאָ־סקיצע)

צום צוואַנציקסטן יאָרצייט פון יאַנוש קאָרטשאַק

שווערע נאַכטיקע שאָטנס וויקלען איין דאָס קליינע אָרעמע צימער. דאָס לעמפל אויפן שרייב־טישל, איבערגעדעקט מיט א טונקעלן אַבאַזשור, וואַרפט קוים־קוים אַן אָפשיין אַרום זיך. די אַראָפגעלאָזענע שוואַרצע פאַפיר־ראָלעטע איבערן פענצטער איז ווי אַ טרויער־צודעק איבער אַן ארון. אַ גדיכטער אומעט געמישט מיט אומרו פילט אָן דעם קליינעם חלל. אומעט און אנגסט פלעכטן זיך צוזאַמען, דרייען זיך אין ווילדע זיגזאַגן, קריכן צוזאַמען מיט די שאָטנס אויף די ווענט, פילן אויס אַלע ווינקעלעך, אַליאַרמירן, שרייען שטומערהייט, ווי טויזנטער געפערלעכע שלאַנגען וואָלטן פון דרויסן אַרומגעדרענגט דאָס הויז, געשלייכט זיך דורך די שפאַרונעס פון די ווענט, געסיטשעט דראָענדיק דורך די גיפטיקע ציינער.

דאָס אַלטע, פאַרזשאַווערטע אייזערנע בעטל איז אויפגעבעטן, נאָר ליידיק. דער האַרטער געלעגער קאָן זיך נישט דערוואַרטן אויפן קאַרגן שלעפער. די מי און מאַטערניש פון טאָג האָבן אים נאָך נישט געבראַכט דעם שלאָף. די בהלה אין האַרץ האָט אים פאַריאָגט. ער זיצט אָנגעבויגן ביים טישל איבער פאַפיר, באַדעקט דאָס ווייסע בייגעלע מיט דראָבנע שוואַרצע צייכנס. דער מידער קאָפ הייבט זיך פלוצלונג אויף, די פעדער פאַלט אַרויס פון האַנט, דער וואַכיקער רייסט זיך אָפ פון טישל, מיט וועלכן ער איז געווען, ווי צוזאַמענגעוואָקסן.

אַ קלײנגעוואוקסיקער, הראָבנער, אויסגעדאַרטער, איינגעטריקנטער, זעט ער איצט אויס ווי אַ קרעניקלעך, שלעכט אַנטוויקלט ייִנגל. איבערן אויסגעמאַטערטן גוף הייבט זיך שטאָלץ אויף אַ הויכער, קלוגער שטערן, פֿון אונטער וועלכן עס קוקן אַרויס צוויי טיפֿע, בלויע, וואַרעמע אויגן. איבערן לענגלעכן, אויסגעצערטן, צעאַקערטן פּנים איז אויסגעגאָסן אָן אַ שיעור צער און גוטסקייט, ווייטיק און ליבשאַפֿט. דער אַלטער מאַן מיטן איינגעשרומפּענעם גוף בלייבט שטיין ווי פֿאַרגליווערט, בלויז דער קאָפּ באַוועגט זיך לאַנגזאַם און אומרואיק. דאָס געדיכטע, שפּיציקע בערדל ציטערט אונטער בײַ יעדער באַוועגונג פֿון קאָפּ. צוויי אומרואיקע, פֿאָרשערישע אויגן קוקן אַרום זיך, ווי זייערע בליקן וואָלטן געוואָלט אַדורכדרינגען די ווענט, אויספֿאָרשן די געפֿאַרן, כּדי זיי אויסצומײַדן.

* *

*

דאָס געטאָ איז פֿאַרזונקען אין נאַכטיקער שטילקייט. די שטילקייט איז געגליכן צום איינהאַלטן פֿון אָטעם בײַ אַ שווער באַדראָטן, וועלכער באַהאַלט זיך אויס גאָר נאָענט פֿאַר זײַן פֿאַרפֿאָלגער. פֿון צײַט צו צײַט רײַסט זיך אַדורך דורך דער נאַכטיקער שטילקייט אַ טויבער קלאַנג פֿון אַ זאַלפּ.

דאָס געטאָ איז איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל פֿון אַנגסטיקער שרעק. איבערן געטאָ הענגט אַ שוואַרצער, דראָענדיקער הימל. די אויגוסט־לופֿט איז אַ הייסע, אַ פֿאַרנע, אַ שטיקנדיקע, אָבער מענטשן ליגן אויף זייערע געלעגערס אין די באַהעלטענישן, אין קעלערס און אויף בוידעמער, איינגעדרענגט, איינגעקאָרטשעט, ווי אין אַ שטאַרקער פֿראָסטיקער קעלט. דאָ און דאָרט איז אַ משפּחה פֿאַרבליבן, ווי אַ צעקאַליעטשעטער קערפּער, פֿון וועלכן מ'האָט אָפּגעהאַקט די גלידער. גאַנצע הײַזער ווערן אויסגעליידיקט. זינט דעם 22־טן יולי ווערט דאָס געטאָ מיט יעדן טאָג שיטערער. מיט זעקס טויזנט, צען טויזנט אַ טאָג.

בײַטאָג גייט דער טויט אַרום אין דרויסן, ער הוליעט אויף די געטאָ־גאַסן, אויף די הייף, ער יאָגט זיך נאָך בעטלער, נאָך קינדער אין אַ ווילדן אומהדיקן געיעג, וואַרפֿט זיך אויף יעטוועדן, וואָס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון באַהעלטעניש. דער טויט באַפֿעלט, אַפּעלירט צו קומען צו אים פֿרײַוויליק, ער זאָגט צו צו באַלוינען, מיטצוגעבן די פֿרײַוויליקע אויף זייע־

לעצטן וועג דריי קילאָ ברויט און א קילאָ מאַרמאָלאַד... דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמאָלאַד... דריי קילאָ ברויט און א קילאָ מאַרמאָלאַד...

דער טויט האָט פאַנאַנדערגעלאָזט אין אַרומגעצוימטן, פארמאַכטן יאַגד־פעלד זיינע בלוטיקע יאַגד־הינט. זיי שנאָרכן אוים, שטעקן אַריין זייערע שפּיציקע מאָרדעס אין אַלע לעכער און נאָרעס. בלויז דער אָנגעהויפטער פינקערט־וואָגן, פון וועלכן ס'רינט בלוט, קורסירט אומגעשטערט איבערן געטאָ־יאַגד־פעלד. לאַנגע קאַראַוואַנען ציען זיך פון פרי ביז נאַכט צום אומשלאַגפּלאַץ, דער דייטשישער מלאך־המות ארבעט פלאַנמעסיק, האָט אָנגעזאָגט זיין שניט אויף בייטאָג נאָר, לויט דעם שטייגער פון אן אַ־ בעטס־טאָג — ביז זעקס אַזייגער...

* *

*

דאָס געטאָ איז פאַרזונקען אין אימהדיקער, נאַכטיקער שטילקייט, אין אַנגסטיקער דערוואַרטונג. אויף בוידעמער און אין קעלערס שלאָפן מענטשן מיט אַן אומרואיקן, קאָשמאַרן שלאָף. ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק שלאָפט נישט. ער וואַכט, שרייבט, גאָטירט, הערט זיך איין אין דער דראָענדיקער שטילקייט, טראַכט נאָך, זוכט און גיש־ טערט אין זיינע מחשבות, זוכט עפּעס צוצוטראַכטן. ארום אים, אויבן און דערלעבן שלאָפן איבער צוויי הונדערט קינדער, זיינע קינדער, זיי גלויבן אַזוי אין אים, האָבן צו אים אַזויפיל צוטרוי. די געטאָ־בהלה איז צו זיי נישט אריינגעדרונגען, קאָרטשאַק דערלאָזט נישט, אַז פּאַניק און אימה זאָלן זיך באַזעצן אין זיין הויז, אַז שרעק זאָל צעקלעמען די קינדערישע הערצער. זיי זעען אויס צו זיין רואיק, זיינע קינדער. זייער דאָקטער, זייער שטענדיקער באשיצער, איז מיט זיי. האָט ער זיי דען נישט געשיצט קעגן הונגער און שלאָפקייטן? קעגן אַלע ביז־איצטיקע פּלאָגן? מיט אים, מיט זייער דאָקטער פילן זיי זיך זיכערער אין דער שווערער בהלה־צייט. זיי שלאָפן איצט מיט אַ האַרטן קינדערישן שלאָף.

יאַנוש קאָרטשאַק שלאָפט ווייניק ביינאַכט. איצט דוכט זיך אים, אז ער הערט ווי די קינדער עטעמען שווער. ער זעט זייערע קאָשמאַרע חלו־ מות. זעט ווי זייערע אויגן זענען געוואנדן צו אים, ווי זיי שטרעקן אויס צו אים די הענט, פילט ווי זיי קלאמערן זיך אין אים. ווי אזוי זאָל ער זיי ווייטער שיצן און באַשיצן? ווי אַזוי? אין האַלדז שטיקט אים אַזוי שטאַרק, ער וויל שרייען, רופן נאָך הילף. אָבער צו וועמען? צו דער וועלט? ער

פירט איצט מיט איר אַ דעבאַטע, אַ שטומע דעבאַטע מיט דער וועלט און מיט זיך גופא. מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן שפּאַנט ער לאַנגזאַם מיט באָרוועסע פיס הין און צוריק, קוים אָנרירנדיק דעם דיל:

— ביסט טויב און בלינד, וועלט! מיר שרייען, רופן צו דיר און דו הערסט ניט. מיר גייען אָפּ אין בלוט און דו זעסט ניט. אונדזערע אויגן קאָנען שוין ניט וויינען. די טרערן זענען אויסגעטריקנט, מיר קאָנען שוין ניט שרייען מיט קיין מענטשלעכער שטימע. מיר ברומען ווי געיאָגטע פאַרוואונדעטע חיות, מיר כאָרכלען אונטערן חלף אין גסיסה־קאָנוולסיעס. דערגייט עס ניט צו דיר? און אפשר ווילסטו ניט הערן און זען? אפשר פאַרשטופּסטו דיר די אויערן? מאַכסט צו די אויגן אויף אונדזער אומגליק?! האָסט באַנקראָטירט, וועלט, אַליין אַרויסגעגעבן אויף זיך אַן אורטייל. דיין ציוויליזאַציע, דיינע גרויסע אידעאַלן, דיינע... הייבע... אַלץ, אַלץ באַנקראָט. און איך, איך... אויך אַ באַנקרוט, אַ גרויסער באַנקרוט. אָנגעזאַמלט אַ גרויסן קאַפּיטאַל, געזאַמלט, געזאַמלט צוטרוי ביים קינד, געגלייבן אין גוטס און שיינס, אַזוי פיל ווערטער, באַגריפן: מענטשלעכקייט, ווירדע, געוויסן... פריינדשאַפט... ברידערלעכקייט... אַך, ווי זיי שטעכן, די ווערטער... אַלץ האָט פאַרלוירן דעם ווערט... אַלץ שקר... בלויז רציחה און מאָרד...

עטלעכע זאַלפן האָבן דורכגעשניטן די זומערדיקע געטאָ־לופט און איבערגעריסן דעם שטומען מאָנאָלאָג. קאָרטשאַק בלייבט שטיין אין מיטן צימער, הייבט אויף דעם קאָפּ און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן הערט ער זיך איין אין דער צוריק איינגעשטעלטער, שוואַרצער שטילקייט. זיינע אויגן זענען צעעפנט ווי ביי אַ גוסס, זיין פאַרשערישער בליק פאַלט אויף זיין אייגענעם שאָטן, וואָס קריכט אויפן וואַנט. ער איז אומרויק דער שאָטן זיינער, באַוועגט זיך אומגעלומפּערט, שפּרינגט אונטער, שרומפּט זיך איין, וואַקסט ווידער אויס גרויס.

וואָס ציטערט ער אַזוי דער שאָטן זיינער? קאָרטשאַק עסט זיך איין אין אים מיט זיינע בליקן. און זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן פאַרמאַכן זיך אַ ווײַלע. אויפן אָרט פון זיין שאָטן באַווייזט זיך עפּעס אַ מראה, ניין, ס'איז אַן אַלט־באַקאַנטע... ס'איז לאַאָקאָאָן מיט זיינע זין... ריזיקע שלאַנגען שלייכן זיך אַרויס פון ים־כוואַליעס, וויקלען זיך אַרום זייערע קערפּערס, דרייען זיך איין אין זיי, בייסן זיך איין אין זייערע לייבער מיט די גיפטיקע ציינער, שטיקן זיי, שטיקן ביז ס'רינט אויס דאָס לעצטע טראָפּן לעבן... ער זעט דאָס פון ווייטיק צעקרימטע פּנים פון פאָטער, די גסיסה־צאַפּלע־

גישן פון זיינע זין... ער רייסט אויף די אויגן. די מראה פארשווינדט, ס'בלייבט דער שאָטן. זיין אייגענער שאָטן, צי לאַקאָאָנס שאָטן? דער גריכישער פּריסטער האָט געהאט לעבן זיך צוויי אומגליקלעכע קינדער. ער האָט איבער צוויי הונדערט. ער ווייסט וואָס פאַרא געפאַרן עס לאָקערן אויף זיי, ער דאַרף, ער מוז זיי באַשיצן קעגן די גיפטיקע שלאַנגען. זוי אַזוי אָבער? ווי אַזוי? ער ברעכט צוזאַמען די הענט אין אַ פאַרצווייפלטער באַוועגונג:

— וואָס טאָן? וואָס טאָן? אַך, די אָנמעכטיקייט, די אָנמעכטיקייט! ס'גישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך, ווי אונדזער אָנמעכטיקייט. ווו זיך קערן און ווענדן? וואָס צוטראַכטן? אַזויפיל וווּנדער־מעשהלעך אויסגעטראַכט און איצט קאָן דער מוח גאָרנישט צוטראַכטן. אַך, ווען מ'וואָלט עס געקאָנט אַזאַ כישוף־מעשהלע אויסטראַכטן, מיט עפּעס אַ שפּרוכוואָרט זיי אויף כישוף־פליגלען אונטערן שלייער פון דער נאַכט איבער די געטאָ־מויערן איבערטראָגן און אין ווייטע זיכערע מקומות ברענגען... ווען מ'וואָלט.. ווען מ'וואָלט... אַך, דו אַלטער נאַר, פלאַפּלסט, פלאַפּלסט, כישוף־מעשהלעך חלומען זיך דיר נאָך... טרוימסט נאָך וועגן שוץ־פליגלען. ווער וועט זיי דיר?... ווער?... און אפשר... אפשר וועלן זיי נישט וואגן? אפשר איז די געפאַר אויסגעוואַקסן אין מיין קראַנקן מוח?... סטעפּאַ זאָגט, אַז ס'קומט פון שלאָפלאָזיקייט און דערשעפּונג. פון דערשעפּונג, זאָגט זי, קומען שוואַרצע מחשבות. אפשר איז זי גערעכט? כ'בין ווי אַן אַלטע צעבראָכענע כלי, ווי אַן אַלטער, שטאַרק־אָפּגענוצטער בגד — אַלץ רייסט זיך, אַלץ טרענט זיך פונאַנדער, גישטאָ אין מיר קיין גאַנצער פאָדעם, אַלץ ברעכט זיך אין מיר, דער אַלטער גוף שיט זיך פונאַנדער. און דער מוח? ניין, דער מוח איז נישט קראַנק, ער באַנעמט נאָך קלאָר. יאָ, יאָ, דער מוח באַנעמט, אַז הינטער אונדז איז טויט, און פאַר אונדז איז טויט, דער טויט מיט טויזנטער פּנימער פון אַלע זייטן. ווו זוכן רעטונג פאַר זיי? ווי אַזוי זיי שיצן?...

אַן אומגעהויערער צער צעשפּרייט זיך איבערן געלן, מאָגערן געזיכט. דער צער און ווייטיק פאַרפלייצט דאָס גאַנצע וועזן. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק, ווי ס'וואָלט געוואָלט צעזעצן, ארויסשפּרינגען פון דער ברוסט. אַן איינגעבויגענער, איינגעקאָרטשעטער, ווי ער וואָלט אין זיינע טראַכטעגישן נאָך קלענער און מאָגערער געוואָרן, גייט ער מיט פאַמעלעכע טריט און מיט פיבערהדיקע אויגן צו צום שטול, לאָזט זיך אראָפּ אויף אים, ווי זיינע פיס וואָלטן אים אָפּגעזאָגט ווייטער צו האַלטן אויף

זיך, לענט אָן בײדע הענט אין טישל, שפּאַרט מיט זײ אונטער דעם שווערן קאָפּ. דער אַלטער דענקער פּרוּווט צוזאַמענעמען די צעשפּליטערטע געדאַנקען, צווינגט דעם מוח צו טראַכטן וועגן אײן זאַך, ער זעצט פֿאָר דעם שטומען מאָנאָלאָג:

— שיצן זײ, װײניקסטנס. קעגן... קעגן דער שרעק, קעגן די יסורים, וואָס ס׳ברענגט דער פּחד. דאָס אפשר קאָן איך נאָך פֿאַר זײ... אוי, ווי אין מוח רוישט!... אפשר טרײַב איך איבער? סטעפּאַ זאָגט... פֿון דער שעפּונג... מאָנישן זאָל מע לאָזן אין בעט... געהאַט פּיבער... שליאָמעקס צײכענונג... א צײכענער... טאַלאַנט... וויטאַמינען... כ׳מוז באַזאָרגן וויטאַמינען... פֿרײַנד פֿון יענער זײַט... געדענקען אין מיר... אלײן זיך ראַטעווען?... אַלײן?... קײנמאָל!...

אַ שווערע, קלעפּעדיקע שלעפֿעריקײט האָט פֿאַרנעפּלט זײַנע געדאַנקען און זײ פֿאַרפּלאָנטערט. די אונטערגעשפּאַרטע, מידע הענט האָבן נישט אויסגעהאַלטן די וואָג פֿון קאָפּ און ער איז אַרונטערגעפֿאַלן צום טיש. דער דערשעפּטער קערפּער האָט זיך א טרײסל געטאָן. דער דרימל האָט זיך איבערגעריסן. דער אַלטער דאָקטער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַרומגעקוקט זיך, פֿאַמעלעך זיך אונטערגעהויבן, מיט ציטערנדיקע הענט אַראָפּגעדרײט דאָס בלאַסע ליכט פֿון קאַרבידן־לעמפּל און מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום געלעגער. דאָס אײַזערנע, אַלטע בעטל האָט לײַכט א קרעכץ געטאָן. קאָרטשאַק האָט אויסגעגלײַכט די פֿאַרשטײַפֿטע גלידער און טיף אָפּגעעטעמט. די דריקנדיקע משא אויפֿן האַרץ האָט נאָכגעלאָזט. דער אַלטער דאָקטער האָט זיך דערפֿילט א ביסל דערלײַכטערט, ווי ער וואָלט אין די טראַכטענישן א באַרויִקונג געפֿונען, ווי די מחשבות וואָלטן די געפֿאַרן פֿון זײַנע קינדער פֿאַריאָגט. דער שלאָף איז דאָס מאָל געקומען שנעל. ער איז געווען ווי א באַלזאַם פֿאַרן קראַנקן גוף און ביז ווײטיק אָנגעשטרענגטן מוח. דאָס אויסגעצערטע בלאַסע געזיכט האָט אין שלאָף נאָך אויסגעצערטער און בלאַסער אויסגעזען. די הויט איז איצט אַזאַ דינע, דורכזיכטיקע. דער שלאָפֿנדיקער זעט אויס, ווי ער וואָלט א פֿאַרחלשטער געלעגן.

קאָרטשאַק שלאָפֿט מיט אַן אומרויִקן, דינעם שלאָף. בײַ יעדן שאָרך רײַסט זיך דער שלאָף ווי שפּינוועבס. די זומערדיקע נאַכט לויפֿט גיך אַוועק. די שוואַרצע ראָלעטע איבערן פֿענצטער ווערט ביסלעכווײַז באַלויכטן דורכן קאָאָר־ליכט. דער בלויער פֿאַרטאָג שפּאַרט זיך אַרײַן אין צימער מיט א דינעם, בלויען פּאַסיקל בײַ די ראָלעטן־ראַנדן. דער שלאָפֿנ־

דיקער באַוועגט זיך נערוועז אויפֿן געלעגער, רייסט זיך פּלוצלונג אויף, פּירט מיט די אויגן איבער די ווענט, פֿון וואַנען ס'האָבן זיך אַרויסגע־שלייכט גיפֿטיקע שלאַנגען... ניין, זיי זענען אַרויס פֿון די צעווילדעטע ים־כוואַליעס, געוואָרפֿן זיך אויף לאַקאָקאָנען און זיינע זין, געשטיקט זיי, געוואָרגן... די גרענעץ צווישן חלום און וואָכיקייט איז אַזאַ שמאָלע, אַ קוים־קוים באַמערקבאַרע. אָט נעמט די אויבערמאַכט דער חלום און באַלד ווידער די וואָכיקייט. די רעכטע האַנט גייט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג אַ וויש איבערן פּנים, ווי צו פֿאַרטרייבן פֿון דמיון די קאָשמאַרע וויזיע. דער מידער קאָפּ פֿאַלט ווידער צו צום קישן. דער גוף און דער מוח אין זייער דערשעפּונג גיבן זיך ווידער אונטער דעם דעליריעזן שלאָף.

די זון האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון האָריזאָנט, געשאַרט זיך אַלעמאָל העכער איבערן הימל און צו־להכעיס די רוצחים אַריינגעשיקט אירע גאָל־דענע שטראַלן אין געטאָ. ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק האָט יענעם פֿרימאָרגן פֿאַרשלאָפֿן. די קאָשמאַרע חלומות זענען אויסגערונען, פֿאַרשוווּנדן פֿון זיין דמיון. דער שלאָף האָט זיך געשטאַרקט, געוואָרן טיפֿער, האַרטער. ווי אַן אויסגעהונגערטער, האָט דער מידער קערפּער איצט געשלונגען, גע־שלונגען דעם שלאָף און געקוויקט זיך. פּלוצלונג האָט דער שלאָפֿנדיקער זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי פֿון אַ שטאַרקן דונער. אַ ווילדע געפּייפֿעריי האָט איבערגעהאַקט דעם געשמאַקן שלאָף. אַ חיהשע ברומעריי האָט אים אַרויס־געריסן פֿון בעט:

Rrraus! Juden rrr-a-uss!

דער אַלטער, קראַנקער דאָקטער איז מיט איין שפּרונג צו צום פֿענצ־טער און מיט שנעלע נערוועזע באַוועגונגען אַרויפֿגעצויגן די ראָלעטע. אין צימער האָבן זיך צוזאַמען מיטן טאָג־ליכט נאָך שאַרפֿער אַריינגעריסן די שפּיציקע, ווילדע קולות:

Ale Juden rrraus!!!

דער קאָשמאַרער חלום און די ווירקלעכקייט האָבן זיך צוזאַמענגע־גאָסן. די שמאָלע גרענעץ איז פֿאַרשוווּנדן:

— זיי זענען דאָ די גיפֿטיקע שלאַנגען. כ'וועל מיינע קינדער שיצן קעגן... כ'וועל...

און ער האָט זיך געשטעלט אין אויבנאָן פֿון צוג מיטן ייִנגסטן ביי דער האַנט און מיט אַ געזאַנג אויף די ליפּן, שיצנדיק זיינע קינדער קעגן דער שרעק.

יולי 1962

קדיש

יתגדל ויתקדש שמה רבא.
בעלמא די ברא כרעותה...

די שטילע, פּאַרטויבטע קלאַנגען האָבן זיך געהיימניספול פּאַנאַנדערגעטראָגן אין דער באַרגיקער לופט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט בסוד סודות דורכשנײַדן די מרחקים און צווישן גבן דער וועלט. עטלעכע צענדליק ייִנגלעך זענען געשטאַנען צוזאַמענגעדרענגט אַרום אַ פֿרישן בערגל ערד; זיי האָבן נאָר וואָס געהאַט אַוועקגעלייגט צום אייביקן שלאָף זייער יונגסטן חבֿר, דעם 16-יעריקן האַנרי דימענשטיין. זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי אײַנגעוואַקסן אין דער ערד און זיך אײַנגעהערט אין די פֿרעמדע, שטאַמלדיקע ווערטער, ווי אין מיסטעריעזע סיגנאַלן, וואָס רופֿן צו נקמה.

יתברך וישתבח ויתפאר,
ויתרומם ויתנשא,
ויתהדר, ויתעלה, ויתהלל,
שמה דקדשא,

זיי זענען נישט געפֿלאָסן גלאַטיק די שטילע תּפֿילה-ווערטער, געקײַקלט זיך דורך אַ פֿולן האַלדז מיט טרערן, ווי שטיינער דורך אַ זיגזאַגדיקן וואַסער-שטראָם. ער האָט מיט די ווערטער געוואָלט דערשטיקן דעם שליאָך דער אַלטער ייִד. זעליק זאַמבראָווער האָט זיך געשעמט צו וויינען אויף די אויגן פֿון די בראַווע ייִנגלעך, זיי זענען דאָך געקומען פֿון רוסיע, וואַרעמע היימען אין די ווילדע בערג אײַנשטעלן דאָס יונגע לעבן.

יהא שלמא רבא מן שמיא.

וחיים עלינו..

איינגעבויגן, איינגעהויקערט, די אויגן איינגעגראָבן אין בערגל ערד, האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט ביי האַנרי מחילה געבעטן, וואָס ער גייט אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט, בעת ער, זעליק האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן און לעבט ווייטער.

* *

*

האַנרי דימענשטיין איז צווישן די מאַקיזאַרן געווען דער יינגסטער. אָנגעקומען בסך הכל מיט 6 וואָכן צוריק. ס'איז נישט לייכט געווען אַריבערצוקריגן זיך אַהער, געוואַנדערט און געבלאָנדזשעט, שיעור נישט אַריינגעפאַלן ביים דורכגיין די דעמאַרקאַציע־ליניע. ער האָט זיך אויסגעקליבן אין אַ שלעכטער צייט און זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס ער איז פריער נישט אַוועק צו זיי צוליב דער מאַמען, נישט געוואָלט זי קלעמען. דערווייל זענען די מגורשים אים פאַרלאָפן דעם וועג. פונקט ווען ער האָט זיך געזאָלט טרעפן מיט יענעם, איז אונטערגעקומען דאָס אומגליק. יענער האָט דערווייל געזאָלט אים אַריינציען דאָ אויפן אָרט.

אַ גאַנצן אָוונט האָט האַנרי געוואַרט ביי ראָזשע און יענער איז נישט געקומען. געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט און דערנאָך שוין נישט געקאָנט אַ היים גיין, געמוזט דאָ איבערנעכטיקן. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די מאַמע וועט שטאַרק איבערקלערן, וועט מסתמא אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן, פייניקן זיך, וואָס ס'האָט מיט אים געקאָנט געשען, נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז איידער ער האָט זיך אומגעקוקט האָט זיך אונטערגערוקט די פּאָליצייאישע שעה. ער וואָלט ריזיקירט, נאָר ראָזשע האָט אים בשום אופן נישט געלאָזט. אַז מע גייט מיט זיי מלחמה האַלטן, דאַרף מע זיין דיסציפּלינירט, שיין וואָלט ער אויסגעזען איצט, אַזוי נאַריש אַריינצופאַלן. פאַרפאַלן, געמוזט דאָ איבערנעכטיקן.

האַנרי האָט געזאָלט אויפשטיין פאַרטאָג און לויפן אַ היים, ווי גיך מע וועט נאָר קאָנען, נישט לאָזן דער מאַמען זיך לאַנג קלעמען. נאָר ער מוז עפּעס צוטראַכטן, עפּעס אַזעלכעס, זי זאָל אַליין אייַנזען, אַז ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט, פאַרפאַלן, מע מוז אַמאָל טשאַקן, ער וועט שוין מאָרגן אויפן וועג עפּעס צוטראַכטן, דער עיקר אויפשטיין פאַרטאָג.

דעם 16־טן יולי 1942 איז האַנרי פאַרטאָג נישט אויפגעשטאַנען,

געשלאָפֿן די נאַכט, ווי אַ בער און אויפֿגעכאַפּט זיך אַ סך שפּעטער ווי ער האָט גערעכנט, געווען אויסער זיך. ווי האָט ער געקאָנט אַזוי פֿאַרשלאָפֿן? לאָזן דער מאַמע אַזוי לאַנג איבערקלערן? און אפֿשר וועט זי פֿאַרשטיין? זי ווייסט דאָך, אַז ס׳קאָן זיך עפּעס מאַכן, און נאָך דער פּאָליציייִשער שעה איז אַ ריזיקע.

האַנרי איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בעט און פּלוצלונג זיך דערמאָנט: הײַנט איז זײַן געבורטס־טאָג. צום טײַוול, איז אַזאַ טאָג אָנטאָן דער מאַמען עגמת־נפֿש, נאָר ער וועט עס פֿאַרריכטן.

ער האָט אין אײַלעניש זיך אָנגעטאָן, דערווײַל געכאַפּט אַ קוק צום צווייטן בעט. ראָזשע האָט זיך פֿויל אויסגעצויגן און מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן געשמייכלט.

— ווייסט ראָזשע, הײַנט איז מײַן געבורטס־טאָג. 16 יאָר! שטעלסט זיך פֿאָר? אַן אַלטער ביק שוין, וואָס? און מײַן מאַמע האַלט מיר נאָך פֿאַר אַ קינד, שטעלסט דיר פֿאָר, וואָס איך וועל הײַנט אַרײַנכאַפּן פֿאַרן נישט קומען אַ היים שלאָפֿן? כ׳ווייס נישט וואָס צו טאָן, פֿאַר קיינעמען זאָרגט זי זיך נישט אַזוי פֿיל ווי פֿאַר מיר, ציטערט איבער מיר, דיר וואָלט נישט פֿאַרדראָסן? אפֿילו אַ געבורטס־טאָג וויל זי מיר הײַנט פּראַווען. מ׳דאַרף זיך שלאָגן מיט די אויסוואורפֿן און האָסטו דיר אַ געבורטס־טאָג מיט קוכנס, מיט ליכטלעך, מיט טאַנטעס; 16 יאָר אויפֿן קאַרק און די מאַמע וואָלט געוואָלט מיך האַלטן אונטערן פֿאַרטוך.

דער 17־יעריקער ראָזשע, וועמענס עלטערן ס׳האָבן זיך געפֿונען אין דער דרומדיקער זאָנע, האָט מיט אַ פֿולן מויל געלעכטער געטרייסט אים:

— האָסט אַ דאגה, אַלע מאַמעס דאָס זעלבע. מיינע מיינסטו נישט? מיינסט זי נעמט זיך נישט איבער? האַלט אין איין קלאַפּן טעלעגראַמעס און בריוו כ׳זאָל אַלץ לאָזן און קומען. גיי פֿאַרגראָב זיך מיט זיי ערגעץ אין אַ לאָך. אויב אין יענער זאָנע, איז נאָר אין די בערג, נאָר דאָ פֿעלט אויך נישט וואָס צו טאָן.

— דײַן מאַמע ווייסט?

— אַן אײַנפֿאַל! צוואָס? זי וואָלט קראַנק געוואָרן פֿון עגמת־נפֿש צום בעסטן — טאָן וואָס מ׳דאַרף און מאַכן אַ שוויג.

— דײַן מאַמע פֿאַרשטיי איך נאָך, אָבער מײַנע? שטעלסט זיך פֿאָר? זי מעג ריזיקירן, דער טאַטע אויך, ביידע זיצן זיי נישט מיט פֿאַרלייגטע הענט, נאָר מיך היט מען. מע ציטערט איבער מיר. זיי עפּעס צוהעלפֿן — יאָ, כ׳זאָל אַליין מיט חבֿרה — ניין, ס׳קאָן מיר גאָט ווייסט

וואָס געשען, און די מאַמע וואָלט נישט אויסגעהאַלטן. איידער נאָך כ'געשעט עפעס, נעמט זי זיך שוין איבער.

— אַלע מאַמעס דאָס זעלבע — האָט ראָזשע געפסקנט מיט אַ פול מויל געלעכטער.

— שטעלסט זיך נישט פאָר, וואָס איך וועל איצט אַריינכאַפן.

האַנרי האָט זיך אַ ביסל פאַררעדט, נאָר פאָרט זיך געאיילט, געוואָלט וואָס פריער זיך ווייזן אין שטוב. ער איז אַראָפ אין גאַלאָפ די פיר שטאָק, איבערהיפנדיק צו צוויי טרעפ. דער יולי-פרימאָרגן איז געווען אַ זוניקער, אַ העלער. אין די פאַריזער יידישע קוואַרטאַלן איז אָבער געווען חושך. פון פאַרטאָג איז מען באַפאַלן יידישע הייזער, אַרויסגעשלעפט מענטשן פון די בעטן. פאָליציאַנטן האָבן געפירט גאַנצע משפחות, באַלאָדענע מיט פעקלעך און זעקלעך, דערשראָקענע, צונויפגעדרענגטע, ווי שאָף ערב אַ בייזן שטורעם. דאָס שטיקל וועג פון מעטראָ רעפובליק ביז פאָלי-מעריקור פלעגט האַנרי יעדן טאָג דורכמאַכן מיט אַ שפרונג; איצט האָט אים דאָס אויסגעזען לאַנג, אָן אַ סוף. אָט פירט מען אַנטקעגן אים אַ קראַנקע פרוי, זי קאָן נישט גיין, צוויי פאָליציאַנטן פירן זי פון ביידע זייטן אונטערן אָרעם. ביי זייער זייט דרעפטשעט אַן אַלטע מאַמע און כליפעט, מיט איין האַנט האַלט זי ביים הענטל אַ 3—4-יעריק מיידעלע, מיט דער אַנדערער שלעפט זי אַ וואַליזע.

אָט איז זיין גאַס, ער איילט זיך, נאָר קאָן נישט אָפרייסן די אויגן, פון ערשטן הויז פירט אַ פאָליציאַנט אַרויס אַן עלטערן מענטש, די הויז-וועכטערין לויפט אים נאָך, שטופט אים אַריין אין האַנט אַ פלעשל מילך, אַן אַנדערע שכנטע דערלאַנגט עפעס אַ פעקעלע. האַנרי קוקט שוין מער נישט אַרום זיך, פאַר די אויגן הייבן אָן גיין רינגען, אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין אַ נעפל. ער האָט אָנגעהויבן לויפן, מיט אימפעט אַריינגעפאַלן אין זייער הויז. די הויז-וועכטערין האָט אים פאַרהאַלטן, מיט מיטלייד געשעפטשעט אויפן אויער:

— אַלע פאַרנומען, אַ גליק וואָס ביסט נישט געווען אין שטוב, וואָלטן דיך מיטגענומען. ווער ווייסט צי זיי וועלן נישט צוריקקומען, בעסער ערגעץ איבערוואַרטן, אין אַ גאָרטן, אָדער אין אַ קאַפע. זיי נישטערן נאָך אַרום אויף דער גאַס. צי אָפ, קריך זיי נישט אין די הענט — האָט זי גוטמוטיק געראָטן.

האַנרי איז נישט אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן, געלאָזט זיך צו דער

טאַנטע בערטע, געטראָפן די טיר פאַרחתמעט. דאָ האָט אים קיינער נישט געוואָרנט. אין שכנות פון דער מומע האָבן געוווינט אַנדערע קרובים, אָבער אומעטום שטיין געבליבן פאַר פאַרהאַקטע, פאַריתומטע טירן און אָנגעטראָפן זיך מיט שטומע, אומהיימלעכע בליקן פון די הויזוועכטערינס.

וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועלן זיי מאַכן מיט זיי? פאַרוואָס לאָזן זיי זיך נעמען? פאַרוואָס? צום טייוול, מע שלעפט זיי, ווי די שעפסן, און זיי גאָרנישט, איך וואָלט בשום אופן זיך נישט געלאָזט, ראזשע אויך נישט, ס'וואָלט זיי נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. אָבער וואָס איצט טאָן איינער אַליין? ווו קאָנען זיי זיין? ווו זיי זוכן? ווער ווייס וואָס די מאַמע טראַכט איצט וועגן מיר? ווען מ'וואָלט כאָטש געווען צוזאַמען, אפשר זאָל איך...? וואָס וואָלט דעמלט די מאַמע געזאָגט? און אַז מ'וועט זיי ערגעץ אַרויספירן און איך וועל בלייבן?

די געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אין צעהיצטן קאָפּ, נישט קאָנענדיק דערגיין צו קיין טאָלק. צום ערשטן מאָל אין זיין קורץ לעבן האָט זיך האַנרי דערפילט הילפלאָז, באַהערשט פון אַן אָנמעכטיקייט.

מיטאַמאָל האָט אַ געדאַנק דורכגעבליצט אין זיין מוח; ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּשאָקלען פון זיך די שלאַבעריקייט. ער מוז אָט באַלד זיך לאָזן צו זייגע, צוזאַמען וועט מען וויסן וואָס מ'האָט צו טאָן. אפשר איז יענער געקומען? ראזשע קען באַד אַנדערע, אויף זיי קאָן מען רעכענען, זיי וועלן העלפן, ער מוז אָפּגעפונען די מאַמע, אפשר וועט מען זיי קאָנען ארויסנעמען, יענע וועלן געבן אַן עצה, ער וועט לויפן צו ראזשע, צוזאַמען וועט מען זען, מ'וועט עפּעס צוטראַכטן, נאָר נישט זיצן, ווי אַ באַמאַכטער. איבערוואַרטן! אַז איינפאַל!

* *

*

דער בולוואַר באַרבעס און די אַרומיקע גאַסן זענען שוואַרץ פון מענטשן. אַ יידישע פרוי מיט אַ 6-יעריק יינגעלע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אַ גרופּע, אַנטלאָפן, אויסבאַהאַלטן זיך ערגעץ אין אַ הויז. אַ פּאָליציאַנט לויפט אַרום ווי אַ הונגעריקער, צערייצטער וואָלף, ער האָט זי גענומען פון שטוב און דאָ איז זי נעלם געוואָרן. ס'קומען אים צו הילף עטלעכע פאַרשוינען, באַלד לאָזט זיך אַראָפּ, ווי שוואַרצע קראָען, אַ מחנה, „רעדלדיקע“, שטעלן אַרום די געגנט, קוקן זייטיק מיט

שפּיציקע אויגן אויף די אויפגעבראַכטע מענטשן אַרום. זיי פילן זיך נישט היימיש צווישן אויפגעצאָרנטן המון, צעטרייבן צומאָל נישט.

האַגרי האָט זיך אויסגעמישט צווישן עולם. אפשר וועלן די מענטשן... וואָס שטייען זיי און קוקן? פאַרוואָס טוען זיי גאָרנישט? פּחדנים! אבי צונויפגעלאָפן זיך, אַ שיינעם דאַנק פאַרן רחמנות, פאַר דער אויפגעבראַכטקייט! זענען הונדערט מאָל אַזוי פיל ווי די פּאָליציאַנטן, ווען אַלע וואָלטן זיך קעגנגעשטעלט, וואָלט מען זיי געצוווּנגען זיך צוריקצוציען, פאַר אַלע וואָלטן זיי אָפּגעצויגן, צום טייוול, צום טייוול, ווי מ'האָט דאָס מורא, שטייען און קוקן ווי מע שלעפּט מענטשן און קיינער רירט זיך נישט פון אָרט, פּחדנים, אַלע זענען זיי פּחדנים!

האַגרי האָט זיך דאָ און דאָרט אַריינגעגליטשט צווישן גרופּקעס מענטשן. די שוואַרצע אויגן האָבן געברענט, ווי אָנגעגליטע קוילן, דאָס פּנים צעפלאַמט, אין האַרץ ברויזט דער צאָרן, דער האַס, ער וואַרפט דאָ און דאָרט אַריין אַ וואָרט, ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס מע לאָזט זיי, ווען אַלע וואָלטן...

אַן עלטערע פרוי האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און אָפּגעפירט אין אַ זייט:

— יונגערמאַן, איר זענט נישט פאָרזיכטיק, אַ פאַרשוין קוקט כסדר אויף אייך, און דאָרט די פּאָליציאַנטן...

ווי אַ קאַלטער עמער וואַסער זאָל האָבן אָפּגעגאָסן זיין צעהיצטן קאָפּ. ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון עפּעס אַ וואַנזיניקייט און אַן אויסגעניכטערטער האָט ער דערפילט די געפאַר. אַריינפאַלן אַזוי נאַריש, אַליין אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד, אַ שיינע העלדישקייט!

ער האָט זיך צוריק אויסגעמישט מיטן המון, אַרויסגעקריגן זיך אויף אַ ראָג גאַס און אָנגעהויבן שטעלן פיס. שנעלער צו ראָזשע, אפשר איז יענער שוין געקומען, אויב נישט וועט זיי ראָזשע אויפזוכן. צום טייוול, פאַרלוירן אַזוי פיל צייט, ראָזשע ווייסט מסתמא גאָרנישט. גע־דאַרפט באַלד אַהין לויפן.

די געדאַנקען אין מוח האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן. האַגרי איז אַ רגע שטיין געבליבן, ווי די פיס וואָלטן זיך אים אונטערגעהאַקט, גע־וואָלט זיך אויסדרייען צוריק, אָבער באַלד צו זיך געקומען. נאָר נישט צוריק, נאָר נישט אַנטלויפן, ער האָט פאַרגעזעצט דעם וועג ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַרויפגעצויגן אויפן פּנים אַ רואיקע מאַסקע מיט אַזאַ אָנ־שטרענגונג, ווי ער וואָלט אַרויפגעצויגן די שווערסטע משא אויף די

פּלייצעס. ס'האָבן זיך דערנעענטערט צוויי פּאָליציאַנטן אין ציוויל, פּינקטלעך אין דער מיט צוויי יינגלעך. ניין, ער האָט זיך נישט טועה געווען, איינער פון זיי איז ראָזשע. פאַרבייגייענדיק פאַר האַנרי, האָט ראָזשע נישט געגעבן קיין פינטל מיטן אויג, געקוקט גלייכגילטיק פאַר זיך.

* *

*

אַ שעה שפּעטער, נאָך האַנרים פאַרלאָזן ראָזשעס וווינונג, האָבן זיך דערהערט פיר שטילע, באַקאַנטע קלעפּ אין טיר. ראָזשע האָט זיך דערפרייט, געפּנט און אַריינגעלאָזט גאַסטאָנען. זיין פראַנצויזישער חבר האָט קוים געקאָנט רעדן, געקומען צולויפן אָנזאָגן, אַרויסראַטעווען, האָט געסאָפּעט, געפּלאָנטערט זיך אין די רייד, פאַרענטפערט זיך וואָס ער איז נעכטן נישט געקומען און אומטערגעיאָגט, ער זאָל שוין־שוין אַוועק פון דאַנען. זאָל ער דערווייל גיין צו זייגס אַ חבר, ער וועט שפּעטער אויך אַהין קומען. ער וועט אים פריער שאַפן עפּעס אַ ווינקל. זאָל ער מיטנעמען דאָס בייטיקסטע און געגאַנגען.

אַ צעטומלטער האָט ראָזשע גענומען איינפּאַקן אַ רענצל, נאָר אויף דער עצה פון גאַסטאָנען רעזיגנירט, אָנגעהויבן עפּעס זוכן און בשום אופן נישט געקאָנט געפינען. גאַסטאָן האָט אים אונטערגעיאָגט, האָט ער אַריינגעשטופּט בלויז עטלעכע קליניקייטן אין די קעשענעס. ער איז שוין געווען גרייט, ווי פון די שטיגן זענען דערגאַנגען שווערע טריט. ער איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר, איבערגעדרייט נאָכאַמאָל דעם שליסל און זיך צוריקגעקערט אויף די שפּיץ פינגער, ס'האָט זיך באַלד דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער.

— נישט אויפמאַכן, מ'האָט גאָרנישט צו פאַרשפּילן, מ'קאָן נאָר געווינען, זיי וועלן אפשר מיד ווערן — האָט גאַסטאָן געשעפּטשעט שטיל ראָזשע אין אויער.

זיי האָבן אַראָפּגעצויגן די שיך און זיך אַריינגעגליטשט אין קיך. גאַסטאָן האָט אויסגעטאָן אַ סקאַרפּעט און אַרויסגעצויגן עטלעכע פאַרוויקלטע, דינינקע בויגעלעך. האַנרי האָט עס געבראַכט איבערן גאַז, די הענט האָבן ביי אים געציטערט. דאָס פאַרברענטע, שוואַרצע פּאַפּיר האָט אָנגעהויבן פליען. גאַסטאָן האָט עס נערוועז געכאַפּט אין דער לופטן, כדי אָפּצווווישן די שפּורן און זיך שטאַרק איינגעריסט די הענט. אויף דער צווייטער זייט טיר עטלעכע מינוטן שטיל, דערנאָך אַ פאַרשטאַרקט ריטמיש קלאַפּן, דערנאָך ווידער שטיל. די יינגלעך האָבן אָנ־

געשפּיצט די אויערן: זיי האָבן דערהערט אַראָפּגייענדיקע טריט פון די טרעפּ. זיי האָבן טריומפירט.

— אַוועק די כאַליערעס, כ׳זאָג שטענדיק: נישט אויפמאַכן, נישטאָ וואָס צו פאַרשפּילן, מען קאָן נאָר געווינען — האָט גאַסטאָן ווי אַ דער־פאַרענער און עלטערער איבערגעחזרט.

— אַ שאָד וואָס מ׳האָט פאַרברענט.

— כאַפּט זיי די כאַליערע, בעסער פאַרזיכטיק, וועסט קריגן אַנדע־רע. לאָמיר זיך נאָר אַרויסקריגן פון דאַנען, ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך אין גאַס.

זיי זענען אַריין אין ערשטן צימער, צוריק אַנגעטאָן די שיך, ראָזשע האָט זיך געקליבן מאַכן אַ קאַווע. סיי ווי מוז מען צוואַרטן, זאָל מען כאַטש עפּעס איבערכאַפּן.

זיי האָבן נישט באַוויזן צוצוגרייטן די ערזאַץ־קאַווע, ווי פון די שטיגן האָבן זיך ווידער דערטראָגן שווערע, סקריפּענדיקע טריט.

די צוויי חברים האָבן געקוקט אויף זיך שטומערהייט. אַ דראָענ־דיקע, גרילצנדיקע שטימע האָט דורכגעהאַקט די ווענט: אויפמאַכן! גאַסטאָן האָט אָנגענומען האַנרי פאַר דער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אים צוהאַלטן נישט צו רירן זיך פון אָרט. אַ ווײַלע שטיל. די ייִנגלעך האָבן נאָר געהערט דאָס זעצן פון זייערע הערצער. מיטאַמאָל האָט דאָס הויז זיך אַ טרייסל געטאָן, די שויבן אין די פענצטער האָבן זיך צע־קלונגען. גאַסטאָן און ראָזשע האָבן אינסטינקטיוו זיך אָנגענומען פאַר די הענט. אַ צווייטער, אַ דריטער זעץ אין דער טיר, אָט־אָט זעצן זיי זי אַרויס.

— אין שאַנק — האָט ראָזשע אַ צי געטאָן נאָך זיך גאַסטאָנען.

קוים באַוויזן אַרײַנצוקריכן אין שאַנק און ווי נישט איז צומאַכן די טיר, ווי איבער דער וווינונג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, ווי יאַגד־הינט, דריי פּאָליציאַנטן, נישטערנדיק אין אַלע ווינקלען. די אויסבאַהאַלטענע האָבן צווישן די ווייניקע מלבושים צוגעדריקט זיך איינער צום אַנדערן, איינגעקאָרטשעט זיך צו ווערן וואָס קלענער. ווען מען וואָלט עס גע־קאָנט אין אַ שפּאַרונע אַרײַנקריכן! פאַרוואָס קאָן מען נישט ווערן אומ־זעבאַר? זיי האַלטן איין דעם אָטעם, ווי אַזוי אָבער איינהאַלטן דאָס קלאַפּן פון האַרץ?

דורכן שפּאַלט פון דער שלעכט־צוגעמאַכטער שאַנק דערגייען צו זייערע אויערן די הוגזה פון די פּאָליציאַנטן, אַ געטראַסקעריי, ווי

יענע וואָלטן געריסן שטיקער פון די ווענט, צעטרענט, צעקאַליעטשעט דאָס מעבל. די מינוטן ציען זיך אָן אַ סוף. אָט שטאַרבט אָפּ דאָס האַרץ, דער אָטעם האַקט זיך איבער, און קאָפּ צינדט זיך אָן אַ רויט ליכט — איינער איז אַריין אין „זייער צימער“, זיינע טריט הילכן אָפּ אין זייערע אויערן ווי האַרמאַטן־שאָסן, זיי פילן מיט זייערע אָפּגעשטאָרבענע חושים זיין ברענענדיקן אָטעם, זיינע וועלפישע בליקן שטעכן דורך די ווענט פון דער באַהעלטעניש; און אָט הייבט דאָס האַרץ אָן צו צאַפּלען פון פרייד, דאָס פאַרגליווערטע בלוט הויבט ווידער אָן פליסן אין די אָדערן, די שווערע טריט האָבן זיך דערווייטערט, ער איז אַרויס פון „זייער צימער“. איבערגעקומען די רעוויזיע, נישט אַנטדעקט זיי, די איינגעקאָרטשעטע, איינגעדרייטע גלידער גלייכן זיך אויס, זיי דרייען אינסטינקטיוו אויס צו זיך די פנימער. ווי לאַנג האָט געדויערט די פרייד? אַ סעקונדע? אַ מינוט? 20 מינוט? אַזעלכע מינוטן לויפן גיך. ס'דערנעענטערן זיך ווידער טריט, זיי הילכן אָפּ ווי דאָס אָנקומען פון אַ סטאַדע וועלף, יעדעס וואָרט, ווי אַ וואָיען פון הונגעריקע חיות רעות.

— דאָרט אין שאַנק האָסטו אַריינגעקוקט?!

— נישטאָ וואָס... זי שטייט דאָך אָפן.

— טאָ וואָס וואַרטסטו? האָט מיט כעס באַפוילן דער עלטסטער.

אַ קאַלטער שווייס טרעט אַרויס אויף די לייבער, דאָס בלוט טרעט אָפּ פון פנים, ווערט ווידער פאַרגליווערט אין די אָדערן, זיי קלאַמערן זיך איין איינס אין אַנדערן, אַזוי, פון זיך אַליין, נישט ווילנדיק, דער מוח טראַכט שוין מער נישט, טראַכט שוין נישט צו קיין מיטלען פון רעטונג.

די ערגסטע יסורים זענען די יסורים פון דערוואַרטונג, דאָס וואַרטן אויף אַן אומגליק איז טויזנטמאָל שווערער, ווי דאָס איבערטראָגן דעם אומגליק.

ראָזשע און גאַסטאָן האָבן מער נישט געציטערט, די פאַרב איז צומאָל צוריקגעקומען אין פנים. נאָכדעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין דער באַהעלטעניש, זענען זיי איצט געשטאַנען רואיק, אויסגעגלייכט, ווי זיי וואָלטן אויסגעלייזט געוואָרן פון דער שרעק.

— גערעכנט צו טרעפן איינעם אין בעט, און געטראָפן צוויי אין שאַנק — האָט זיך געוויצלט דער זעלבער, וואָס האָט באַפוילן צו עפענען די שאַנק.

— ער איז נישט קיין ייד — האָט ראָזשע אָנגעוויזן אויף זיין חבר — מיר קענען זיך פון דער שולע, ער איז נישט קיין ייד.

— אַזוי? פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן?

— צוליב מיר, איך האָב אים...

— דיר פרעגט מען נישט, דיינע פאַפּירן!

גאַסטאָן האָט פאַמעלעך, נישט גערן, אַרויסגענומען פון קעשענע זיינע פאַלשע פאַפּירן, דער געהיים־אַגענט האָט זיי לאַנג באַטראַכט.

— גייסט מיט, מיר וועלן שפּעטער זען וואָס פאַרא פויגל דו ביסט.

— ער איז נישט קיין ייד — האָט ראָזשע ווידער געפּרוווט זיך איינשטעלן פאַר זיין חבר.

— שווייג! מאַך דיין פּעקל! צופיל צייט פאַרלוירן...

* *

*

האַנרי איז פאַרבייגעגאַנגען ווי קיינמאָל גאָרנישט, דערנאָך צוויי מאָל זיך אומגעקוקט. ער האָט געוווסט, אַז אַזוי טאָר מע נישט, נאָר נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן, נישט ווילנדיק פאַרלאַנגזאַמט די טריט, געוואָלט זיך אומקערן, אָנזאָגן זיי, פונדעסטוועגן מעכאַניש פאָרגעזעצט דעם וועג, די פיס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט, ער איז געגאַנגען אָן אַ ציל, נישט געוווסט וווהין. ווי קאָן ער זיך אַליין ראַטעווען, ווען ראָזשע און דער אַנדערער, און די מאַמע און אַלע? צום טייוול, וואָס פאַר אַן אידיאָט ער איז געווען, געזעסן הינטערן אויוון, אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, געוואַרט. אָבער זיי האָבן נישט געוואַרט, אַלע פאַרנומען, איצט איז ער אַליין, מיט וועמען זאָל ער איצט, מיט וועמען?...

שלעפּנדיק זיך איבער די גאַסן האָט אים פּאַריז איצט אויסגעזען, ווי אַ גרויסער מדבר, איבערן מדבר בושעוועט אַ שטורעם, אַ ווינט פון זאַמד פאַרשיט אים די אויגן, שטעכט אין פּנים, רייסט שטיקער פון זיין לייב, ער זעט נישט דעם וועג, ווייס נישט אין וועלכער ריכטונג צו גיין. זאָל ער זיך אומקערן, צי גיין פאַר זיך? אפשר זאָל ער פאָלגן די עצה פון דער הויז־וועכטערין? וואָס טויג אים אָבער דאָס אויסבאַהאַלטן זיך, דאָס ראַטעווען זיך אַליין, אַז אַלע האָבן זיי פאַר־

גומען? ס'וואָלט שוין בעסער געווען מיט זיי צוזאַמען, מיט ראָזשען, מיט דער מאַמען, אַ שאָד וואָס ער איז דעמלט נישט געווען אין דער היים. צומבעסטן וואָלט געווען זיך דערהוויסן וווּ און זיך איבערהגעבן...

האַנרין כאַפּט אַרום אַ מאָדנע בענקשאַפט צו דער מאַמען, ער וואָלט איצט אַזוי געוואָלט זײַן מיט איר צוזאַמען. פאַרוואָס האָט זיך אים איצט דערמאָנט די גוריס? די מאַמע האָט אים אַוועקגעפירט ווען ער איז אַלט געווען 7 יאָר צו דער גוריס און הינטער זײַנע אויגן אַוועק. ער האָט געוויינט, געבענקט צו דער מאַמען, זי האָט געמוזט קומען אים אָפּנעמען. די דערינערונג האָט אַ ברי געטאָן, ער האָט זיך פאַרשעמט, שטאַרק פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך דערפילט שולדיק צוליב זײַן „קינדערישקייט“, נישט קיין צייט אויף נאַרישקייטן, מ'דאַרף עפּעס טאָן און נישט צוקוקן זיך פון דער ווייטנס, ווי אַנדערע. זיי מיינען, אַז מע פאַרגיסט אַ טרער, איז מען אין אָרדענונג.

וואָס טאָן האָט האַנרי נישט געוווּסט, נישט געוווּסט ווו זיך קערן און ווענדן. ער האָט געזוכט אין זכרון אַדרעסן. צו וועמען זאָל ער אָנקלאַפּן? ציען מאָל זיך איבערגעלייגט און ווייטער געשלעפּט זיך איבער די גאַסן, אומגעקערט זיך צו די יידישע קוואַרטאַלן, צו זײַן גאַס, „זײַן הויז“ און ווידער אַנטלאָפן.

שוין שפּעט נאָך מיטאָג. האַנרי איז ביים וועל ד'היוו. אין דער גרויסער ספּאָרט=געבײַדע זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, עס זשומעט מיט יאָמער, מיט פּאַניק פון 30 טויזנט נפשות. האַנרי דאַכט זיך ער הערט געשרייען, אַ געוויין, דאָס געוויין פון זײַן מאַמע... ניין, ער האָט גאָרנישט געהערט, די דיקע ווענט פון וועל ד'היוו לאָזן נישט דורך די טעוואַלדן, שלינגען איין דאָס געוויין פון קינדער, דאָס קרעכצן פון אַלטע און קראַנקע. מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אַרום, פון דער ווייטנס, האָבן אָבער געוווּסט צו דערציילן, וואָס ס'טוט זיך אינעווייניק. האַנרי שאַרט זיך צו אַלע מאָל צו אַן אַנדער גרופּקע, כאַפּט אונטער דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ וואָרט, פאַרבײַסט די ליפּן, פאַרקריצט מיט די ציין ווי פון אַ שטאַרקן ווייטיק. אַך, ווי ער וואָלט איצט געוואָלט זײַן אינעווייניק, צוזאַמען מיט זיי דאָרטן, וואָס טויג אים דאָס בלײַבן דאָ אַליין? דאָס ערגסטע צו בלײַבן אַליין. זאָל ער אפשר צוגיין דאָרטן פון הינטן? דאָרט איז די וואַך, ער וועט זאָגן, אַז ער איז... וואָס וועט אָבער די מאַמע זאָגן? ער וועט איר נאָר אָנמאַכן עגמת=נפש. און אפשר וועט זי פּאָרט...

האַנרי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אין 16־יעריקן מוח האָבן אָנגעהויבן אויפקומען אַנדערע געדאַנקען, זיין גאַנץ וועזן האָט רעוואָלטירט: וואָס? אַליין זיך איבערגעבן? פאַרלייכטערן זיי די טייוולאָנישע אַרבעט? אַ קנאַפּע העלדישקייט, דאָרט וועט מע שוין גאָרנישט קאָנען טאָן, ווען ערגעץ אַוועקפירן און פאַרשפאַרן, און איך מוז זיך שלאָגן קעגן זיי, כ'מוז געפינען יענע, מיט יענע קעגן די אויסוואורפן, מיר וועלן זיי נאָך ווייזן, כ'וועל נאָך מיט מיינע אייגענע הענט...

די אָנמעכטיקע אַראָפּגעהאָנגענע הענט האָבן זיך פאַרביילט אין פויסטן, די פינגער האָבן זיך קאָנוולסיוו צונויפגעדרענגט. ער רייסט נישט אָפּ די ברענענדיקע אויגן פון וועל ד' היוו, אין קאָפּ ווערן געבוירן פלענער:

האַנרי האַלט פאַרשטעקט אַ רעוואָלווער, פאַרגנבעט זיך הינטערווייַלעכץ צום אַריינגאַנג, באַהאַלט זיך הינטער עפּעס אַ וואַנט, שיסט פון דאָרטן צו די זשאַנדאַרמען, שיסט גענוי, ליגט אַוועק איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן; פון אַ צווייטער זייט קומט אָן ראָזשע מיט חברה, זיי זענען פלינק, איינגעאיבט, ציען אַרויס די פאַרשטעקטע פיסטאָלעטן, רוימען שנעל אָפּ דעם אַריינגאַנג, צעפראַלן די טירן, אַלץ געשעט אין איין אויגנבליק, אומדערוואַרטעט פאַר די אויסוואורפן, די טירן זענען צעפראַלט, ס'הייבן זיך אָן אַרויסשיטן מענער, פרויען מיט קינדער, די מאַמע צווישן זיי, ער גיט זי אַ כאַפּ פאַר דער האַנט, דאָס שוועסטערל מיט דער צווייטער האַנט, דער טאַטע לויפט נאָך, מע דאַרף ערגעץ פאַרשווינדן אין די זייטיקע גאַסן, זיינע פיס פאַרלירן דעם בליי, ווערן פלינק, מ'דאַרף וואָס גיכער פאַרשווינדן, פאַרשטעקן זיך ערגעץ, דערנאָך וועט מע זען.

— צוואָכ דרייסטו זיך דאָ? מע קאָן זיי סיידי גאָרנישט העלפן.

האַנרי האָט נישט באַמערקט, ווי ס'האָט זיך צו אים דערנענטערט אַן עלטערער מאַן, דער זעלבער, וואָס איז פריער געשטאַנען צווישן אַ רימל מענטשן און געשאָטן פעך און שוועבל אויף די דייטשן און די אייגענע מנובלים.

ער איז אַוועק, געלאָזט זיך ווידער וואַנדערן איבערן גרויסן, אימהדיקן פאַריז, ער וואָלט געדאַרפט אָפּזוכן יענע, מיט וועלכע די מאַמע איז געווען פאַרבונדן, יענע האָבן זיך מסתמא נישט געלאָזט נעמען, האָבן שוין לאַנג פאַרלאָזן זייערע הייזער, האָבן געוווסט וואָס זיי האָבן צו טאָן. ווו זאָל ער זיי זוכן? צו ווענדן זיך ווענדן? די פיס ווערן אַלע מאָל

שוערער, דער גאַנג פּאַמעלעכער, זיינע אויגן בלאָנדזשען, זוכן, די בליקן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהאָנגען אויף אַ בעקערײַ־וויטרינע. עס האָט אים פּלוצעם אינעווייניק אַ שטאַרקער ציפּ געטאָן, דער הונגער האָט זיך אָפּגערופן. האַנרי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט גאָרנישט געהאַט אין מויל, האָט דערפילט אַ שטאַרקע טריקעניש אין האַלדז. ער האָט אָנגעהויבן נישטערן אין די קעשענעס, אָ, גוט וואָס ער האָט אַ ביסל קליינגעלט, באַקומען פון דער מאַמען אויף מעטראָ־בי־לעטן, נאָר ער האָט סיי ווי נישט קיין שפּייז־טיקעטן, אָבער אַ קאַווע, אפשר אַ „קרואַסאַן", ער מוז עפּעס איבערכאַפּן, דערנאָך וועט ער אַ טראַכט טאָן וואָס ווייטער צו טאָן, כאָטש אַ קאַווע, נאָר וווּ איז ער? ער האָט אָנגעשטרענגט די ראיה, אַרומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט דאָ צום ערשטן מאָל געווען.

דער זימערדיקער בין השמשות האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן פּאַריזער מדבר. וווּ איז ער? אַהאַ, באַסטיל. ער האָט נישט ווילנדיק פּאַרריסן דעם קאָפּ צו דעם פרייהייטס־מאָנומענט. אָבער ווי אַזוי איז ער אַהער געקומען? נישט געוווּסט, אַז ער דערנענטערט זיך צום 11־טן אַראָנדיסמאַן, פון דאַנען איז שוין נישט ווייט צו זיין גאַס, צו זיין היים. „זיין היים"? אוים היים, נישטאָ מער. וווּ וועט ער היינט איבערנעכטיקן? ווו? נאָר קודם עפּעס איבערכאַפּן, און וועלכער קאַפע אריינגיין? ער זעט מסתמא אוים... צום בעסטן אין אַ קליינע קאַפע, זיכערער און ביליגער. און דערנאָך? כ'מוז פאָרט ערגעץ איבערנעכ־טיקן, אפשר צוגיין צו...

— האַנרי!

האַנרי האָט אויפגעריסן די אויגן. פאַר אים איז געשטאַנען ראָלאַן, זייער שכן. זיין 22־יעריקע פרוי האָט מע גענומען פון די ערשטע. סיזאַן איז די גאַנצע פאַרבליבן נעכטיקן ביי איר קראַנקער מאַמע, מ'האָט זי גענומען צוזאַמען מיט איר, געקומען נאָך יענער פאַרטאָג. ראָלאַן איז אויסער זיך, זיין פרוי, אַ פראַנצויזין, ער איז אַרומגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג, אויפגעוויזן, אַז ער איז אַן אַריער, זיין פרוי... ער ווייסט, אַז סיזאַן וועט סיי ווי נישט לאָזן די קראַנקע מאַמע אליין, פונדעסטוועגן וועט ער נאָך מאָרגן זיך אָנפרעגן. יאָ, ער האָט געזען, ווי מ'האָט אַרויסגע־פירט זיינע שכנים, אַלע, אויסגעליידיקט דריי שטאָקן, געלאָזט זיך גלייך צו סיזאַנס מוטער, נאָר שוין קיינעמען נישט געטראָפן.

זיי זענען אריין אין דער באַנטמסטער קאַפע, אַוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקל ביי אַ טישל, האָבן אַפילו באַקומען עטלעכע „קרואַסאַנס“ אין אַ קוישעלע. האַנרי האָט געשטופּט אין מויל איין קרואַסאַן נאָכן אַנדערן, ערשט נאָך דער קאַווע און די ערשטע ביסנס האָט זיך דער הונגער צעשפּילט. ביים פּערטן קרואַסאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן צו ראַלאַנגען און מיט אַ פולן מויל איז אים אַרייַנגערוימט אין אויער:

— כ'האָב אַ פּלאַן... נאָר כ'האָב נישט קיין קאָנטאַקט, ווילסט, זאָלן מיר...

— עס און שווייג!

ביי זיינע 23 יאָר האָט ראַלאַן אויסגעזען, ווי אַ שנעק, סיזאַן איז ביי אים געגאַנגען אין די הויזן, הייסט איז ראַלאַן זייער ערנסט, פּאַרזאָרגט, דענערווירט, זיפט, ווי יוצא צו זיין, די ערזאַץ-קאַווע און קוקט מיט שטרענגע, פּאַטערלעכע אויגן אויף האַנרי. אַז האַנרי האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן, האָט ראַלאַן צוגערופן דעם „גאַרסאָן“. שווייגנדיק באַצאָלט, אַרויסגעלייגט די האַנט אויף האַנריס אַקסל מעשה אַפּוטרופּוס און אַרויס מיט אים.

זיי האָבן דורכגעהאַקט דעם בולוואַר ריטשאַרד לענואַר, פּאַרנומען זיך אין דער ריכטונג צו דער יידישער געגנט אין 11-טן קוואַרטאַל. די גאַסן אָפּגעשטאָרבן, דאָ און דאָרט איילט זיך עמעצער אָנצוקומען אַ היים פאַר דער פּאָליציי־אַיישער שעה. די לופט האָט זיך קוים אָפּגעקילט פון דער יולי-היץ. דער וואַרעמער אַ מילדער, האַנרי פילט אָבער אַ קאַלטן ווינט איבער די פּלייצעס, מוראַשקעס לויפן אים איבערן לייב, ער דאַרף זיך אַריינגנבענען צו זיי אין הויז, צו ראַלאַנען אין שטוב, ראַלאַן וועט בריער אַרויף, וועט געבן אַ צייכן; אַז ער וועט עפענען דאָס פענצטער, איז אַלץ אין אָרדענונג. ער האָט נישט לאַנג געוואַרט, דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט, האַנרי האָט זיך אַרומגעקוקט, אַריין אין הויז און ווי אַ קאַץ פלינק אַרויף אויפן דריטן שטאָק.

* *
*

אין אַ פרייען אויגוסט־פרימאָרגן האָבן זיי אַרויסגעריירט פון פּאַריז. האַנרי האָט זיך געפרייט, ענדלעך אַרויסגעקראָכן פון דער באַהעלטעניש. די פרייד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, געפאָרן אויף שריט און

טריט, אומעטום פֿרעגט מען פּאַפּירן; זיי פֿאָרן שוין אין צוג און פּלוצלונג: זשאַנדאַרמען! האַנרי האָט באַוויזן אַריין אין קלאָזעט. — זיץ! — האָט ראָלאַן שטייענדיק ביים פֿענצטערל שטיל אַרײַנגערעדט דורכן מירל. די זשאַנדאַרמען האָבן דורכקאָנטראָלירט זייער וואַגאָן, קאָנען אָבער ווידער קומען. זיי האָבן אויף דער נאָענטסטער סטאַציע אויסגעשטיגן, איבערגעוואַרט דעם טאָג, געטוישט עטלעכע מאָל די צוגן, צום סוף זיך צעשיידט, מ'האַרף זיך נישט וואַרפֿן צוזאַמען אין די אויגן.

עטלעכע שעה נאָכן גנבענען די גרענעץ האָט ראָלאַן אָפּגעפֿונען האַנרין אויף אַן אַנדער אָרט, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, געפֿונען אים אַ דערשעפּטן, פֿאַרצווייפֿלטן. יעדערער פֿון זיי האָט געמיינט, אַז דער אַנדערער איז אַרײַנגעפֿאַלן.

* *
*

מיטן אַלטן זעליק האָט זיך האַנרי צוזאַמענגעטראָפֿן באַלד דעם ערשטן טאָג פֿון זיין אָנקומען אין מאַקי. זעליק זאַמבראָווער, אַ ייד אין די זעכציקער, האָט זיין חלק שוין לאַנג געהאַט באַקומען. נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן געהאַט דערשאָסן דעם ייִנגערן זון, דעם „טעראָריסט", האָט זיין אַלטע אָנגעהויבן איינגיין אויף די אויגן, נישט געוואַרט איר קינדס תּליִנים זאָלן מאַכן אַ סוף מיט איר, אַליין אַוועק פֿון דער וועלט. דער עלטערער זון איז געזעסן אין פּיטיוויע, נאָך דעמלט האָט זעליק געטענהט, אַז אויב זיי האָבן אָנגעהויבן נעמען וועט שוין גיין אַ גאַנג.

ווען די דייטשן האָבן באַפֿוילן אָנצוטאָן די געלע לאַטע, האָט דער אַלטער אַלמן אָנגעהויבן שרייען, אַז די בראָד איז פּאַרטיק. שכנים האָבן אים אפֿילו געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מ'וועט דאָס אויך איבערקומען, ס'איז שוין נעענטער ווי ווייטער, זיי וועלן ברעכן דעם קאַרק. הינטער די אויגן האָט מען אויף זעליקס שוואַרץ-זעערײַ געשאָקלט מיטן קאָפּ: „וואָס אַז אומגליק מאַכט פֿון אַ מענטשן, שווער אים אויפֿן האַרץ, רעדט עס אַרויס פֿון אים, שרעק האָט גרויסע אויגן". זעליק האָט אָבער געטאָן זיינס: ער וועט דאָס נישט אָנטאָן, טראָגן אַ צייכן מע זאָל אים דערקענען? עפּעס גרייט זיך דאָ ווידער, אים האָבן זיי שוין גענוג אָנגעלערנט, די אַטעליע האָט ער שוין סיי ווי פֿאַרמאַכט, אַ קרענק מאַכט ער זיי פֿעלצלעך, וואָס האָט ער דאָ צו זיצן? פֿראַנקרייך איז גרויס און

די פּראַנצויזן זענען נישט קיין שלעכטע מענטשן, הלוואי וואָלט ער פריער געהאַט דעם שכל און נישט געלאָזט גיין דעם עלטערן זון אַליין זיך איבערגעבן אין זייערע טרפהנע הענט.

זעקס וואָכן פאַרן שוואַרצן דאָנערשטיק האָט זעליק איינגעניט אין די הויזן דאָס ביסל מזומן, איינגעפּאַקט אַ פּעקעלע, אָנגעטאָן זיך האַלב פויעריש און געלאָזט אין וועג.

— וואָס איז דאָס געלויף? אין אייערע יאָרן, וועל וועט אייך טשעפּען, אַז זיי נעמען, נעמען זיי יונגע, דאַרפן צו דער אַרבעט. צוּוואָס זאָלט איר ריזיקירן אויף דער דעמאַרקאַציע־ליניע?

— בעסער ריזיקירן, ווי זיצן און וואַרטן אויפן מלאך המות, אַז מע ריזיקירט איז דאָ אַ שטיקל „שאַנס“ — האָט ער געענטפערט דעם שכן.

און ער האָט געהאַט אַ שטיקל שאַנס. מ'האָט אים בשלום דורכגעפירט דורך דער גרענעץ־ליניע, דערנאָך אָנגעקומען אין באַרגיקן דערפל, ער האָט זיך דאָרט פאַר דער מלחמה אויפגעהאַלטן שיינע עטלעכע וואָכן, געווען דעמלט נאָך אַ לונגען־אָנצינדונג. דער פויער האָט אים אויפגענומען גאַסטפריינדלעך, ער דאַרף טאַקע עמעצן צו הילף ביי דער באַלעבאַטישקייט.

זעליקס אויסגעאַרבעטע הענט האָבן זיך גיך צוגעפּאַסט צו דער דאָרפישער ווירטשאַפט. ער וואָלט אפילו דערווייל געקאָנט איבערקומען די שלעכטע צייט אָן אַרבעט, דאָס אָפּגעשפּאָרטע ביסל מזומן וואָלט געסטאַיעט, וויפל דאַרף מע דען אין זיין עלטער? נאָר ער וויל נישט זיין קיין „פּאַנסיאָנער“, אַ מענטש דאַרף נישט זיצן ביי עמעצן מיט פאַרלייגטע הענט, ווען יענער האָרעוועט. בפרט אַז דאָס דערפל העלפט באַשפּייזן אַ יונגע חברה, וואָס איז געקומען פון שטאָט אין די בערג. זיי ווילן נישט פאָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, ווילן זיך בעסער שלאָגן מיט די פאַרשאָלטענע „פּריצעס“.

אַז צו זעליקן איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן אומגליק אין פּאַריז, האָט ער זיך אָנגעבאָטן אויסצופירן שליחותן פאַר די יינגלעך פון מאַקי.

— אַ שאָד וואָס כ'בין נישט יינגער — האָט ער געזאָגט צום פויער — מיין אָרט וואָלט געווען ביי זיי, נאָר עפּעס צוהעלפן קאָן יעדערער, מיינע פיס טראָגן מיר נאָך, די אַלטע ביינער טויגן נאָך צו עפּעס, זייער מפּלה מוז קומען, נאָר יעדערער דאַרף צולייגן אַ האַנט, זי זאָל קומען וואָס גיכער.

און זעליק, דער קירזשנער, אָנגעטאָן ווי א פויער, האָט אָנגעהויבן צולייגן אַ האַנט, אַוועקטראָגן דעם ציגן־קעז, האָרפּישן וווּרשט, חזיר־שמאַלץ, וואָס דער פויער פלעגט צושטעלן דעם מאַקי. בעסער, אַז די יונגע חברה מיט אַ שטאָטישן אויסזען זאָל זיך נישט דרייען צופיל, ווו מע דאַרף נישט, אַז עלטערער מענטש וואַרפט זיך ווייניקער אין די אויגן. פונדעסטוועגן, אַז דער אַלטער זעליק האָט געזען, ווי האַנרי לערנט זיך באַגיין מיטן דינאַמיט און אַנדערע אַזעלכע זאַכן און אַז עפּעס גרייט זיך דאָ, האָט אים אַ שטאָך געגעבן אין האַרץ.

— הער מיר אויס, האַנרי, איך בין אַ פאָטער אָן קינדער, דו אַ קינד אָן אַ פאָטער, ביי מיר האָבן זיי אַוועקגענומעןביידע זין, ביי דיר אַוועקגענומען די עלטערן, איז רעכט איך זאָל דיר זיין אַ פאָטער, פאַרנעמען זיך מיט דיר...

האַנריס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ביידע שווייגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט דער אַלטער ייד פאָרגעזעצט:

— הער מיר אויס, וואָס כ'זאָג צו דיר, כ'רעד צו דיר ווי א פאָטער, ס'איז נישט פאַר דיין עלטער. האָסט נישט געהאַט ווו צו גיין, ביסטו געקו־מער אַהער, אלע ווייסן, ביסט צו יונג, מיין פויער האָט אויסגעפועלט ביי זיינעם א שכן ער זאָל דיר געמען אויף אַרבעט, וועסט זיין ווי ביי משפּחה...

האַנרי האָט איבערגעריסן דעם קאָפּ, בייז אַ קוק געטאָן אויף זע־ליקן און אָפּגעפּטרט אים קורץ און שאַרף:

— מיין משפּחה איז איצט דאָ, כ'בין נישט קיין פּחדן!

— איך אויך נישט, אָבער... ביסט געבליבן איינער פון דער משפּחה, אַרויס פון אַ פייער, ביסט... ביסט צו יונג דערצו, דאַרפסט נישט נעמען אויף זיך... אַ קינד אָן עלטערן... — האָט דער אַלטער זעליק געפּלאָנטערט זיך אין די רייד און נישט געוווּסט וואָסערע אַר־גומענטן פריער אַרויסצוזוכן.

— לאָזט מיר צורו! כ'בין נישט קיין קינד.

— אין דיין עלטער מיינט מען מי יודע וואָס מען איז, פאַר־שטייסט, פון איין פייער אין אַנדערן, דאַרט שיעור נישט מיט דער משפּחה, דאָ אַ נייע געפאַר פאַר דיר, זאָל כאָטש איינער... — האָט זיך זעליק ווידער געפּלאָנטערט און געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט.

— און פאַר די אַנדערע איז עס נישט קיין געפאַר? כ'בין עפּעס בעסערס פון זיי?

— ווער זאָגט דען אַז בעסער? נאָר אַן אונטערשיד, איינער פון... פון אַ גאַנצער משפחה, עס מוז דאָך עמעצער בלייבן, זאָלן כאָטש די קינדער... דאָס פאָלק צעגייט זיך ווי פוטער אויף דער זון, עס מוז עמעצער בלייבן, אַ געפאַר מ'זאָל חס וחלילה אַלע....

— דערפאַר וויל איך זיך שלאָגן — האָט אים האַנרי איבערגע־ריסן.

דער אַלטער זעליק האָט פאַרבראָכן די הענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט איצט אויסגעזען עלטער ווי געוויינלעך. האַנרי איז גע־שטאַנען פאַרלוירן, געוואָלט אַוועקגיין און נישט געקאָנט זיך שיידן מיט אים. זעליק האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן, ווי דאָס וואָלט אים אָנגעקומען שווער. זיינע אויגן זענען געווען געוואָרן געוועזן צום גרויסן, גרי־נעם בעקן, דאָרט, נידעריקער אין טאָל. דאָרט האָבן יונגע בחורים זיך געפּאָרעט מיט פאַרשיידענע מינים געווער, פאַנאַנדערגענומען, גערייני־קט, געמאַכט פון אַלט ניי. זעליק האָט געקוקט און דערפילט זיך, ווי אַ פאַרשולדיקט קינד, וואָס נישט קאָנענדיק מיטהאַלטן מיט די דערוואַקס־סענע, האָט עס דערצו נאָך אָפּגעטאָן נישט קיין שיינע זאַך. נישט אויס־דרייענדיק דעם קאָפּ צו האַנרי, האָט ער ווי צו זיך אַליין אַ מורמל געטאָן:

— זאָל דיר דער אויבערשטער שיצן!

* *
*

אין טאָג פון דער אַקציע האָט זיך זעליק געלאָזט צום מאַקי. נישט זיין טאָג געווען, ווי קאָן ער אָבער דאָ איינזיצן, אַז דאָרט וועט האַנרי... ער האָט אויסגעפונען אַ תירוץ, אויסגענוצט זיינע קירזשנערישע קענטע־נישן, צונויפגענייט, ווי ס'האָט זיך געלאָזט קרוליקעס־פעלעכלעך, צו־נויפגעשטוקעוועט נאָך אַ דעק אונטערצולייגן צום שלאָפן, די נעכט וועלן אַלע מאָל קעלטערע, ס'וועט צונוץ קומען. געווען שוין שפּעטלעך נאָך מיטאָג, דער פויער האָט אָפּגערעדט, נאָר זעליק האָט געטענהט זיינס: קילע נעכט, די יונגלעך האָבן נישט גענוג אונטערצולייגן...

דאָס גיין באַרג אַרויף באַרג אַראָפּ האָט דאָס מאָל געמאַטערט מער ווי אַן אַנדערש מאָל, אונטערגעהאַקט די אַלטע פיס. עפּעס גע־דויערט עס אַזוי לאַנג, צי בלאָנדזשעט ער נישט אַמאָל? ער דערקענט

נישט די געגנט, שטענדיק געגאַנגען, ווי אַ פערד אין שפּאַן, נישט גע־קוקט נישט רעכטס, נישט לינקס, איצט זעען אים אויס יענע משופּע־דיקע בערג, ווי ער וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל. זאָל ער האָבן אַראָפּגעקראָכן פון וועג? קאָן גאָר פאַרקריכן ערגעץ, ווו מע דאַרף נישט. נאָך דאָס פעלט אים. פון צעטראָגנקייט קומט קיין גוטס נישט ארויס, דער קאָפּ איז געווען ערגעץ אַנדערש און א מענטש דאַרף שטענ־דיק האָבן דעם קאָפּ אויף די אַקסלען. פאַרקראָכן צי נישט פאַרקראָכן? דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו גיין, גאָר די פּיס האָבן אין דעם מאָמענט אָפּגעזאָגט ווייטער צו גיין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָנגע־הויבן זיך אַרומקוקן: אַ, יענער באַרג מיט די אויסגעבויגענע נאָדל־בוימלעך, אָ, דער נאַקעטער פעלדז, ער דערקענט, אומזיסטע שרעק, נישט פאַרקראָכן, ס'וועט שוין אַלץ גוט זיין, א סימן זיי וועלן מצליח זיין...

די זון פאַרגייט פרי אין די בערג, ווי גיך זי לאָזט זיך אַרונטער אויפן האָריזאָנט, פאַרשווינדט זי אונטער די באַרג־קייטן, דער אָוונט פאַלט צו פריער, ווי אַנדערש־ווו. אַז זעליק איז אָנגעקומען אין מאַקי איז שוין כמעט פינצטער געווען, האָט אָבער לייכט דערזען די ערנסט־קייט אויף די פנימער, דערפילט די געשפּאַנטע שטימונג. קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום, מע פריידט זיך נישט מיט אים, ווי געוויינ־לעך, נו, וועט ער נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט צוזאַמענגענייטע פע־לעכלעך, פאַראַן איצט וויכטיקערע זאַכן. ער האָט אַראָפּגעלייגט דאָס זעקל, אַוועקגעזעצט זיך און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

* *
*

די גרויסע עלעקטרישע סטאַציע ליגט ווייט פון דאַנען, מיטן וועג א 20 קילאָמעטער, מע קאָן אָבער פאַרקירצן דעם מהלך אויף מער ווי אַ העלפט, דורכשניידן די בערג, דורכהאַקן זיך מיט באַרגיקע סטעזש־קעס. קיינער וועט דורך דאַנען נישט ריזיקירן, די מאַקיזאַרן קענען גוט אַלע געהיימע, פאַרהוילענע וועגן, האָבן ווי געהעריק אויסגעפאָרשט, האָבן אַלץ גענוי באַטראַכט, די גאַנצע באַרגיקע געגנט ליגט ביי זיי אויף דער האַנט־פלאַך, נישט איינמאָל אויסגעמאָסטן, פריער ביי טאָג, דערנאָך ביי נאַכט. פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט ארויסרירן צו שפּעט,

איינם אזייגער איז די בעסטע צייט, ביז ס'הייבט אָן צו שאַריען אויף טאָג, דאַרף מע זיין צוריק.

פון דרום־זייט שלענגלט זיך דער באַרגיקער וואַסער־שטראָם, דרייט זיך איין אין אַ ברייטן בעקן און לויפט צוריק הינטער אים. אויף צפון, ווייטלעך פון דאַנען, איז דער וועג, פון דאָרטן פירט אַ סטעזשקע ביז דער פאַרצוימונג, פון מערב־זייט ליגט אַ וועלדל, וואָס בעענגטער צו דער פאַרצוימונג, אַליין שיטערער די סאָסנע־ביימלעך, דאָס וועלדל גייט אי־בער אין קוסטעס און הויכע ווילדע גראָזן, דאָ אין וועלדל האָבן דריי חברה־לייט מיט צוויי פויערים־מיידלעך עטלעכע מאָל געקליבן שוואָ־מען... דאָ איז דער שטעכל־דראָט נישט געדיכט געפלאָכטן...

די סטאַציע איז באַוואַכט טאָג און נאַכט, איין קליניקייט, עלעק־טרישער שטראָם פאַר די דייטשן, נאָר פון הינטן דאַרף זיין אויס שטראָם פאַר זיי, די צוגרייטונג איז געווען אַ פינקטלעכע, הייַנט ביי־נאַכט וועט מע זיי ווייזן...

זאַלבעדריט זענען זיי געקראָכן דורכן וועלדל, דורכגעשלייכט זיך דורך די קוסטעס און גראָזן ביז דער פאַרצוימונג. צוויי פאַר הענט האָבן געאַרבעט פאַכמעניש, געמאַכט אַ גענוגנדיקן דורכגאַנג צווישן דראָט, פונדעסטוועגן איז גוט וואָס עס האָרף דורכגיין אַ דראָבנער בחורל, ווי האַנרי, ס'איז גוט געשען, וואָס ער האָט זיך אַליין פאָרגעלייגט, געבעטן זיך, איינגעשפאַרט. לייכטער אים דורכצוקריכן, אויסבאַהאַלטן זיך אין הויכן גראָז. אַלץ גייט ווי פאָרויסגעזען, די פּאַסיקסטע שעה, די פאַסיק־סטע נאַכט. אַ פינצטערע, אַ שוואַרצע.

האַנרי האָט זיך געשלייכט אין גראָז צוריק אַזוי שטיל, אַז זיינע באַ־גלייטער האָבן געמוזט שטאַרק אָנשפּיצן די אויערן. פיר הענט האָבן ווידער באַצוווינגען דעם שטעכלדיקן דראָט, דער איינגעקאָרטשעטער גוף איז איצט לייכטער דורכגעקראָכן. האַנרי שאַרט זיך צוריק דורך די קוסטעס מיט שטומען טריאומף, אַלץ איז געגאַנגען, ווי געשמירט, ממש אויף רעד־לעך, געלאָזן דעם „זייגער" דאָרט, וווּ ס'איז געווען פאָרויסגעזען, ער האָט זיינס גוט אויסגעפירט, ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר מע טאָר נישט. זיינע צוויי באַגלייטער שאַרן זיך איצט גיכער, האָבן אים אַ ביסל איבער־געיאָגט, איינער פאַרביישאַרנדיק זיך האָט צו אים אַ שושקע געטאָן: גי־בער! נאָר ער וועט זיי אָניאָגן, ער וועט נאָר אָפּכאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם, נישטאָ איצט וואָס מורא צו האָבן, אָנגעפּיפן די וועכטער, דאָס האַרץ זעצט שוין נישט פון שרעק, פון איצט אָן וועט ער פאַר גאָרנישט מורא

האָבן... איצט האָט ער זיי כאַטש אַ ביסל באַצאָלט, דאָס שטיקל אַרבעט האָט זיך איינגעגעבן, אין אַ שעה אַרום איז אויס מיט זייער סטאַציע, מ'וועט פון ווייטן, מיר וועלן דערמלט שוין זיין...

און אומגעריכטער צווייפל האָט אָנגעהויבן פּיקן אין מוח: צי האָט ער אָוועקגעלייגט ווי ס'באַדאַרף צו זיין? צי וועט עס כאָטש אויפרייסן? צי איז אַלץ ווי געהעריק? אייגענע פאַבריקאַציע... ס'זאָל כאָטש נישט זיין קיין פאַרשפּעטיקונג, זיי האָבן אויסגערעכנט...

אַ שטאַרקער דונער האָט איבערגעריסן די געדאַנקען, פאַרטומלט אים. ס'זענען געפלויגן שפּליטערס. אין דער צעטרייסלטער לופט האָט זיך דער־הערט אַ שיסעריי פון מאַשינען־געווער, אַ צווייטער אויפרייס האָט פאַר־הילכט די שיסעריי. דערנאָך שטיל.

אויפן אָפּגערעדטן אָרט זענען צוריקגעקומען 9 פאַרסאָפּעטע יינגלעך, זיי האָבן געוואַרט אויפן צענטן, דער צענטער איז נישט צוריקגעקומען. ס'איז נישט צוריקגעקומען האַנרי. זיינע צוויי באַגלייטערס האָבן זיך גע־לאָזט צוריק אין יענער ריכטונג, זיי האָבן אים געפונען אויפן האַלבן וועג אַ שווער פאַרוווּנדעטן.

זיי האָבן אים געבראַכט אויפן אָפּגעשטימטן אָרט, דערנאָך האָבן 9 מאַקיזאַרן, טווישנדיק זיך, געטראָגן אים אויף די אַקסלען. דורך די פינצטע־רע בערג, דורך געדרייטע סטעזשקעס האָט זיך געצויגן אַ געהיימע, שטו־מע לוויה.

מ'האָט געדאַרפט ציטווייליק פאַרלאָזן דאָס אָרט, אַרויפגיין העכער אין די בערג, מ'האָט זיך געאיילט צו ברענגען האַנרי צו קבורה. דער אויס־געגראָבענער גרוב איז פלאַך און קליין, אַ דריי צענדליק יינגלעך האָבן אַרומגערינגלט דעם קבר, זייערע מיילער האָבן שטיל און הייס געשעפּ־טשעט, ווי אַ תפילה, דעם קאַמפס־הימן.

זעליק דער סירזשנער איז געשטאַנען האַרט ביים גרוב, געשטאַנען אַזוי אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַהין אַריינקריכן. גראָבע טראָפּנס טרערן האָבן גערונען פון די אויגן, געקייקלט זיך איבער די באַקן, ווי טראָפּנס רעגן. די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט, נאָר פון צעקרימטן מויל איז נישט אַרויס קיין איין קלאַנג, אַ גרויסער קנויל אין האַלדז האָט גע־שטיקט, געשטיקט דערוואָרגן צו ווערן. זעליק האָט נישט באַמערקט ווי דאָס שעפּטשענדיקע געזאַנג האָט אויפגעהערט, עמעצער האָט אים אָנגע־נומען ביים אָרעם. די מענטשלעכע וואַרעמקייט האָט אים צו זיך געבראַכט, אין מוח איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: „אָן אַ יידיש וואָרט? צי דען זענען

מיר שוין קיין פּאָלק נישט?" דאָס צעקרימטע מויל האָט זיך געעפנט, ווי ביי א פיש, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן אויף דער יבשה, די שטיקעניש אין האַלדז האָט נאָכגעלאָזט.

— יתגדל ויתקדש...

פון אָנהייב האָט זיך די געלייִמטע צונג געפּלאָנטערט, ווי ביי א שטומען, וואָס פּרוּווט שרייען פון גרויסן ווייטיק, דערנאָך זענען די גאָרגלדיקע קלאַנגען אַלע מאָל מער אויסגעלייזט געוואָרן, שטיל = שטיל אַרויסגעשטראָמט פון א טיפער טיפעניש. און זעליק האָט דעם קדיש געזאָגט נישט נאָר נאָכן קליינעם האַנרי, נאָר אויך נאָך זיין זון, נאָך אַלע אַנדערע, אין געדוכט האָט זיך אים, אז דעם קדיש זאָגן מיט אים מיט די ייִנגלעך ארום אים, די בערג און די סאָסנע=ביימער.

עשה שלום במרומיו, הוא יעשה שלום
עלינו ועל כל ישראל, ואמרו: אמן.

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט אין איילעניש, דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געוואַנדן זיך צו די ייִנגלעך:

— מע דאַרף זיך איילן, ווען איך וואָלט ייִנגער געווען... נאָר כ'וועל ווייטער, כ'וועל... כ'וועל... אויב מע וועט דאַרפן, וועל איך אָפּטער...

דאָס ווונדערלאַנד

(אַ מעשׂהלע)

פֿון קדמונים האָט מען פֿון דעם לאַנד געוווּסט, פֿון די עלטסטע צייטן האָט מען עס באַזונגען, און אין די לידער האָבן מענטשן טרייסט און האָפֿענונג געפֿונען.

קיינער איז קיינמאָל אין יענעם לאַנד נישט געווען, קיינער איז קיינמאָל צו זיינע גרענעצן נישט דערגאַנגען, נאָר געוווּסט האָט מען וואָס פֿאַראַ ווונדערלאַנד דאָס איז, מיט וואָס פֿאַראַ גרויסע גליקן מען קען באַגליקט ווערן, אויב מ'וועט עס איינעמען. און דאָס ווונדערלאַנד וואַרט און וואַרט מען זאָל עס דעראָבערן און פֿון זיין ווונדערלעכער שפֿע מיט פֿולע הויפֿנס שעפּן.

אַזוי האָט מען זיך דערציילט.

און יעדער דור האָט אַנדעריש דערציילט, פֿאַרביקער, מיט גרעסערן כוח הדמיון, און מיט מער פּרטים.

איינע האָבן געזאָגט, אַז אין ווונדערלאַנד איז פֿון כּל טוב פֿאַראַן — פּירות זאַפֿטיקע מכּל המינים וואַקסן דאָרט און אַלערליי אַנדערע גוטע זאַכן, אַפֿילו מאַרצעפּאַנעס, גענוג בלויז די האַנט אויסצושטרעקן, ס'זאָל פֿון בוים אַראָפּפֿאַלן, וואָס מע באַדאַרף.

אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דאָרט פֿליסט האָניק און מילך פֿון אונטערערדישע קוואַלן אַרויס.

נאָך אַנדערע — אַז דאָרט שטענדיקער פֿריילינג איז, נישטאָ קיין פֿרעסט און נישטאָ קיין היצן, דער ווינטער און דער זומער האָבן צווישן זיך אַן אָפּמאַך געמאַכט, אין שותּפֿות האָט אַ יעדער זיין גאַנץ אייגנס

אריינגעלייגט. און אַז שותפות איז שותפות, אויס באַזונדער, מיינס דיינס, דיינס מיינס, און שטענדיקער פרילינג איז אויפגעקומען.

אויך דער ווינט האָט אויפן שותפות אײַנגיין געמוזט, אויפגעהערט בייז צו וואָיען, זיין בלאָזן איז מילד און צערטלעך געוואָרן. און דער רעגן האָט דעם ווינט נאָכגעטאָן, זיינע טראָפּנס זענען וואַרעם און אָפּפרישנד געוואָרן.

איז אין וווּנדערלאַנד דער הימל שטענדיק לויטער־בלוי און די זון אַן איין פּלעקעלע. אַ קרישטאַל־זויבערע האָט זי איבערן גאַנצן לאַנד אירע גין־גאָלדענע שטראַלן צעשפּרייט. אַפילו די וואָלקנס, וואָס קומען צולויפן אָנטרינקען מיט רעגן די ערד, פאַרדעקן די זון מיט קיין גרויע גנעפּלען נישט, וואָרעם גרוי־זילבערדיק זענען זיי די וואָלקנס און דורך דעם געוועב דעם זילבערנעם זענען זונען־שטראַלן בלויז געדעמפּט־גאָלדענער. און צומאָל ביינאַכט ווייסט נישט דאָס וווּנדערלאַנד פון קיין פינצטערניש, וואָרעם מיליאָנען שטערן און שטערנדלעך, און לבנה אַ זילבערנע און פולע לויכטן אויפן הימל אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר.

און שלום און שלווה הערשט אין שיינעם וווּנדערלאַנד. חיות רעות זענען מילד געוואָרן, דער אָקס מיטן וואָלף צוזאַמען זיך פּיטערן אויף די גרינע, פעטע פעלדער, און קיין באַשעפעניש לאָקערט אויף קיין אַנדער באַשעפעניש.

און די מענטשן גוט און לייטזעליק זענען, איין מענטש דעם אַנדערן אַ ברודער איז, און פון קיין מיינס און דיינס, פון קיין קנאה און שנאה ווייסט מען נישט, וואָרעם נשמות לויטערע און הערצער זויבערע האָבן זיי די מענטשן, און אַרבעטן שווער דאַרפן זיי נישט, וואָרעם גאָטס קללה „מיט שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט“, איז דאָרט בטל געוואָרן.

און גרויס און ברייט, אָן אַ גרענעץ און אָן אַ סוף איז דאָס וווּנדערלאַנד, מיט זיין ברויט קאָן עס אַלע הונגעריקע זאַט מאַכן, און מיט זיינע קוואַלן אַלע דורשטיקע אָנטרינקען און מיט זיינע ליכטער אַלע פינצטערנישן פאַרטרייבן.

און נאָך און נאָך האָט מע וועגן דעם גרויסן און שיינעם וווּנדערלאַנד געוווּסט, און יעדער דור האָט עפּעס נייעם דערקוויקט זיך. און געוואַקסן איז די בענקשאַפט צום וווּנדערלאַנד, און געחלומט און געטרוימט האָט מען אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד דאָס וווּנדערלאַנד צו דעראָבערן.

נאָר מחחקים לאַנגע דורכמאַכן מוז מען, וואָרעם ווייט-ווייט איז צום ווונדערלאַנד, ווייטער ווי צום טייך סמבטיון און צו די הרי החושך, און דער ווייטער וועג אַן אומבאַקאַנטער און שווערער איז, אַ געדרייטער און זיגזאַגיקער, און דורך בערג און טאָלן פירט ער, און שלאַנגען און עקדישן און אַנדערע משונהדיקע ברואים לאַקערן דאָרט.

נאָר גרויס אָן אַ שיעור איז די בענקשאַפט פון מענטשן צו שיינקייט און לייטזעליקייט, און אַזוי שטאַרק איז דער פאַרלאַנג פון נויטבאַדערפטיקע די נויט צו לינדערן, אַז אין אַלע ווינקלעך פון דער וועלט האָבן זיך בעלנים געפונען אויפן שווערן וועג זיך צו לאָזן.

און די בענקשאַפט צום ווונדערלאַנד האָט צוזאַמענגעבראַכט פאַרשטויסענע און פאַרוואָגלטע, שטערנזעער און טרוימער און נאָך און נאָך אַנדערע.

די שטערנזעער האָבן אין הימל געקוקט און לויט די שטערן די געדרייטע וועגן און שטעגן אָפּגעפונען, די טרוימער האָבן די ווונדער פון ווונדערלאַנד מיט זייער כח והדמיון געשילדערט און די וואַנדערנדיקע אויפן שווערן וועג געשטאַרקט. און פאַר קיין שום מניעות האָבן די פאַרשטויסענע און פאַרוואָגלטע נישט אָפּגעשטעלט זיך.

זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, זייער צאָל איז פון אָנהייב אַ קליינע געווען, דערנאָך אַלע מאָל גרעסער און גרעסער. גיפטיקע שלאַנגען האָבן זייערע פיס געביסן, דערנער האָבן זייערע לייבער געשטאָכן, שטיינער און פעלזן, וואָס זיי האָבן אָפּגערוימט, האָבן זייערע הענט צעקאַליעטשעט, נאָר זיי זענען ווייטער געגאַנגען.

חיות רעות זענען אויף זיי אָנגעפאַלן, אַ סך פון זיי פאַרצוקט, אַ סך זענען פון דורשט, פון הונגער, פון שלאַפקייטן אין וועג געפאַלן, נאָר די לעבנגעבליבענע האָבן דעם וועג פאָרגעזעצט, זייער צאָל איז נישט קלענער געוואָרן, פאַרקערט, נייע מחנות זענען געקומען, אויפן אָפּגערוימטן וועג זיי אָנגעיאָגט.

די ערשטע וואַנדערער זענען שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעשטאָרבן, וואָרעם קורץ איז אַ מענטשלעך לעבן; ס'זענען אַנדערע אונטערגעקומען, נייע שטערנזעער און טרוימער האָבן זיך באַוויזן, און נביאים נייע זענען אויפגעשטאַנען און זיי האָבן נביאות געזאָגט, אַז נישט ווייט שוין צום ווונדערלאַנד איז, און אין זייער נביאות האָט דאָס ווונדערלאַנד נאָך ווונדערבאַרער אויסגעזען. און נייע מחנות זענען צולויפן געקומען און מיט יעדן דור האָט זיך זייער צאָל געמערט.

און די מחנות זענען געגאנגען און געגאנגען, ביז... ביז זיי זענען צום סמבטיון דערגאנגען, און געוווסט האבן זיי, אז פאר די לעצטע שוין מגיעות שטייען זיי, ווארעם זיי האבן דאס וונדערלאנד שוין פון דער ווייטנס געזען.

און גרויס פרייד און שמחה איז אויסגעבראכן, ווארעם אז בייגעקו־מען חיות רעות, שטיינער און דערנער, וועלן זיי די שטיינער פון סמבטיון אוודאי בייקומען און דעם ווילדן טייך מנצח זיין. און זיי זענען שוין איצט נישט געגאנגען טראט ביי טראט, נאר אונטערגעיאגט זיך, געאיילט זיך אין וונדערלאנד ענדלעך אנצוקומען.

צי זענען זיי אנגעקומען?

דאס האט מיר די באבע פעשע נישט געזאגט, ווארעם די מעשה האט מיר די באבע דערציילט. איך האב אויך דעם סוף געוואלט וויסן, געבעטן, געדונגען זיך, אז א מעשה אן א סוף איז קיין מעשה נישט.

אבער די באבע פעשע, אז זי וויל נישט, וויל זי נישט, און זי האט מיך אפגעפאטערט:

— ס'געפעלט דיר נישט די מעשה, האסטו א בריחה נישט צו הערן!

נאר מיר איז די מעשה דווקא יא געפעלן, און כ'האב ווידער אמאל און אבער אמאל געהערט, ביז זי האט זיך ווארט ביי ווארט אין מיין זכרון איינגעקריצט.

דער אויסטערלישער בוים

(אַן אַלטע מעשה)

אויף אַ ווייסט פעלד איז אַ בוים געשטאַנען.

נישט קיין געוויינלעכער בוים און נישט קיין געוויינלעך פעלד.

אַ פעלד אַ מדבר, אויסגעטריקנט, אויסגעברענט פון דער זון, אָן אַ טראָפּן וואַסער אין די אינגעווייד. זוימען פאַריאָגטע פון שטורעם־ווינט האָבן די ערד נישט באַפרוכפערט. אַן ערד אַן עקרה, קיין גרעזעלע, קיין בלימעלע, קיין ביימעלע פון זיך נישט אַרויסגעגעבן.

פון וואַנען זשע האָט זיך אַהער אַ בוים גענומען?

טאַקע נישט קיין געוויינלעכער בוים, אָבער פאָרט אַ בוים.

אַ בוים אין טיפער זקנה, און פאַרוויסט, פאַרחושכט ווי דאָס פעלד. דער דיקער שטאַם אויסגעהוילן, די קאָרע אויסגעטריקנט, צעפּלאַצט, גע־רינצלט, ווי ביי אַ זקן די הויט אויפן פּנים, די אָפּגעדאַרטע צווייגן אָפּגע־פאַלן, פון ווינטן צעטראָגן, קיין נייע שפּראָצונגען ווער ווייסט ווי לאַנג שוין נישט אַרויסגעגעבן, און נישט געבויגן און נישט געבראָכן, שטייט שטאַרק און פעסט, ווי אַן אַלטער, געמויערטער טורעם.

אַן אָפּגעשטאָרבענער בוים?

ווער ווייסט?

נישט קיין פּשוטער בוים זאָגט מען... פאַרבייגייער מיידן אים אויס, מידע וואַנדערער זעצן זיך נישט הינטער אים דעם רוקן אָנצושפּאַרן. נישט ער זאָל שרעקן, טרייבן פון זיך, נאָר ווייל נישט קיין פּשוטער בוים. מע זאָגט, אַז ביינאַכט שאָקלט זיך זיין אַלטער, גראָבער שטאַם, נישט פון

ווינטן בייזע, גייערט פֿון זיך אליין, ווער אַ גוטן אויער האָט, קאָן פֿון אַ
שפּיקל מהלך הערן, ווי ער זיפֿצט און קרעכצט דער בוים.

מען זאָגט, אַז אין נעכט שטילע און פֿינצטערע, ווען שטערן און
לבֿנה לויכטן נישט און פֿינצטערנישן הילן איין דאָס רחובֿותדיקע פֿעלד,
קומען שאָטנס צולויפֿן, קליינע און גאָר קליינטשיקע, ווי נשמות, ווי גלגו=
לים פֿאַרוואָגלטע. זיי קומען מחנותווייז אויף פֿליגל פֿייגלשע צו פֿליען,
פֿילן די לופֿט אָן מיט זייער שטילן פֿלאַטער, רינגלען דעם בוים אַרום,
דרייען זיך אַרום אים אין אַ קאַראָהאָד, שטופּן זיך צו זיין רוקן, צאַפּלען
און פֿלאַטערן, ווי זיי וואָלטן עפּעס אַ תּפֿילה אָפּגעריכט און מחילה גע=
בעטן. דערנאָך זיפֿצט און קרעכצט דער אַלטער בוים; אַנדערע זאָגן ער
וויינט, נאָר ביימער וויינען אַזוי שטיל, אַז מען הערט זיי קוים.

און נאָך און נאָך דערציילט מען זיך וועגן אַלטן, אויסטערלישן בוים.
נאָר ווי אויף אַ מעשׂה איז געגוג דאָס, וואָס מיין אַלטע ניאַניע האָט מיר
דערציילט, זי האָט עס פֿון איר באָבען געהערט, און איר באָבע פֿון איר
זיידן, און דער זיידע פֿון אַן עלטער=זיידע.

*   *
*

אַמאָל, אַמאָל איז דאָס ווייסטע פֿעלד אַ גרויסער, גריגער וואַלד גע=
ווען, און העט=ווייט אין דער לענג און אין דער ברייט זיך געצויגן; און
אין שיינעם, גרינעם וואלד האָבן מחנות פֿויגל געלעבט. אַ פֿייגלשע קעניג=
רייך דאָ געווען מיט פֿייגעלעך פֿון אַלע מינים און סאָרטן, און געלעבט
האָבן זיי בשלום ובשלווה צווישן זיך, געפּאָרט און געמערט זיך לויט גאָטס
געבאָט.

איז דאָס פֿייגלשע קעניגרייך געוואַקסן און געוואַקסן, און די פֿייגל
פֿון אַלע מינים און סאָרטן האָט פֿון קיין פֿויגל=מילך נישט געפֿעלט, און
די שירה פֿון קליין און גרויס האָט זיך אין איין פֿויגלשע סימפֿאָניע צונויפֿ=
מענגעגאָסן, געטראָגן זיך פֿון איין עק וואַלד ביזן צווייטן.

אַזוי פֿון פֿויגל=דור צו פֿויגל=דור.

איז אויפֿגעשטאַנען איינמאָל אַ פֿויגל, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט
צווישן אַלע אַנדערע: גרעסער און שטאַרקער און שענער און פֿלינקער פֿון
אַלע איבעריקע; גרויס ווי אַן אָדלער, און אָנגעקליידט אין פֿעדערן פֿיל=

פאַרביקע, און באַשאָנקען מיט פליגלען מעכטיקע. און דער פויגל איז געפלויגן הויך און ווייט, העכער און ווייטער פון אַלע איבעריקע פייגל.

און אין יענע צייטן האָבן פייגל גלוסטעניש, ווי מענטשן געהאַט. האָט זיך דעם גרויסן, שטאַרקן פויגל פאַרגלוסט דאָס אייביקע לעבן צו האָבן. אַז אַנדערש איז אַנדערש! ער איז שענער, און קליגער, און שטאַרקער און פלינקער פון אַלע אַנדערע פייגל! מיט איין פיק פון זיין מעכטיקן שנאָבל קאָן ער מענטשן פייגעלעך אַוועקליייגן, מיט איין זעץ פון א פליגל וועט ער נעסטן אָן אַ שיער צעשטערן. זאָל ער שטאַרבן ווי דאָס מינדעסטע, דאָס קלענסטע פייגעלע? אַז אַנדערש איז אַנדערש!

האָט דער גרויסער, שטאַרקער פויגל זיך צו גאָט געלאָזט פליען און זיינע טראַכטעניש און גלוסטעניש פאַרן אַלמעכטיקן אַרויסגעלייגט.

גאָט האָט דעם פויגלס פאַרלאַנג אויסגעהערט, זיין באַגער אנטקעגנגעקומען, נאָר אַ פאָדערונג געשטעלט: דער פויגל מוז דעם טעם פון פייער פאַרזוכן, אין פייערדיקע פלאַמען זיך טובלען און ריייניקן נאָך אַ לעבן אַ לאַנגן; אַז אייביק לעבן אים אויף ראטעם געגעבן, נאָך יעדער ראטע דאַרף ער אליין זיך פאַרברענען און אויפסניי געבוירן ווערן, אפנים דער פויגל זאָל צו מעכטיק נישט ווערן, וואָרעם גאָט קען גוט זיינע באַשעפענישן און ווייסט וואָס זיי אָפּטאָן קאָנען, ווען זיי שטאַרק און אַלמעכטיק זענען.

און דער מעכטיקער פויגל האָט גאָטס פאָדערונג אויספירן געמוזט.

נאָך א לאנגן, לאַנגן לעבן איז דער פויגל אויפן שענסטן און העכסטן בוים אַרויף, אויף זיין שפּיץ אַ נעסט אויסגעבויט און ווי נאָר ער האָט זיך אין דער נעסט ארייַנגעזעצט, איז א העליש פייער פון דער זון אראָפּ און געשייערט און גערייניקט אים ביז די פלאַמען האָבן אים צו אַש געמאַכט. און פונעם אש, טיילמאָל פון איין איינציקן פונק אינעם אַש איז דער פויגל צוריק געבוירן געוואָרן, צוריק צום אייביקן לעבן אויפגעשטאַנען.

א שאלה צי דער פויגל האָט פאַרזוכט דעם טעם פון ווייטיק ער זאָל קיין אַנדערע פייגל קיין ווייטיק נישט אָנטאָן.

נאָר געמאַכט האָט זיך איינמאָל, אַז דער פויגל האָט זיך צעבונטעוועט: גענוג זיך געברענט! ער וויל נישט קיין אייביקייט אויף ראַטעם! אייביק איז אייביק! ער וויל שטענדיק לעבן, און שטאַרק און מעכטיק זיין, און איבער אַלע פייגל זיין, און אין פייער גייט ער נישט מער, אוי רייניקן זיך אין זיינע פלאַמען וועט ער נישט מער!

און פייגל ווי פייגל—זיי זענען דעמלט צו מענטשן ענלעך געווען—האָבן צוגעשאָקלט מיט די פייגלשע קעפּלעך, צוגעבאָמקעט, געגעבן אים גערעכט, וואָרעם ער איז דער שטאַרקסטער געווען.

דער שיינער הויכער בוים, דער שענסטער און העכסטער פון אַלע ביימער האָט געוואַרט און געוואַרט און דער פויגל איז אויף זיין שפּיץ נישט אַרויף, קיין נעסט נישט אויסגעבויט, אַרומגעפלויגן גאווהדיק צווישן די פייגל און גערימט זיך: ער וועט מער אין פלאַמען זיך נישט רייניקן און באַסטאַ!

איז גאָט אין גרוים צאָרן אַריינגעפאַלן, און אַ פייער אין וואַלד אַראָפּגעשיקט. דאָס פייער האָט דעם פויגל געזוכט, און זוכנדיק די ביימער אָנגעצונדן, און דאָס פייגלשע קעניגרייך איז צוזאַמען מיטן וואַלד אין העלישע פלאַמען אומגעקומען.

אויפן אָרט פון וואַלד איז אַ פוסט און ליידיק פּאַרסמאָליעט פעלד געבליבן און אויפן פּאַרוויסטן פעלד דער בוים, אויף וועלכן דער פויגל האָט זיך אין פלאַמען געהאט גערייניקט. אַן אויסטערלישער, הרובער בוים, נישט ער לעבט, נישט ער איז געשטאָרבן.

צוואָס האָט גאָט דעם בוים געלאָזן?

אויף קיין מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיה, האָט מיין אַלטע ניאַניע געזאָגט.

דער נזיר, דער שפּאַרבער און די מכשפה

(לויט אַן אַלטער אינדישער לעגענדע)

אין אַ גרויסן, שיינעם וואַלד האָט אַ נזיר געלעבט. ער איז פון מענטשן אַנטלאָפן, האָט נישט געקאָנט צו זייערע שלעכטע פּירעכצן זיך צוקוקן, די עוולות פון מענטש צו מענטש פאַרטראָגן נישט געוואָלט. האָט ער ליבערשט טיף אין וואַלד זיך פאַרשטעקט און מיט די פייגעלעך און וואַלד־חיהלעך זיך איינגעלעבט.

איינמאָל, אין אַ זוניקן פרימאָרגן, ווען דער נזיר האָט זיינע אויגן צום הימל געוואָנדן, האָט זיין בליק זיך אויף אַ קליינטשיק וועוריקל פאַרהאַלטן. דאָס שיינע, גראַציעזע וועווערקע־קינד איז צום ערשטן מאָל פון נעסט אַרויס, צום ערשטן מאָל די ליכטיקע זון און דעם גרינעם וואַלד דערזען און פאַר גרויס פרייד געשפּרונגען פון צווייגל צו צווייגל, אַראָפּגעלאָזט זיך נידעריקער, געהויבן זיך העכער און ווידער נידעריקער ביז צו דער גרינער ערד, און אַזוי כסדר מיט וועווערישע נאַיווע אייגעלעך גאָטס שיינע וועלט באַוואונדערט.

אַ שפּאַרבער אַ פלינקער, אַ גיריקער, האָט נאָר וואָס זיין נעסט פאַרלאָזט. דערזען דאָס וועוריקל האָט זיך דער אַפּעטיט ביי אים צעשפּילט, און נישט לאַנג טראַכטנדיק געלאָזן זיך אין יאַגד. דאָס וועוריקל אַ טויט־דערשראָקנס, טוט אַ שפּרונג אַהער, אַ שפּרונג אַהין, ס'דראַפּעט זיך מיט אַלע כוחות פלינק אויפן בוים, דער באַגער צו לעבן גיט עס נייע כוחות, אָט־אָט איז עס שוין ביי דער נעסט; דער שפּאַרבער איז אָבער געשיקטער און שטאַרקער, ער קרייזט ווי זיין שטייגער דעם בוים אַרום, פאַרלויפט דעם וועוריקל דעם וועג, און צאַפּ! דער זיגער לאָזט זיך צוריק מיט זיין

רויב אין דן נעגל. ער וועט איצט אין רואיקייט, צווישן גרינע ביימער און זוניקע שטראַלן זיין קרבן פאַרצוקן.

דער גזיר האָט זיך דערמאָנט מיט אַ געבעט צום זיגער געוואָגדן, און מיט אַזעלכע ווערטער געוואָלט ביי אים יושר דערגיין:

— איז דיר קיין חרפה נישט איבער אַ קינד אַ זיגער צו זיין? אַז איר פאַרצוקט זיך אייגע די אַנדערע איז די זינד שוין אָן אַ שיעור גרויס, אָבער איבער אַזאַ שוואַכלינג אַ נצחון אָפּהאַלטן, איז אויך אַ חרפה און אַ בושה אַ גרויסע.

— הונגעריק בין איך און דו קומסט מיר וועגן חרפה און בושה פּראַווען!

דערמאָנט האָט דער גזיר צו זיין שכל הישר זיך געוואָגדן:

— וועט דען דאָס קליינטשיקע ווערעוויקל דיין הונגער זעטיקן קאָנען? זע, הינטערן קינדערישן פּעלכל בלויז הויט און ביין, — אויף קיין איין צאָן וועט עס דיר נישט סטאַיען, אַ צו מאָגערער ביסן פאַר דיר.

— אַ מאָגערער ביסן איז אויך אַ ביסן, שוין לאַנג קיין שום ביסן אין מויל נישט געהאַט, טויט־הונגעריק בין איך!

— אויב ווילסטו דורכאויס דיין הונגער מיט אַזאַ קאַרגן ביסן שטילן, טאָ נעם־זשע בעסער אַ ביסן פון מיין לייב און לאָז אָפּ דאָס קליינטשיקע באַשעפעניש, ס'האָט נאָך גאָרנישט געלעבט, קוים די ערשטע טריט געשטעלט. אויב אין דיין האַרץ איז קיין רחמנות און יושר נישטאָ, קויף איך אויס דאָס אומשולדיקע באַשעפעניש מיט אַ ביסן פון מיין אייגענעם לייב, אָט נעם אַזוי פיל, וויפל דאָס ווערעוויקל וועגט.

און גלייך האָט זיך, ווי פון אונטער דער ערד אַן אַלטע מכשפה באַוויזן. אין איין האַנט האָט זי אַ וואָגשאָל געהאַלטן, אין דער צווייטער אַ מעסער א שאַרפן.

— נאַ, שנייד!

דאָס ווערעוויקל האָט זיך אויף איין זייט פון דער וואָגשאָל אַוועקגעזעצט און דער גזיר האָט אָפּגעשניטן אַ שטיקל פון זיין לייב און אַוועקגעלייגט אויף דער צווייטער זייט, אָבער די וואָגשאָל אַזוי ווי זי האָט פריער זיך אַ קער געטאָן אויף דער זייט פונעם ווערעוויקל, אַזוי איז זי שטיין געבליבן.

דער גזיר האָט ווידער אָפּגעשניטן אַ שטיקל פון זיין לייב און צוגעלייגט, אָבער דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל האָט אַפילו קיין צאַפּל נישט געטאָן. האָט דער הייליקער מאַן אָפּגעשניטן פון זיך אַ הריט און אַ פערט

מאָל און געלייגט אויפן וואַגשאָל, נאָר דאָס צינגל האָט ווייטער זיך קיין ריר נישט געטאָן. אַזוי האָט דער נזיר געשניטן שטיק נאָך שטיק פון זיין לייב און געלייגט אויף דער וואַגשאָל, און דאָס וועוורקל האָט אַלץ אַריבערגעוווגן. ערשט ווען דער נזיר האָט אָפּגעשניטן און צוגעלייגט דעם לעצטן ביסן פון זיין לייב, האָט זיך דאָס צינגל אַ ריר געטאָן און די וואָגשאָל האָט זיך אויסגעגלייכט.

די מכשפה האָט מיט חוזק הויך און פרעך זיך צעכיכיקעט, אַ פּאַטש געטאָן זיגעריש מיט די שוואַרצע הענט און כהרף עין פאַרשוווּנדן. דאָס וועוורקל האָט אויפגעהערט צו ציטערן און פלאַטערן, פאַרלאָזן די וואָגשאָל און מיט פריידיקע שפּרונגען אַרויף אויפן בוים צו זיין נעסט. דער נזיר האָט אויך פאַרלאָזן דעם גרינעם, שיינעם וואַלד. ער האָט זיך מיט דער וועלט צעשיידט. זיין נשמה האָט זיך אויפגעהויבן הויך און העכער איבערן וואַלד און געפלויגן אין הימל, גלייך צום כסא הכבוד, ווו די טויערן פון גן־עדן האָבן זיך פאַר איר ברייט געעפנט.

אויפן אָרט איז געבליבן בלויז דער שפּאַרבער און געווען איז ער מלא שמחה, אויסער זיך פון פרייד: אַזאַ גוטן מסחר געמאַכט! אַזאַ אויסטויש! פאַר אַ מיזערנע וועוורקל, וואָס קוים אויף איין צאָן, באַקומען אַ שטוס פלייש. איצט וועט ער זיך אָנזעטיקן פאַר אַלע צייטן.

און ער האָט זיך מיט אַזאַ אימפּעט געוואָרפן פרעסן, געפּלאַצט שוין און אַזוי גיריק געשלונגען, אַז ער איז דערשטיקט געוואָרן.

* * *

שמעצער איז געשטאַנען בײַ דער טיר. כ'האָב געפֿילט אויף זיך זײַנע שפּיציקע, שטעכיקע בליקן. כ'האָב געפּרוּווט זיך אומדרייען אויף מײַן געלעגער. אַ ברענענדיקער ווייטיק האָט זיך צעגאָסן איבער די גלידער, געבריט, געשטאָכן, געביסן. כ'האָב מיט מי און מאַטערניש אויסגעדרייט דעם שווערן, בלייענעם קאָפּ, אויפגעריסן די אויגן־לעפּלעך, כ'האָב אים דערזען...

זײַן פּנים איז געווען שפּיציק, פֿינצטער און פֿאַרגליווערט מיט יענער קאַלטער ערנסטקייט, וואָס אויף פּנימער פֿון מענטשן, וועלכע הערשן איבער אַנדערע מענטשן און משפּטן אומשולדיקע. ער איז געשטאַנען אַ שטײַפֿער, אַ גאַוותדיקער, חוצפּהדיקער, אַ זיכערער אין זײַן מאַכט צו קאָנען באַצווינגען און צעטרעטן. אין זײַן פֿאַרגליווערטער שטײַפֿקייט האָט געשטעקט יענע בייזע רוגזה, וואָס קאָן יעדע רגע אַ שטופּ טאָן צו אַ שפּרונג, צו וואַרפֿן זיך ווי אַ חיה רעה. ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, געשטאַנען שטײַף און געקוקט צו מיר, געשטאָכן, געשטאָכן מיט די אויגן.

— ווער ביסטו און וואָס ווילסטו? — האָב איך מיט ציטער און אנגסט געפֿרעגט.

— דערקענסט נישט? נישט איינמאָל זיך באַגעגנט מיט דיר. האָסט געשוויגן, פּיפּיק זיך אַרויסגעדרייט, נאָר איך בין הינטער דײַנע פּלייצעס געשטאַנען, אין דײַן שאָטן זיך אויסבאַהאַלטן, האָסט מײַן אָטעם געפֿילט, מײַן שטילער גאַנג האָט דיר ציטערן געמאַכט, איצט דערקענסטו נישט? אַזוי פֿיל זיך אָנגעהערט וועגן מיר און פֿרעגסט, ווער איך בין און וואָס איך

ווײַל? מאַכסט זיך נישט דערקענען? ס'וועט דיר נישט העלפן, כ'בין געקומען נאָך דיר.

כ'האָב אים דערקענט און אַ שטאַרקן טרייסל זיך געטאָן. דער ווייטיק האָט נאָך שאַרפער אָנגעהויבן בייסן שטיקער פון מיין לייב, אַן אייזערנע רייף האָט געפרעסט דאָס האַרץ, אַ פייער האָט זיך צעפלאַמט אין מוח, די אויגן־לעפלעך האָבן זיך צוריק אַראָפגעלאָזן, די ציין זיך איינגעביסן אין די ליפן, אַרויסגעצאַפט טראָפנס בלוט. און נאָך קיינמאָל איז דאָס לעבן נישט געווען אַזוי טייער און ליב, קיינמאָל האָט די וועלט נישט אויסגעזען אַזוי שיין, אַזוי פּראַכטפול און רייצנד. לעבן! לעבן! אַך, נאָך קאָנען זען די זון, די שטערן, קאָנען נאָך קוקן אויפן בלויען הימל, אויף גרינע ביימער, פילן דעם ווינט און הערן דאָס געזאַנג פון פייגל! נאָך קאָנען ליב האָבן און מיט ליבשאַפט באַשענקט זיין! נאָך קאָנען... נאָך קאָנען...
און בונט און רעוואָלט האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלייצט איבערן גוף, אַריינגעריסן זיך אין האַרץ, אין נשמה, פאַנאַנדערגעשטורעמט זיך, ווי דער ים, געוואָיעט ווי אַ הוראַגאַן, פאַרטויבט אַלע ווייטיקן, געשריען מיט אַ פלאַמיקן געשריי: לעבן! לעבן! לעבן!

כ'האָב שווער אונטערגעהויבן דעם צעברענטן קאָפּ, פאַמעלעך אויפגעמאַכט די אויגן און אָנגעטראָפן זיך מיט זיינע פראָסטיק־קאַלטע בליקן, כ'האָב צוזאַמענגענומען אַלע געדאַנקען, אָנגעהויבן פאָדערן גערעכטיקייט, יושר, באַווייזן צוערשט דעם טעות:

— ביסט זיך טועה, חשבונסט שלעכט, קומסט צו פרי, א סך, א סך צו פרי, א נישט אויסגעלעבט לעבן, נאָך יאָרן א סך אויף מיין חשבון, מאַכסט א טעות...

— כ'מאַך קיינמאָל קיין טעותן, כ'ווייס וואָס איך טו, אין מיינע חשבונות קאָנען קיין טעותן נישט געשען.

— אַן אומרעכט! אַן אומרעכט! ערגער, אַן אומזין, האָסט קיין רעכט נישט אויף מיין לעבן, א נישט אויסגעלעבט לעבן, כ'הייב איצט אָן, נישט געוווּסט ווי אַזוי, געזוכט, געבלאָנדזשעט, כ'וויל איצט... האָסט קיין רעכט נישט... טאָרסט נישט... נישט על פי דין און נישט על פי יושר...

— רעכט, שמעכט, נישט מיין זאַך, מיין זאַך צו טאָן, וואָס מ'הייסט.

— וואָס מ'הייסט?

— כ'פיר אויס אַ פאַראָרדענונג.

— פירסט אויס בלינדערהייט?

— אָן וויכוחים! אַ פאַראָרדענונג של מעלה, מאַך זיך גרייט!

— אַזאַ פ=א=ר=אָ=ר=ע=נ=ו=נ=ג, כ'וואַרף זיך נישט אונטער!!

— ביסט חוצפּהדיק, טאָפּלט שולדיק, וועסט דאָרט אָפּגעבן טאָפּלט חשבון.

— כ'בין נישט!... כ'בין נישט!... כ'בין נאָר אַ מענטש, אַן אָרעמער בשר ודם, אפשר קליינע זינד, אפשר, אפשר... כ'בין זיך מודה, עטלעכע עבֵרות, מענטשלעכע שוואַכקייטן...

— וועסט זיך פאַרענטפערן דאָרט, פאַרן בית דין של מעלה, דער סניגור וועט דיר פאַרענטפערן פאַרן קטיגור, פון מיר דערוואַרט נישט קיין רחמים.

— נישט קיין רחמים, כ'וויל גערעכטיקייט!

— גערעכטיקייט, געשמעכטיקייט, א פאַראָרדענונג און פאַרטיק!

— כ'וואַרף זיך נישט אונטער, כ'וועל נישט!...

— אַ פאַראָרדענונג של מעלה! של מעלה!!!

זיין טרוקן אָפּגעהאַקט קול האָט מיר פאַרטויבט מיט א גרילצינדיקער אימה. פאַר די אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויער נעפּל, אין נעפּל האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען, טאַנצן בילדער, פאַרשוינען. ביים טיר איז געשטאַנען עפּעס אַ באַקאַנטע געשטאַלט, די געשטאַלט איז באַלד צעשוואומען געוואָרן, אָפּגעמעקט זיך, אויף איר אָרט איז ארויסגעשוואומען אַלע מאָל אַן אַנדערע, דאָ אַ מאַן, דאָ אַ פרוי, מאָדנע באַקאַנטע פּנימער, טייל צומאָל מילדע, רואיקע, שמייכלענדיקע, אַנדערע שטרענגע, חוצפּהדיקע מיט פאַרבאָרגענע הערצער און דינע פאַרביסענע ליפּן. ווו האָב איך זיי געזען? וואָס ווילן זיי איצט דאָ? איז יענער א מראה? אַ דמיון? אַ בייזער חלום? כ'האָב באַגערט, דאָס פריערדיקע זאָל אַ ווייסטער חלום זיין, יענער זאָל זיך מער נישט באַווייזן, געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון דער געליימטקייט, אָפּהענטיקייט, פון דער פאַרשמאַכטער צעשוואומענקייט, כ'האָב צונויפגענומען אַלע כוחות, געוואָלט זיך אין עפּעס אָנכאַפּן, ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, אַרויסבאַקומען זיך פון מבול אָנמעכטיקייט, וואָס האָט מיר פאַרשוועונקט. כ'האָב זיך א הייב געגעבן און אַ גייע כוואַליע יסורים האָט זיך פאַנאַנדערגעשטראָמט אין מיין לייב. שוואַרץ=גרויע, עקלהאַפטע פּיאַווקעס האָבן זיך געגליטשט איבער מיין האַרץ, געזויגן דאָס בלוט; אַ גרויסער, שוואַרצער רויבפויגל האָט געפּיקט די לעבער. דער ווייטיק האָט צוריק אראָפּגעצויגן די אויגן=לעפּלעך איבער די אויגן. כ'האָב ווידער דערפילט זיינע שפּיציקע, שטעכיקע בליקן, כ'האָב בגוואַלד אויפגעריסן די אויגן, יענער איז גע=

שטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט, אַלע אַנדערע געשטאַלטן זענען פֿאַרשוווּנדן. זיין פּרצוף איז איצט געווען צעקרימט פֿון אַ לצנישן, סאַרקאַסטישן גרימאַסע־שמייכל, ער האָט מיט טריאומף געקוקט אויף מיר.

— ווידער דו? געמיינט אַ המיון געווען.

— דיינע לעצטע מינוטן, אייל דיר!

— כ'וועל נישט! ניין! ניין!

זיין פּנים איז געוואָרן שפּיציקער, פֿינצטערער, דער גרימאַסע־שמייכל בייזשפּאָטישער, בייסיקער. ער האָט געמאַכט אַ שטייפֿן טריט מיט די הילצערנע פֿיס און שטיין געבליבן מיט רוגזה, אַ רציחהדיקער, דראָענדיקער. כ'האָב זיך ווידער אַ ריס געטאָן, ווי אַ דונער וואָלט מיר אונטערגעהויבן; די גרויע, גליטשיקע פּאַווּקעס האָבן זיך אַראָפּגע־טרייסלט, דער רויב־פֿויגל האָט אַ דערשראָקענער אויפֿגעהויבן דעם פֿרעסערישן שנאָבל, צעשפּרייט די שוואַרצע פֿליגלען, אַנטלאָפֿן. כ'האָב פֿאַרביילט די פֿויסטן, כ'וועל זיך נישט אונטערוואַרפֿן, נישט אונטערגעבן, כ'וועל נישט... כ'וועל זיך ווערן אַפֿילו, ווען...

ער האָט געמאַכט נאָך אַ פֿאַמעלעכן טריט צו מיר, ווי ער וואָלט זיך געריצט, געשפּילט זיך מיט מיר, ווי אַ חיה רעה, וואָס שפּילט זיך מיט איר קרבן צווישן די נעגל איידער זי פֿאַרצוקט אים. כ'האָב זיך אויפֿ־סגיי אַ הייב געטאָן, געקוקט אים גלייך אין די שטעכיקע אויגן, פֿאַר־ביילט די פֿויסטן:

— אַוועק! אַוועק! זאָלסט נישט! וועסט נישט וואגן!

כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. כ'האָב דערפֿילט, ווי אַ ווייכע, ליבנדיקע האַנט גלעט צערטלעך מיינע האָר... כ'האָב פֿאַמעלעך געעפֿנט די מידע אויגן. אינעם בין־השמשות צווישן וואָר און חלום האָב איך דערזען אַרום זיך טייערע, פֿאַרקלעמטע געזיכטער. די באָבע באשע אַ פֿאַרווייַנטע איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר מיט די הענט פֿאַרלייגט אויפֿן בויך. קוקנ־דיק אויף איר, האָב איך זיך מן הסתם צעשמייכלט, ווארעם זי האָט מיר דורך די טרערן געענטפֿערט מיט אַ שמייכל:

— וועסט שוין, מיין קינד, לאַנג, לאַנג לעבן, האָסט אים פֿאַריאָגט דעם מלאך המות.

דער ויכוח מיט דער לבנה

אַ דערשראָקענע, אַ בלאַסע האָט די לבנה גיך און נערוועז זיך געשאַרט איבערן נאַכטיקן, אָנגעכמורעטן הימל און מיט פאַרדאַכט אַראָפּגעקוקט צו איר נאָענטסטער שכנטע — דער ערד. זי באַאומרואיקט זי אַלע מאָל מער — די שכנטע, אירע.

וואָס וויל זי פון איר? וואָס האָט מע זיך אָנגעזעצט אויף איר?

געווען אַמאָל צווישן זייביידע אַן אידיליע. פאַרליבטע פלעגן ביי איר זילבערנעם שיין ליבע שווערן, דיכטער האָבן זי באַזונגען. זי געדענקט נאָך, ווי ערדישע ברואים האָבן זיך געבוקט צו איר, אַ ברכה געמאַכט איבער איר פולן, שיינענדיקן פנים, קיין בשר ודם האָט נישט געוואַגט אירע סודות צו דערגיין. א ווייטע, פאַרכשופטע, שטאָלצע פרינצעסין געווען, אַן אומדערגרייכבאַרע, אַ ווייטער, שיינער טרוים. און היינט ציען זיך פון אַלע זייטן צו איר הענט פאַרדעכטיקע, גיריקע, אויגן שפּיציקע שטעכן זי, מע פאָרעט זיך פיבערדיק מיט איר, מע פאַרסמט די לופט אַרום איר, אַ טאַראַם, אַ ווילד געיעג, נישט איבערצוטראָגן.

* *

*

די שווערע מחשבות שניידן איין אין איר פנים גרויע קנייטשן, די נאַכטיקע כמאַרעס הייבן זיך אָן צו שלענגלען נערוועז־זיגזאַגיק. שווימט זי, די לבנה, אויפן פאַרוואָלקנטן פירמאַמענט, ווי אויף די כוואַליעס פון אַ צעוויגטן ים, וואָס אָט־אָט קען ער זיך צעבריקעווען, צעשטורעמען. זי שלייכט זיך פאָרזיכטיק דורכן געדיכטן שוואַרץ־גרויען שפּינוועבס און

ווענדט אָן אַלע מאָל אַן אַנדער סטראַטעגיע: אַט פאַרדעקט זי זיך מיט אַ שוואַרצן טיולענעם לבוש, און אַט קריכט זי אַרונטער הינטער אַ וואָלקנ־דיקן באַרג, שטעקט אַרויס אויף אַ ווײַלע דעם קאָפּ, ציט אים צוריק אַרײַן, רוקט אַרויס אַ שפּיץ נאָז, ווײַל אויסשנאָרכן מיט וואָס דאָ שמעקט אַרום, וואַרפט אַן אויג, דערפילט אויף זיך פאַרדעכטיקע, גליענדיקע בליקן און אַנטלויפט פון זיי, ווערט אַנטרונען הינטער די בערג.

* *
*

דער הימל איז פאַרעטעריש, מאַכט יד־אחת מיט דער ערד. די וואָלקן־בערג שפּאַלטן זיך, דער שוואַרץ־גרויער שפּינוועבס רײַסט זיך, צעפּליקט זיך אויף פּיץ־פּיצלעך, דער טיולענער לבוש צערינט, און די לבנה בלײַבט אַן אַנטבלויזטע, אַ נאַקעטע. איבער איר נאַקעטן לײַב גליטשן זיך אָן אַ שיעור בליקן, פאַרשעריש, שאַרפע.

אויגן, אויגן, זיי קוקן אויף איר דורך ריזיקע שפּאַקטיוון פון אַלע מינים און פאָרמעס. זיי שטעכן די אויגן, קריכן איר אַרײַן אין האַרץ, אין דער נשמה, גראַבלען און נישטערן אין אירע אײַנגעווײדן, אַז ס'גייט איר איבער, דער לבנה, די גרינע גאַל. און זיי שמייכלען נאָך צו איר, די אויגן, ווינקען שעלמיש, באַשר בכן מ'האָט געשלאָסן מיט איר נאָענטע באַקאַנטשאַפט, געטראָפן צו איר דעם וועג, מע וועט איר אינגיכן אָפּ־שטאַטן אַ וויזיט, אָנטאָן דעם כבוד...

* *
*

פון פרעמדער חוצפה ווערט זי אויפגעקאָכט, זי וואָלט איר געגעבן אַ שפּײַ אין פּנים, דער ערד, נאָר וואָס פאַרשטייען זיי דען דאָרטן יענעמס אויפגעקאָכטקייט? פּונקט פאַרקערט, זי האָט זיך גאָר פאַר זיי צע־שטראַלט, אַ גדולה האָט איר געטראָפן, מע צענעמט איר די גלידער, צע־לייגט זי אויף טעלערלעך, מע חשבונט, אויף איר חשבון דערציילט מען נישט געשטויגן נישט געפלויגן, מע פאַרשטופּט דערוויל מיט איר הונ־געריקע מיילער. און איר שעפּטשעט מען כסדר זיס אויפן אויער:

— מיר וועלן דיר אינגיכן אַ וויזיט אָפּשטאַטן, אינגיכן, אינגיכן...

— מוחל די טובות! איך פאַרבעט נישט קיין געסט!

— מיר פאַרנעמען זיך דאָך מיט דיינע ענינים.

— פאַרנעמט אייך בעסער מיט אייערע אייגענע.

— מיר זענען פאַרשער, אַנטדעקער.

— טאָ פאָרשט ביי זיך גופא.

— דו ביסט אָבער פול מיט סודות, מ'קאָן צעפירן די הענט.

— צעפירט די הענט אַרום אייערע אייגענע עסקים, וואָס ליגן געבעד גיין איילן טיף אין דער ערד.

— מיט גאָטס און דיין הילף וועלן מיר אונדזערע אייגענע עסקים אויך אויסגראָבן.. לאָמיר נאָר צו דיר צוקומען.

— וועט איר זיך דעמלט איבער מיר רייסן און בייסן.

— דיינע פאַרבאָרגענישן וועלן מיר אַנטהילן, דיינע בערג און טאָלן אויספאָרשן.

— און איר וועט צוליב מיינעם אַ טאָל, אַ בערגל זיך ממיתן, אויס־שעכטן איינע די אַנדערע.

— מיר וועלן אויף דיר פּאַלאַצן און טעמפּלען בויען, לאַבאָראַטאָריעס צו פאָרשן דיינע רייכע אוצרות, מיר וועלן...

— און איר וועט טויט־מכשירים שאַפן צו מאָרד און רציחה.

— אָ, הימלישע פּרינצעסין, ווי פּאַסט דאָס צו דיין שיין פּנים אַזעל־כע באַנאַלע ווערטער? האָסט צופיל געזען פון דיין הויכן מאַיעסטעט, ס'טרעפט נישט קיין שיינע זאַכן, אָבער וואָס געווען איז געווען, פאַרגעס.

— איר פאַרגעסט צופיל.

— מען מוז אַמאָל פאַרגעסן, אַנדערש וואָלט די וועלט קיין וועלט נישט געווען, נישקשה, מיר האָבן שוין אָן אַ שיעור אויפגעטאָן און וועלן נאָך מער.

— און איר האָט גאָרנישט געלערנט פון אייערע אויפטוען, שיין זעט דאָס אויס ביי אייך! איצט וויל מע קומען מיך פאַרפּאַסקודזשען.

— אָ, שיינע, בלאַסע פּרינצעסין, ווי קומט צו דיר אַזאַ פּראָזאַאישע שפּראַך, דו, וואָס ביסט פון פּאָעזיע דער רוח הקדש.

* *

*

אַז אָנגעפּאַקט פּאַרריסן פאַרשווינדל, וואָס שטעקט אומעטום אַריין די נאָז האָט מיט אַ ביטערע שמייכעלע, האַלב הוימיש, האַלב דיפּלאָמאַטיש זיך אַריינגעמישט:

— ווייבערישע שטיק — זאָגט גיין און מיינט יאָ. איר זעט דען נישט, אַז די שיינע הימלישע פּרינצעסין גאַרט נאָך אַ ביסעלע ערדיש גליק? זי חלשט דאָך מיר זאָלן קומען זי אויסלייזן פון איר פאַרכשופטן קרייז און זי באַגליקן מיט אונדזער הערשאַפט. איילט אייך! זי וואַרט, וועט אונדז אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס.

אויגן דורך שפּאַקולן זענען געוואָרן ברענענדיקער, שאַרפער, הענט האָבן זיך צעפּירט, מאַניפּולירט , מוחות האָבן זיך אָנגעשטרענגט, געחשבונט, ווי אַזוי וואָס גיכער, וואָס פלינקער צו דערגרייכן און אויסלייזן די פאַרכשופטע שיינהייט.

*   *

*

די לבנה האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. דאָס פּנים האָט זיך ווידער באַדעקט מיט גרויע קנייטשן, די ליפּן האָבן זיך פאַרביסן, זי האָט געקוקט מיט אומצוטרוי צו איר צעכראַסטעטער, טומלדיקער שכנטע, באַלד דערנאָך אַרונטערגעקראָכן הינטער אַ וואָלקן־באַרג, אַרויסגעשטעקט איר'ע פאַרעריער אַ צונג און פאַרשוואונדן.

פון דער סעריע:

„מענטשן פון מײַן שטעטל"

דער רביצינס יושר

ער איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער און נישט דרייסטער, שטענדיק געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט. זי, דאַקעגן, אַ גרויסע, אַ פֿולע, אַ ייִדענע אַ קאָזאַק, מיט ניין מאָס רייד, וועלכע האָט נישט פֿאַרטראָגן קיין עוולות.

אַזעלכע זענען געווען מיין רבי פֿישל דער מלמד און זיין ווייב חיה.

הינטער די אויגן האָט מען אים גערופֿן פֿישעלע הויקער, כאָטש קיין הויקער האָט ער נישט געהאַט, בלויז אַן איינגעהויקערטע פּלייצע, און זי — חיה די גרויסע. מיר, די 6־7־יאָריקע תּלמידים, האָבן חיה די גרויסע גערופֿן רביצין.

ווי אַזוי מען האָט צונויפֿגעפּאָרט אַזעלכע צוויי קעגנזעצלעכע אינדי־ווידואומס, האָט גאָר איין גאָט אין הימל געוווּסט. אין שטעטל האָט מען אָבער געוווּסט זיך צו דערציילן, אַז ווען פֿישעלע האָט צום ערשטן מאָל, בעת ער איז געשטאַנען אונטער דער חופּה, דערזען זיין באַשערטע, איז ער פֿון שרעק שיעור נישט אַוועקגעפֿאַלן אין חלשות. אַ סברה, אַז יענע ערשטע שרעק האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט דאָס גאַנצע לעבן. נישט מחמת חיה די גרויסע זאָל האָבן געווען אַ ווייב אַ שלאַק, אַ מרשעת, פֿאַרקערט, זי האָט דווקא געהאַט אַ גוט האַרץ, נישט פֿאַרטראָגן קיין עוולות, דעם געמאָל אירן האָט זי געשיצט ווי אַ קוואָקע די הינדעלעך. אָן איר וואָלט פֿישעלע הויקער חס וחלילה אונטערגעגאַנגען אויף די כוואַליעס פֿון לעבן, ווי אַ צעלעכערטע שיף אויפֿן ים.

אלא וואָס דען? די קאָנטראַסטן האָבן פֿון דער ערשטער מינוט אָנגעוואָרפֿן אויף פֿישעלען אַן אימה. דערצו איז דער רבי אויך געווען אַ צעטראָגענער, ווי ער וואָלט שטענדיק געשוועבט אין עולם־הדמיון, אַ מין בעל־חלומות, אַ נישט־האָאיקער. חיה די גרויסע איז שוין דווקא יאָ געווען אַ דאָאיקע. געוווּסט, וווּ איין און וווּ אויס.

ס'פלעגט טרעפן, אַז אין זיין צעטראָגנקייט האָט דער רבי נישט געדענקט, וווּ ער האָט עפּעס אַוועקגעלייגט און צוממיינסטן פלעגט דאָס אומגליק געשען מיט זיינע ברילן. אָט זיצן מיר די גאַנצע מאַנשאַפט תּלמידים אויסגעזעצט אַרום לאַנגן צעדראַפּעטן טיש, וואַרטן אויפן סיגנאַל אָנצוהייבן, און דער רבי דרייט זיך אַרום אַ פאַרצווייפלטער, זוכט אונטערזיפצנדיק, וואַרפט אויף אונדז פאַרדעכטיקע בליקן, שטאַמלט ענדלעך אַרויס:

— קיינער נישט געזען די ברילן? מיינע ברילן? ווער... ווער פון אייך?...

— נישט געזען. — האָבן די תּלמידים געענטפערט אין אַ כאָר.

אויפן רבינס פּנים האָט זיך דערמיט אויסגעגאָסן אַ מין צער פון אומבאַהאָלפנקייט, אָבער מיר, קונדסים, האָבן זיך ווייניק וואָס געמאַכט דערפון. כאָטש מען קאָן נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אים פיינט געהאַט, דעם רבין, און געוואָלט נקמה נעמען. מיר האָבן פּשוט ליב געהאַט יענע מינוטן. ווער ס'האָט נאָר עפּעס געהאַט אין קעשענע, האָט ער אַרויסגעשלעפּט און ס'איז אַוועק אַ גאַנג: אַ קנעפּל קעגן אַ שנירל, אַ שנירל קעגן אַ גלעזל, אַ פעפערל קעגן אַ שטיקל מאַקאַראָנדל. שטילערהייט האָט מען אַדורכגעפירט אַלטע חשבונות, ווער וועמען ס'איז שולדיק געווען אַ קניפּ, אַ שטאָרד, אַ שנעל אין נאָז, האָט איצט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט אָפּצוגעבן דעם חוב. דער געטראָפענער האָט הויך נישט פּראָטעסטירט, צוגענומען די גאָב מיט אַ שטילן קרעכץ, מיט רעזיגנאַציע, אָדער גלייך אויפן אָרט צוריקגעגעבן. און אַזוי האָט די מאַנשאַפט אַרום דעם טיש אָן דער אויפזיכט פון קאַפּיטאַן צעפירט שטילערהייט די הענט, צעוויגט זיך, צעשושקעט און וואָלט זיך געלאָזט ווילגיין ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך, ווען נישט די רביצין.

חיה די גרויסע האָט אין קיך, וואָס איז אָפּגעטיילט געווען פון דער חדר־שטוב מיט אַ שפּאַניש ווענטל, בחוש דערשפּירט, אַז ביים טיש איז עפּעס נישט גלאַטיק. זי איז אויסגעוואַקסן פּלוצלונג פאַר דער צעוויגטער כאַפּטע און מיט איר דונערדיקער שטימע אַ זאָג געטאָן:

— שטיל זאָל מיר באַלד דאָ זיין!

ווי מיט אַ ביישוף־שטעקעלע זענען גלייך אַלע אונטערהאַנדלונגען, חשבונות, שפּיצלעך אָפּגעשטעלט געוואָרן. דריי רייען ווייסע חברה־ניקעס אַרום טיש זענען פאַרשטומט געוואָרן. נישט אַזוי מחמת דער מורא, ווי מחמת דעם אויטאָריטעט, וואָס די רביצין איז געווען. ס'איז קיינעמען פון

אונדז נישט איינגעפאַלן, אַז מ'קאָן חיוה דער גרויסער נישט פאָלגן. דעמאָלט איז די רביצין איבערגעגאַנגען צום צווייטן אַקט. זי איז צו צום טיש, וווּ ס'איז געשטאַנען דעם רבינס שטול, אָפּגעמאָסטן אונדז מיט אַ שטרענגן, פאַרשעריישן בליק, אונטערגעהויבן איין סידור, אַ צווייטן, אַ דריטן און דערנאָך זיך אויסגעקערעוועט צום רבין, אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע פון כאַלאַט און אַרויסגעצויגן די ברילן. איינמאָל האָט זי אַפילו דעם פאַרלוירנגעגאַנגענעם טייטל אַרויסגעצויגן פון רבינס הויזן־קעשענע. דער רבי איז געשטאַנען ווי אַ לעמעלע, ווי אַן אָפּגעשמיסן חדר־ייִנגל, אויסגעזען נאָך קלענער און דאַרער. די רביצין האָט זיך דאַן געוואָנדן צו אים בזה הלשון:

— נאַ, טאָסטו די ברילן, שלים־מזל איינער, גולם, בהמה. פריער גרייט מען זיך אָן די ברילן און דערנאָך זעצט מען אַוועק די מזיקים צום טיש.

כאָטש חיוה די גרויסע האָט געהאַט געגוג ווייבערישע געשעפטן, האָט זי געהאַלטן אויג אויפן גאַנצן חדר און אויף יעדן תלמיד באַזונדער. זי האָט געוווּסט, ווער ס'האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, און ווער ס'האָט אַן אָפענעם מוח, ווער ס'איז מסוגל אָפּצוטאָן בייזע שפּיצלעך, און ווער ס'קאָן אָפּזיצן אַ גאַנצן טאָג, ווי אַ שטיק האָלץ, ווער עס ברענגט מיט אויף „וואַרמעס" מכל־טוב און ווער ס'קייט געבעך אַ טרוקן שטיקל ברויט. חוץ אַלעמען האָט זי אומעטום געוואָלט דערגיין גערעכטיקייט, יושר. דער עיקר איז ביי איר געווען יושר. אַפילו ביים מושווה ווערן דעם שכר־לימוד האָט נישט דער רבי, נאָר די רביצין דעצידירט.

— רב פישל, זאָגט איר, האָט אייך אַראָפּגעלאָזט? וואָס ווייסט ער?
— האָט זי מיט אַ פראַגע געענטפערט אַ ייִדענע אַ דינגעריקע — מאַכט אים אָן אויפן קאָפּ, וועט ער מיינען, אַז ער הייסט קאָפּל. און, צוריק־געשמועסט, פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס פאַרלאַנגען, אַז חנה־דבורה די אלמנה זאָל צאָלן דעם זעלבן שכר־לימוד ווי איר? איר האָט נאָך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אייער שפּייזער. איז אַ יושר, אַז איר זאָלט צאָלן דעם גאַנצן שכר־לימוד און חנה־דבורה — אַ העלפט. וואָס? ער איז מושווה געוואָרן? ס'איז נישט זיין זאַך וועמען אַראָפּצולאָזן און וועמען נישט. זיין זאַך איז צו לערנען מיט די תלמידים.

און ס'איז פאַרבליבן נישט ווי דער רבי האָט אָפּגערעדט, נאָר ווי די רביצין האָט צוגעפּסקנט.

בלויז אין איין זאַך האָט חיה די גרויסע זיך נישט געמישט — אין דער פּעדאַגאָגישער זייט פון חדר, אין לערן־מעטאָד. צי מחמת דעם, וואָס ר' פישל האָט אין שטעטל געשמט פאַר אַ גאָטספאָרכטיקן, ערלעכן ייד, צי ווייל זי האָט דעם מאַן געהאַלטן פאַר אַ בעל־תורה, בעת אַליין איז זי סוף כל סוף געווען אַ פּראָסטע יידענע — געגוג, אַז אין מאַנס פּעדאַגאָגיק און מעטאָדיק האָט חיה די גרויסע נישט געזאָגט קיין דעות. און אַ לערן־מעטאָד האָט דער רבי ר' פישל געהאַט אַ גלענצנדיקן. דעם הויפּט־געוויכט האָט ער געלייגט אויפן לערנען ביחידות, מיט יעדן תלמיד באַזונדער. איז די גאַנצע כאָפּטע געזעסן אויסגעזעצט אויף דער פּאָרלאָגע ביי דער וואַנט און דער רבי האָט אייינציקווייז אַרויסגערופן צום טיש, געהאַלטן דעם תכשיט אַזוי לאַנג, ביז ער איז זיכער געווען, אַז עפּעס וואָס האָט ער אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ. בלויז איין מאָל אין טאָג האָט דער רבי אַויסגעזעצט אַלע תלמידים אַרום לאַנגן טיש און געלערנט מיט זיי בציבור. ס'איז געווען אַ כאָראַלע איבערחזרונג. און דאָס איז טאַקע געווען פאַרן רבין די שווערסטע מלאכה. מיר, זיינע תלמידים, האָבן געקענט דעם רבינס שוואַכע זייטן, זיין אומבאַהאָלפנקייט, ווען ער האָט צו טאָן געהאַט מיט אונדז אַלע פאַראַמאָל.

— וואָס קוקסטו צום פענצטער? און דו דאָרט, וואָס גאַפּיעסטו זיך, ווי אַ ליימענער גולם? וואָס דרייסטו זיך דאָרט ווי אַ וואָרעם?

— אַז יאַנקעלע קאָפּעט כסדר.

— און מיר, מיר, רבי, האָט שלמהלע געגעבן אַ קניפּ.

— הדד...ו...דל וו...ייזט מממיר אַ פּפּפּיג — האָט אויסגעדעקלאַמירט פּייוול סעפּליאַק.

פון שטראָף־ווערטער האָט דער רבי געמוזט איבערגיין צו אַקטן. קיין קאַנטשיק האָט ער נישט געהאַט, א סברה, אַז ס'איז געווען קעגן זיין פּעדאַגאָגישן סיסטעם. האָט ער אָבער געהאַט צוויי האַרע, ביינערדיקע הענט און, צי ער האָט געוואָלט, צי נישט, האָט ער זיך צייטנווייז געמוזט באַנוצן מיט זיי. ער האָט לאַנגזאַם צוגעדרעפּטשעט צו די פאַרשולדיקטע, איינעם אַ צי געטאָן פאַרן אויער, אַ צווייטן דערלאַנגט אַ פּעטשעלע, אַ דריטן אַ קלאַפּ געטאָן, ווו ס'האָט זיך געלאָזט, און צוריק אַוועק אויף זיין אָרט מיט אַ ווייטיק־גרימאַסע אויפן פּנים, ווי דאָס אָנווענדן קערפּערלעכע שטראָף וואָלט געווען פאַר אים אַ שווערער נסיון.

דודל מזיק — דער צונאָמען האָט אים געגעבן די רביצין — פלעגט אַפילו זאָגן, אַז „ס'טוט נישט ווי“. צי דעם רבינס אַ קלאַפּ,

אַ פּעמשל האָט טאַקע נישט ווי געטאָן, ווייס איך נישט, ווייל אויף מיר האָט זיך זיין שטראָפערישע האַנט קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט. כ'בין געווען דאָס איינציקע מיידל צווישן דער גאַנצער מחנה ייִנגלעך און ס'איז גרייִלעך מעגלעך, אַז דער רבי ר' פישל איז געווען אַ דזשענטלמען, אָדער נישט געוואָלט צורירן זיין האַנט צו אַן אשה, וואָרעם פאַרדינט האָב איך זיך הווקא יאָ. דער רבי פלעגט זאָגן, אַז כ'בין ערגער ווי אַ ייִנגל.

איי, וועט איר פרעגן, ווי קומט א מיידל אין א ייִנגלשן חדר? ווייס איך דערויף בלויז צו ענטפערן, אַז די זאַך איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן מיין מאַמע עליה השלום און חיה דער גרויסער; און אַז די רביצין איז באַשטאַנען, האָט דער רבי אויך געמוזט באַשטיין...

הכלל, מיר איז גוט געווען, כ'בין געווען אַ מיידל און קיינמאָל נישט באַקומען מיין פאַרדינטע שטראָף. דעם רבינס שטראָף וואָלט אָבער געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס, ווען נישט די רביצין. דערפילט הינטערן שפּאַנישן ווענטל, אַז אין חדר טוט זיך עפּעס, איז זי דערשינען אין איר גאַנצן מאַיעסטאַט און צוגעטראָטן גלייך צו מאַכן אָרדענונג:

— וואָסי? שוין ווידער? ביסטאָך בלאַס ווי אַ מת! — האָט זי מיט מיטלייד אָנגעקוקט איר שלים־מזלדיקן מאַן.

— אַז זיי פירן מיך אַרויס פון די כלים — האָט דער רבי מיט אַ וויינענדיקער שטימע זיך פאַרענטפערט.

— אַז ווי איז צו דעם, וואָס לאָזט זיך אַרויספירן פון די כלים. און זעט נאָר פון וועמען, פון אַזעלכע... עס לוינט זיך אויפצוהייבן אַ האַנט אויף זיי? אַ געשריי דאַרף מען טאָן, אַ קוק, אַז ס'זאָל זיי אַ נעם טאָן ביים פּיפּעק.

נאָך דער עפנטלעכער לעקציע, וואָס זי האָט געגעבן דעם רבין, האָט זיך די רביצין אויסגעדרייט צו אונדז, אַ קוק געטאָן, אַז ס'האָט טאַקע אַדורכגענומען ביזן פּיפּעק און לאַקאָניש פאַראָרדנט:

— שטיל זאָל זיין! איר הערט?

אַ שאלה, צי מיר האָבן געהערט.

אויסער די איינגעבוירענע פעיקייטן צו הערשן איבער מענטשן אין סיטואַציעס, האָט די רביצין געהאַט נאָך אַ סך אַנדערע מעלות. אַ גאָר גרויסע בריהשאַפט האָט זי אַרויסגעוויזן אין באַקן מאַקאַראָנדלעך און פעפערלעך, וואָס די תלמידים האָבן געקויפט ווער פאַר אַ גראָשן, ווער פאַר אַ צוויי־דריי גראָשן — פיזול האָט באַקומען פאַר אומזיסט. אין די חדרים ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ מנהג, אַז דעם רבינס

פלוגיתטע האָט געהאַט אַזאַ אונטערנעמונג — זי האָט אויסגעבאַקן פאַ־ די תלמידים מאַקאַראָנדלעך, פעפערלעך, געלע קאַטשקעלעך מיט רויטע אייגעלעך. זיי האָבן אָבער אַלע געקאָנט זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר אונדזער רביצינס מאַקאַראָנדלעך און פעפערלעך וואָס אַז איר האָט זיי אַריינגעלייגט אין מויל, זענען זיי אייך ממש צעגאַנגען אין אַלע אבֿרים. חיה די גרויסע האָט אַלע פאַרשטעקט אין אַרבל.

צוממייגסטנס האָט אָבער אונדזער רביצין זיך קונה־שם געווען ביי אונדז מיט איר געפיל פאַר יושר. קודם האָט זי גישט געהאַלטן פאַר יושרדיק, אַז די קליינע תלמידים זאָלן פון פרי ביז אָוונט זיין פאַרשפּאַרט אין חדר. פלעגט זי יעדן טאָג אין באַשטימטע שעהן אַרויסיאָגן אונדז און לאָזן אַ שטיקל צייט אין דרויסן, האַלטנדיק דורכן קליינעם פענצטערל דאָס אויג אויף אונדז.

— געגאַנגען, יאַזדאַ! גייט אייך איבערלופטערן! — האָט זי באַפוילן, ברייט עפענענדיק די טיר. מיר האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. דער רבי אָבער פלעגט טיילמאָל פּראָטעסטירן:

— יאָגסט זיי שוין אַרויס? כ׳מוז נאָך, כ׳האָב הייגט נישט פּאַספּיעט!

— נישקשה, מאָרגן איז אויך גאָטס אַ טאָג.

— צעטרייבסט מיר דעם חדר, מאַכסט אַ תל פון, פון... דו לאָזט מיר נישט — האָט דער רבי מיט זיין שוואַכער ווייגענדיקער שטימע אָפּאָגירט.

— אַ תל, אַ תל, און ווו איז דיין יושר צו האַלטן קינדער אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט אין אַזאַ היץ?

— מיר זענען דאָך חס וחלילה נישט קיין גוים, יידישע קינדער זיצן אין חדר אַ גאַנצן טאָג. צאָרנסט קעגן דעם, וואָס אין הימל — האָט זיך דער רבי אָנגענומען מיט מוט.

— אַז דער רבונו־של־עולם שיקט צו אַזאַ שיינעם טאָג מיט אַזאַ ליכטיקער זון, ווייל ער, אַז זיינע קינדער זאָלן פון איר הנאה האָבן.

— ביסט אַ יידענע און... — האָט שוין דער רבי נישט געקאָנט אויסהאַלטן און נישט דרייסט געווען צו דערזאָגן זיין מיין.

— און אַז אַ יידענע, איז וואָס? קוק אים נאָר אָן מיין צעלייגער!
און די רביצין האָט אַזאַ קוק געטאָן, אַז דער רבי איז תיכף שטיל געוואָרן.

אין אַזאַ גאָטס טאָג פלעגן מיר פאַרבלייבן אינדרויסן לענגער ווי געווייגלעך. ווען די רביצין האָט איינגעזען, אַז מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעטרונקען מיט לופט און זון, האָט זי ווידער ברייט געעפנט די טיר און באַפוילן:

— אין חדר אַריין!

* *
*

דער אָביעקט פון דער רביצינס גרעסטער זאָרג איז געווען פייוול סעפּליאַק. פייוול איז געווען דער וועשינס חנה־דבורה דער אלמנהס יינגל. סעפּליאַק האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט זיך שטאַרק געיאָנקעט, דערפאַר אָנגעהויבן שפּעט גיין אין חדר, און געווען דער עלטסטער צווישן אונדז. אויסערן יאָנקען זיך, האָט אים מסתם געפעלט נאָך עפּעס אַ קלעפּקע. ווען ער האָט גערעדט, האָט געאַרבעט ביי אים דאָס גאַנצע פּנים און ער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט די הענט. אין סך־הכל האָט מען נישט געוווסט קלאָר אין וואָס עס גייט אים. מיר האָבן פייוולען בפירוש ליב געהאַט. אפשר האָט די רביצין אונדז אָנגעשטעקט מיט איר זאָרג פאַר אים. ס'איז פונדעסטוועגן שווער געווען זיך איינצוהאַלטן נישט צו לאַכן. חוץ די גרויסע האָט אָבער פאַרבאָטן אָפּצולאַכן פון אים, פלעגן מיר טיילמאָל זיך שטיקן מיטן געלעכטער, פאַרשטעלן דאָס מויל מיט ביידע הענט און כיכיקען אין זיך אַריין. מ'האָט זיך אויך געמוזט שטאַרק אויסהיטן אים אָנצורופן ביי זיין צונאָמען. האָט די רביצין געכאַפּט עמעצן אָנרופן פייוולען „סעפּליאַק", אָדער נאָכמאַכן ווי אַזוי ער רעדט, האָט ער געקריגן אַזאַ גאָב, אַז ער האָט פאַרזאָגט אויף אַ צענט מאָל. פייוול איז בכלל געווען אויף ספּעציעלע פּריווילעגיעס אין חדר.

ער פלעגט, ווי אַלע תּלמידים, מיטברענגען אין חדר „וואַרמעס", נאָר זיין „וואַרמעס" איז באַשטאַנען פון טרוקן שוואַרץ־ברויט. אויסגעטיילט זיך מיטן וואַרמעס האָט אויך יונה דעם קצבס יינגל. שכנא דער קצב איז געווען מער אַ בהמות־הענדלער, ווי אַ קצב. מענטשן פלעגן זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַ הרייקאָפּ און קאָן צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. אַ סברה, אַז זיין ייִנגסטער זונדל האָט אין פאָטער נישט אַריינגעגראָטן. יונה איז געווען אַ קיילעכדיק, געפּאַקט יינגל מיט גראָבע, רויטע בעקלעך און „ליימענע הענט". באַוועגט האָט ער זיך, ווי „אַ בלייענער פויגל".

— אַ פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ, ס'גייט גאָרנישט אַריין, כאָטש נעם טו זיך אָן אַ מעשה — האָט זיך דער רבי באַקלאָגט.

דערפֿאַר האָט יונה געהאַט „אַ קישקע אָן אַ דנאָ“.

— אַ קינד זאָל אַזוי פֿיל אַריינפּאַקן אין זיך, נישט אַנדערש, נאָר ער האָט אַ צעלעכערטן מאָגן, אַ קישקע אָן אַ דנאָ — האָט די רביצין געפּסקנט.

יונה פֿלעגט מיטברענגען אין חדר אין אַ רויטער, לייוונטענער טאָרבע פֿון כּל טוב. די „וואַרמעסן“ פֿלעגט חיה די גרויסע איינדערפֿרי צונויפֿנעמען און אַוועקלייגן אויף דער הויכער קאָמאָדע, כּדי דאָס קליינוואַרג זאָל כּסדר נישט „דזשאָבן ווי די הינער“. דערנאָך האָט יעדער צוריקבאַקומען זיינס, חיה די גרויסע האָט זיך קיינמאָל נישט טועה געווען, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט זי געוווּסט וואָס וועמען געהער. פֿייוול סעפּליאַק האָט געוויינלעך געקייט די טרוקענע פּיידע ברויט, טיילמאָל גיריק צוגעביסן אַ שטיקל צוקער, וואָס די רביצין האָט אים געשאָנקען. מיטאַמאָל איז ער אויפֿגעריכט געוואָרן. צו זיין מאָגערער פּאָרציע איז צוגעקומען אַ שטיקל פֿעט, אָנגעפּילטע מעגעלע, אַן אָפּגעבראָטן לעבערל, אָדער אַ ווייס זעמעלע מיט פּוטער. פֿייוול האָט נישט געפֿרעגט קיין קשיות, זיינע אויגן האָבן נאָר געגלאַנצט און דאָס מויל האָט געשלונגען. קיינער פֿון דער מחנה קונדסים האָט נישט געוווּסט פֿון וואַנען עס שטאַמט פֿייוולס גליק און קיינער האָט נישט געזוכט צו דערגיין דעם סוד. מיר זענען צופֿרידן געווען, וואָס פֿייוול סעפּליאַק האָט אויך הנאה פֿון לעבן. נאָר איין יונה איז געזעסן אָנגעכמורעט, געקייט און בייז געקוקט אויף פֿייוולען.

איינמאָל, בעתן וואַרמעס, האָט פֿייוול געקוויקט זיך מיט אַ גרויסער געלער באַרנע, געביסן זי מיט אַ קענטיקער הנאה און שנעל געשלונגען די זאַפֿטיקע ביסנס, אפֿשר צום ערשטן מאָל. דאָס גאַנצע פּנים האָט געגעסן, אַלע טיילן פֿון זיין געזיכט האָבן געאַרבעט, פּונקט אַזוי, ווי ווען ער האָט גערעדט. נאָר ביים רעדן האָבן די אויגן שטומערהייט געוויינט, איצט האָבן זיי געפֿינקלט פֿון פֿרייד. יונה האָט אויך געקייט אַן ענלעכע באַרנע, געקייט און געקוקט בייז. מיטאַמאָל האָט ער אַריינגערוקט די האַנט אין רויטן זעקל און אַ ברוגזער אַ זאָג געטאָן:

— ג'ווען צוויי באַרנעס, צוויי, איצט איינע.

— אײנע איז דיר װײניק — האָט די רביצין אַרױסגערעדט פֿון הינטערן װענטל אַרױס — דערפֿאַר האָסטו אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ, פּאַקסט צופֿיל אַרײַן אין זיך.

— אײנע איז דיר װײניק — האָבן די תּלמידים איבערגעחזרט דער רביצינס װערטער און נקמה גענומען אין יונהן, װעלכער האָט זיך נישט געלאָזט ליב האָבן.

אױף צומאָרגנס איז געקומען יונהס מאַמע. אַ נידעריקע, אַ ברײטע, מיט אַ היפּשן בױך, װאָס איז געגאַנגען פֿאָרױס, האָט זי זיך אַרײַנגעקײקלט אין חדר מיט רוגזה און אָן אַ גוט־מאָרגן גלײך אַרײַן הינטערן שפּאַנישן װענטל, װוּ די רביצין האָט מיט מײסטערשאַפֿט געגרײט די מאַקאַראָנדלעך און פֿעפֿערלעך.

דער רבי איז בלאַס געװאָרן. דאָס ייִנגל, װאָס האָט געלערנט בײַם טיש, האָט אױסגעדרײט דעם קאָפּ. מיר, די אױסגעזעצטע כאַליאַסטרע בײַ דער װאַנט, האָבן אָנגעהױבן אַרײַנגרוקן אין די קעשענעס די קנעפּלעך, שטריקלעך, שטײנדלעך און אָנגעשפּיצט די אױערן, מיטן קינדערישן חוש האָבן מיר דערשפּירט, אַז עפּעס װעט זיך דאָ אָפּשפּילן און דערהערט האָבן מיר באַלד אַזאַ דיאַלאָג:

— זאָגט מיר, היה־לעבן, צי ס'איז אמת, װאָס מײַן יונה דערצײלט?

— װאָס אַשטײגער דערצײלט אײַער יונה?

— מײַן יונה דערצײלט, אַז איר גיט אַװעק אַ העלפֿט פֿון זײַן װאַרמעס דעם סעפּליאַק.

— אײַער יונה ליגט צו. אַ העלפֿט נישט, אָבער עפּעס װאָס יאָ.

— נו, זאָגט מיר, היה־לעבן, איז רעכט אָפּצונעמען מײַן קינד פֿון מױל און אַװעקגעבן אַן אַנדערן? ס'איז יושרדיק?...

— טאָ זאָגט מיר, ברײַנע־לעבן, צי ס'איז יושרדיק אײַער יונה זאָל עסן צופֿיל, אַז ער זאָל אַזש קריגן אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ, און אַן אָרעמער יתום זאָל אײַנגעדאַרט װערן, אײַנגעסקװאַרט װערן?

— חיה! װאָס מײנט איר זיך, חיה? ס'איז הפֿקר אַ װעלט מײנט איר?!

— װאָס איך מײן זיך? איך מײן, אַז ס'דאַרף זײַן אַ ביסל יושר אױף דער װעלט און אײַער יונהן צעשטאָפּט איר סײַװי די קישקע. צוליב דעם גײט אים גאָרנישט אַרײַן אין קאָפּ, דער מאָגן איז שטענדיק בײַ אים אַזױ אָנגעשטאָפּט, אַז ער רירט זיך װי אַ בלײַענער פֿױגל און, און...

האָט נישט קיין פּאַריבל, ער פּאַרסמט די לופט... מען זאָל אין אַ קינד אַזוי אַריינשטאָפּן, און אַן אָרעמער יתום זאָל...

— וואָס זאָגט איר? וואָס מיינט איר זיך, חיה? ס'איז נאָך נישט הפקר־וועלט: מ'עט נאָך זען. חיה, מ'עט נאָך...

די קצבטע האָט נישט פאַרענדיקט. זי האָט מן הסתם מורא געהאַט, אַז מיט חיה דער גרויסער וועט איר נישט סטאַיען קיין אַרגומענטן. שטופּנ־דיק דעם בויך פאָרויס, האָט זי אַ צעפּלאַמטע פּאַרלאָזט דעם הדר און איבערגעחזרט: מ'עט נאָך זען... מ'עט נאָך זען...

דער רבי, אַ בלאַסער, אַ צעשראָקענער, האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין בענקל, געמאַכט אַ פּאָר טריט צום שפּאַנישן ווענטל און אַרויסגעזיפצט:

— דו וועסט... דו וועסט נאָך חס וחלילה ברענגען אַן אומגליק מיט דיין מויל, מיט דיינע פאָסטעמפעקעס, מיט, מיט... געוואַלד, אַזאַ צונג.

— האָסט זיך שוין דערשראָקן? פאַר וועמען? פאַר בריינע דער קצבטע? זע נאָר, זע נאָר, ווי דאָס איז בלאַס געוואָרן.

— ז'איז אין תוך גערעכט, ווי אַזוי...

— גערעכט? אַזוי פּסקנסטו? אַזוי האָסטו גאָט אין האַרצן? ווו איז דיין יושר?

— יושר, יושר, אַפילו ביי אַ דין־תורה וועט זי... וועט זי אפשר אויך גערעכט זיין...

— טאָ זאָל זי מיך רופן צו אַ דין תורה! כ'האָב דען מורא? זאָל זי! כ'וועל דעם רב אויך אויפווייזן, אַז ס'איז נישט על־פּי־דין און נישט על־פּי־יושר, אַז איינער זאָל פרעסן צעזעצטערהייט און אַן אַנדערער זאָל הונגערן. רעכט, אַז ברייננדלס זונדל זאָל צעשטאָפּן די קישקע און אַ יתום זאָל נישט דערעסן? ס'מוז דאָך זיין אַ ביסל יושר!

דעם לעצטן זאַץ האָט די רביצין אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ איבערציי־גונג און אַנטשלאָסנקייט, אַז דער רבי איז שווייגנדיק אַוועק אויף זיין אָרט. ער האָט, זעט אויס, פאַרשטאַנען, אַז חיה די גרויסע איז גרייט זיך צו שטעלן נישט נאָר פאַרן בית־דין ביים רב, נאָר אַפילו פאַרן רבונו־של־עולם, כדי צו פאָדערן, ס'זאָל זיין אַ ביסל יושר אויף דער וועלט.


Benn

הערצקע דער רופא

ווען איר וואָלט פאַרבייגעגאַנגען הערצקעס הייזקע, וואָלט אייך בשום אופן ניט איינגעפאַלן, אַז דאָ וווינט אַ רופא. אין סאַמע אויבנאָן, איבערן גידעריקן פענצטער, איז געווען צוגעשלאָגן אַ גרויסער בלעכערנער טאָוול אויסגעמאָלן מיט משונהדיקע פאַרבן, און באַהאָנגען מיט אַ צעלעכערטער שיסל, אַ צעבראָכענעם טעלער, אַ צעפאָרענעם משעמאָדאַנטשיק, אַ שלעסל מיט אַ שליסל וכדומה אַזעלכע אַנטיקן. היינט וואָלט מסתמא יענער בלעכערנער טאָוול געקאָנט אין אַ קונסט־גאַלעריע פאַרנעמען אַן אָרט צווישן בילדער, קאָמפּאָנירט פון אייל־פאַרב און פאַרשידענע שערבלעך און שמאַטקעס. הערצקע האָט אָבער זיין טאָוול ניט באַטראַכט פאַר קיין קונסט־ווערק, ס'איז געווען אַ פּשוטער רעקלאַמע־שילד, קאָמפּאָנירט לויט הערצקעס רייכער פאַנטאַזיע און לויט זיינע אָרעמע מיטלען.

אַ ניט היגן האָט דער שילד געקאָנט אַריינפירן אין אַ טעות. אַ באַזאַר פון אַלטוואַרג. די שטעטלדיקע איינוווינער האָבן געוווּסט, אַז פון האַנדל, פון שאַכער־מאַכער איז הערצקע הימל ווייט. זיינע הענט זענען באַשאַפן געוואָרן צו מייסטרעווען און ווער ווייסט צי ניט צו עפּעס מער.

ווען איר וואָלט זיך ביי עמעצן אין שטעטל געפרעגט, וואָס פאַראַ סאָרט בעל־מלאכה הערצקע איז, וואָלט ער אויף אייך אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און וואָלט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, וואָרעם הערצקע איז אין דער אמתן ניט געווען ניט קיין בלעכער, ניט קיין שלאָסער, ניט קיין סטאָליאַר, ניט קיין... הערצקע איז הערצקע, ער איז אַלץ.

וואָלט הערצקע געוואָלט זיך רעקלאַמירן מיט אַלע זיינע מלאכות

און קענטעניש, װאָלטן נישט געסטאַיעט אַלע װענט פֿון זײַן כאַטע אַרויסצוהענגען אַזעלכע שילדן.

האָט זיך בײַ אַ באַלעבאָסטע צעלעכערט אַ שיסל אָדער אַ טעפּל, איז זי געגאַנגען צו הערצקען. דער לאָך האָט געמעגט זײַן אַזוי גרויס, אַז אַ קאַרטאָפֿל האָט געקאָנט דורכקריכן דורך אים, האָט ער צוריק געמאַכט דערפֿון אַ גאַנצע כּלי; האָט זיך בײַ עמעצן צעבראָכן אַ פּאָרצעלאַיענער טעלער, א קריגל וכדומה, האָבן הערצקעס הענט אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אײַנגעפּאַסט, צוזאַמענגעקלעפּט מיט זײַנס אַן אײגן קלעפּעכץ, אַז דער טעלער, דאָס קריגל איז ממש תּחית־המתים אױפֿגעשטאַנען; אַז ס׳האָט זיך בײַ אַ ייִדן צעשיט אַ ספֿר איז אויך צו הערצקען; האָט ערגעץ־װוּ אַן אַלטער װאַנט־זייגער זיך אָפּגעזאָגט װײַטער צו גיין און דער זייגער־מאַכער האָט לחלוטין אָפּגעזאָגט דעם זייגער־זקן דאָס װײַטערדיקע לעבן, האָט מען דעם מסוכּן־חולה אויף טשעקאַװאָשטש געבראַכט צו שלעפּן צו הערצקען. הערצקע האָט גאָרנישט אָפּגעזאָגט, האָט בכלל קיין איבעריק װאָרט נישט געזאָגט. שװײַגנדיק צוגענומען פֿון יענעמס הענט דעם חולה־מסוכּן, דעליקאַט אַװעקגעלייגט אויפֿן לאַנגן װאַרשטאַט־טיש, באַטראַכט אים, באַטאַפּט, װי אַ רופֿא אַ שװער־קראַנקן, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און־דערנאָך אויף זײַן שטייגער גענומען זיך צו דער אָפּעראַציע: אַרויסגענומען די אינגעװייִדן, פֿאַנאַנדערגענומען די אבֿרים, מיט זײַן שאַרף אויג באַטראַכט יעדעס טײלכעלע באַזונדער, אָפּגערייניקט פֿון זשאַװער, פֿון שטויב, צוגעפּײלט, צוגעפּאַסט, אין זײַן אײגענער אינדוסטריע צוגעאַרבעט עפּעס אַ גיי אַברל, פֿאַרטראַטן אַן אויסגעמאַטערט שרייפֿל צי אַ שפּרענזשינקע מיט אַן אַנדערס, אַרײַנגעטאָן געװען מיט לייב און לעבן, װי אַ קאָרטן־שפּילער אין קאָרטן, נישט אָפּצורײַסן געװען אים. אַז יעדעס טײלכעלע איז גענוי דורכגעגאַנגען זײַן עקספּערטיזע, האָט ער די צעטרייבערטע גלידערים קונציק צוריק צוזאַמענגעשטעלט, און דאָס געװערק צוריק אַרײַנגעשטעלט אין לאַנגן זייגער־קעסטל. און אָ, װוּנדער איבער װוּנדער! דער זייגער איז געגאַנגען, צומאָל געשלאָגן די שעהן. ס׳איז געװען װי אַרײַנגעשטעלט אַ גײ, געזונט האַרץ בײַ אַ מענטשן נאָך יציאת־נשמה. אַז אַ שכנה האָט פּלוצלונג דערהערט שלאָגן די שעהן, אַרײַנגעלאָפֿן און געקוקט מיט התפּעלות אויפֿן פֿריערדיקן זייגער־מת, האָט די באַלעבאָסטע איר פּראָסט פּשוט געזאָגט:

— כ׳האָב אים אַװעקגעטראָגן צו הערצקען.

און אויב געווען ביי הערצקען, איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז ס'דאַרף גיין.

הערצקע איז ביי אַזאַ אָפּעראַציע אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן אין די געכט, געשלייפט און געשליפן ביי אַ נאַפט־לאָמפּ און אַז ער האָט געהאַט דערפירט די זאַך צו אַ גליקלעכן סוף און מ'האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס קומט אייך, ר' הערצקע?

— וואָס איר פאַרשטייט — האָט ער געענטפערט.

אַזאַ מין אַרבעט איז ביי הערצקען נישט אַריינגעגאַנגען אין תחום פון זיין טעגלעכער פרנסה, ס'איז געווען אַ צוגאָב־באַשעפטיקונג, נאָך אַ סברה, אַז ער האָט עס נישט גענומען צוליבן גראָשעדיקן פאַרדינסטל, נאָר צוליב דער זאַך גופא, געהאַט אַ באַדערפעניש אַריינצובליקן אין פאַר־הוילענע ווינקעלעך, אין געדרייטע לאַבירינטן, אַרויסצוברענגען און אויס־צופאָרעמען עפּעס פון אַ כאַאָס. שכנים האָבן געזאָגט, אַז ער מאַכט עס, כדי אַ טובה צו טאָן. מעגלעך, אַז אויך דאָס איז אמת געווען, נאָר פון הערצקעס מויל האָט מען אַזעלכע אָנצוהערעניש נישט געהערט. ער האָט זיך בכלל געלאָזט ווייניק הערן, אויף קיין שום זאַך איז ער נישט געווען אַזוי קאַרג, ווי אויף ווערטער, אַ וואָרט אַ רענדל. אַ מענטשן האָט ער פאַרשטאַנען אויפן ווונק, געענטפערט האָט ער מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, מיט אַ שמייכל, אויף אַ שמייכל איז ער הווקא נישט קאַרג געווען, מ'האָט געזאָגט, אַז ער שמייכלט אפילו צו דער באָרד זיינער, נאָר דער שמייכל איז געווען אַן אומעטיקער, אַ טריבער, ווי ער וואָלט פאַרוואָלקנט געווען מיט אַן אויסבאַהאַלטענעם צער.

איז זיך הערצקע — אַ ייד פון מיטעלן וווקס און מיטעלן עלטער, מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד און וואַרעמע גוטע אויגן — געזעסן אָדער געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַלטקייט און אין אַ קאַפּעלע, וואָס איז מסתמא נישט יינגער געווען פון דער קאַפּאָטע, און נישט אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון זיין לאַנגן וואַרשטאַט־טיש, אויף וועלכן ס'איז געווען אַ גאַנצע לאַבאָראַטאָריע מיט אַ באַזאַר צוזאַמען — דער שטוים קאַליקע־כלים האָט גענעסטעט אונטערן טיש. איז ווער אַריינגעקומען מיט עפּעס אַ באַשטעלונג, האָט הערצקע שטיל און גוטמוטיק געענטפערט אויפן גוט מאָרגן און, מאַניפּולירנדיק ווייטער מיט זיינע געשיקטע הענט, אויסגעהערט אין וואָס ס'גייט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ס'האָט געהייסן, אַז ס'וועט זיין געמאַכט ווי ס'באַ־

דאַרף צו זיין. האָט א יידענע אן עקשן זיך אָנגעזעצט, דווקא געוואָלט הערן פון אים אַ פּאָר לעבעדיקע ווערטער און געבעטן זיך:

— ר׳ הערצקע, גיט כאָטש אַ קוק, זאָגט, ס׳לוינט זיך נאָך צו פּאַריכטן אַזאַ שברי־כלי, זאָגט ס׳וועט עפּעס אַרויסקומען דערפון?

— ס׳וועט, ס׳וועט — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און ווייטער געמייסטרעוועט מיט די הענט.

אַז אַ יידענע מיט גיין מאָס רייד האָט, אַריינגעבראָכן אין אַ צעלעכערטע שיסל, אומגעבעטענערהייט זיך אָוועקגעזעצט, אָפּגעזעסן אַ שעה־צוויי און געהאַקט אַ טשייניק, אָדער דערציילט די לעצטע נייעס, וואָס זענען זיך אין שטעטל פאַרלאָפן, האָט הערצקע, נישט אָפּליינגדיק אויף קיין רגע די אַרבעט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט אין דער באָרד. לויט דער באַוועגונג מיטן קאָפּ און לויטן שמייכל איז קאָנטיק געווען, ווי הערצקע נעמט אויף יענעמס רייד; האָט ווער געטריבן פאַר אים רכילות, איז דער שמייכל בלאַס געוואָרן. מ׳האָט אָבער געזאָגט, אַז דער שווייגער האָט דווקא ליב געהאַט, אַז אַנדערע זאָלן רעדן, גערן זיך איינגעהערט, וואָס מ׳האָט אים דערציילט, בפרט, ווען מ׳האָט גערעדט וועגן וועלט־זאַכן, וועגן פּאָליטיקע. נאָר די גרעסטע סענסאַציעס זענען נישט בכוח געווען צו פאַרהאַלטן זיינע הענט, אָפּצושטעלן זיינע פינגער פון באַוועגן זיך. נישט מחומת אויסגערעכנטקייט און צייט, נאָר, משמעות, אַזוי אַריינגעטאָן געווען בלב ובנפש אין דער אַרבעט זיינער. האָט אים אַמאָל עפּעס שטאַרק אַ נעם געטאָן, אַ ציפּ געטאָן ביים האַרץ, האָט ער זיך לאַקאָניש אָפּגערופן:

— וואָס איך הער! איי, איי, איי.

און ער האָט ווייטער געטאָן זיינס.

בלויז איין איינציקע זאַך איז ביכולת געווען הערצקען אָפּצורייסן פון זיין וואַרשטאַט: ווען מ׳איז אָנגעקומען צו אים ווי צו אַ רופא, ווען מ׳האָט געדאַרפט זיינע אַ רפואה.

און רפואות האָט הערצקע געהאַט אַ שלל! אין חכמת הדאָקטאָריע איז ער געווען גאָר אַ גרויסער מומחה.

קיין דאָקטער איז אין שטעטל נישט געווען, אַ פעלדשער יאָ. גע־וווינט האָט ער ווייט הינטערן שטעטל און גערופן האָט מען אים „פאַן דאָקטאָר“, נאָר בייזע צינגער האָבן געזאָגט, אַז אין דאָקטאָריע קען ער זיך אַ גוטע קרענק. אַ מסוכן קראַנקן האָט מען געפירט אין שטאָט אויף אַ פור — אונטערגעלייגט שטרוי, איינגעדעקט דעם חולה מיט

אַ פּערינע און געפירט אַ וואַסעריע 10 — 15 קילאָמעטער צו אַ האַקטער. מיט אַ קלייגער חולאת האָט זיך יעדער ווי ס'איז אַליין אַן עצה געגעבן. האָט זיך אויף עמעצן אָנגעזעצט עפּעס אַ שלעכטע מכה, אַן אויסשיטעכץ, אַ שטעכעניש אין די ביינער, איז מען געגאַנגען צו הערציקען דעם רופא. הערציקע איז דעמלט געוואָרן אַן אַנדער מענטש: אָפּגעריסן זיך כּהרף עין פון זיין מלאכה, ווי ער וואָלט געדאַרפט גיין לעשן אַ שׂרפה, אָפּגעטובלט די הענט אין אַ שיסל וואַסער און גענומען זיך באַטראַכטן, באַטאַפּן דעם קראַנקן אבר און צוגעטראָפן אַ רפואה.

הערציקע האָט געוווּסט צו וועלכן געשוויר מ'דאַרף צולייגן אַן אויסגעקאָכטע ציבעלע אין מילך, אַז די מכה זאָל פון זיך אַליין פּלאַצן, און צו וועלכן ס'איז גייטיק צעהאַקטע קאַקטוס־בלעטער, ווו און ווען מ'דאַרף צולייגן אַן אויסגעקאָכטן זעמל אין מילך, און ווו און ווען געריבענע, רויע קאַרטאָפּל, ווי הייסע זאַלץ, און ווו געפּאַרעטע שעמיע. הערציקע האָט ווי עפּעס דורך אַ שם המפורש דערגאַנגען צו די פאַרבאָרגענע סודות פון קרייטעכצער, בלעטלעך, גראָזן, מינעראַלן, פון אַלץ האָט ער געקענט אַרויסציען אַ רפואה צו אַ מכה, צו אַ פאַרשלעפּטער קרענק.

הערציקע האָט באַלד אויפן אָרט פאַר אַלעמען און צו אַלץ געהאַט אַ רפואה שלימה.

נאָר איין זאַך, האָט מען געזאָגט, האָט הערציקע נישט געהאַט — קיין מזל. דער רבונו של עולם האָט אים קיין שום זאַך נישט געקאַרגט: אַ פּאָר גאָלדענע הענט, אַ שאַרף אויג, אַן אָפענעם מוח, אַ קרישטאַלן האַרץ, אַ ווייב אַ שטילע טויב — טעמעלע איז געווען צוגעפּאַסט צו הערציקען ווי אַ שטערצל צו אַ טעפּל. נאָר דאָס שטיקעלע פּרנסה האָט אים דער בורא עולם איינגעקאַרגט און גאָר גרויסע קמצנות אים אַרויסגעוויזן, וואָס שייך נחת פון קינדער.

מילא, מיט פּרנסה וואָלט הערציקע נאָך ווי עס איז דורכגעקומען, כאָטש פון די אַלע מלאכות האָט ער געהאַט ווייניק ברכות, נאָר דער גידול בנים... וואָרעם אַן אמתע גאָט־שטראָף איז געווען די ייִנגערע טאָכטער: זי איז שטום געווען און גערופן האָט מען זי די גרעגערקע.

ווי פאָרט זיך דאָס, וועט איר פרעגן אַ שטומע מיט אַ גרעגערקע? איז שטעלט אייך פאָר, אַז להיפוך צו הערציקען מיט טעמעלען, וואָס האָבן געקאָנט רעדן און געשוויגן, איז זייער טאָכטער פון געבוירן אָן געווען

שטום, נישט געקאָנט רעדן און נישט געוואָלט שווייגן — האָט שטענדיק געמורמלט. און ביי דער קלענסטער זאַך האָט עס אַרויסגעגערט פון איר. און נאָך אַ צרה, וואָס זי האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין שטוב, מ׳האָט זי נישט געקאָנט איינהאַלטן, זומער און ווינטער אַרומגעשפּאַנט איבערן שטעטל, ווי ס׳וואָלט זי געטראָגן, געיאָגט. טעמעלע איז אויסגעשטאַנען פון איר געברענטע און געבראָטענע צרות.

פרומע יידענעס האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ס׳זיצט אין איר אַ דיבוק, אַריין אין איר נאָך אין דער מאַמעס בויך.

אַז טעמעלע איז מעוברת געווען, איז איר אַמאָל אין אַן אָוונט אויסגעקומען איינע אַליין פאַרבייצוגיין דעם בית־המדרש. מענטשן האָבן געוווּסט, אַז אין אַלטן בית־המדרש טוען זיך ביינאַכט נישט קיין גוטע זאַכן, נאָר טעמעלע האָט אַפּנים דערוועגן נישט געוווּסט. פאַרזעסן זיך ערגעץ און צוריקגייענדיק אין אָוונט געוואָלט פאַרקירצן דעם וועג. ס׳איז איר איינגעגאַנגען אַרויס פון קאָפּ, אַז זי איז אָן אַ פאַרטוך. נו, האָט זי פאַרן בית־המדרש דערהערט, ווי אַ ווינט איז פאַרביי איר דורכגעלאָפן, כאָטש ס׳איז געווען אַ שיין זומערדיק וועטער. אַנגסטן האָבן אויף איר אַרויסגעשלאָגן, געקומען אַהיים נישט טויט, נישט לעבעדיק.

אַן אַנדערש מאָל איז טעמעלע אין אָוונט אַרויס פון שטוב אויסגיסן די פּאָמעניצע, אויך אָן אַ פאַרטוך, און אַזוי ווי טעמעלע איז בטבע אַ ביסל אַ צעטראָגענע, האָט זי צומאָל נישט געזאָגט די דריי מאָל „טראָגט אייך אָפּ, טראָגט אייך אָפּ, טראָגט אייך אָפּ“. אויסגעגאָסן די פּאָמעניצע ווי קיינמאָל גאָרנישט, ווי אויף דער זינדיקער וועלט וואָלטן קיין רוחות נישט געווען, ווי קיין פאַרוואָגלטע נשמות וואָלטן זיך נישט אַרומגעבלאָנקעט און געזוכט ערגעץ אַ תיקון. די אַלטע שאָשע האָט דערציילט, אַז דאָס מאָל האָט אויך אַ ווי געטאָן פאַר איר אַ ווינט. פון דאָ צי פון דאָרטן האָט די אַלטע שאָשע גענוי נישט געקאָנט וויסן, נאָר אַז עפּעס נישט גוטס, אַ מין גילגול האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין טעמעלעס מעוברתן בויך, וואָלט זי געקאָנט שווערן. אַ ראיה, דאָס ערשטע מיידעלע האָט טעמעלע אַרויסגעגעבן אויף דער וועלט ווי גאָט האָט געבאָטן, ממש אַ בליאַסק, און דאָס צווייטע — אויף אַלע ווייסטע פעלדער, הן שטום, הן דאָס גערעגערט. און אויב איר ווילט נאָך אַ ראיה, טאָ האָט איר: צו אַלע חולאתן, צו אַלע שלעק און פורעניות געפינט הערצקע אַ רפואה, נאָר פאַר זיין שטומער טאָכטער גאָרנישט. וואָרעם מיט קרייטעכצער,

גראָזן און ענלעכע רפֿואות טרייבט מען נישט אַרויס קיין דיבוק. צו דעם דאַרף מען אַ רפֿואה של מעלה, נישט קיין רופֿא, נאָר אַ צדיק.

הערצקע איז אַפֿילו נישט אַבי ווער... די אַלטע שאָשע, וואָס האָט געוווּסט נישט נאָר וואָס ביי וועמען אין טעפּל ס'קאָכט זיך און וואָס ביי וועמען אין דער נשמה ס'טוט זיך, נאָר נאָך עפּעס מער... האָט פֿאַרזיכערט, אַז מיט הערצקעס רפֿואות איז נישט אַזוי פּראָסט פּשוט, ס'שטעקט אין זיי עפּעס, וואָס מ'זאָגט נישט אַרויס מיט נישט געוואַשענע הענט. וואָלט הערצקע נישט געווען קיין פּראָסטער עברי־ייִד, וואָלט ער געזעסן על תּורה ועל עבֿודה, וואָלט ער געווען... ווער ווייסט וואָס פֿאַר ניסים ונפֿלאות ער וואָלט באַוויזן, ער איז דען נישט קיין קדוש? כמעט אַ צדיק, וויפֿל פֿעלט אים דען? אַ האָרעלע, נאָר צו זיין טאָכטער דאַרף מען האָבן אַן אמתן, אַ גרויסן צדיק. דאָס אומגליק וואָס גרעגערט פֿון איר אַרויס, איז נישט אַבי וואָס.

דערפֿאַר מיט עולם־הבא איז די אַלטע שאָשע געווען אויסגעזאָרגט פֿאַר הערצקען. קיין ספֿק נישט, אַז אויפֿן עולם האמת וועט מען אים אַריינפֿירן מיט גרויס פּאַראַד אין גן־עדן, ראשית קומט עס אים פֿאַר דעם, וואָס ער קומט אָפּ, קיין פּיצל עולם־הזה, והשנית, אַ מענטש אָן אַ גאַל, אָן אַ פּגימה אויף זיך, איינגעטונקען אין מעשׂים־טובֿים און אין מצוות, אָן אַ קרישקע זינד.

נאָר נישט באַשערט געווען הערצקען צו בלייבן אָן אַ שטיקל עבֿרה. די אַלטע שאָשע איז געווען אויסער זיך, פּונקט ווי זי גופֿא וואָלט אַ חלק געהאַט אין הערצקעס גאָטספֿאָרכטיקייט און אין זיין שׂכר אויף יענער וועלט. און צוליב זיין מכשול זיך שטאַרק צעוואָרטלט מיט אים. אַ סבֿרה, אַז צום ערשטן מאָל האָט הערצקע געהאַט אַ סכסוך מיט עמעצן.

געווען איז דאָס אין אַ פֿריליגנדיקן שבת. דער הימל לויטער־בלוי, אָן איין וואָלקנדל, אַזוי זויבער, ווי דער רבונו של עולם וואָלט אים אויסגעצוואָגן לכּבֿוד שבת. די זון האָט געוואָרעמט, געגלעט — זאָלן ייִדן פֿאַרהאָרעוועטע, פֿאַרהאַוועטע אַ גאַנצע וואָך הנאה האָבן פֿון יום השביעי. הערצקע האָט ווי דאָס גאַנצע שטעטל ייִדן זיך אומגעקערט פֿון בית־המדרש, געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט, מיט די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן און מיט די רעיונות פֿאַרטראָגן ווער ווייסט ווו. פֿאַר זיין שוועל האָט אים פֿאַרהאַלטן די „חזרניצע“ — דער נאָמען איז איר געקומען פֿון דעם, וואָס זי האָט געהאָדעוועט בלויז חזרים. מיט דער רעכטער האַנט האָט זי פֿעסט געהאַלטן איר 12־יעריקן תּכשיט, וואָס האָט געהאַלטן

די אַנדערע האַנט ביים מויל און געהעשעט, ווי אַ גאַנדז, וואָס שטיקט זיך, ווען מ'קראָפּט זי.

דער „חזירניצעס“ זונדל האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט וואַרפן שטיינער אין יידישע קינדער. ווען מ'איז זומער געגאַנגען צום טייך זיך באָדן, אָדער אין וואַלד, האָט מען געדאַרפט אויסמיידן דעם וועג, ווו מ'האָט געקאָנט באַפאַלן ווערן דורך פראַנעקן מיט זיין באַנדע. איצט איז פראַנעק געשטאַנען אַ צעשראָקענער, אַ פאַרווײנטער, אַ פאַרסמאַרקעטער און געשטופּט די פינגער אין מויל. אויף דער האַנט האָט אים אָנגעצויגן אַ בלאָטער גרויס ווי אַ וועלפישע נוס און בשום אופן נישט געוואָלט פּלאַצן. די מאַמע זיינע האָט געווייקט אין מילכעס, געלייגט חזיר־שמאַלץ און ס'האָט נישט געהאָלפן, אַ האַרטע הויט אַזאַ געווען ביי פראַנעקן. דער „פאַן דאָקטאָר“ איז פונקט יענעם טאָג געהאַט אַוועק ערגעץ אויף אַ דאָרף און דער „חזירניצע“ איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי ברענגען צו שלעפּן דאָס זונדל צו הערציקן.

— הערחצקו קאָכאַני, פּאָמוזש — האָט זי געוויזן די געשוואָלענע האַנט מיטן אָנגעצויגענעם בלאָטער.

הערציקע האָט אויף שטום־לשון זי אַריינגעבעטן אין שטוב, געהייסן טעמעלען אַרויסציען פון אויוועלע דאָס אַרומגעוויקלטע מיט אַ שמאַטע טשייניקל מיט איבערגעקאָכטע וואַסער, וואָס אויף טיי, אָנגעוויזן דער „חזירניצע“ אויף אַ ליכט און שוועבעלעך, אַרויסגעצויגן אַ נאָדל און געגעבן איר אָנצוברענען איבערן פלאַם פון ליכט, אלץ אויף שטום־לשון, דערנאָך זיך גענומען צו דער אָפּעראַציע. דער קליינער שלעגער, דערזעענדיק די נאָדל אין הערציקעס האַנט האָט זיך תחילת צעכליפּעט, דערנאָך אַזוי זיך צעקוויטשעט ווי מ'וואָלט אים געקוילעט. די „חזירניצע“ האָט אים געהאַלטן אין אירע פעסטע הענט און הערציקע האָט פלינק דורכגעשטאָכן דעם בלאָטער, אויסגעקוועטשט דעם געשוויר, אָפּגעוואַשן, צוגעלייגט זיינס אַ רפואה און פאַרבונדן. אויף די געוואַלדן פון פראַנעקן זענען זיך צונויפגעלאָפן שכנים און צווישן זיי די אַלטע שאָשע.

אַז שאָשע האָט זיך דערוווסט צוליב וואָס און צוליב וועמען הערציקע איז מחלל שבת געווען, האָט זי פריער דריי מאָל אויסגעשפּיגן: טפו! טפו! טפו! זאָל עס ווערן! און דערנאָך אַוועקגעלייגט אַזאַ מאמר:

— צו אונדזערע שונאימס קעפּ זאָל דאָס אויסגיין! ר' הערציקע, האָט קיין פאַריבל נישט, אַזאַ אָפּגעהיטער ייד, אום שבת? דעם־אָ שרץ? קראַנק און געשוואָלן געווען צו וואַרטן ביז מאָרגן? און אין אַ פראָסטן מיטוואָך

וואָלט איך אים? אַז זעצן זאָלן זיך אים געשווירן אויפן צונג! אַזאַ שונא ישראל, היילן אים אום שבת די האַנט, אַז אָפּגעדאַרט זאָל זי אים ווערן, ער זאָל נישט קאָנען וואַרפן קיין שטיינער. פּגרן וואָלט איך אים געלאָזט, אַזאַ דם־שונא, ס׳לאָזט קיין יידיש קינד איבערן וועג נישט אַדורך, און איר, ר׳ הערציקע... נישט געריכט זיך אויף אייך, צוליב אַזעלכעם מחלל שבת זיין, אום שבת אים אויפשטעכן דעם בלאָטער, אַן עבֿרה, ר׳ הערציקע.

הערציקע האָט רו׳יק אויסגעהערט דעם מאמר און דאָס מאָל, גאָר־נישט, לויט זיין שטייגער, אָפּגעענטפערט מיט אַ פּסוק:

— פּיקוח נפש דוחה שבת; צוליב אַ נפש... — האָט ער צוגעגעבן, כּדי שאָשע זאָל באַנעמען דעם טייטש.

דער אַלטער שאָשען האָט אָבער דער פּסוק אויך נישט איינגעשטילט און זי האָט ווייטער אַרגומענטירט:

— אַ נפש? צוליב אַזאַ נפש? אַזאַ רוצח, ס׳איז גאָר קיין מענטש נישט, אַ... אַ...

הערציקע איז באַרעדעוודיק געוואָרן:

— אַז ס׳ליידט ווערט עס אַ מענטש...

— אַ מענטש, אַ טריפענע בלוט, ס׳קאָכט אין דעם שטענדיק די רציחה, מאָרגן וועט עס ווידער וואַרפן שטיינער אין יידישע קינדער, ווען ער וואָלט געקאָנט וואָלט ער געמיתט.

— דאַרפן מיר זיך פאַרקוקן אויף אים, זאָל ער זיך פאַרקיקן אויף אונדז.

— אוי, ר׳ הערציקע, ר׳ הערציקע, ווען איר זענט אַ רופא זענט איר אויפן עולם הדמיון, זייט זשע מוחל, אַזעלכע רייד האָבן קיין זין און קיין האפט נישט.

הערציקע האָט זיך אָפּגעדרייט, געוואָלט פאַרענדיקן דעם וויכוח, די אַלטע שאָשע נישט, פאַרקערט, אָנגעהויבן מיט אַן אַנדער פּשט:

— מיינט נישט, ר׳ הערציקע. אַז ביי מיר איז אַ שטיינערן האַרץ, גאָר שבת איז שבת, ביי יידן אַמאָל, דער הייליקער שבת... ס׳האָט געהאַט אַ זין, אַ האפט, ס׳האָט געמעגט דונערן און בליצן.

ווער ווייסט ווי לאַנג די אַלטע שאָשע וואָלט נאָך פאָרגעהאַלטן פאַר הערציקען וועגן תמצית פון הייליקן שבת, ווען טעמעלע וואָלט נישט איבערגעריסן דאָס שווייגן און זיך אַריינגעמישט:

— שאָשע לעבן, געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין, צייט פאַר אייך צו גיין נעמען עפּעס אין מויל. און דו — האָט זי זיך געוואָנדן צום מאַן — גיי וואַש זיך צו שאַו־יָדיכם, ס'האַרץ איז דיר שוין איבערגעגאַנגען, אַ שיינער עונג שבת, אַ תענית געמאַכט, שאָשע־לעבן, שבת טאָר מען נישט פאַסטן.

די אַלטע שאָשע איז אַוועק אָן אַ גוטן שבת, צעקלעמט געווען, ווי זי וואָלט דערזען ווי די טויערן פון גן־עדן פאַרמאַכן זיך פאַר הערצקען.

פייפקע באַלעגאָלע

— איך זאָג אייך איר זאָלט איינשטאַטקעווען די מויד, כ'וואָר אייך, געהערט אַזעלכעס, נאָך פון דער ערד נישט אָפּגעוואַקסן און דאָס מישט זיך שוין צו יענעם, ווייל יענעם לערנען שכל, אַ חוצפּה פון אַ 12-יעריקער מויד, אַ שמדניצע אַזאַ, אויב איר וועט זיך נישט נעמען צו איר וועט מיין פּייפּקע...

די „גראַניאַסטע“ האָט אַ זעץ געגעבן מיטן אונטערשטן פּוס און שיער נישט איבערגעדרייט דאָס הילצערנע עמערל מילך. געוויינלעך איז דער מאַמעס ליבלינג געווען מילד ווי דאָס מילדסטע שעפּעלע, געלאָזט זיך מעלקן ביז די מאַמע האָט אַרויסגעצויגן מיט אירע געניטע פינגער דעם לעצטן טראָפּן מילך פון אייטער, אַפילו די פליגן אָפּגעטריבן מיטן עק געלאַסן, אָן רוגזה, בפרט ווען זי איז געשטאַנען איבער אַ פולן צעבער. חיה שרהס מענה לשון האָט אַפילו די גראַניאַסטע אַרויסגעפירט פון געדולד. די מאַמע האָט אָפּגעלאָזן דעם אייטער, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אָפּגעענטפערט קורץ און שאַרף:

— גייט אייך געזונטערהייט, חיה שרה, לאָזט מיר אויסמעלקן די קו, דרייט מיר נישט קיין קאָפּ מיט אייערע...

— אַזוי, כ'זאָל אייך נישט דרייען קיין קאָפּ? כ'זאָל מיר גיין געזונטערהייט? וועל איך מיר גיין, נאָר געדענקט! כ'וועל נישט שענקען.

חיה שרה איז אָבער נישט אַוועקגעגאַנגען, געמאַכט נאָר אַן אָנשטעל, אַז אָט גייט זי אַוועק אַ באַליידיקטע. זי האָט פאַרשנורעוועט דאָס פּיסקעלע אין אַ שנאָבל, אַ רגע געשוויגן, ווי זי וואָלט אויף דער הייסער מינוט געוואָלט צוטראַכטן אַן אַנדער פּאָרטל ווי אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיט

דער שמחניצע. די מאַמע האָט זיך איבערגערוקט אַ ביסל מיטן הילצערנעם בענקעלע, טיפער אַריינגערוקט דאָס עמערל צווישןביידע פיס און זיך צוריקגענומען מעלקן די קו. חיה שרה האָט זיך צוריקגענומען אַרויסלייגן אירע טענות:

— ר'דאַרפן באַצאָלן דעם שאָדן, ס'האָט געקאָסט, און די פערד, די פעל אויף זיי צעריסן, אַז רייסן זאָל מען די הויט פון איר, ר'האָט נישט געקאָנט אַרויספאָרן צוליב דער שמחניצע, אַזעלכע באַלעבאַטישע מענטשן זאָלן אַזוי צעלאָזן אַ מויד, זי וועט נאָך צו שמד דערגיין. איך וואָרן אייך, אויב איר וועט זי נישט איינשטאַטקעווען...

די מאַמע האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, נאָר נישט אָפּגעלאָזן דעם אייטער, און נישט אויסדרייענדיק דאָס מאָל דעם קאָפּ, האָט זי חיה שרה'ן געגעבן אַזאַ גאָב, אַז זי זאָל נישט האָבן די אויגן וווּ אַהינצוטאָן פאַר חרפּה און זיך אָפּטראָגן:

— סטאַטקעווען בעסער איין אייער פּייפּקען! זאָל ער נישט שלאָגן דאָס ווייב, אַ חרפּה און אַ שאַנדע אַ ייד זאָל אַזוי... די קולות גייען ביז אין הימל, מיין דינה'לע קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן, טפו זאָל עס זיין! אַ ייד זאָל אַזוי שלאָגן!

חיה שרה האָט זיך אַפּנים נישט פאַרשעמט און אַרויסגעצויגן אַ שפּאָגל נייעם אַרגומענט:

מ'וועט נאָך זען צי איר מאַן וועט זי נישט שלאָגן!

דאָ האָב איך נישט אויסגעהאַלטן. די גאַנצע צייט געזעסן פאַרשטעקט הינטער אַ גרויסער סטערטע האָלץ און זיך צוגעהערט צום דיאַלאָג, געשמירט זיך דאָס האַרץ וואָס די מאַמע איז אויף מיין צד, כאָטש זי האָט מיר נעכטן גיקשהדיק אויסגעשטראָפט, הינטער די אויגן פון טאַטן. דער טאַטע מישט זיך וואָס אַן אמת נישט אין זאַכן, וואָס טוען זיך אויף דער וועלט, פאַרנעמט זיך מיט העכערע ענינים, איז שטענדיק אין די עולמות עליונים, נאָר אַזאַ סקאַנדאַל, ער וואָלט מסתמא זיך אַריינגעמישט. אַ נס, וואָס ער האָט נישט געוווּסט, דער מאַמעס שטראָף־ווערטער קאָן מען אויסהאַלטן, כאָטש דאָס מאָל זענען זיי געווען האַרבע. איצט אָבער, אַז איך הער מיר צו ווי די מאַמע האַלט מיך אונטער, קוועלט מיר דאָס האַרץ, אַ טאָפּלטע נקמה אין פּייפּקען, און ווי נאָר כ'האָב דערהערט חיה שרה'ס נביאות־זאָגן, אַז מיין מאַן וועט מיך אויך אַמאָל שלאָגן, האָט עס מיך געגעבן אַ הויב אונטער, כ'בין אַרויסגעקראָכן

פון הינטער דער סטערטע האָלץ, פאַרבויגן דעם דרך־ארץ פאַר עלטערע און אַ געשריי געטאָן:

— אַ פייג! אָט וואָס! און אייער פייפקע וועט מען נאָך... זאָל ער נאָר פּרוּוון אָנרירן ביילקען!

מער האָט מען נישט געדאַרפט. חיה שרה איז אַרויס פון די כלים, אַזוי זיך צעשריען, אַז שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפן ווי אויף אַ בייז ווונדער. די גראַניאַסטע האָט זיך אָפּגעריסן פון צעבער, אַרויסגעצויגן דעם אייטער פון דער מאַמעס הענט און אַוועק. די מאַמע איז אויך אַוועק מיטן עמערל מילך אין שטוב, נאָר געהאַלטן מסתמא פאַר נייטיק צוריק אַרויסצוגיין, מ׳זאָל זי חס וחלילה נישט חושד זיין אין פּחדנות. איך האָב געהאַלטן, אַז ס׳איז בעסער איך זאָל מיר אָפּטראָגן, אַראָפּגיין חיה שרהן פון די אויגן. האָב איך שנעל זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן נידעריקן פּלויט, אַריבערגעשפּרונגען ווי אַ קאַץ און פון דער צווייטער זייט גאָרטן זיך צוגעהערט, ווי פייפקעס מאַמע האָט געמאָלט פאַרן רימל שכנים די צרות, וואָס עס שטייט אויס איר זון. און זאָלן מענטשן פּסקענען, אדרבא זאָלן שכנים זאָגן, ווי מ׳קאָן אַזוינס דערלאָזן, אַזאַ באַנימעניש, פון דער ערד נאָך נישט אָפּגעוואַקסן און דאָס וויל זיך אַריינמישן צו א פאָרפאָלק, אזא שמדניצע, אָנגעמאַכט אַזאַ שאָדן, אדרבא זאָלן מענטשן... זאָל מען... פאַרוואָס זאָלן זיי זיך נישט אָננעמען איר קריוודע.

ס׳האָבן זיך געשאַפן צוויי נישט גלייכע צדדים. דאָס רוב בנין ורוב מנין האָט אונטערגעהאַלטן די מאַמע, צוממיינסטן האָט זיך איינגעשטעלט דבשה, ס׳האָבן מסתמא אַרויסגערעדט פון איר אירע אייגענע צרות. זי איז גרייט געווען חיה שרהן די אויגן אויסצודראַפּען. בלויז די „כלבטע“ האָט אַריבערקוקנדיק איבערן קעגנאיבערדיקן פּלויט צוגעגעבן חיה שרהן געדעכט, אַ רחמנות איר געווען אויף די פערד, און דער באָרוועסער האַלצהעקער יוזעף, וואָס האָט אַליין נישט געזינדיקט מיט דעליקאַטקייט לגבי דעם ווייב, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אונטערגעמרוטשעט: „עק וועלט, מ׳זאָל אַ באַבע נישט קאָנען אַ קלאַפּ טאָן, פרעמדע זאָלן דעם מאַן זאָגן דעות“.

חיה שרה האָט באַקומען גייעם קוראַזש, אויפסניי אָנגעהויבן שיטן פעך און שוועבל, נאָכאַמאָל אויסגעמאָלן פייפקעס קריוודע אין די שוואַרצ־סטע פאַרבן און געשווירן, אַז אויב די אייגענע מאַמע וועט נישט אָנ־לערנען וועט זי, ווער ווייסט צי די מויד וועט נישט דערגיין צו שמד! אַזעלכעס אָפּטאָן, אַזאַ שאָדן אָנמאַכן.

נאָר אַזוי ווי חיה שרה איז געווען אַ צד און די גאַנצע זאַך פאָרגעשטעלט אויף איר שטייגער, וועל איך אייך די מעשה דערציילן אַזוי, ווי זי איז געווען אין דער אמתן:

פייפקע באַלעגאָלע איז געווען אַ פעסטער יונג פון אַ יאָר דרייסיק און פאַרמאָגט אייגנס צוויי ראַסאָווע פערד מיט אַ שיין לאָשעקל און אַ מיאוס שלימזלדיק ווייב. מ'האָט אַפילו געזאָגט, אַז פייפקע האָט פון איר אַ תל געמאַכט, פריער געווען אַ נישקשהדיק מיידל, נאָר דער שוויגער איז נישט אָנגעשטאַנען דער שדוך און זי האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף דער שנור.

מיט זיינע פערד איז זיך פייפקע באַגאַנגען גאָר איידל, גערעדט צו זיי מיט אַ מענטשלעך לשון, געגלעט, געצערטלט און אַפילו אונטערוועגס נישט אָנגערירט זיי מיט דער בייטש; מיטן ווייב און די צוויי קינדערלעך — פאַרקערט, נישט געזאָגט קיין גוט וואָרט, געזעווטעט אויף זיי און געשלאָגן מכות רצח.

שלאָגן אַ ווייב איז נישט געווען קיין נאָווינע. אַזוי ווי מיר האָבן געוווינט אויף די „זאַמדן", ביי דער סאַמע גרענעץ מיט די נישט יידישע איינוווינער, איז מען צוגעוווינט געווען. אַ קו, אַ פערד, אַ קאַץ, וכדומה אַזעלכע באַשעפענישן איז געווען נישט שיין, אַן עבירה צו שלאָגן. ס'איז צומאָל געווען ביי אונדז אַזאַ פריצטע אַ צער בעלי־חיימניצע, וואָס זאָל גאָט שומר ומציל זיין, אויב זי האָט געזען שלאָגן אַ הונט אָדער אַ קאַץ, דערפאַר האָט מען זי גערופן „כלבטע", זי האָט גענומען אונטער איר פראָטעקציע אַלע היימלאָזע הינט, אָנגענומען זיך די קריוודע זייערע, נאָר קיין מענטשלעכע קריוודעס זענען איר נישט אָנגעגאַנגען, בפרט פאַר אַ ווייב, מ'האָט געמעגט שלאָגן.

ביי יידן האָט מען בדרך כלל נישט געשלאָגן קיין ווייב, ס'איז געווען פע. ס'האָט אַפילו געטראָפן דאָ און דאָרט האָט וועג מוותר געווען אויפן כלל, ווי למשל, אברהמטשע דער קרזשנער, אָבער ער האָט געשלאָגן יידישלעך, אָן רציחה, אַ זעץ געטאָן זיין דבשה סאַרג, אַ וואָרף איר געגעבן עפעס אין קאָפּ, אויסגעלאָזט דעם כעס מיט קליינע קלעפּ.

פייפקע באַלעגאָלע האָט געשלאָגן זיין דאַר ווייב, ווי אַ גוי. כאָטש צווישן פייפקעס נחלה און אונדזערער איז געלעגן דער כלבטעס גרויסער גאָרטן, האָט מען ביי אונדז געהערט ווי דעם ווייבס געשרייען גייען ממש אין זיבעטן הימל. מענטשן פלעגן זאָגן, אַז אַ נס, וואָס פייפקע איז די גאַנצע וואָך היינטער וועגס און קאָן נישט שלאָגן יעדן טאָג, דערפאַר

אָבער האָט ער זיך אָפּגענומען שבת. קיינעמס דאגה איז דאָס נישט געווען, קיינער האָט זיך נישט געמישט, ווי מ'וואָלט היינט געזאָגט אין די „פּריוואַטע“ ענינים פון פאָרפאָלק.

איינמאָל אין אַ זומערדיקן שבת פאַרנאַכט, ווען יידן זענען געזעסן ביים שלוש־סעודות און איך מיט אַ קאָמאַנדע 12 — 13־יעריקע פריילינגס האָבן זיך מיטן פעלד אומגעקערט פון נאָענטן וועלדל, האָט זיך פון פייפּקעס הייזקע געטראָגן אַ האַרץ־רייסנדיקער געשריי מיט אַ געוויין. נישט לאַנג געטראַכט זענען מיר זאַלבע דריט — די איבעריקע האָבן זיך נישט געוואָלט מישן — געווען הינטערן באַלעגאָלעס פענצטער, געקלאַפּט אין די שויבן, געזעצט אין טיר, געדראָט, אַז מיר וועלן אים די שויבן אויסהאַקן. מיר וואָלטן אפשר טאַקע אויסגעהאַקט, נאָר ס'איז נאָך געווען שבת, קיין איין שטערן איז נאָך נישט געווען אויפן הימל, אַ קליינע עבירה האָט מען געקאָנט אויסקויפן מיט אַ שטאַרקן ביס אין פינגער, אָבער מחלל שבת זיין אַזוי ווייט... בינו לבינו האָט פייפּקע ווייטער געשלאָגן דאָס ווייב, דאָס רעשן הינטערן פענצטער איז אים אָנגעגאַנגען, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, געהאַלטן אין רעכטן מיטן און אַפילו נישט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער. אַפּנים יענעם שבת נאָכמיטאָג האָט ער זיך געהאַט גוט אויסגעשלאָפן נאָכן טשאָלנט און געמוזט אויסלאָדן זיין ענערגיע.

אין אונדזער אָנמעכטיקייט איז אונדז אַריינגעפלויגן אַ געדאַנק אין קאָפּ: ווי אַ פייל פון בויגן זענען מיר צו צום שטאַל, אויף גיך אַרויסגעצויגן דעם גרויסן הילצערנעם ריגל, אויפגעפּראַלט די טאָפּלטע טירן און פייפּקעס גאַנצער לעבעדיקער אינווענטאַר איז אַרויס אויף דער פריי נישט געפּענטעטערהייט. ביידע פערד מיטן לאָשעקל זענען אַפּנים גאָר צופרידן געווען פון אונדזער אויפטו און געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ און מיט אַ הירזשעריי צו די פעלדער. אַזוי ווי זיי האָבן אויפן וועג אָנגעטראָפן פערענצעס גאָרטן מיט קרויט און אַנדערע קרייטעכצער, האָבן זיי זיך נישט לאַנג געיישבט און אָפּגעשטאַט דאָרט אַ וויזיט.

פייפּקע דערהערנדיק דאָס הירזשען פון די פערד, האָט אָפּגעלאָזן דאָס ווייב און אַרויס אין דרויסן. דערזען דאָס אומגליק, האָט ער זיך געלאָזן צום פעלד, שיער פון זינען נישט אַראָפּ ביז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען אַוועק אין פערענצעס גאָרטן. פערענץ האָט זיך אָבער פריער פון אים דערוווּסט פון די פערדס חוצפּה.

יענעם שבת־צונאַכטס האָט זיך פייפקע מיט זיינע ליבלינגען שוין נישט געזען. ערשט אויף צומאָרגנס האָט זיי אים פערענץ אָפּגעגעבן פאַר א היפשער אַנטשעדיקונג. ביי פערענצן אין אַרעסט האָבן די פערד קיין האָניק נישט געלעקט, צי ווייל ייִדישע פערד, צי ווייל זיי האָבן אים צע־טראָטן דעם גאָרטן, גענוג, אַז ער האָט נקמה גענומען אין זיי וויפל דאָס האַרץ האָט אים נאָר געגלוסט.

אַז פייפקע האָט זונטיק אינדערפרי מיט הכנעה אָפּגעצאָלט דעם שאָדן און דערנאָך דערזען זיין דריילינג האָט ער שיער אַן אַפּאָפּלעקסיע נישט געקרבן פון צער.

יענעם זונטיק איז שוין פייפקע נישט אַרויסגעפאָרן, געשמירט דעם גאַנצן טאָג מיט עפּעס אַזאַ שמירעכץ די צעקאַטעוועטע פערד. צוממיינסטן האָט געליטן די דעליקאַטע פעל פונעם לאָשעקל. פייפקע האָט, פלעגנדיק זיינע צעשלאָגענע פערד, געוויינט מיט ביטערע טרערן און געהאַלטן מיט האַרצווייטיק אין איין איבערחזרן:

— אַזוי צעממיתן אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַזוי קאַטעווען, אַ גוי האָט נישט קיין פיצל האַרץ... קיין אַ פיצל רחמנות... געוואַלד, מענטשן, ווי אַזוי דערלאָזט מען צו אַזאַ רציחה, אַזעלכע יסורים אָנטאָן לעבעדיקע באַ־שעפענישן...

די משוגענע רייצע

רייצע איז אַ ווייבערישער נאָמען און דער העלד פון דער געשיכטע, וואָס וועט דאָ דערציילט ווערן, איז אַ מאַנסביל און געהייסן האָט ער גאָר וואָלף־בער, ובכן אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט דווקא נישט געהאַט קיין ווייבערישע מידות, צו קיין יידענע נישט ענלעך געווען, נישט אויסערלעך און נישט אינערלעך: אַ וווקסיקער, ברייט־ביינערדיקער, מיט אַ ברייט פאַרוואַקסן פּנים, אַ היפּשער פלייישיקער נאָז, אויף וועלכער ס'איז זיך געזעסן אַ בראָדאַווקע, וואָס האָט די נאָז נאָך היפּשער געמאַכט, מיט ברייטע געדיכטע ברעמען. און אַז וואָלף בער האָט זיך געקאָכט — אוי, פלעגט ער זיך קאָכן — האָבן די ברעמען זיך געהויבן ארויף און אַראָפּ, מיט איין וואָרט גאָרנישט קיין ווייבערישער אויסזען. וואָס שייך דעם כאַראַקטער זיינעם, קאָן מען אויך נישט זאָגן, אַז ער זאָל זיין ווייבעריש.

פאַרוואָס־זשע האָט מען אים גערופן מיטן ווייבערישן נאָמען רייצע? און דערצו נאָך משוגענע רייצע?

מוז מען קודם פאַרשטעלן די ווייבערישע רייצע.

קיין משוגענע איז זי אייגנטלעך נישט געווען. ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ גאַנצע כאָפּטע משוגעים, אַ משוגענע ריווע, וואָס מ'האָט געמוזט האַלטן פאַרשפּאַרט, אַ משוגענער בן־ציון, וואָס איז אַרומגעגאַנגען און געהאַלטן אין איין זינגען, געווען אַ משוגענע ברײנע, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז מענטשן ווילן זי אָפּסמען און נאָך עטלעבע מינים משוגעים. רייצע איז צו קיינעמען פון זיי נישט ענלעך געווען, וואָלט מסתמא געווען אינגאַנצן נאָרמאַל, ווען נישט איר פרומקייט.

אַלץ הייסט פרום, אָפּגעהיטן נישט נאָר אַלע דינים, וואָס זענען חל אויף אַן אישה, נאָר גענומען אויף זיך אַלע געבאָטן, וואָס געהערן צום

מאַנסבילשן מין. אָנגעטאָן אַן אַרבע־כּנפֿות מיט לאַנגע ציצית, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון הינטער איר ווייבערישן שפּענצער, געדאַוונט דריי מאָל אין טאָג, צו שמונה־עשרה אַוועקגעשטעלט זיך מיטן פּנים צו מזרח און זיך געשאָקלט, זיך געבויגן ממש אין דרייען.

מיין מאַמע עליה השלום, וואָס האָט אָפּגעהיט יידישקייט, ווי גאָט האָט געבאָטן, פֿלעגט טענהן צו איר:

— רייזע, געדענק, צאָרנסט קעגן דעם, וואָס אין הימל, מיר, ווייבער, דאַרפֿן אָפּהיטן די ווייבערישע מצוות, אַזוי איז גאָטס רצון, אַזוי איז אָנגעשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים. פֿירן דאַרפֿן מיר זיך ווי ווייבער און נישט ווי מאַנסבילן. וואַרף אַוועק דיינע פֿרומע שטיק, ביסט דאָך משוגע, די ווייבערישע דאָליע איז שוין אַזוי אויך גענוג שווער, נעמסטו נאָך אַרויף אויף זיך... ווי קומט עס צו דיר? אַ שטילע טויב, און פֿירסט זיך, ווי דו וואָלסט געווען גאָטס קאָזאַק, דער רבונו של עולם דאַרף נישט קיין קאָזאַקן.

רייצע האָט מיט אַ פֿאַרשלאָסן מויל אויסגעהערט און ווייטער געטאָן אירס. ווילע יונגען פֿלעגן זיך אונטערגנבענען און אַ צי טאָן ביי די ציצית פֿון אירע אַרבע־כּנפֿות, ווייסע חברהניקעס פֿלעגן איר נאָכקרימען, ווי זי שאָקלט זיך ביים דאַווענען, אַפֿילו ווייבער האָבן געלאַכט פֿון איר. רייצע האָט אַלץ אָנגענומען פֿאַר ליב. קיינמאָל נישט אָפּגעענטפֿערט, קיינמאָל נישט באַקלאָגט זיך אויף די באַליידיקונגען, צו קיינעמען קיין טענות נישט געהאַט, ווי צווישן איר און אַנדערע מענטשן וואָלט נישט געווען קיין געמיינזאַם לשון, גערעדט האָט זי נאָר מיט גאָט.

מיין מאַמען איז ממש געגאַנגען אין לעבן אַרויסצושלאָגן רייצען פֿון קאָפּ איר משוגענע פֿרומקייט, אַריינגערעדט אין איר, אויפֿגעוויזן מיט דינים. ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפֿענע רייד. רייצע האָט זיך פֿאַרקירצט די יאָרן. די תעניתים האָבן אַרויסגעצויגן פֿון איר דאָס חיות, די פֿרומקייט האָט זי דערפֿירט צום קבר. יידענעס האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז זי וועט אַפֿילו נישט זוכה זיין צו זיין אַ פֿוסבענקעלע ביים מאַן אין גן־עדן, וואָרעם יעקב מאיר דער סופֿר, אַ ייד אַ קדוש, וואָס איז פֿריער פֿון איר געגאַנגען פֿון דער וועלט, האָט זי געהאַט אָפּגעגט. צו אַלע פֿרומע משוגעתן איז נאָך צוגעקומען די צרה, וואָס זי איז פֿאַר קיין שום יידישע טאָכטער נישט געדאַכט, אַז עקרה געווען. אין אַ שיינעם טאָג, אָן רעש, אָן טומל, האָט זיך רייצע אָפּגעזעגנט מיט דער זינדיקער וועלט.

געשטאָרבן, באַגראָבן און פאַרטיק, דאָס שטעטל וואָלט מסתמא פאַרגעסן אין רייצען, ווען נישט דער נייער סופר. זעט אויס, באַשערט געווען, אַז רייצעס נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן נאָך איר טויט, נאָר שוין נישט מיט חוזק אָדער מיטלייד, נאָר מיט פיינטשאַפט און שרעק. אַפּנים נישט נאָר אַ ניגון, נאָר אַ נאָמען קאָן אויך דורכמאַכן אַ גלגול...

* *

*

וואָלף־בער האָט זיך באַוויזן אין שטעטל אומגעריכטערהייט. קיינער האָט נאָך אים נישט געשיקט. מילא, אין שטעטל איז אַ שפּאָר שטיק צייט נישט געווען קיין סופר, טאָ פאַרוואָס זאָל טאַקע נישט זיין אַזאַ ייד? און פאַרוואָס טאַקע נישט אַ ייד מיטן נאָמען וואָלף־בער? ס'האָט אָבער לאַנג נישט גענומען, ווי ס'איז געוואָרן אויס וואָלף־בער דער סופר. אַ צונאָמען האָט אַ טבע, אַז ער קלעפּט זיך צו — נישט אָפּצוטרייסן, טיילמאָל מעקט ער איינגאַנצן אָפּ דעם אמתן נאָמען. וואָלף־בער דער סופר איז מגולגל געוואָרן אין דער משוגענער רייצע, אַנדערש ווי משוגענע רייצע האָט מען אים נישט גערופן.

די, וואָס האָבן גוט געקענט די שטילע, אָרעמע רייצע, האָט געריסן ביים האַרץ, וואָס מע פאַרשוואַרצט אַזוי איר אָנדענק. טאַקע, ווי קומט רייצע צו וואָלף־בערן? זי, אַ שטילע טויב, אַ באַשיידענע, אין ערגעץ זיך נישט געשטופּט, פלעגט זיך כמעט שאַרן ביי די ווענט, אַפילו אין דער ווייבער־שול איז זי געשטאַנען אין אַ ווינקל ביי דער טיר; ער אַ תקיף, אַ חוצפּהדיקער, געשטופּט זיך אומעטום אויבנאָן, אין בית־המדרש באַלד פון אָנהייב אַרויף צו דער מזרח־וואַנט, ווי ס'וואָלט פאַר אַלעמען געדאַרפט קלאָר זיין, אַז ס'קומט אים. זי אויסגעטאָן פון אַלע ערדישע פאַרגעניגנס, אויסגעדאַרט, אויסגעסקוואַרט, און וועגן אים פלעגט מען זאָגן, אַז ער עסט נישט, נאָר פרעסט, שלאָפט נישט נאָר פּאָפט.

רייצע איז געווען אַ גרויסע שווייגערין, דער נייער סופר אַ געפערלעכער בעל־דרשן. אַז ער האָט אויף עמעצן געוואָרפן אַן אויג און אים אַריינגענומען אין זיין מויל, האָבן זיך ביי יענעם די געדערים אין בויך איבערגעדרייט. רייצע איז מיט איר גאַנצער פרומער משוגעת געווען אומשעדלעך, קיינעם חס וחלילה קיין שלעכטס נישט געטאָן, נישט אָנגערירט קיין פליג אויף דער וואַנט. ער איז יעדערן דערגאַנגען די יאָרן,

איינגעגעסן זיך אין די ביינער, אָנגעזעצט זיך ווי אַ זשמודנע פליג, פון וועלכער מ'קאָן זיך נישט אָפּטרייבן.

איז ווי קומט ער צו יענער?

די פרומקייט, געווען משוגע פרום ווי רייצע. ביים דאַווענען געמאַכט אַזעלכע העוויות, ווי אַ קאָמעדיאַנטשיק, דעם „אדוני אלוהינו, אדוני אחד" האָט ער געצויגן מיט אַזאַ התלהבות און דערביי אַזוי אונטערגעשפּרונגען, אַז די ערד האָט געציטערט אונטער זיינע פיס.

דאָס אַלץ וואָלט נאָך קיין אומגליק נישט געווען, מילא, אַ ייד איז משוגע-פרום, זאָל ער זיך זיין. איז אָבער די צרה געווען, וואָס וואָלף-בער האָט געהאַלטן, אַז אַ גאַנץ שטעטל יידן דאַרף זיך נוהג זיין אַזוי ווי ער, ווער ס'היט נישט אָפּ גאָטס געבאָטן, ווי ער וואָלף-בער, איז אַן אַפּיקורס, אַ פּושע ישראל, וואָס איז נישט ווערט די ערד זאָל אים אַרומטראָגן. און אומעטום האָט ער געזען רק אַפּיקורסות, גרויס זינדיקייט און גאָטלעסטערונג.

אין די משוגענע רייצע אין דער מאַנסבילישער געשטאַלט אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל און געהאַלטן אין איין בודק זיין, אומעטום אַריינגעשטעקט זיין היפּשע נאָז, אומעטום עפּעס דערשנאַפּט, אויב נישט קיין גרויסן חטא, איז עפּעס אַ פּלעקעלע, אַ שפּרענקעלע, אַ פּגימה, אָנגעהויבן זיך קאָכן, געוואַלדעווען און גלייך אַליין אַרויסגעגעבן דעם פּסק-דין: טריף. וואָלף-בער האָט זיך געהאַט זיין אייגענע מאָס, זיין אייגענע וואָג, און אַלץ געמאָסטן און געוואויגן — כשר צי טריף? צום גרעסטן טייל איז געווען טריף.

אין שטעטל איז ברוך השם געווען גענוג באַרופענע מענטשן דערצו: אַ רב, אַ דיין, אַ שוחט, אויף וועלכע מ'האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן. די משוגענע רייצע האָט זיך אויף קיינעמען נישט געוואָלט פאַרלאָזן, קיינעמען נישט געטרויט קיין יידישקייט, אויסער זיך אַליין. געהאַלטן, אַז ער ווייסט בעסער פון אַלע, וואָס כשר און וואָס טריף, זיין נאָז האָט דערשמעקט אַ חטא פון מיילן ווייט.

צומיינסטן איז אויסגעשטאַנען פון אים זיין אייגענע פלוניתטע. כאָטש זי איז געווען אַ יידענע אַ פרומע און אָפּגעהיטן אַלע יידישע דינים, האָט ער איר געקוקט אויף די פינגער, כסדר חושד געווען, אַז זי מישט אויס אַ מילכיקע כלי מיט אַ פליישיקער. געברענטע און געבראָטענע צרות פלעגט ער איר אָנטאָן אין די פרייטיקן, אים האָט זיך רק אויסגעדוכט, אַז זי איז מחלל שבת. אַ שטיק פאַר ליכט-בענטשן פלעגט ער זיך

נוהג זיין אריינצוגיסן עטלעכע שעפ וואַסער אין דער הרובה, ס'זאָל אין אַש חס וחלילה אַ פונק זיך נישט פאַרוואַלגערן און אַריבערשפּרינגען אין שבת אַריין. און אַריינגעגאָסן דאָס וואַסער האָט ער מיט אַזאַ רוגזה, אַז אַ וואָלקן מיט רויך און אַש האָט זיך אויפגעהויבן. רייצעס ווייב, אַ דאַרינקע, אויסגעמאָגערטע יידענע, מיט אַ פאַראומערט פנים האָט זיך מיט הכנעה אונטערגעגעבן, טיילמאָל פאַרבראָכן די הענט, נאָר געשוויגן.

דאָס שטעטל האָט אָבער נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן, טאַקע מורא געהאַט פאַר דער משוגענער רייצע, נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין זיין מויל, אָבער שטילערהייט, הינטער זיינע אויגן זיך געבונטעוועט. דרייסטערע האָבן אים געגעבן אָפן אָנצוהערן, אַז דאָס שטעטל בייטיקט זיך נישט אין קיין גאָטס סטראַפּטשע, נאָר אים איז עס אָנגעגאַנגען, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, ער האָט זיך ווייטער געטאָן זיינס. אָט פאַלט ער אַריין אין אַ שטוב און קוקט איבער די מזוזה, איי די באַלעבאַטים טענהן, אַז די מזוזה איז שוין איבערגעקוקט, הערט ער זיי ווי דעם קאָטער. אין אַן אַנדער שטוב ליגט אַ קימפעטאָרין אין בעט און אים גייט אין לעבן צו וויסן צי די שיר-המעלותן זענען ווי ס'באַדאַרף צו זיין. דער בעדער האָט אים געדאַרפט אָפּגעבן ראַפּאָרטן צי די ווייבער קומען צו דער ריכטיקער צייט אין מקוה, חדר-ייִנגלעך פלעגן אַנטלויפן פאַר אים, ער זאָל זיי נישט בודק זיין די ציצות. ווי איז געווען צו דעם, ביי וועמען ער האָט אַ פסול אויסגעפונען; ער האָט געסטראַשעט מיט גאָטס צאָרן, וואָס וועט חס וחלילה זיך אויסגיסן אויף דער גאַנצער עדה יידן, צוליב איין זינדיקן קאָן, די שעה זאָל נישט זיין, די וועלט חרוב ווערן. ווער שמועסט נאָך וועגן דער שטראָף, וואָס וועט זיך אויסגיסן אויפן זינדיקן גופא; ער האָט געמאָלן אין די שוואַרצסטע פאַרבן ווי יענער וועט זיך פּרעגלען אין זודיקער סמאָלע, זיך בראָטן אויף ברענענדיקע האָלאָוועשקעס.

אַז ער האָט געדאַרפט אַזאַ אייגעם אויסמוסרן, האָט ער עס קיינמאָל נישט געמאַכט אונטער פיר אויגן. וועגן זינד און זינדיקייט דאַרף מע רעדן בקול רם, אַלע זאָלן הערן און אַלע זאָלן וויסן. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער מזרח-וואַנט מיטן פנים צום עולם און גלאָצנדיק מיט די אויגן צו גאָט אָנגעהויבן בזה הלשון:

— רבותי, כ'בין געצוווּנגען צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, איך טו עס נישט גערן, נאָר כ'האָב דען אַ ברירה, אַז דער פושע ישראל צווינגט מיר

דערצו, ס'גייט דאָך... ס'גייט דאָך אין יידישקייט, אין אונדזערע הייליקע געבאָטן!

יידן האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך געשושקעט, ווער שטיל־איינגעהאַלטן, ווער העכער, עס זאָל דערגיין צום בעל הרשן. דער האַרבער שופט איז אָבער ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן, פאַרקערט, אָנגעהויבן מיט אַ טאָן העכער, געגלאָצט נאָך מער מיט די אויגן צו גאָט, די ברעמען האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, די היפּשע פליישיקע נאָז איז רויט געוואָרן, די בראָדאַווקע גרעסער.

— וואָס איז? איר ווילט אפשר פירן ויכוחים מיט מיר? אַ חוצפּה! שוין וואָלט מען אויסגעזען! פון ווען אָן פירט מען עם ויכוחים וועגן הייליקע געבאָטן? האָם איז אייננמאָל אַוועק, און צוריק געשמועסט האָט זיך דאָך דער פושע ישראל אליין מודה געווען, אז...

ס'האָט זיך געפונען אַ בעל־חוצפּהניק און אים איבערגעריסן, אַרויסגעפּלאַצט:

— וואָס מיינט איר זיך? וואָס ווילט איר פון אונדז?

— וואָס איך וויל? אַזוי גאָר? וואָס וויל איך טאַקע אין דער אמתן? כ'וויל יידן זאָלן נישט זינדיקן, יידן זאָלן גיין אין גאָטס דרכים און אָפּהיטן גאָטס געבאָטן.

א ייד, וואָס האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און בקול רם צוגעוואָרפן אים:

— ווער האָט אייך געמאַכט פאַר אַ פּוסק אַחרון? וואָס איז אייער באַבעס דאַגה? איר טראַכט אוים אויף יידן, מ'ווייסט אָן אייך וואָס יידישקייט איז. איר זענט...

וואָלף־בער האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן און זיך צעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון:

— ווען צוויי זאָגן דאָס זעלבע, איז נאָך נישט דאָס זעלבע. יידישקייט צו יידישקייט איז נישט גלייך. איר זעט דאָך בפירוש... דער פושע־ישראל האָט זיך אליין מודה געווען. און צוריקגעשמועסט, ווו איז דער יסוד זיך צו בונטעווען, איך זאָל, הס־וחלילה, די שעה זאָל נישט זיין, די רגע זאָל נישט זיין, זיך האָבן א ביסעטשקעלע טועה געווען, הייבט מען אויף א ויכות?

די מאַנסבילשע משוגענע רייצע האָט מורא געהאַט פאַר ויכוחים אימת מות, יעדעס מאָל אָפּגעדרשנט און פאַרטיק.

צו די גרעסטע צרות אָבער געוווינען זיך מענטשן צו. פאַרפאַלן מ'מוז אמאָל אויסהערן זאכן, פון וואָס ס'קערט זיך די גרינגע גאַל, גיי האָב צו טאָן מיט א מענטש, וואָס איז משוגע־פרום. יעדער מין משוגע־נער קאָן ווערן געפערלעך, פון א שמוגענעם האָבן מענטשן ליבערשט זיך צו האלטן פון ווייטן. האָט מען זיך געהאלטן פון ווייטן.

מיטאמאָל האָט אָבער דאָס שטעטל אָפּגעעטעמט. דאָס מאָל האָט ער געהאט אָפּגעטאָן גאָר א מיאוס שטיקל ארבעט. אָנגעזעצט זיך אויף עטלעכע חשובע באַלעבאַטים און פארשריגן זיי פאר גרויסע אפּיקורסים, דערציילט וועגן זיי אויסטערלישע זאכן און שיעור נישט די מענטשן צום קבר דערפירט. ער האָט אָנגעמאכט אזא טומל, אז דאָס גאנצע שטעטל איז געגאנגען כאָהאָראָם, האָט געקלאַפּט אין באַלעמער און געשריגן מיט זיין דונערדיקער שטימע, אז מ'הארף די פּושע־ישראלים עוקר מן השורש זיין, זיי זאָלן קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין, אין חרם לייגן און וויניק. זייער געביין הארף אויסגעמעקט ווערן פון יידישן געדערעכעניש!

רחמנא־לצלן — יידן האָבן געגעסן חזיר און דאָס גאָך אום יום־כי־פּור! כמעט אליין געזען, אליין זיך איבערגעצייגט, און וואָס שווייגט אן עדה יידן, אויף וואָס וואַרט מען?

יידן האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ. גיי ווייס וואָס פאר א קאשע די משוגענע רייצע קאָן פארקאָכן. זיי האָבן אין הארצן אים נישט געגלויבט, נאָר אים געלאָזט זיך קאָכן ביז... ביז ס'האָט זיך ארויס־געוויזן, אז ס'איז א בלבול. א מיאוסער ליץ האָט אונטערגעפירט.

אָבער די מאנסבילשע רייצע איז אויך דאָס מאָל ביי זיך נישט אראָפּגעפאלן: א מענטש קאָן א טעות האָבן, בפרט מ'האָט אים אין טעות ארייגעפירט. וואָס קומט אים דערפאר, וואָס ער האָט געגלויבט? א טעות איז א מענטשלעכע זאך, דער עיקר, אז מ'איז זיך מודה צום טעות.

דאָס שטעטל האָט אָבער געטייטלט אויף אים מיט די פינגער. שייך צו שאַנד און שפּאָט געמאכט אָרנטלעכע מענטשן. שיעור פון דער וועלט זיי נישט געטריבן.

נאָר וואָלף־בער־רייצע האָט געפונען אן עצה: א שבת איינדערפרי, ווען יידן זענען געשטאַנען אין בית־מדרש אין די טליתים, איז ער ארויף אויפן בעלעמער, אויפגעהויבן די פרומע אויגן צום הימל און שאָקלענדיק זיך מיט א געבראָכענער שטימע אָנגעהויבן:

— רבותי, איך וויל זיך טאָן מודה זיין, כ'האָב מבייש געווען

אָרנטלעכע מענטשן, בייזע צינגער האָבן אַ בלבול געמאַכט און איך האָב אין בלבול געגלויבט, געפאלן א קרבן פון א שקר, דער שטן מקטרג האָט אונטערגערוקט דעם שקר פאר אן אמת, א מענטש איז דאָך נאָר א מענטש, נאָטס ווענן און שטענן זענען פאר אים פארהוילן און פאַרשטעלט, געוואָלט בלב ונפש דינען גאָטס־געבאָטן און אריינגעפאלן אין דער נעץ פון שטן מקטרג, מיין כוונה איז געווען א גוטע, גאָט איז מיר אַן עדות, איך בין זיך מודה פון גאנצן הארצן... על חטא שחטאתי...

אָפּגעדרשנט און אראָפּ פון בעלעמער. יידן האָבן נישט ליב געהאַט רייצעס דרשות, דאָ און דאָרט האָט עמעצער זיך געקרעקט מיט געלעכטער, אן אנדערער האָט געשמייכלט אין דער באָרד אריין, ווער ס'האָט געהאַט נאָר אַ בייז האַרץ אויף אים האָט אונטערגעשריען: „זאָל ער בישט האַקן קיין טשייניק!“ פונדעסטוועגן האָט מען דעם בעל דרשן געלאָזט זיך אויסדרשענען און צומאָל צופרידן געווען פון זיין דרשה. וואָס אן אמת, האָט ער נישט געזאָגט, וואָס ער האָט באדארפט זאָגן, נאָר פאָרט זיך געקלאפּט אין הארצן, א מוסר־השכל ווער ער מסתמא זיך אראָפּנעמען, אז מע בריט זיך אָפּ אויף הייסן בלאָזט מען אויף קאלט, וועט שוין נישט אריינקריכן מיט זיינע שווערע שטיוול צו יעדערן אין דער נשמה, אויס גאָטס קאָזאק.

אזוי האָבן יידן געשמועסט צווישן זיך און אזוי איז טאקע א שטיקל צייט געווען. א שטעטל יידן איז ממש, אויסגעלייזט געוואָרן, א קלייניקייט, מ'האָט אויפגעהערט מורא האָבן פאר דער משוגענער רייצע. בחורים האָבן אָן שרעק אָנגעהויבן צו גיין הינטערן שטעטל שפּאצירן מיט מיידלעך. יונגע ווייבלעך האָבן אויפגעהערט צו זיין אַזוי אָפּגעהיט. מ'האָט אפילו וואָלף־בערן אָנגעהויבן רופן אזוי, ווי מ'האָט אים א נאָמען געגעבן. אויס רייצע, צוריק וואָלף־בער דער סופר. יידן זענען נישט קיין רוצחים. וואָס, ווילן נקמה נעמען? ער לאָזט זיי צורו, לאָזן זיי אים צורו.

נאָר קיין שום מענטשלעך גליק האלט נישט אָן אייביק. א שטיקל צייט איז געווען רואיק, ווי וואָלף־בער וואָלט תשובה געטאָן. ער האָט אָבער אפּנים געהאלטן, אז אליץ דארף האָבן א סוף; תשובה מוז אויך האָבן א סוף. צוריקגעשמועסט, ווי קאָן מען אזוי לאנג לאָזן אן עדה יידן אויף הפקר? אָן א כשרער אויפזיכט? און ער האָט זיך צוריקגענומען צו זיין כשרער מלאכה, טיילמאָל נאָך מיט מער גיריקייט ווי פריער.

און וואָלף־בערן דעם סופר האָט מען צוריק אָנגעהויבן רופן נישט אנדערש, ווי די משוגענע רייצע.

דער באָבע פּעשעס מכשל

קיין אמתע באָבע איז זי נישט געווען, וואָרעם זי האָט קיין איינציקלעך נישט געהאַט, קיין קינדער אויך נישט, קיינמאָל נישט. אפשר וואָלט זי יאָ געהאַט, ווען דער מאַן וואָלט עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה נישט געגאַנגען פון דער וועלט.

פּעשע האָט טאַקע שטילערהייט געטראָגן אַ ביסל אַ שווער האַרץ אויף איר מאַן. זי האָט שוין געהאַט אַ צוזאָג פון אַ גוטן ייִד, נאָר קורץ נאָכדעם איז דער מאַן אַוועקגעפאַלן אויף אַ שלעכטער פאַרקילונג, אָפּגעזעגנט זיך מיט דער וועלט און געלאָזט זי אַן אלמנה.

הינטער די אויגן האָט מען זי גערופן נישט אַנדערש ווי „די אַלטע פּעשע“, אַזוי זײַנט די עלטסטע מענטשן פון שטעטל האָבן געדענקט, ווי זי וואָלט פון שטענדיק אָן אַלט געווען.

און אַז אַ מענטש האָט נישט קיין מזל העלפט אַפילו נישט קיין פרומקייט. מ'האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון איר, צומאָל פרומע ייִדענעם האָבן זיך טיילמאָל פאַרגינען אָפּצולאַכן פון איר. נישט מ'זאָל חס וחלילה עפּעס האָבן איר פאָרצוואַרפן, גאָט באַהיט, נאָר צוליב אירע „פּאָסטעמפּעקעס“, צוליב איר הולך, דעם אַלטמאָדישן טשיפּעק, און אי־ גאַנצן אויסזען.

שבת און יום־טוב, ווען זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַלע זשיפּיצעס און אין טשיפּעק האָט זי נאָך פונדעסטוועגן אויסגעזען אויף אַ שטיקל אישה. נאָר ווען זי האָט אַראָפּגעצויגן איין זשיפּיצע, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע, איז פון איר כמעט גאָרנישט געבליבן — הויט און ביין, אַ וואַקסן פיגורעלע מיט אַ געל פּנימל, אַ צעקנייטשטס, ווי אַן אָפּגעבראָטן עפּעלע.

מיר איז די אַלטע פּעשע דווקא יאָ געפעלן געוואָרן.

איך בין איר אויך צוגעפאַלן צום האַרצן.

זי האָט געדאַרפט האָבן אַן אייניקל, און איך — אַ באָבע.

ראשית איז מיר געפעלן דער באָבע פעשעס רעזידענץ: די איינשטוביקע הייזקע איז געשטאַנען אין אַ גאָרטן און דער גאָרטן איז געווען פול מיט קאַרשן־ביימער. והשנית דער משיפּעק, עס האָבן אויף אים געגלאַנצט און געבלישטשעט מיט אַלע קאָלירן קליינטשיקע קרעלן, הייגט די פאַרביקע סטענגעס, אַ גאַנצער רעגנבויגן.

והשלישית דער בוידעם: אין דער פאָרהייזקע איז געשטאַנען אַ לייטער, און דורכן לייטער איז מע געקראָכן אויפן בוידעם. און אויפן בוידעם זענען געווען גאַנצע אוצרות: שברי־כלים, שערבלעך, פּסחדיקע כלים, אַלטע כוסות, טשיפּעקעס פון באָבעס און עלטער־באָבעס און וואָס נישט? אַז די באָבע האָט עפּעס געדאַרפט פון בוידעם, האָט זי זיך געוואָנדן צו מיר:

— קרוין־לעבן, קריך אַרויף. מיט מיינע אַלטע פיס... דו האָסט יונגע פיסלעך.

איך האָב נאָר געוואַרט אויף דעם, צומאָל צופרידן געווען, וואָס די באָבע האָט אַלטע פיס. דער בוידעם האָט געלאָקערט, און דאָס קריכן אויפן לייטער איז אויך עפּעס ווערט געווען.

אָבער מער פון אַלץ זענען ווערט געווען דער באָבע פעשעס מעשיות. קיין פאַרמעגן האָט זי טאַקע נישט געהאַט די אַלטע פעשע, אָבער מעשיות האָט זי פאַרמאָגט גאַנצע אוצרות. נו, האָט די באָבע אַלע שליחותן מיר באַצאָלט מיט מעשיות.

די קרעלן אויפן משיפּעק האָבן זיך איבערגעריסן, אויפציען זיי אויף אַ פאָדעם מיט אַ דין נאָדעלע און צוריק זיי צוגייען איז נישט פאַר דער באָבעס אַלטע אויגן און נישט פאַר אירע הענט, זי מוז אָנקומען צום אייניקל און צאָלט אָפּ מיט אַ מעשה.

אָדער:

— קרוין־לעבן, וועסט מיר מאַכן אַ גאַנג.

— אַ מעשה וועט די באָבע דערציילן?

אַ שאלה, צי זי וועט דערציילן? אַז מאַכן אַ גאַנג, אַן קריכן אויפן בוידעם, וואָלט זי אויך דערציילט אַ מעשה. וואָס דען זאָל די באָבע פעשע טאָן מיט אירע מעשיות? איינזאַלצן זיי? אַ מעשה איז באַשאַפן געוואָרן צו דערציילן. און וועמען דען זאָל די אַלטע פעשע דערציילן אירע מעשיות, אַז נישט מיר?

*   *
*

פֿון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צו דער אַלטער פּעשע אַזאַ שׂכל מיט מעשׂיות וויסט נאָר איין גאָט אין הימל. אויסלייענען האָט זי ניט געקאָנט, וואָרעם זי האָט ניט געקענט לייענען. די צאינה־וראינה, אַ תּחינה און ענלעכע ווערק האָב איך איר פֿאָרגעלייענט, ווען איך בין אַ ביסל אויסגעוואַקסן, צומאָל אַרויסגעהאָלפֿן איר אין דער ווייבער־שול. אַ סידור האָט זי געהאַט. אָן אַ סידור איז זי שבת אין שול ניט געגאַנגען. האָב איך געדאַרפֿט איר אַוועקטראָגן. פֿאַר איין וועגס האָט דאָס אייניקל אַסיסטירט דער באָבען, דעם אמת געזאָגט פֿאַרמיטלט צווישן איר מיט גאָט.

די באָבע פּעשע האָט דעם אייניקל געהייסן אַרויפֿגיין אויף אַ בענקל און דערנאָך צו דער ריכטיקער צייט געגעבן אַ צייכן מיט די אויגן. דאָס אייניקל האָט אַרויסגעלייענט פֿון סידור מיט התמדה, מיטן גאַנצן ברען פֿון אַ קינדעריש האַרץ, געלייענט ווי אַ וואַסער, און די באָבע פּעשע האָט זיך געשאָקלט ווי אַ שוואַך ביימעלע אויפֿן ווינט, באַוועגט שנעל מיט די ליפּן און טרערן זענען גערונען פֿון די אַלטע אויגן. און אַזוי ווי ס'איז שטענדיק און אומעטום פֿאַראַן מענטשן ניט פֿאַרגינערס, האָבן אַלע מאָל עטלעכע ווייבער שטומפּיקע אויף דער עברי זיך צוגעשאַרט און זיך געטיילט מיט דער אַלטער פּעשעס גליק.

הכּלל, שבת און יום־טוב בין איך געווען פֿאַר דער אַלטער פּעשע ווי להבדיל אַ סעקרעטאַרשע, אָבער אַלץ איז אָפּגעצאָלט געוואָרן מיט מעשׂיות, מיט מעשׂיות וועגן גיהנום און גן־עדן, וועגן דער וועלט און יענער וועלט, וועגן בלאָנדזשענדיקע נשמות, גלגולים, וואָס זענען ניט דאָ און ניט האָרט, זוכן נעבעך אַ תּיקון.

אין די ענינים פֿון יענער וועלט איז די באָבע פּעשע געווען אויסגעקאָכט, הייַנט די באַהאַוונטקייט אין כּל־המינים ניט גוטע, רוחות, שדים, קליפּות, לצים און אין זייערע וואַגלענישן, טואונגען און ווילדע שפּיצלעך, וואָס זיי קענען אַ זינדיקן מענטשן אָפּטאָן.

די באָבע פּעשע האָט גענוי געוווּסט וויפֿל און וואָס פֿאַר אַ סאָרט שדימלעך עס כאַפּן זיך אַריין אונטער ניט אָפּגעשווירענע, אָדער אינדערפֿרי ניט אָפּגעגאָסענע נעגל, וואָס פֿאַר אַ צרות מ'האָט נאָכן טויט, אויב מ'האָט, אָפּשערנדיק די נעגל, זיי ניט צונויפֿגעקליבן. די אָרעמע

נשמה מוז קומען זײַ אויפֿזוכן, צונויפֿקלײַבן. הײַנט ווי אַן אשה האַרף דאָס שטענדיק זײַן אָפּגעהיטן, וואָס פֿאַר אַ שליטה יענע לײַט האָבן אויף איר, ווען זי איז טמאה.

און צי ווייסט איר, פֿאַרוואָס מע טאָר נישט אויסלעשן אַ ליכט מיט אַ בלאָז פֿון מויל? די אַלטע פֿעשע האָט געוווּסט, אַז ווי פֿאַר פֿײַער דאַרף מען זיך דערהיטן, וואָרעם ס׳איז פֿאַראַן אַ קליפּה וואָס הייסט טפֿו, און אַז איר גיט אַ בלאָז מיטן מויל אויסצולעשן אַ ליכט, איז, צי איר ווילט, צי איר ווילט נישט, גייט אַרויס פֿון אײַערע ליפּן אַ „טפֿו“, און אָט אַזוי רופֿט איר אַרויס די פּאַסקודנע קליפּה מיטן זעלבן נאָמען, זי וואַרט נאָר אויף דעם. מילא, וואָס פֿאַרא אָנשיקעניש אַזאַ קליפּה איז, וואָס פֿאַר אַ צרות זי קאָן אַלץ אָנטאָן איז אַ מעשה פֿאַר זיך. אוי, אַ קליפּה אַ שלאַק, אַ מרשעת, און דערצו אַ מיאוס פֿאַרזעעניש.

צום גליק זענען נישט אַלע פֿון יענע לײַט פֿון זעלבן מין שלעק. פֿאַראַן צומאָל גאָר פֿריילעכע רוחות, לצים שבלצים. זייער גאַנצע אַמביציע באַשטייט אין דעם, אײַך אָפּצוטאָן עפּעס אַ שפּיצל, אַפֿילו נישט קיין בייז שפּיצל, נאָר אַזוי זיך, אַרײַננאַרן אײַך אין זאַק און דערנאָך אויסלאַכן.

אָט, הערט אַן אויפֿטו פֿון אַזאַ איינעם אַ לץ:

איינמאָל פֿאָרט דער באָבע פֿעשעס זיידע מיט אַ מלמד אויף אַ פֿורל — דער זיידע איז געווען אַ ישובניק און געפֿירט פֿון שטאָט אַ מלמד צו זײַנע בנים. דער האָרפּישער וועג איז אַ זאַמדיקער און ציט זיך לענגאויס דעם וואַלד, דאָס פֿערדל סאָפּעט, שלעפּט מיט אַלע כוחות. אין מיטן דערינען קומט אָן עפּעס אַ פֿאַרשוינדל, אַ פֿויערל מיט אַ רויט פּנים און בעט אַרויפֿגענעמען אים אויף דער פֿור. ווילסט פֿאָרן, טאָ קריך אַרויף, זאָגט דער זיידע.

דאָס פֿויערל איז אַרויפֿגעקראָכן פֿון הינטן און דער זיידע איז ווײַטער געפֿאָרן. אָפּגעפֿאָרן אַ שטיק וועגס, דרייט דער זיידע אויס דעם קאָפּ, און וואָס מיינט איר זעט ער? אויס פֿויערל, אויפֿן אָרט פֿונעם פֿאַרשוינדל ליגט אַ שטיק שטיינערנע זאַלץ. מילא, דאָס פֿויערל איז געלם געוואָרן, האָט ער מסתמא געהאַט אַ סיבה צו מאַכן פּליטה. פֿאַרוואָס אָבער געלאָזן דאָס־אָ? זאַלץ צי נישט זאַלץ? זאָגט דער מלמד, כ׳וועל אַ לעק טאָן, וועל איך וויסן, צי זאַלץ צי נישט. געזאָגט און געטאָן: ציט אַרויס די צונג און גיט אַ לעק. זאַלץ! כהרף עין ווערט פֿון שטיק זאַלץ

צוריק דאָס זעלבע פֿויערל, ער גיט פֿלינק אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון פֿורל, אַ פּאַטש מיט בײדע הענט, צעכיקעט זיך מיט חוזק און שרײַט אויס:

— אַ, האָסט געלעקט מײַן הינטן!

און פֿאַרשווינדט.

און אָט איז אַן ערגער שפּיצל, נישט פֿון קײן לץ, נאָר פֿון אַ פֿאַר־וואָגלטער נשמה.

דער באָבע פֿעשעס אַ פֿעטער אַ סוחר האָט געהאַט אַ שותּף. און ווי ס'טרעפֿט זיך צווישן שותּפֿים — האָט מען זיך צעקריגט און אויף שטענד־מעסער געווען. זאָגט דער פֿעטער צום שותּף: אַז גריזשען זאָלסטו די ערד, ווי דו גריזשעסט מיר. זאָגט דער שותּף: דאָרט וועל איך דיר אויך גריזשען...

מאַכט זיך קורץ נאָכדעם דער שותּף ווערט שלאַף און שטאַרבט אַוועק. די מומע האָט אַפֿילו געזאָגט, אַז די ערד מעג אים אַרויסוואַרפֿן פֿאַר זײַנע מיאוסע שטיק, דער פֿעטער נישט, פֿאַרקערט, מוחל געווען אים און אַראָפּ פֿון מאַרק — אַרויסגעשלאָגן זיך די גאַנצע מעשׂה פֿון קאָפּ.

מאַכט זיך אײנמאָל, דער פֿעטער קערט זיך אום שפּעט אין אָוונט פֿון אַן אַנדער סוחר, ער איז שוין כמעט בײַ דער טיר געווען, ווי ס'הויבט אָן צו ווײען אַ ווינט אַרום אים און ס'גיט אַים אַ כאַפּ אָן בײַ דער האַנט און קראַק!!

אין שטוב איז דער פֿעטער אַרײַן, מאָלט אײך אויס אין וואָסער מצב, אַ מת אין קבֿר זעט נישט ערגער אויס. איר מײנט ס'איז נישט געווען פֿון וואָס? אַ פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט איז געווען „אָפּגעגריזשעט“. האָט מען, פֿאַרשטײט זיך, ראשית־כּל זיך גענומען בודק זײַן די ציצית. און וואָס מײנט איר האָט זיך אַרויסגעוויזן? אַ פּסולע געווען, דעמלט האָבן יענע לײַט אַ שליטה, דער גלגול פֿון בײזן שותּף האָט נאָר געוואַרט אויף אַזאַ מינוט.

* *
*

נישט אַלע מעשׂיות זענען געווען אַזעלכע טרויעריקע. דער באָבעס פֿעשעס פֿאַנטאַזיע האָט געהאַט פֿליגל, אויפֿגעהויבן זיך גאָר הויך. זי האָט אויך געוווּסט געגנוי, וואָס ס'טוט זיך אין די עולמות עליונים. דעם כּסא־הכּבֿוד האָט זי אַזוי געשילדערט פֿאַרן אײניקל, מיט אַזעלכע פּרטים,

ווי זי וואָלט אים געהאַט שוין באַקוקט און באַטראַכט פֿון אַלע זייטן, הייַנט די מלאכים.

נאָר צוממייניסטן האָט די באָבע פּעשע ליב געהאַט צו דערציילן וועגן גן־עדן און יעדעס מאָל האָט זי באַדויערט, וואָס דער רבונו של עולם האָט געהאַט דאָרט איינגעקוואַרטירט אדמען מיט חוהן. מילא פֿאַר אדמען האָט זי נאָך געפֿונען מילדערע אומשטענדן, אַ ווייב קאָן אָנרעדן צום ערגסטן, נאָר חוהן האָט זי בשום אופֿן נישט געוואָלט מוחל זיין, פֿון אַ שלאַנג זיך לאָזן אָנרעדן! ווען נישט די זינדיקע חוה וואָלטן מיר אַלע אַנדערש אויסגעזען. צוליב דעם ווערן די צדיקים אַזוי געפּרוווט. ווי דען אַנדערש? אָט אַזוי זיך אָנקומען אין גן־עדן? מ׳דאַרף זיך גוט פֿאַרדינען.

אוי האָט די באָבע פּעשע געגאַרט צו פֿאַרדינען זיך אַ ווינקעלע אין גן־עדן, באַדאַי אַ פּוסבענקעלע ביי איר מאַן, כאָטש ער האָט זי געלאָזן יונגערהייט אַן אלמנה. וואָס וואָלט זי נישט געטאָן צו געווינען איר חלק עולם הבא!

אָבער זי איז נאָר אַ פּראָסטע אישה. מקיים זיין די תרי״ג מצוות איז סיווי נישט קיין ווייבערישע זאַך, מ׳שטיינס געזאָגט, הריי מצוות נאָר. וואָלט זי נישט אָרעם געווען, וואָלט זי צדקה געטאָן, אַ גרויסע זאַך ביי גאָט, צדקה תציל ממות. זי קאָן אַפֿילו נישט זיצן איבערן קרבן מנחה, ווי אַנדערע ווייבער. קוקט אַריין אין סידור, אין תחינה, ווי אַ האָן אין אַ בני־אדם, זי קאָן בלויז נאָכזאָגן.

ראש השנה און יום־כּיפּור קומט איר צומאָל שווער אָן דאָס נאָכזאָגן, ס׳איז דען אויסצוהאַלטן פֿון די ווייבערישע געשרייען? זי קאָן נישט אַזוי איינרייסן ווי באַשע די מיידלשע רביצין, צי דערגייט כאָטש איר שטילע תפֿילה צו גאָט? די הימלען שפּאַלטן זיך טאַקע, אָבער צי ווערט נישט פֿאַרטויבט, פֿאַרלוירן איר אָרעם געבעט צווישן די געוואַלדן?

ראש־השנה שרייבט דער רבונו של עולם יעדערן אויס זיין קוויטל, ווער לחיים, און ווער למיתה, יום־כּיפּור חתמעט ער, געבענטשט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען, און ביי דעם אַלעמען שטייט נישט דער קטיגור מיט פֿאַרלייגטע הענט, דערויף איז ער אַ קטיגור. אַז מען גיט אַ טראַכט זוי די מלאכי־חבלים אַרבעטן דאָרט אַרום... אוי, דאַרף מען האָבן זכות אבות, אַ מליץ יושר — די באָבע פּעשע האָט גערעדט וועגן זכות אבות, ווי מ׳רעדט הייַנט, להבדיל, וועגן פּראָטעקציע, פּלייצעס.

באַשע די מיידלשע רביצין דאַרף מן־הסתם נישט האָבן קיין מליץ יושר, זי קאָן אַליין איר שטעטל באַשטיין, אוי קאָן זי, ראש־השנה און

יום־כיפור מאכט זי אזעלכע געוואלדן, אז די ווענט אין דער ווייבער־שול ציטערן, מיט אירע געשרייען קאן זי אליין פארטרייבן דעם קטיגור און די מלאכי־חבלים, זי פארטרייבט אלע אין שול, צערייסט די הימלען. אבער זי, די באבע פעשע, מ'שטייגס געזאגט...

די אלטע פעשע האט זיך געפילט ווי א שטויבעלע, אינגאנצן פאר־לוירן צווישן די ווייבער די שרייערקעס, אפילו וויינען הויך האט זי גישט געקאנט. זי האט אבער געוווסט, אז מתפלל זיין קאן מען אויך ביחידות. דער בורא עולם הערט אויס פון אומעטום זיינע קינדער, מ'קאן אפילו ביחידות דערלאנגען א בקשה צום רבונו של עולם ס'זאל אנקומען גלייך צום כסא הכבוד, אשטייגער הושענה רבה, דעמלט שפאלט זיך אויך דער הימל, אויף איין סעקונדע נאר און מאכט זיך גלייך צוריק צו. דאס געבעט דארף זיין קורץ, איין וואָרט, איין געשריי, מע זאל באוויזן אין דער ריכטיקער סעקונדע, ווען דער הימל שפאלט זיך האלבע נאכט.

וויל און גוט איז דעם, וואס קאן ווארטן און אנטרעפן אויף דער סעקונדע. נאר זי, די באבע פעשע איז אלט און מיד און איינזאם, ווי א שטיין, און ווי א שטיין פאלט זי אוועק אין אווונט, גייט שלאפן מיט די הינער צוגלייך און שטייט אויף מיט די הינער. ווען נישט, וואלט זי אפגעוואַרט די הייליקע סעקונדע. אהא, זי וואלט געוווסט וואס צו בעטן... איין וואָרט און דער רבונו של עולם וואלט באגומען איר הייסן באגער, נאר זי איז נעבעך עלנד, האט קיינעמען נישט, ווער ס'זאל זי אויפוועקן צו דער ריכטיקער צייט.

— איך! — האב איך אויסגעשריגן — כ'וועל די באבע אויפוועקן.

* *
*

א פינצטערע, קילע הארבסט־נאכט. די קאמער איז איינגעוויקלט אין שאטנס. די באבע פעשע ליגט איינגעדרייט אויפן אלטן, הילצערנעם בעט, נישט זי שלאפט, נישט זי איז אויף, עפעס אין אזא האלבן דרימל, ווי זי וואלט זיך געאמפערט מיטן שלאף.

צופוסנס — די וואך. אנטקעגן בעט, אויף דער קאמאדע דאס נאפט־לעמפל. דער קנויט אראפגעדרייט, א צאנקנדיק פלעמל. איבער דער קא־מאדע אויפן וואנט אן אלטמאדישער קאליקע־זייגער. די שלעפעריקע אויגן פון דער וואך טראגן זיך איבער פון וואנט־זייגער צו דער באבען, זי ליגט

ווי אַ קלומעקל די באָבע, גיט פון צייט צו צייט אַ ציטער, דער דרימל רייסט זיך איר איבער, זי וויל פאַרטרייבן דעם שלאָף, נאָר זי איז אַלט און שוואַך, קאָן נישט בייקומען די שלעפעריקייט, ס'גערודערט נישט לאַנג און זי שלאָפט איין ווי אַ קינד.

שלאָף באָבע, שלאָף, איך וועל דיר אויפוועקן צו דער ריכטיקער צייט...

נאָר געוואַלד, ווי די ווייזערס אויפן זייגער רוקן זיך פאַמעלעך, נאָך צוויי שעה... נאָך אַ שעה... די אויגן קלעפן זיך, אַ שאָד וואָס די באָבע פעשע שלאָפט, ווען זי וואָלט איצט דערציילט אַ מעשה וואָלט זיך אַזוי נישט געשלעפערט, און... כ'וואָלט נישט מורא געהאַט, ווער ווייסט וואָס פאַראַ סאָרטן קליפּעס און אַנדערע נישט גוטע ס'קאָנען זיך אַריינכאַפּקומען דורך די שפּאַרעס פון טיר און פענצטער, אפשר שוין אַריינגעקראָכן? בעסער זיך באַהאַלטן אונטער דער פּערינע, אַריבערציען איבערן קאָפּ, מע דאַרף נאָכאַמאָל זאָגן קריאת שמע...

די אויגן־אַפּלען לאָזן זיך אַראָפּ, איך וואַך מיט געשלאָסענע אויגן, ניין, כ'וועל נישט איינשלאָפן, כ'האָב צוגעזאָגט, מע דאַרף צוטראַכטן עפּעס אַ מעשה, אָ, כ'ווייס שוין וואָס... פון דער מעשה ווערט באַלד אַן אמתדיק געשעעניש...

איך גיי אויף אַ פעלד פול מיט בלומען, מע דאַרף אָנרייסן, אָבער פאַרוואָס נאָר בלומען? עפּל און באַרן האָט די באָבע ליבערשט ווי בלומען, אַזוי פיל ביימער, זיי בליען ערשט און שוין אַזעלכע גרויסע פּירות, געלע, זאַפטיקע, איך קריך אַרויף אויף די ביימער, שאָקל און שאָקל, אויפקלייבן איז שוין אַ קלייניקייט, שפּעטער, כ'קלעטער העכער, נאָר אוי, אַן אומגליק, דער בוים טרייסלט זיך, ווער ווייסט צי נישט די קליפּה טוט טרייסלט אַזוי דעם בוים, ס'פאַרפעלט מיר אָטעם, כ'טו אַ פאַל אַראָפּ.

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענע, אַ צעטומלטע, ארומגעקוקט זיך, דערזען די באָבע, דאָס לעמפּל אויפן קאָמאָדע, און דערמאָנט זיך. כ'האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום זייגער: דער קליינער ווייזער אויפן 12, דער גרויסער נאָך נישט דערגאַנגען, נאָר אָט־אָט דעריאָגט ער אים. די באָבע פעשע כראָפּעט.

— באָבע! באָבע!

זי שלאָפט ווייטער, כ'גיב זי אַ טרייסל און רוף אויס:

— באָבע, גיך! דער הימל שפּאַלט זיך!

די באָבע פעשע האָט זיך אויפגעריסן, אַ צעטראָגענע, מיט אַן אָפן מויל און רויטע, פאַרשלאָפענע אויגן אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן געשריי:

— אוי ווי איז מיר!

באַלד דערנאָך האָט זי זיך צעכליפעט ווי אַ קינד.

פאַרוואָס, ווייס איך נישט, צי ווייל זי האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך פיר ווערטער אָנשטאָט איינעם, צי ווייל איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט אַ האָרעלע פאַרשפּעטיקט.

נאָר איך בין זיכער געווען, אַז איר געשריי איז אַרויף גלייך צום כסא הכבוד.

מעכעלע וויל זען די וועלט

דער לאַנגער זומערדיקער טאָג האָט זיינס שוין געהאַט אָפּגעטאָן — געברענט און געבראָטן פון סאַמע אינדערפרי; פונדעסטוועגן האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָך נישט געוואָלט איבערגעבן די ממשלה דעם אָוונט: די זון א פייערדיקע האָט זיך נאָך אָנגעקלאַמערט ביים ראַנד, דאָרט וווּ דער הימל באַגעגנט זיך מיט דער ערד, און געשפּריצט מיט הייסע פונקען. ביזנו לביזנו האָט זיך אָבער אַריינגעריסן דער בין־השמשות און דורכגעפירט א שטיקל פּשרה: נישט טאָג און נישט אָוונט; די זון האָט פאַמעלעך איינגעזונקען אין האָריזאָנט, די לופט האָט זיך איינגעהילט אין בלויע שאָטנס.

מענטשן האָבן ליב פּשרות, מ׳האָט אָפּגעעטעמט נאָכן לאַנגן, סקווארנעם טאָג, יידענעס האָבן זיך אַרויסגעזעצט אויף די בריקלעך, אויף די שוועלן פון די הייזער, יונגוואַרג האָט זיך געלאָזט מיטן שאָסיי לענגאויס די זאמדן צום וועג, וואָס ציט זיך מיטן וועלדל, דאָס קליינווארג האָט צעפירט הענט און פיס, געשפּילט אין באַהעלטעניש. אַלץ האָט אויפגעלעבט: דאָס פאַרשמאַכטע גראָז אויף די פעלדער, וואָס הינטער די הייזער, האָט אויפגעטייעט, די פאַרהלשטע בלעטער אויף די ביימער האָבן אָנגעהויבן עטעמען, שושקען זיך; די זשאַבעס האָבן נאָך וואָס געהאַט אָנגעהויבן קוואַקן, זייער אָוונטיקער אָרקעסטער האָט זיך נאָך נישט געהאַט צעשפּילט, ווי די לופט האָט דורכגעשניטן א שאַרפער, האַרצרייסנדיקער געשריי:

— געוואַלד, מענטשן! מיין מעכעלע, נישטאָ מעכעלע, מענטשן, האָט רחמנות, העלפט זוכן.

דאָס געשריי האָט זיך געטראָגן צוזאַמען מיט דבורהן יאַנקל דעם שוסטערס, וואָס איז ווי אַ וואַנזיניקע געלאָפן מיטן זאַמדיקן וועג. דבורה האָט נאָר וואָס געהאַט באַקומען די ידיעה, אַז מעכעלע האָט היינט אַפילו גישט אַריינגעשמעקט צו דער מומע רייזל. זי איז שוין אויסן געווען ווו דער טייוול האָט קיין עק נישט. די לעצטע האָפענונג איז געבליבן דאָס סעדל.

אַז יאַנקל דער שוסטער איז געקומען צופליען מיט דער ידיעה, אַז ביי דער מומע רייזל אין סעדל אויך נישט, האָט דבורה פארבראָכן די הענט, אַרויס פון שטוב און לאָזנדיק זיך מיטן זאַמדיקן וועג צום וועלדל, וואָס אויפן ברעג טייך, גערופן נאָך הילף. ס'האָט אַרויסגעשריען פון איר אַ פארשטיקטער ווייטיק, אַ מורא, אַז מיט איר קליינעם זון זאָל גישט האָבן געשען אַ גרויס אומגליק.

מענטשן, העלפט! ראַטעוועט! מעכעלע, מעכעלע, מיין איינציק אויג אין קאָפּ!

קיין איינציקער איז מעכעלע ביי דבורהן נישט געווען, אָבער דאָס אויג אין קאָפּ יאָ.

* *
*

דבורה יאַנקל דעם שוסטערס האָט געהאַט אַן עלטערן זון און אַן עלטערע טאָכטער, נאָר ווער ווייסט פאַרוואָס גאָטס צאָרן האָט זיך אויף זיי אַזוי הארב אויסגעגאָסן. דער זון איז נישט געוואַקסן, דערפאַר אָבער איז רעשיק געוואַקסן דער גאַרב אויף דער פּלייצע און געמאַכט פון אים אַ פּירקאַנטיקע, עפּעס אַזאַ געאָמעטרישע פיגור, אַזוי ווי אַ פּיקאַסישע, קוביסטישע דעפאָרמאַציע.

טאָמער איז איין גאָטס-שטראָף אויף אַ מענטשן ווייניק, איז דער גאַרבאַטער אויך שטום געווען, דערצו אַ געפערלעכער כעסן. אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין כעס האָט ער זיך משוגעדיק געטרייסלט, און פון טרייסלען זיך האָבן אַלע אברים זיך איינגעשרומפּן, נאָר דער גאַרב האָט זיך פארגרעסערט, ממש געווירן ווי אויף הייוון. דער בעל-מום האָט דעמלט אויסגעזען ווי אַ משוגעדיקע טשערעפּאַכע, ביי וועלכער די פּאַנצער-שאָל איז גרעסער, ווי דאָס באַשעפעניש. מיט איין וואָרט, דער רבונו של עולם, וואָס איז אַזאַ גרויסער מייסטער, אַז ער האָט

אזש אין 6 טעג באַשאַפֿן די גאַנצע וועלט, קאָן נישקשהדיק אָפּפּאַר־טאַטשען א שטיקל אַרבעט.

איין צרה איז אָבער קיין צרה נישט. בדרך הטבע פון דער וועלט גייען צרות פּאָרנווייז. דבורה האָט אויך געבראַכט אויף דער וועלט א טאָכ־טער — אויך א שטומע, וואָס אַן אמת א גלייכע, געוויקסיקע, ווי די מאמע, און אפילו נישט קיין מיאוס מיידל, נאָר קיין לשון האָט דער בורא עולם נישט באַוויליקט איר צו געבן.

דבורה יאַנקל דעם שוסטערס האָט גאָטס שטראָף אָנגענומען פאַר ליב, נישט געקרעכצט, נישט געאָכצט, פאַר קיינעמען זיך נישט געקלאָגט, פאַרקערט, געווען צופרידן וואָס זי האָט ביידע קאַליקעס ארויסגעפירט אויף א שטיקל וועג.

דבורה איז געווען א בריה שבבריה, אן אשת חיל. פון איר אייגנע־הויקערטער, פאַרעלטערטער כאַטע, וואָס איז באַשטאַנען פון א גרויסער נידעריקער קאַמער און א לאַנגער שמאָלער קיך, האָט זי געמאַכט ממש א פּאַלאַץ. די ווענט, דער דאַך, די פּאָדלאָגע זענען אפילו געווען צעפרעסן פון אלטקייט, אָבער קיינעמס אויג האָט דאָס נישט געזען, אלץ האָט גע־בלאַנקט.

דעם זעלבן מעטאָד האָט זי אָנגעוואָנדן צו אירע צוויי קאַליקעס־קינ־דער: אָנגעטאָן זיי ליטוויש און צוגעוווינט צו קענען ביי עפּעס פאַרטשעפּען די הענט. דבורה האָט געהאַלטן, אז ביים גרעסטן בעל־מום דאַרפן די הענט נישט ליגן אין קימפּעט. האָט זי די טאָכטער אויסגעלערנט פירן די באַלעבאַטישקייט און דעם זון די שוסטערישע מלאכה.

מיטן שטומען האָט זי איינע געוווסט ווי אזוי זיך אומצוגיין, גע־וווסט ווי אזוי אים נישט דערפירן צו כעס און ווי אזוי ארויסצופירן פון כעס. פאַר שכנים פלעגט זי זאָגן: „א שטומער איז שוין גענוג נערוועיש, נאָר אז מ׳האָט נאָך דאָס־אָ אויף דער פּלייצע! ס׳קאָן נעבעך גאָרנישט זאָגן, אָבער אינעווייניק טאָטשעט עס אים ווי א וואָרעם“.

וואָלט דער גאַרבאַטער שטומער דער בעל־כעסן אריינגעפאַלן אין אנדערע הענט, וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל מיט אים געקאָכט. דבורה יאַנקל דעם שוסטערס האָט געהאַט איר אייגענע חכמת הדאָקטאָריע און אָנגעוואָנדן איר אייגענע פּסיכיאַטריע. זי האָט געגעבן צו פאַרשטיין איר געמאָל, אז מער ווי עטלעכע שעה טאָר אזא בחור נישט זיצן „איינגעהוי־קערט“, און אז די צונג קאָן זיך נישט איבערדרייען אין מויל, מוז עס

רירן מיט די פיס, „אזעלכעס קאָן נישט האָבן קיין זיץ־פלייש" — פלעגט זי פאַרענטפערן איר שטומען זון.

דערפאַר האָט איר מאַן געהאַט א זעלטענעם זיץ־פלייש, און א שם האָט יאַנקל געהאַט גאָר א געהויבענעם, זיינס א לאַטע האָבן אפילו די ערב־פסחדיקע בלאָטעס נישט געקאָנט בייקומען. א שוך אין דער בלאָטע האָט מען טאַקע געקאָנט איבערלאָזן נאָכדעם ווי מ'האָט מיט גרויס מאַטערניש אַרויסגעשלעפּט דעם פוס, אָבער יאַנקלס א לאַטע האָט אויסגעהאַלטן. איז יאַנקל קיינמאָל טאַקע נישט געווען אָן אַרבעט. דבורה פון איר זייט האָט אויך נישט געפּוסטע־פּאַסטעוועט, ביד החזקה האָט זי געפירט דאָס שוסטערישע קעניגרייך און באהבה אָנגענומען די צרות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען פון אירע שטומע קינדער, אַלץ פאַר־גלעט ס'זאָל נישט קומען צו קיין לייטיש געלעכטער.

דבורה די שוסטערקע האָט שוין געהאַט שלום געמאַכט מיט איר גורל. די ווייבערישע ראָל שלעכט אָפּגעשפּילט. צוויי באַשעפענישן גע־בראַכט אויף דער וועלט און ביידע — אויף שונאים געזאָגט. נאָך גוט וואָס איר טראַכט איז שוין פאַרשלאָסן אויף אייביק.

נאָר אַז גאָט וויל אָבער שיסט אַפילו אַ בעזים. ווען ביידע שטומע זענען שוין געווען ראוי לחופה, האָט דבורה, א ייִדענע אין די מיטעלע יאָרן, געבראַכט אויף דער וועלט א דריט קינד, א זון, א „ווייסקראָבעק", און דער „ווייסקראָבעק" איז להלוטין נישט ענלעך געווען צו זיין ברודער און שוועסטער, הווקא א גראָטנס, וואָס גראָטן הייסט — אי שיין, אי קלוג — א קינד א גאָלד.

דער ווייסקראָבעק איז געוואָרן דבורהס אויג אין קאָפּ, דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. א נאָמען האָט זי געהאַט אויסגעקליבן נאָכן עלטער־זיידע ירחמיאל, א ייד א בעל־תורה, נאָר גערופן האָט זי אים מעכעלע. ווי ס'קומט ירח־מיאל צו מעכעלע? דבורהן איז אזוי געפעלן און שוין. און אַז מעכעלע האָט זיך איינמאָל אין א ווינטער פאַרקילט און ס'האָט אים געקאַפּעט פון נעזל און סיי דער פעלדשער, סיי לייטשע, וואָס האָט מייסטעריש גע־שטעלט באַנקעס, האָבן זיך נישט געמאַכט דערפון קיין גרויסן צימעס, האָט דבורה פונדעסטוועגן איינגעלייגט וועלטן און אויסגעפועלט מ'זאָל מעכעלען צוגעבן א צווייטן נאָמען: חיים — ס'זאָל זיין צו א לאַנג לעבן. גערופן האָט זי אים אָבער ווייטער מעכעלע, דער צווייטער נאָמען איז גע־בליבן לשם סגולה וועגן.

אין חדר האָט דער רבי נישט געטאָרט אויף מעכעלען נישט נאָר אויפהויבן די האַנט, נאָר אויך נישט האָם קול.

— א קינד איז נישט קיין פערד, מ'דארף נישט קיין בייטש צו דעם.

— וואָס פאר א בייטש? קוים אָנגערירט, אפילו נישט אָנגערירט נאָר א געשריי געטאָן, אפילו קיין געשריי נישט, נאָר אזוי גלאט...

— וו שטייט עס געשריבן, אז מען דארף אויף א קינד שרייען?

— זייט=זשע מוחל, מישט זיך נישט אריין אין מיינע עסקים...

— אין אייערע?! ט'אָט איר אייך, אין זיינע! ס'איז מיין קינד צי אייערס? פון גאָרטן האָב איך אים נישט ארויסגעריסן.

אזעלכע דיספוטן פלעגן פון צייט צו צייט פאָרקומען צווישן רב'ן און מעכעלעס מאמע. אז דער רבי האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאלטן, האָט ער ארויסגעצויגן אן ערנסטן ארגומענט:

— טאקע אן אָפן קעפל, אָבער ס'גייט פאָרט נישט גלאטיק מיט אים, אין מיטן דעריגען גלאָצט עס אוים די אויגן און קוקט אין פענצטער, ר'איז אויפן עולם הדמיון און נישט אין חדר, מ'דארף אים מינטערן, נו, איז ווי גיט מען נישט א געשריי, א שאָקל? וואָס איז הער מער?

מעכעלע האָט טאקע געהאט א גוט קעפל, נאָר ס'האָט נישט געשטעקט אין חדר. ס'איז גריילעך מעגלעך, אז דבורהס מעשיות האָבן אָנגעמאכט א צעקאָכעניש אין קינדערשן מוחל. און מעשיות האָט דבורה די שוסטערקע הערצייטלט איר געראָטענעם זון אָן א שיעור. אז ער פלעגט אונדז, קונדסים, איבערדערציילן זיין מאמעס א מעשה, איז די כאַליאסטרע געזעסן און געהאָרכט מיט אָנגעשפיצטע אויערן און אָפענע מיילער, די מעשה האָט צוגעשפילעט פליגל.

מעכעלע האָט דער מאמעס מעשיות אפנים א ביסעלע צוגעפארבט, צוגעפאסט צו זיין פאנטאזיע. און פאנטאזיע האָט מעכעלע געהאט! ער האָט זיך אויסגעמאָלן אויסטערלישע וועלטן, און כאָטש ער האָט זיינע אייגענע איינפאלן געהאלטן בסוד סודות, האָבן מיר זיך פאָרט פון אים דערוווסט, אז אויף יענער זייט וואלד איז פאראן אן אָזערע, און דאָס וואסער איז אזוי לויטער, אזש בלוי, און פישעלעך זענען דאָרטן פאראן גאָלדענע, מיט דער האנט קאָן מע זיי אָנכאפן. נאָר דאָס איז גאָרנישט אנטקעגן דעם, וואָס ס'איז ווייטער, העט=העט ווייט פון וואלד, דאָרט וו דער הימל בויגט זיך אראָפ ביז צו דער ערד, די וואָלקנס גייען אראָפ אין שעפן אָן וואסער אין די טייכן זיי זאָלן דערנאָך קאָנען גיסן מיט רעגן. ווען מ'וואָלט אים געלאָזט וואָלט ער אהין א לויף געטאָן, נאָר אז ער ווער

גרעסער ווערן וועט ער, אויב ס'וועט ווער וועלן וועט ער מיטנעמען... מ'וועט גיין אזוי לאַנג ביז מ'וועט דערגיין קיין ארץ־ישראל, מיט די אייגענע אויגן וועט מען זען דעם באַרג סיני און דאָס אַלץ איבעריקע, וואָס ס'איז באַשריבן אין חומש.

קיין פּלאַפּלער איז מעכעלע חס וחלילה נישט געווען, גיכער א שווייגער. דערציילט עפּעס וואָס האָט ער, ווען זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צופּיל צעשפּילט און די איינפאַלן האָבן אים צענומען. בדרך כלל האָט ער געשוויגן, געקאָנט אָפּזיצן לאַנגע שעהן איינער אַליין ביים ראַנד וועלדל און קוקן אין דער ווייט. געקוקט ווי ס'וואָלט אים דאָ צו ענג געווען. ס'האָט אים אַפּנים געצויגן, ווי ס'ציט א פויגעלע זיך אויפצוהויבן אין דער לופט, נאָר מעכעלע האָט נעבעך קיין אמתע פליגעלעך נישט געהאַט און זיינע 10—11 יאָריקע פיסלעך האָבן אים נישט געקאָנט פירן אזוי ווייט, ווי ס'האָט אים געפירט זיין צעפלאַמטע פאַנטאַזיע.

* *
*

אַז ס'האָט זיך אין דער פאַרנאַכטיקער, זומערדיקער לופט פאַנאַנדערגעטראָגן דבורהס פאַרצווייפלטער געשריי, האָבן ווייבער כהרף עין זיך אָפּגעריסן פון די בריקלעך, באַיאָרטע, סטאַטעטשנע ייִדן האָבן זיך אויסגעמישט מיטן ווייבערישן המון, יונגוואַרג האָט פאַרקערט פון שפּאַציר, חברה קליינוואַרג איז מיט באָרוועסע פיסלעך געקומען צולויפן פון הינטער די הייזער, קינד און קייט איז געווען אויף די פיס. ס'איז געוואָרן א גערעדעניש ארום דבורהן מיט יאַנקלען. יעדער האָט געוואָלט עפּעס טרעפן, דערמאַנען זיך אין עפּעס, ארויסהעלפן מיט אַלע כוחות. שכנות וואָס האָבן געפירט א ברוגז און לאַנג נישט געהאַט פאַרביטן א וואָרט מיט זיך, האָבן אין דער מינוט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיך, צוזאַמען פאַרבראָכן די הענט. דבורה האָט מער מיט טרערן ווי מיט ווערטער זיך געבעטן:

— צום טייך, ווי און ווינד איז מיר, מענטשן, שטייט נישט, ער האָט ליב געהאַט צו קריכן צום טייך, מענטשן, ווי און ווינד איז מיר, צום טייך.

ווייבער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און שטילערהייט אויפן אויער זיך איבערגעגעבן, אַז דער טייך האָט נאָך טאַקע היי־יאָר נישט „צוגענומען קיין מענטש".

דער המון איז אוועק צום טייך, דאָס באַרוועסע קליינוואַרג איז געלאָפן „נאַשפּיץ“, הינטן האָט זיך אויף זיינע קורצע פיס נאָכגעשלעפּט דער טויט־בלאַסער יאַנקל שוסטער און געשוויגן, נאָר זיין שווייגן האָט געיאָמערט, געקלאָגט. ביי זיין זייט האָט שווער געטראָטן זיין פּירקאַנטיקער זון און געמאַכט מיט די הענט, געקלאַפּט מיט דער שטומער צונג, ווי ער וואָלט דורכאויס געוואָלט עפּעס איבערציילן.

דער ברעג־טייך איז געווען פּוסט, אַלע באַד־ערטער ליידיק, אין ערגעץ קיין שום צייכן. דער טייך האָט אָנגענומען אַ פולן מויל וואַסער און געשוויגן. די לבנה האָט זיך געשפּיגלט אין זיין טונקל־גריניעם איבערפלאַך און געשוויגן. דער אָוונט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט היפּשלעך אָנגערוקט, האָט סודותדיק געשוויגן און געשראָקן.

— אין וואַלד! אין וואַלד!

דער וואַלד, וואָס שפּרייט זיך אויס העכער איבערן ברעג טייך, איז מער אַ וועלדל ווי אַ וואַלד. איבערגנישטערן די קוסטן, זוכן הינטער יעדן בוים האָט פּאָרט פאַרנומען צייט. דער אָוונט האָט זיך גערוקט, דער בלוי־זומערדיקער הימל איז טונקל געוואָרן, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסבאַהאַלטן דעם סוד. די לבנה האָט זיך פון מאָל צו מאָל פאַרשטעקט הינטער אַ שטיק כמאַרע, אַרויסגעקוקט אומעטיק, ווי זי וואָלט מיטגעקלאָגט מיט דבורהן. מענטשן זענען מיד געוואָרן, נאָר דאָס קליינוואַרג איז נישט אָפּגעשטאַנען, געצויגן פאַר די פאָלעס:

— ר'האָט געוואָלט גיין דאָרט, אהין.

— אויף דער צווייטער זייט שינעס, אהין, צום גרויסן וואַלד!

— אהין איז אַ שווערע אונטערנעמונג ביינאַכט. ווייבער האָבן אָנגעהויבן צוריקציען זיך, עמעצער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער האָט געלאָזן די שטוב אויף הפקר, אַן אַנדערער האָט געגעבן עפּעס אַן עצה. דבורה האָט שוין גאָרנישט אונטערגענומען, געבראָכן נאָך די הענט און שטיל איינגעטענהט דאָ מיט מעבעלען, דאָ מיטן רבונו של עולם: „מעבעלע, מעבעלע, מיין אויג אין קאָפּ, וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן? רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַרוואָס שטראָפסטו מיר אַזוי שווער? מעבעלע, מיין גאַנץ לעבן, ווו ביסטו אהינגעקומען?“

פאַרמאַטערטע יידענעס, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן, האָבן שטילערהייט געבליפּעט, באַווײנט מעבעלען, וואָס דער טייך האָט „צוגענומען“, דאָס אומגליק האָט געדאַרפט פּונקט טרעפן דבורהן, איר איינציק שטיקל נחת. יידן זענען צוריקגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי פון אַ לוויה,

נאָר דאָס יונגוואַרג האָט נאָך נישט געוואָלט באַווייזן מעכעלעך, איבערגענומען די קאָמאַנדע, קודם צוריקגעטריבן דאָס באָרוועסע קליינוואַרג וואָס האָט געפּילדערט:

— אין שטוב! שלאָפן גיין!

— געגאַנגען! מ׳וועט נאָך דערנאָך אייך דאַרפן זוכן, יאַזדאַ, אַ היים!

* *

*

די זומערדיקע נאַכט האָט זיך דאָס מאָל געצויגן לאַנג, דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ זוניקער, אַ וואַרעמער, נאָר אין דער לופט האָט געשוועבט אַן אומעט. דבורה איז געזעסן אויפן שוסטערישן בענקעלע און זיך געטרייסלט ווי פון קעלט. רעדלעך נישט אויסגעשלאָפענע שכנות האָבן גערעדט צו זיך שטיל, ווי מען רעדט אין אַ שטוב פון אַ געשטאָרבענעם. דורכן שאָסיי, וואָס פירט צו דער באַן=ראַמפּע און פון דאָרט צום ווייטן וואַלד האָבן נאָך דורכגעצויגן פון צייט צו צייט אַ נייער דריילינג, אַ פירלינג — אָרגאַניזירט.

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעגליטשט פון זעניט, שוין נאָך האַלבן טאָג געווען, ווי ס׳איז אין גאַלאָפּ געקומען צעדראַלעווען דער 15=יעריקער שניידער=געזעלן יאָשקע=כוואַט. אַ פאַרסאַפּעטער און שטראַלנדיקער האָט ער אָנגעזאָגט די בשורה:

— ר׳איז דאָ! געפונען, מ׳פירט אים שוין!

די איינוווינער פון די זאַמדן זענען אַרויס צום שאָסיי, אויסגעקוקט זיך די אויגן, ווי שטענדיק זענען געווען פעסימיסטן, זיי האָבן נישט געגלייבט. וואָס אַזאַ יאָשקע קאָן אָנדרייען! פון שאָסיי איז מען אָבער נישט אָפּגעטראָטן. געוואַרט ביז מ׳האָט זיך דערוואַרט:

ס׳האָט זיך באַוויזן אַ מעגנגע מענטשן, יונגע בחורים און אויך באַיאָרטע יידן. זיי זענען געגאַנגען צוזאַמענגעדרענגט, מיט איילעכקייט, ווי אַ מיליטערישע מחנה, וואָס האָט אין אַ שווערער שלאַכט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון. אין פראָנט האָט צווישן עטלעכע בחורים געטראָטן מעכעלע, ווי אַ מוטיקער אַרעסטאַנט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, טראָציק, די שוואַרצע, געדיכטע האָר אויפן קאָפּ צעפּאַטלט, די ליפּן פאַרביסן און אין די שוואַרץ=סאַמעטענע אויגן האָט געברענט עפּעס אַ פייערל.

מקבל פנים געווען מעכעלען האָט יעדערער אויף זיין אופן. אייניקע האָבן געהאלטן, אז מ'דארף אים ראשית כל גוט אריינצימבלען, ער זאָל געדענקען אויפן גאַנצן לעבן, וואָס אנטלויפן פון טאַטע־מאַמע הייסט. מאמעס מיט פייכטע אויגן און ציטערנדיקע מיילער האָבן געראטן, מ'זאָל אים קודם אָנקאָרמענען, וואָרעם „דאָס האַרץ איז אים מסתמא אוועק", אנדערע ווידער זענען טשעקאווע געווען צו וויסן, ווי אזוי ס'איז דערגאַנגען דערצו, און געעצהט מ'זאָל גלייך ארויסציען פון אים דעם סוד.

דבורה יאַנקל דעם שוסטערס האָט קיינעמען נישט געהערט, זי האָט בכלל גאָרנישט געהערט, וואָס מ'רעדט צו איר. ווי גיך זי האָט דערזען מעכעלען האָט זי אים אַלץ מוחל געווען און אָנגעהויבן זיך פאָרען אַרום אים ווי ארום א קראנק קינד, וואָס מ'האָט אָפּגעראטעוועט פון טויט. מ'האָט אפילו דערציילט, אז דבורהן איז יאָ געגאנגען אין לעבן צו דערוויסן זיך פון איר „אייניצקן אויג אין קאָפּ", פארוואָס ער האָט אָפּגעטאָן אזא זאך, נאָר מעכעלע האָט פארביסן געשוויגן.

— מיין נאַרישער קאָפּ באַגרייפט דאָס נישט, צו וועלכע שווארצע יאָר איז ער אזש אהין פארקראָכן, כ'פארשטיי גאָרנישט — האָט זי זיך פארקלאָגט פאר דער מומע רייזל.

אָבער מעכעלעס אויסגעוויילטע חברים האָבן יאָ פארשטאנען, אז מעכעלע האָט געוואָלט זען די גרויסע וועלט און זיי האָבן אפילו באדויערט, וואָס ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

מעכעלע דער טרוימער האָט געליטן זיין ערשטע מפּלה.

דער לערער ר׳ מענדעלע

צו דעם 100־יעריקן יובל פון „דאָס קליינע מענטשעלע"

געווען אַמאָל אַ ייד מיטן נאָמען מענדל, אַזוי האָבן אים טאַטע־מאַמע אַ נאָמען געגעבן, נאָר געהאַט האָט ער יתרום נעמען.

דער ייד איז געווען אַ גנבֿ, נו, איז נאַטירלעך געווען מ׳זאָל אים רופן „דער גנבֿ". צו קיין גנבֿ האָט מען בדרך כּלל קיין גרויסע סימפּאַטיע נישט געהאַט. וואָס עפּעס האָט מען אויף אַזעלכן געזאָגט „דער גנבֿ גנב", כאָטש אַזאַ איינער האָט געקאָנט זיין הימל ווייט פון עפּעס אַ גנבֿה.

אַן אויסנאַם איז געווען דער ייד מיטן נאָמען מענדל. האָט אים ווער הינטער די אויגן אָנגערופן „דער גנבֿ ייד", איז דאָס אַרויסגע־זאָגט געוואָרן כמעט מיט דרך ארץ. אפשר האָט אים דאָ אַ ביסל גע־ראַטעוועט די באָרד. דער רבונו של עולם האָט זיך טועה געווען: די האָר אויפן קאָפּ ביי מענדלען געמאַכט געל, ווי ניי־געברענטער ציגל, און דאָס בערדל פון אַן אַנדער קאָליר, עפּעס אַזאַ טונקל־גרוי, דערצו נאָך פון אַ ספּעציעלער פאָרמע, ווי אויסגעמאָדעלירט אין אַ דרייעק. פלעגן לצנים דערלויבן זיך צו זאָגן אויף אים „דאָס בערדל", אָבער אויך אָן שום פּגיעת־הכבוד, סתם אַזוי זיך.

ובכן, צוויי צונעמען צוליבן אויסזען, די איבעריקע צוליב זיינע פּרנסות.

דער ייד מיטן נאָמען מענדל האָט געהאַנדלט מיט כּל המינים ספרים. קיין קראָם האָט ער נישט געהאַט, נאָר אַזאַ וואַנדער־קרעמל, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ מין רוקן־זאַק, האַלב טשעמאָדאַן, האַלב

זעקל, און וואָס האָט זיך געלאָזט טראָגן הן אויף דער פּלייצע, הן מיט דער האַנט.

האָט מענדל געוואַנדערט מיטן קרעמל פון שטעטל צו שטעטל, פון ישוב צו ישוב און אָנגעבאָטן אַ סידור, אַ צאינה וראינה, אַ תחינה, אַ סליחה, אַ הגדה — לויטן סעזאָן — און צומאָל פאַרשידענע מעשה־ביכלעך. דערפאַר איז געקומען מ'זאָל אים רופן מוכר ספרימניק. אָבער כאָטש תורה איז די בעסטע סחורה, האָט קיין פולע פּרנסה דער מוכר ספרימניק פון זיין סחורה נישט געצויגן, קאַנטיק געווען, אַז ס'האָט זיך ביי אים נישט איבערגעגאָסן.

האָט דער ייד מיטן נאָמען מענדל אויך געשריבן בריוו, אַדרעסן, „פּראָשעניעס". דעם מוכר ספרימניק האָט מען נישט געדאַרפט צעקייען און אַריינלייגן אין מויל. אַז אַ יידענע, אַ וויסטע אלמנה, האָט געדאַרפט אָנקומען צו משפחה קיין אַמעריקע, איז גענוג געווען זי זאָל אים זאָגן די עטלעכע ווערטער און ער האָט אָנגעשריבן אַ מאמר, אַז ס'האָט גע־קאָנט רירן אַ שטיינערן האַרץ. און אַ האַנטשריפט האָט ער געהאַט! אותיות ווי פּערל. אַן אַדרעס איז פון אונטער זיין האַנט אַרויסגעקומען געטאָקט און געשליפן. נו, האָט ער זיך ערלעך פאַרדינט מ'זאָל אים אויך רופן דער „בריוון־שרייבער".

וואָלט, דאַכט זיך, גענוג געווען נעמען. האָט אים אָבער גאָט צוגע־שיקט אַ נייע פּרנסה און ס'איז צוגעקומען אַ נייער נאָמען. די נייע פּרנסה, איז אים טאַקע ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אָבער דירעקט דורכ־געפירט דעם עסק האָט שיינע ישראל דעם שניידערס. דער נאָמען אירער האָט זיך אפילו צו שיינען נישט געפּאַסט, נאָר נישקשה, דערפאַר האָט זי געהאַט אַ סך אַנדערע מעלות, דער עיקר זי האָט געהאַט אַ קאָפּ אויפן קאַרק.

שיינע האָט אויך געהאַט אַן אַלטע הייזקע, אַן אַריינגעוואַקסענע אין דער ערד, אַ דאַרן, אויסגעבלאַסטן מאַן, וואָס האָט מער געקרענקט ווי גענייט, צוויי אונטערגעוואַקסענע בנים, וואָס האָבן דעם טאַטן אַרויסגע־האָלפן אין דער שניידערישער מלאכה און אַ 12־יעריקע טאָכטער, אַ מויד אַ ברען.

מיטאַמאָל איז שיינע געבליבן איינע אַליין. דעם מאַן האָט זי אָפּ־געפירט אויפן בראָקער בית־עולם, איר ראשקען האָט זי נעבעך געמוזט אַוועקפירן צו אַ קרובה פאַר אַ געהילף צו ניאַנטשען אַ קינד, און די

צוויי זין האָט זי אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע — דאָס האָט שיינע פון לאַנג שוין געהאַט צוגעגרייט.

די געשעעניש טאַקע האָט שיינען געפירט צו שליסן נאָענטע באַ־קאַנטשאַפט מיטן מוכר ספרימניק — ער האָט איר געפירט די קאָרעס־פּאָנדענץ מיט די זין. צי דעם מוכר ספרימניקס בריוו האָבן דאָס אויפ־געטאָן, צי די געניטע הענט און דאָס געטרייע האַרץ פון די זין, געגוג, אַז שיינע איז איגגיכן אויפגעריכט געוואָרן.

ראשית האָט זי אָפּגענומען ראשקען, והשנית האָט זי אָנגענומען אַ באַשלוס ראשקע זאָל זיך אויסלערנען שרייבן, זי זאָל נישט זיין „קיין בלינדע“, ווי זי, שיינע. און אַזוי ווי שיינע האָט געהאַט נישט נאָר דאָלאַרן אין קעשענע, נאָר אויך אַ ביסעלע יושר אין האַרץ, האָט זי אָנגעהויבן צורעדן מאַמעס און סתם איבערגעוואַקסענע מיידלעך, וואָס האָבן מיט אַ בריוול געדאַרפט אָנקומען צו יענעם, זיי זאָלן זיך לערנען שרייבן, און טאַקע ביים מוכר ספרימניק. זי, שיינע וועט אַלץ דורכפירן, זי נעמט אַלץ אויף זיך, ס'וועט אויסמאַכן שפּאָט ביליק, זי גיט אָפּ איר שטוב, וועט אפילו נישט רעכענען דעם נאָפט אין לאָמפּ.

— וואָסי, אַז אַ מיידל, דאַרף עס וואַקסן ווי אַ בהמה? אַז מ'קאָן נישט שרייבן, איז מען געגליכן צו אַ בלינדן, פון מויל דאַרף מען זיך אָפּנעמען, אַבי ס'זאָל נישט וואַקסן קיין בהמה — האָט זי אַגיטירט.

מאַמעס האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, אייניקע האָבן באַלד אָנגע־צייכנט דעם ציל:

— אַ בריוול אָנשרייבן און אַן אַדרעס, מע זאָל נישט דאַרפן אָנקו־מען צו עמעצן, מער באַדאַרף מען נישט.

אַזוי איז ביי שיינע ישראל דעם שניידערס אויפגעקומען אַ „שקאָלע“ און דער מוכר ספרימניק איז געוואָרן „דער מיידלשער לערער“. פונ־דעסטוועגן האָט מע ביי דעם האַלבן טוץ נעמען גערופן אים ר' מענדעלע.

אַ לערער איז ר' מענדעלע געווען אַ גאָט געבענטשטער. אַ היינטי־קער לערער וואָלט ביי אַזאַ כאָפּטע מיידלעך פון 8 ביז 17 יאָר, איגגיכן געמוזט אָנקומען צו אַ נערוון־דאָקטער. ביי אים האָט זיך אָבער דער רבונו של עולם ווידער טועה געווען — באַשאַפן אים אַן אַ גאַל. אַ גע־לאַסענער, מיט אַ שמייכעלע אויפן פּנים איז ער געגאַנגען פון איין תלמידה צו דער אַנדערער, אויסגעטייטשט יעדערער באַזונדער לויט אי־ר'ע באַדערפעניש, געערדט שטילער פון אַלע. און אַז מע האָט געדאַרפט, האָט ער געטרייסט. בריינטשען, דעם דינסטמיידל, וואָס איז זיך מיאש

געווען, אַז ס'וועט איר שוין סײַווי גאָרנישט העלפֿן האָט ער פֿאַרזיכערט:

— אם ירצה השם, אם ירצה השם, די האַנט וועט זיך צוגעוווינען, וועסט שרײַבן.

מיר איז אויך געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. דער רבונו של עולם האָט זיך בײַ מיר אויך טועה געווען, אויפֿן אָרט פֿון דער רעכטער האַנט, די לינקע, און פֿאַרקערט. האָב איך געשריבן מיט דער לינקער האַנט און די כאַפּטע מײַדלעך האָבן געהאַט פֿון וואָס צו לאַכן. אַזוי ווי דאָס אַלץ איז מיר נישט געווען צום האַרץ, האָב איך אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז ס'זאָל מיר אפֿילו אָנקומען מיט גרינגע ווערים, וועל איך שרײַבן מיט דער רעכטער האַנט. מילא די מאַטערניש, נאָר דאָס אומגליק וואָס די אותיות זענען אַרויסגעקומען „קאָטשערעס מיט לאָפּאַטעס", און גע־קראָכן זענען זיי אַרויף און אַראָפּ, נישט געוואָלט בשום אופֿן זיך אויס־שטעלן גלײַך אין דער שורה, כאָטש נעם טו זיך אָן אַ מעשה.

דער לערער ר' מענדעלע האָט זיך צוגעקוקט מיט זײַנע שמייכלענ־דיקע אויגן צו מײַנע קאָטשערעס און לאָפּאַטעס און געטרייסט מיר:

— קיין מילער, קיין מילער, וועסט זיך אויסאַרבעטן אַ האַנט־שריפֿט, אַז דו ווילסט קאָנסטו מיט דער לינקער, נײַשט קיין מילער.

כ'האָב נישט געוואָלט, אײַנגעעקשנט זיך, נאָר דאָס שרײַבעכץ האָט געהאַט אַ פּנים!

דערפֿאַר האָב איך זיך אָפּגענומען בײַם לייענען. בעת די גאַנצע כאַפּטע האָט קוים געפּרעפּלט, האָב איך געלייענט ווי אַ וואַסער, די מייד־לעך האָבן זיך אײַנגעהערט מיט קנאה, דער לערער ר' מענדעלע האָט געשעפּט נחת, שײַנע די משגיחסטע האָט אײַנגעפּונען, אַז ס'איז עפּעס נישט קיין פּשוטע זאַך: בײַ דער האַנט שטייט מיר אַ שטן מקטרג, און בײַם לייענען אַ גוטער מלאך, א ברכה אין מויל. גיי דערצייל איר, אַז איידער כ'האָב געגומען שרײַבן דעם אלף בית, האָב איך שוין געהאַט „דורכגעזשובערעוועט" די צאינה וראינה, די תחינה, מעשה־ביכלעד, אַז דאָס לייענען איז געווען בײַ מיר עפּעס אַזאַ הולאת, אַ שטיקל פּאַפּיר פֿון דער ערד אויפֿגעהויבן און דורכגעלייענט.

דער לערער ר' מענדעלע איז אַפּנים געווען אַ גרעסערער פּסיכאָלאָג ווי שײַנע, זײַן תלמידה וואָס האָט נישט געקאָנט אָנשרײַבן קיין לייטישן אות, האָט ער מיר מיט זײַנע קאַרע אויגן דורכגעלויכטן דורך און דורך.

— נאַ, פֿאַרבאַהאַלט, וועסט האָבן וואָס צו לייענען — האָט ער מיר אַרײַנגעשטופּט אַ ספֿרל אין האַנט.

— וויפל...?

— מ'דאַרף נישט, וועסט איבערלייענען און צוריקגעבן, פאַרבאַהאַלט.

כ'בין אַוועק אין גאַלאָפּ, געוואָלט זיין וואָס פריער אין שטוב. כ'האָב אָבער נישט אויסגעהאַלטן און פאַר דער טיר, ביי דער שיין פון דער לבנה און ביים גלאַנץ פון וויס־בלענדנדיקן שניי אויפגעמישט און איבערגעלייענט דעם טיטול: „דאָס קליינע מענטשעלע".

מילא וויפל טרערן כ'האָב פאַרגאָסן ביי גאָלדען, מיכלין, שיינדעלען און דער אלטער מאַמען, ווי ליב כ'האָב זיי באַקומען, און ווי כ'האָב געקריצט מיט די ציין אויף יצחק אברהמען איז א מעשה פאַר זיך. נישט דאָס בין איך אויסן.

כ'האָב איבערגעלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל — און אפשר א דריט מאָל — געטראַכט און געטראַכט און דערטראַכט זיך, אז „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט ארויסגעגעבן נישט קיין אנדערער ווי מיין לערער ר' מענדעלע. אַזוי פיל ראיות: מענדל הייסט ער, ר' מענדעלע רופט מען אים, מיט ספרימלעך האַנדלט ער, מוכר ספרימניק רופט מען אים, ובכן מענדעלע מוכר ספרים. ער באַהאַלט דען אויס? דערציילט דאָך אַליין באַלד אין אָנהויב פון ביכל ווער און וואָס ער איז. איי דער אויסזען א ביסעלע אַנדערש, פאַרוואָס זאָל ער אַלץ אַרויסגעבן? האָט מיין לערער ר' מענדעלע נישט דערציילט, אַז ער האָט געלע האָר אויפן קאָפּ, איז וואָס? אָבער דאָס איבעריקע אקוראַט, אפילו די יאָרן. שיינע האָט געזאָגט, אז ער האַלט שוין ביי די חמישים.

איך קוק נאָכאַמאָל אַריין אין ביכל: „...אין פּאַספּאָרט שטעהט איך אַלט 52 יאָר... ווייטער: „די וווקס אַ מיטעלע... ברעמען גרויע, אויגן קאָרע, די נאָז, דאָס מויל מיטלמעסיק... מיין שטערן איז אַ הויכער מיט א סך קנייטשן... אַז איך קוק מאַך איך דערביי צו א ביסל די אויגן ווי אַ קורצזיכטיקער, און אז איך פאַרצי די ליפּן, זעט עפּעס אויס, ווי איך שמייכל מיט אַ שטעכעדיק געלעכטערל... האַנדלען האַנדל איך מיט רומל, דאָס הייסט מיט חומשים, מחזורים, סידורים, סליחות, תחינות וכדומה אַזעלכע מינים ספרים. דערביי געפינט זיך ביי מיר אַלערליי מעשיות און א ביסל פון היינטיקע מיני ביכלעך. איך האָב איבערגעהאַט אין מיין לעבן אַ סך מיני פּרנסות... ביז לסוף האָב איך מיר גענומען צו ספרים..."

געוואַלד, ס'איז ער! כ'וואָלט געוואָלט עמעצן דערציילן וואָס כ'האָב אויפגעדעקט, די שמחה שפּאַרט ארויס פון מיר, מ'דאַרף זיך טיילן מיט אַנדערע, ס'וועט סטאַיען פאַר אַלע זיך צו פרייען, נאָר טאָמער נישט...

דאָס שטעבעדיק געלעכטערל... דער לערער ר׳ מענדעלע פאַרציט טאָקע די ליפּן, אָבער ביי אים, אַז ער שמייכלט איז דאָס געלעכטערל זיס ווי האָניק.

נאָר ווידער די אייגענע מעשה, ער מוז דען אַליין ארויסגעבן וועגן זיך.

מיין לערער ר׳ מענדעלע איז אויסגעוואקסן פאַר מיינע אויגן אין גרעסטן גדול הדור, כ׳האָב אים אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן מיט... אַפילו מיט משה רבינו, יענער האָט זיך אָנגענומען פאַר די יידן ביי פרעהן אין קנעכטשאפט, דער נעמט זיך אָן פאַר אָרעמע, קראַנקע אלמנות און יתומים, דערציילט דער גאַנצער וועלט ווי אַזוי אַזאַ איסר לערנט צו ווערן א קליין מענטשעלע. און אַזאַ ר׳ יוסף מאַרקיל, זיין שווער, און די גאַנ־צע כנופיא שטאָט־פירער, האָט ער באַשריבן, אַז מענטשן זאָלן וויסן וועגן זייערע פּאַסקודנע שטיק און זיך נישט לאָזן! ווי איז צו גאָלדעלען גע־ווען וואָס זי האָט נישט געוווסט, אַז יצחק אברהם קוקט אויף איר „ווי אַ וואָלף אויף אַ שעפעלע“. אוי, האָט מיין לערער ר׳ מענדעלע אויפגע־טאָן אַ גרויסע זאַך, אַרויסגעגעבן אַזאַ חיבור, דערצו נאָך אויף איי־גענע הוצאות

ביי ר׳ מענדעלעס קליינער תלמידה איז שוין געווען אָפּגעמאַכט אַז נישט נאָר איר לערער האָט אַרויסגעגעבן דעם חיבור, נאָר אַליין אויפגעשריבן. אַלץ איז געווען אָפּגעפּסקנט, אַלץ קלאָר ווי דער טאָג, ווען נישט דאָס פערדל מיטןביידל. יענער מענדעלע איז ארומגעפאָרן אויף אַ ביידל, געהאַט אַ פערדל, און דער שלעפּט זיך אַרום מיט זיין רומל אין אַ זעקל.

דער קינדערישער מוח ארבעט אויף אַלע כלים, נישטערט און גע־פינט אַ נייע פאַרטייטשונג:

ס׳איז דאָך ווינטער! אין ביכל שטייט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ס׳איז געווען „אַסיענצייט“, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז מיטן פערדל און ביידל פאָרט דער לערער ר׳ מענדעלע ארום זומער ווען ס׳איז וואַרעם.

אַלע ספיקות זענען אויסגערונען; ס׳איז ער! איצט זע איך ווי אויף דער האַנט, ווי ר׳ מענדעלע פאָרט זומער ארום, ווי ער זיצט אויפן ביידל און טרייבט אונטער דאָס פערדל, אַזאַ קלוג פערדל, אַוועקגעפירט ר׳ מענדעלען קיין גלופּסק צו דער ריכטיקער צייט, א שטומע צונג, נאָר שכל האָט עס; אַי וואָלט איך געוואָלט זען דאָס פערדל, קיין סטרונע וואָלט איך אים פון ווייזל נישט אַרויסגעריסן, אַן עבירה. ווו שפּאָרט

עס איצט אָן דאָס פּערדל? ווו לאָזט ער עס? אָט שוין־שוין וואָלט איך געוואָלט וויסן, נאָר איך דאַרף דאָך אָפּגעבן דאָס ביכל, פאַר איין וועגס יועל איך שוין א פרעג טאָן, וועגן אלץ זיך דערוויסן.

*   *
*

א זילבערנער פריער ווינטער־אָוונט, די קליינע תלמידה האָט זיך באַצייטנס פאַרשטעקט הינטער שיינעס הייזקע. איגעווייניק איז לעבע־דיק, קליין און גרויס קומט פריער ווי מע באַדאַרף, מע וואַרט אויפן לערער, און איך וואַרט אויך — אויף מענדעלע מוכר ספרים... ער קומט אָן, איך קריך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, דערנענטער זיך מיט גרויס יראת הכבוד, צי אַרויס דאָס ביכל און הייב אָן שטאַמלען:

— א... א שיין מעשה־ביכל, גוט וואָס דאָס פערדל האָט... ווו איז עס... דאָס פערדל?

— וואָס פאַראַ פערדל?

— אייער פערדל, וואָס האָט אייך געפירט קיין גלופּסק, דאָס... דאָס פערדל...

— מיין לערער ר׳ מענדעלע האָט אויסגעשטעלט אויף מיר א פּאָר קאַרע, גוטע אויגן, דאָס פנים האָט זיך צעשמייכלט, אַרויסגעלאָזט אַ געלעכטערל פון מויל, נאָר ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ס׳איז נישט קיין שטעכעדיק געלעכטערל, ער האָט געקוקט אויף מיר מיט עפּעס אַזאַ פריילעכקייט ווי די גאַנצע זאַך וואָלט אים הנאה געטאָן:

— דו נעמסט מיר פאַר יענעם מענדעלע? אַי, אַי, וואָס אַ קינד קען איינפאַלן!

כ׳האָב זיך מסתמא נישקשהדיק פאַרלוירן און אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט דער צונג:

— איר זענט... אין ביכל שטייט... איר זענט דאָך...

— ווי קום איך צו יענעם? מענדעלע מוכר ספרים איז שוין לאַנג, לאַנג געשטאָרבן, אַי, אַי, וואָס א קינד קען איינפאַלן, נאָר איך זע ס׳גע־פעלט דיר, יענער מענדעלע געפעלט דיר, האַ? נישטאָ קיין סך אַזעלכע מענדעלעך ווי יענער, זיינס א ספרל... כ׳וועל דיר מאָרגן...

אַזוי באַרעדעוודיק האָב איך נאָך מיין לערער ר׳ מענדעלע קיינמאָל נישט געזען. נאָר איך האָב סיידוי אַלץ נישט אויפגעכאַפּט, זיינע רייד האָבן זיך מיר פארפּלאָנטערט אין מוח.

יענעם אָוונט אין דער „שקאָלע“ האָבן זיך מיינע קאָטשערעס און לאָפּאטעס צעבריקעוועט מער ווי שטענדיק, געקראָכן ארויף און אראָפּ, בשום אופן נישט געקאָנט זיי איינסטאַטקעווען. צוויי מענדעלער האָבן זיך מיר געדרייט פאַר די אויגן, כ׳האָב זיי ביידע געזען פאָרן אויפןביידל און איינטענהן מיטן פערדל

אינהאַלט:

	זייט
אין טאָג פון דער הייליקער קאַטערינע	5
דער שטומער בעטלער	19
דריי פריינד	26
דער אויסוואַל	45
אויף אומזיסטער קוראַציע	53
די אויגן	63
דער בריוו	72
דער בלויער קאָנווערט	83
אַ נישט דערפילטע צוואה	94
חיות און... מענטשן	109
אין אַ פרעמדער געגנט	119
אין זאָאָלאָגישן גאָרטן	128
חבר גאוה	136
אַזוי ווי אין טעאַטער...	139
די באַגעגעניש	150
אַ מעשה מיט אַ לוסט־רייזע	161
דער פאַרשפעטיקטער ייד	171
אין קינדער־שפיטאָל (געטאָ־סקיצע)	181
די לעצטע נאַכט (געטאָ־סקיצע)	189
(געטאָ־סקיצע)	189
קדיש	196
דאָס וונדערלאַנד (אַ מעשהלע)	218
דער אויסטערלישער בוים (אַן אַלטע מעשה)	222
דער נזיר, דער שפאַרבער און די מכשפה	
(לויט אַן אַלטער אינדישער לעגענדע)	226
דער וויכוח מיט דער לבנה	233
פון דער סעריע: „מענטשן פון מיין שטעטל“	237
דער רביצינס יושר	239
הערצקע דער רופא	251
פייפקע באַלעגאָלע	261
די משוגענע רייזע	267
דער באָבע פעשעס מכשל	275
מעכעלע וויל זען די וועלט	284
דער לערער ר׳ מענדעלע	
(צו דעם 100־יאָריקן יובל פון „דאָס קליינע מענטשעלע“)	293

32